STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02954

# POLITISHE EKONOMYE

A. S. Zaks

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ש. זאקס

# פאליטישע עקאנאמיע

## איהר ענטשטעהונג און געשיכטע.

מיט פּאָרטרעטען פון די גרויסע עקאָנאָמיסטען.

היי ו פּאבלישינג קאָמפּאַני
83־85 קאנאל סטריט, ניו יאָרק.

# POLITICAL ECONOMY

by

A. SH. SACHS

Copyright 1911

Hebrew Publishing Company.

New York.

# אינהאלט־פערצייכניס:


איינלייטונג .......................... 5
ווען איז פּאָליטישע עקאָנאָמיע געוואָרען א וויסענשאַפט ? .... 15
דער אנפאנג פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ............ 23
די לעהרע פון די פיזיאקראטען ................ 31
אדאם סמיטה און זיין לעהרע .................. 41
דער תוך פון סמיטה׳ס לעהרע.................. 48
טהאָמאס ראָבערט מאלטוס און זיין בעפעלקערונגס טהעאָריע.... 57
דאָס בעפעלקערונגס־געזעץ .................. 63
דוד ריקארדא און זיינע טהעאָריען ................ 75
ריקארדאָ׳ס בעדייטונג אין דער וויסענשאפט ............ 84
פערשיעדענע נוטצען־טהעאָריען ................ 89
די עסטרייכישע שוהלע .................. 94
ריקארדאָ׳ס ארבייטס־טהעאָריע ................ 103
ריקארדאָ׳ס רענט־טהעאָריע .............. 111
די אוטאָפּיסטען .................. 132
ראָבערט אווען׳ס קינדער און יוגענד יאָהרען ............ 141
דאָס גייסטיגע לעבען אין מאנטשעסטער ............ 148
ראָבערט אווען׳ס וועלט־אנשויאונג ............ 153
ראָבערט אווען אלס רעפאָרמער און סאָציאליסט ........ 162
די סאָציאליסטישע קאָלאָניע „ניו הארמאָניע” ........ 175
אווען׳ס געגענווארטס־ארבייט .............. 183
די אָרבייטער בערזע .................. 189
שלום .................. 193
סען סימאָן .................. 196
סען סימאָן און קארל מארקס ............ 223
די סען סימאָניסטישע בעוועגונג .............. 242
טשארלס פוריע .................. 257
די גרונד־געדאנקען פון פוריע׳ס לעהרע ............ 270
פוריע׳ס פאנטאזיען .................. 277
פוריע׳ס לעצטע יאָהרען .................. 282
די ווירקונג פון פוריע׳ס לעהרע .............. 288

# פאָרבעמערקונג

דאָס בוך, וואָס איך לייג איצט פאָר פאָר'ן עולם לעזער, איז אַן אָבגעשלאָסענער באַנד פון מיין ווערק: „פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאַליזמוס, זייער וועזען, ענטשטעהונג און געשיכטע." אין איהם ווערען ארומגערעדט די סיסטעמען און די לעהרען פון די מערקאַנטיליסטען, פיזיאָקראַטען, קלאַסיקער און אוטאָפּיסטען.

איך פאַנג אבזיכטליך אָן מיין ווערק מיט דער געשיכטע פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און ניט מיט'ן לעהרבוך, ווייל נאָך מיין מיינונג איז אונמעגליך צו האָבען א פּאָלשטענדיגען בעגריף איבער די כללים און בעשטימונגען פון דיזער וויסענשאַפט, איידער מען איז בעקאַנט מיט איהר געשיכטליכער ענטוויקלונג. די גרויסע מיינונגספערשיעדענהייטען, וועלכע הערשען נאָך היינטיגען טאָג אין בעצוג צו די עקאָנאָמישע ערשיינונגען, נעהמען מעהר אדער וועניגער זייער וואָרצעל פון די פערשיעדענע ריכטונגען, טהעאָריען און סיסטעמען, וועלכע האבען געהערשט פון אָנפאַנג אָן, ווען „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אלס וויסענשאַפט.

איך האלט פיר מיין פפליכט צו בעמערקען, אז די מייסטע פון די קאַפּיטלעך, וועלכע געפינען דאָ פּלאַטץ, זיינען אין פערלויף פון די לעצטע 5 יאָהר געווען געדרוקט אין מאָנאַטליכען זשורנאל „צוקונפט," אלס בעזונדערע אָבהאַנדלונגען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ביים צוזאַמענשטעלען אין איין סיסטעמאַטישעם ווערק, איז מיר אויסגעקומען פיעלעס מוסיף צו זיין און מאַנכעס צו „פּיילען."

מיין כונה איז מעהר אָדער וועניגער, בעקאַנט צו מאַכען דעם לעזער מיט דער וויכטיגער געזעלשאַפטליכער וויסענשאַפט. האט זיך מיר דאָס איינגעגעבען? — וועגען דעם זאָל דער לעזער משפּט'ן.

דער אויטאָר.

ניו יאָרק, פעברואַר, 1911.

I.

# איינלייטונג

## וואס איז אזוינס פאליטישע עקאנאמיע?

יעדע לעבעדיגע בעשעפעניס האט א שטארקען חשק צו לעבען אליין און נאך צו לאזען נאך זיך קינדער, וועלכע פערמעהרען און פערשטארקען דעם מין, צו וועלכען זי, די בעשעפעניס, געהערט. לעבען און פערמעהרען זיך קען מען נור דענסטמאל, ווען די לעבענס־בעדערפנישען זיינען בעפריעדיגט. דאס הייסט, ווען די בעשעפעניס בעקומט איהר נייטיגע נאהרונג, אהז וועלכע זי קען ניט עקזיסטירען. די יסודות, פון וועלכע די נאהרונג בעשטעהט, געפינען זיך אין דער ארומיגער פרייער נאטור. די בעשעפעניס קען אבער ניט קומען אויף אלעם פארטיגען און נעהמען ביי דער נאטור אלץ, וואס איהר איז נייטיג צום לעבען; די נאטור איז ניט קיין בארמהערציגע מוטער, וואס טראגט אונטער איהרע קינדער פארטיגע עסען און טרינקען. כדי צו בעקומען די נייטיגע נאהרונגס־מיטלען מוז מען ארבייטען, האררעווען, פערווענדען פון זיך כח, וועלכע געפינט זיך אין א געוויסען ערך ביי יעדער בעשעפעניס. די כח, וועלכע יעדע בעשעפעניס גיט אויס אין קאמפף מיט דער אויסערליכער נאטור ביז זי בעקומט איהר נייטיגע נאהרונג, ווערט אנגערופען דער קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ.

דער קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ איז ביים מענשען א סך שווערער און ווערט געפיהרט אויף אנאנדער אופן, ווי ביי אלע אנדערע בעשעפעניסען. ער איז שווערער ביים מענשען ניט נור דערפאר, ווייל דער מענש איז בטבע שוואכער און וועניגער בעשיצט, ווי די אלע איבריגע בעשעפעניסען (דער מענש האט ניט קיין שארפע נעגעל, קיין שארפע

ציין און נאָך אַזעלכע נאַטירליכע בלי־זיין), נור אויך דערפאר, ווייל דער מענש קען זיך ניט בענוגענען מיט איינפאכע נאהרונג: דער מענש האט גרעסערע בעדערפנישע. כדי דער מענש זאָל קענען עקזיס־טירען מוז ער האבען ניט נור שפייז צום עסען, וואסער צום טרינקען, ער מוז אויך האבען א דירה, וואו צו וואוינען, קליידער, וואס זאָלען איהם בעשיצען פון קעלט און וואס זאָלען צודעקען פערשיעדענע טהיילען פון זיין קערפער.

אין דער נאטור פון מענשען ליעגט דאס שטרעבען ניט נור צו לעבען, נור אויך בעסער און שעהנער צו לעבען. אין דעם קאמפף מיט דער נאטור פאר זיין עקזיסטענץ ענטוויקלען זיך אַלץ מעהר און מעהר די בעדערפנישען, עס קומען אויף און ענטוויקלען זיך גייסטיגע בעדערפנישען, וואס פאָדערען בעפריעדיגונג צוגלייך מיט די קער־פערליכע בעדערפנישען אין נאהרונג, קליידער, א. ז. וו. עס איז גענוג צו פערגלייכען די קליינע מאָס ריין קערפערליכע בעדערפנישען פון די ערשטע ווילדע מענשען מיט דער גרויסער מאָס בעדערפנישען פון א געוועהנליכען אייראָפּעער אום צו וויסען, וואס פאר א ראָלע עס שפיעלט אין לעבען פון מענשען די ענטוויקלונג. די בעדערפנישען פון איין אייראָפּעער איז פיעל מאָל מעהר, איידער די בעדערפנישען פון א ווילדען. דער ווילדער דאגה'ט נור ווי ס'איז אָנצושטאָפּען דעם מאָגען און אבי ווי צוצודעקען דעם קערפער, אונזער היינטיגער מענש שטרעבט שוין אויסערדעם צו בילדען זיך און זיינע קינדער, זיך צו פערשאפען פערגניגען: צו בעזוכען טהעאטער, הערען מוזיק, צו גענני־סען פון פּאָעזיע, א. ז. וו. כדי זיך צו קענען פערשאפען די מיטלען, וואס בעפריעדיגען די בעדערפנישען, פעראייניגען זיך די מענשען אין א קיבוץ, געזעלשאפט, און פיהרען מיט שותפות'דיגע כחות דעם קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ. איינציג אליין איז דער מענש צו שוואך און אונבעהאָלפען צו פיהרען א קאמפף מיט דער ארומיגער נאטור. דער גרעסטער טהייל פון די חיות איז שטארקער פאר יעדען איינציגען מענשען. א סך צוזאמען, פעראייניגט אין א געזעלשאפט פון א סך מענשען, בילדען זיי א גרויסע, שטארקע מאכט, פאר וועלכע עס בייגט זיך די אויסערליכע בייזע נאטור.

כל זמן די מענשהייט פיהרט דעם קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ מיט הוילע הענד, אָהן געצייג און כלי־זין, איז די ארבייט פון מענשען זעהר

אונפרוכטבאר. זי קען נור אויפטהאָן גאַנץ ווייניג, קען נור שאַפען א קליינע צאָהל מיטלען, אזא צאָהל, וואס קען קוים בעפריעדיגען די גאָר נויטוועגדיגסטע פיזיאָלאָגישע בעדערפנישען, אָהן וועלכע דער מענש קען ניט לעבען: שפייז, א דירה, קליידער, א. ז. וו. ווען די מענשהייט ענטוויקעלט זיך, פאנגט זי אַלץ מעהר אָן צו בענוצען פער־שיעדענע געצייג אין דעם קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ. מיט געצייג איז די ארבייט א סך פרוכטבארער און פּאָרטשריטליכער. וואס בעסער און ענטוויקעלטער די געצייג זיינען, אַלץ ווייניגער צייט פערנעהמט אויס־צוארבייטען אזוי פיעל מיטלען, ווי פיעל עס איז נויטיג פאר די קער־פערליכע לעבענס־בעדערפנישע און אַלץ מעהר צייט בלייבט נאָך פאר די איבריגע פּראָדוקטען — פאר די פּראָדוקטען, וועלכע ווערען פער־ברויכט שוין ניט נור פאר די קערפּערליכע, נאָר אויך פאר די העכערע, גייסטיגע בעדערפנישען.

ווען דער מענש בעפריעדיגט די נויטיגסטע בעדערפנישען — זאָגט א גרויסער געלעהרטער — פאַנגט דער מענש אָן צו דאגה'ן, ווי צו בעפריעדיגען די נוטציגע בעדערפנישען. אויב די לעצטע זיינען שוין אויך בעפריעדיגט, פאנגט דער מענש אָן צו זאָרגען, ווי צו בע־פריעדיגען יענע בעדערפנישען „וועלכע זיינען ניט נוטציג נור אָנ־גענעהם."

דאס וואקסען פון די בעדערפנישען האט א גרויסע בעדייטונג אין מענשען'ס לעבען. עס פערגרעסערט און ענטוויקעלט מעהר די אופנים, אויף וועלכע עס ווערט געפיהרט דער קאמפף פאר'ן עק־זיסטענץ.

„דאס שטרעבען צו פערשיעדענע פערבעסערונגען אין לעבען — זאָגט דער בעריהמטער גראָסס — שפּיעלט אין דער ענטוויקלונג אָן אונגעהייער גרויסע ראָליע. עס איז א מעכטיגע קראַפט, וואס בעשאַפט א שטארקע בעוועגונג. יעדע ערוואָרבענע פערבעסערונג ווערט מיט דער צייט א געוועהנהייט, שפּעטער ווערט דער קערפער אזוי צוגע־וועהנט דערצו, דאס זי ווערט א טבע, אָהן וועלכער דער מענש קען זיך שוין ניט בעגעהן." ווען די מאָס פון בעדערפנישען וואקסט, ווערט שטארקער און גרעסער דער קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ. די ענטוויק־לונג פון דעם קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ בעשטעהט, ערשטענס, אין דעם, וואס עס ווערען אויסגעבעסערט די געצייג און די כלי־זין, מיט

וועלכע דער קאַמפּף ווערט געפיהרט. די ערשטע ווילדע מענשען האָבען געפיהרט דעם קאַמפּף מיט איינפאַכע געצייג און פלעגען זיך פערייניגען אין קליינע געזעלשאַפטען; וואס ווייטער אבער ווערט די צאָהל מענשען, וואס געפינען זיך אין איין געזעלשאַפט, אלץ גרעסער און די אינסטרומענטען און געצייג, מיט וועלכע מען פיהרט דעם קאַמפּף פאַר'ן עקזיסטענץ, אלץ מעהר ענטוויקעלט. די געזעלשאַפט פון די ערשטע מענשען איז בעשטאַנען סך הכל פון אייניגע צעהנדליגע מענשען. די געצייג און כלי־זין זיינען בעשטאַנען פון א שפּיציגען שטעקען און איין אָבגעשאַרפטען שטיין. היינט אבער צעהלט יעדע געזעלשאַפט אין זיך די הונדערטע טויזענדע מענשען און פון די אמאָליגע שטעקענס מיט שטיינער האבען זיך ענטוויקעלט די מעכטיגע דאַמפּף און עלעקטרישע מאַשינען, וועלכע גיבען ארויס ארבייט אין מיליאָנען מאָל מעהר, ווי פריהער.

דאס רוב אינסטרומענטען און כלי־זין געפינען זיך אין דער נאַטור ניט אין דער פאָרמע, ווי מיר בענוצען זיך מיט זיי. דער מענש פארליערט פריהער א סך כח, איידער ער בעקומט די פערשיעדענע נוטציגע געצייג און דעריבער קען מען די געצייג אויך בעטראַכטען אלס א פועל יוצא, אלס א רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט. די געזעלשאַפטליכע נוצליכע ארבייט, דאס הייסט די ארבייט פון א גאַנצע געזעלשאַפט, איז די איינציגע כלי־זין, וועלכע דער מענש בענוצט כדי צו פיהרען דעם קאַמפּף פאַר'ן עקזיסטענץ. די געזעלשאַפטליכע ארבייט בעשאַפט אינסטרומענטען, געצייג, ווירקט אויף דער בייזער נאַטור, ענטדעקט די אוצרות, וועלכע ליעגען בעהאַלטען פון מענ'שען'ס אויג, און מאַכט זיי פריי פאַר'ן מענשען, ער זאָל זיך קענען דערמיט בענוטצען.

די געזעלשאַפטליכע ארבייט קען ברייננגען נוטצען אונטער צוויי בעדינגונגען: ערשטענס, מוז די געזעלשאַפט פערשטעהן די געהיימניסע און די קרעפטען פון דער נאַטור. זי מוז פערשטעהן, ווי מיט איהר מלחמה צו האַלטען; צווייטענס, מוזען זיין געוויסע כללים, לויט וועלכע די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אָרגאַניזירען זיך אליין אין דער מלחמה. די אלע מיטגלידער מוזען אָבהיטען א געוויסען סדר, א געוויסע אָרדנונג, וועלכע עס ווערט געפאָדערט ביי יעדער צוזאַמענלעבען פון א סך מענשען. — אָהן דיעזע צוויי בעדינגונגען איז אונ־

מעגליך צו פיהרען דעם קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ. ווען די ערשטע מענשען, וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט מיט יאגד, זיינען געגאנגען פאנגען א חיה, האבען זיי ערשטענס געמוזט וויסען דעם כאראקטער פון די חיה, איהר טבע, ווי צ. ב. וועלכער וועטער עס ווירקט אויף איהר גוט און וועלכער שלעכט, וואו און ווען איהר איז לייכטער צו טרעפען, א. ז. וו. צווייטענס, האבען זיך די מענשען בעדארפט אבמאַכען ווי יעדער זאָל זיך נוהג זיין ביים פאנגען, וואס יעדער זאָל טהון, ווי ער זאָל זיך בענוצען מיט די רויב, א. ז. וו.

ביי היינטיגע ווירטהשאפטען איז דאס נאָך מעהר בולט. דער דאָרף־פויער אום צו ערנעהרען זיך מיט זיין פאמיליע בעארבייט די ערד: ער זייעט, שניידט, דרעשט, וועטערט, פערקויפט די פארטיגע תבואות — מיט איין וואָרט — ער פיהרט א ווירטהשאפט. אום צו פיהרען גוט זיין ווירטהשאפט, מוז דער פויער האבען געוויסע געווערקצייג, מאשינען: ער מוז האבען אַן אקער־אייזען, א באָראָנעווע. צום שניידען מוז ער האבען קאָסעס. צום דרעשען און וועטערען — אנדערע ווערקצייג און מאשינען. דאס רוב מאָל קען דער פויער אליין ניט אויספיהרען זיין ארבייט. ער דינגט צו אַנדערע ארבייטער, וועלכע העלפען איהם פיהרען זיין ווירטהשאפט. הערבסט צייט פערקויפט דער פויער די אראָבגענומענע תבואות פאר מזומן. די בעקומענע געלד בלייבען אבער ביי דעם פויער ניט אין גאנצען. א טהייל געלד צאָהלט ער אָב דעם פראָצענטניק, וועלכער האט איהם געליהען געלד אין דער צייט, ווען די תבואה איז נאָך ניט געווען פארטיג; פאר א טהייל געלד קויפט ער זיך אינסטרומענטען, א טהייל נעהמט צו פון איהם די רעגיערונג און דער פאָרמע פון פערשיעדענע אָבצאָהלונגען און נאלאָגען (טעקסעס).

דער פויער קען נור דענסמאָל מיט ערפאָלג אקערן, זייען און שניידען, אויב ער פערשטעהט ווען און ווי צו זייען, וועלכע ערד עס איז גוט צו אַקערען און וועלכע ניט, וואסערע וועטערן עס טויגען צום שניידען און וואסערע ניט — אזוינע ידיעות ערווערבט דער פויער דורך זיין בעקאַנטשאפט מיט דער אויסערליכער נאַטור — דאס איז די טעכנישע זייט פון דער ווירטהשאפט. אויסער דיזע טעכנישע ידיעות, מוז דער פויער, — אויב ער וויל זיין ווירטהשאפט זאָל זיך גוט פיהרען,—היטען די כללים פון חובות צאָהלען, בעצאָהלען אין דער

צייט און אין דער מאָס ארבייטס־לוין, היטען די גזעצען פון טעקסעס
און איבריגע אָבצאָהלונגען — דאס אַלעס איז שוין דער אויסערליכער
נאַטור גאָר ניט נוגע, דאס איז שוין געגרינדעט ניט אויף די קענטני־
סע, וואס דער פויער האט ערוואָרבען, בעקענענדיג זיך מיט דער נאַטור,
נור אויף די ידיעות פון די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען
די מענשען אין דער געזעלשאַפט, דאס איז שוין ניט די טעכנישע זייט
פון דער ווירטהשאַפט, נור די געזעלשאַפטליכע זייט, ווייל די כללים
זיינען נור בנוגע די מענשען, אבער ניט בנוגע דער נאַטור.

די ווירטהשאַפט, וואס דער פויער פיהרט איצט, אזוי ווי די
יאַגד־בעשעפטיגונג פון אַמאָליגע צייטען — זיינען ניט אנדערש,
ווי די פערשיעדענע אופנים, אויף וועלכע די מענשען פיהרען זייער
קאַמפּף פאר'ן עקזיסטענץ, און דעריבער קען מען דעם אַלגעמיינעם
קאַמפּף פאר עקזיסטענץ, וועלכען די מענשהייט פיהרט, בעטראַכטען
פון צוויי זייטען: פון דער טעכנישער זייט און פון דער געזעלשאַפט־
ליכער זייט; פון דער זייט, וואו די מענשען, פיהרענדיג דעם קאַמפּף
פאר'ן עקזיסטענץ, בעגעגענען זיך מיט דער אויסערליכער נאַטור און
פון דער זייט, וואו די מענשען בעגעגענען זיך איינער מיט'ן אנדערען
ניט אָבהענגיג פון דער אויסערליכער נאַטור.

פערשיעדענע ידיעות, וועלכע די מענשהייט קלייבט צוזאַמען
אין'ם פערלויף פון איהר ענטוויקלונג, בילדען די וויסענשאַפט. די
וויסענשאַפט בכלל איז דער סך הכל פון די ידיעות, וואס דער מענש
האט צונויפגעקליבען אין קאַמפּף פאַר זיין עקזיסטענץ. פיהרענדיג
דעם קאַמפּף מיט דער נאַטור, בעגעגענט זיך דער מענש מיט פערשיע־
דענע ערשיינונגען, ער בעקאַנט זיך מיט זייער כאראקטער, מיט זייער
טבע און לערנט זיך אויס ווי צו בענוצען מיט זיי — דער מענש ווערט
א וויסענשאַפטליכער. די וויסענשאַפט שטרעבט צו ערקלערען די
שייכות, אנדערע מאָל, אויך די בעדייטונג פון פערשיעדענע ערשיינונ־
גען, וואס קומען פאָר אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט. די
וויסענשאַפט בעשטעהט פון פערשיעדענע צווייגען. יעדער צווייג פון
דער וויסענשאַפט האט זיך זיין געביט, זיין אָבטהיילונג, זיינע בע־
שטימטע ידיעות און ערשיינונגען, מיט וועלכע ער אינטערעסירט זיך.

די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין פלאַנצען לעבען, ווערען אויס־געפאָרשט פון דעם צווייג פון דער וויסענשאַפט, וואס רופט זיך באָ־טאַניק. די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין דעם טהיער לעבען, ווערען אויסגעפאָרשט דורך זאָאָלאָגיע, א. ז. וו.

עס פערשטעהט זיך, אז די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער טעכנישער זייט פון'ם קאַמפף פאַר'ן עקזיסטענץ, ווערען אויס־געלערענט דורך אַן אנדער צווייג פון דער וויסענשאַפט, ווי יענע ער־שיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאַפטליכער זייט פון'ם קאַמפף פאַר'ן עקזיסטענץ. די ערשיינונגען פון דער טעכנישער זייט ווערען אויסגעפאָרשט דורך די צווייגען פון דער נאַטור וויסענשאַפט (באָטאַניק, זאָאָלאָגיע און ביאָלאָגיע) און דורך די טעכנישע וויסענ־שאַפטען (כימיע, פהיזיק, מאַטהעמאַטיק, מעכאַניק). די וויסענ־שאַפט אבער, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט די ערשיינונגען, וואס קומען פאָר אין דער געזעלשאַפטליכער זייט פון'ם קאַמפף פאַר'ן עקזיסטענץ, הייסט עס פאָליטישע עקאָנאָמיע.

מיר וועלען דאס ערקלערען מיט א ביישפּיעל. ווען א פאַבריקאַנט עפענט א פאַבריק, וואס איהר ציעל איז צו בעאַרבייטען רויהע מאַטע־ריאַל אין פאַרטיגע פּראָדוקטען, מוז ער האבען דאַמפף אדער עלעק־טרישע מאַשינען, וועלכע זאָלען איהם צושטעלען א געוויסע קראַפט; אויסער דעם מוז ער האבען ארבייטער, וועלכע זאָלען ארבייטען ביי די מאַשינען, ער מוז אויך האבען סוחרים, וועלכע זאָלען זיינע סחורות בעסער פערוועגדען, ער מוז אויך האבען בילעטען און צאָהלען אָב־צאָהלונגען. די מאַשינען קען מען גוט איינאָרדנען, ווען מען קען גוט די טעכנישע וויסענשאַפטען: מאַטהעמאַטיק, פיזיק און כימיע; די רויהע מאַטעריאַלען קען מען גוט איינקויפען, אויב מען קען גוט די נאַ־טור־וויסענשאַפט: מינעראַלאָגיע, באָטאַניק און זאָאָלאָגיע. די בעדינ־גונגען אבער, אויף וועלכע דער פאַבריקאַנט דינגט די ארבייטער, די סומעס געלד, וועלכע געהען אוועק אויף פערשיעדענע אָבצאָהלונגען, האבען שוין קיין שום שייכות ניט מיט די נאַטור־ און טעכנישע ווי־סענשאַפטען און ווערען דעריבער אויסגעפאָרשט דורך די פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

ווען מיר בעטראַכטען די געזעלשאַפטליכע זייט פון דעם קאַמפף פאר׳ן עקזיסטענץ, זעהען מיר, אז זי בעשטעהט פון דריי טהיילען: פון׳ם שאַפען מיטלען צום לעבען, פערנאַנדערטהיילען די מיטלען צווי־שען די מיטגליעדער אין דער געזעלשאַפט און פון׳ם געברויכען די פראָדוקטען.

אין די פריהערדיגע צייטען, ווען די בעדערפנישען זיינען ניט געוועזען גרויס, ווען די ארבייט איז נאָך ניט געווען צוטהיילט, ווען יע־דער קיבוץ מענשען פלעגט אליין אויסארבייטען די נויטיגע לעבענס־מיטלען, ווען די אופנים, אויף וועלכע מען האט געפיהרט דעם קאַמפף פאר׳ן עקזיסטענץ זיינען געווען זעהר איינפאַכע, דענסטמאָל איז די געזעלשאַפט ניט בעשטאַנען פון א גרויסע צאָהל מענשען און דעריבער איז די שייכות, די בעציהונגען צווישען די מענשען, וועלכע האבען געארבייט און געלעבט צוזאַמען, אויך געווען א זעהר איינפאַכע; יעדער מיטגליעד איז געווען מיט די בעציהונגען זעהר בעקאַנט, די גאַנצע געזעלשאַפטליכע ארבייט איז כמעט בעשטאַנען אין דעם, צו שאַפען און פערברויכען די לעבענסמיטלען. ווי פערנאַנדערצוטהיילען די לעבענסמיטלען איז ניט געווען אזא וויכטיגער ענין, און עס איז ניט נויטיג געווען, אז געלעהרטע זאָלען זיך דערמיט בעשעפטיגען. דאס צוטהיילען איז געווען אזוי פּראָסט, אזוי איינפאַך, דאס יעדער איינציגער פּראָסטער מענש האט געוואוסט, ווי עס ווערט צוטהיילט די מיטלען צום לעבען. היינט אבער האט זיך אלעס געענדערט: די בעדערפנישען האבען זיך זעהר ענטוויקעלט, די ארבייט איז געוואָרען אזוי צוטהיילט, דאס יעדער ארבייט אוים נור א קליינעם טהייל (אדער גאָר ניט) פון די לעבענסמיטלען, וועלכע ער פערנוצט פאר זיך. דאס רוב לעבענסמיטלען בעקומט יעדער דורך׳ן טויש, דורך דעם, וואס ער טוישט אוים די פּראָדוקטען פון זיין אייגענער ארבייט אויף די פּראָ־דוקטען פון אן אנדערן׳ס ארבייט; די אופנים פון׳ם קאַמפף פאר׳ן עקזיסטענץ זיינען אזוי ענטוויקעלט, דאס זיי פערבינדען ניט נור א קליינע צאָהל מענשען, נאָר זיי נעהמען ארום די גאַנצע געזעלשאַפט, וועלכע בעשטעהט פון מיליאָנען מענשען. יעדער מענש איז היינט אָבהענגיג פון אזוינע מענשען, וועלכע ער קען גאָר ניט און וועלכע ער האט אין זיין לעבען קיין מאָל גאָר ניט אָנגעזעהן. יעדער מענש איז נור אקליינער טהייל, א שרייפעל פון דער גרויסער געזעלשאַפטליכער

מאשינע — און דערפאר זיינען די שייכות צווישען מענשען אזוי פערפּלאָנטערט, אזוי פערדרעהט, דאס זיי מוזען האבען א בעזונדערע וויסענשאפט, וועלכע זאָל זיי אויסלערנען ווי די אלע בעציהונגען צו פערשטעהן, א וויסענשאפט, וועלכע זוכט די אורזאכען און די כּללים, לויט וועלכע עס דרעהט זיך די גאנצע געזעלשאפטליכע מאשינע. און מיט דיעזע אויפגאבע פערנעהמט זיך די פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

ווי מיר ווייסען, זיינען די בעציהונגען צווישען די מענשען ניט אייביג די זעלבע. זיי ענדערן זיך שטענדיג, זיי ליגען, אזוי ווי אלעס אין דער נאטור, אונטער דעם געזעץ פון ענטוויקלונג. עס זיינען געווען צייטען, ווען מענשען האבען ניט געהאט קיין בעגריעף פון אייגענטהום, די מענשען צווישען זיך זיינען געווען גלייך. שפּעטער זעהען מיר, ווי איינער אן עלטסטער, א פּאטריארך, הערשט איבער׳ן גאנצען שבט. ווייטער זעהען מיר די שקלאפעריי, וואו א סך מענשען פון שבט זיינען פערשקלאפט צו איינעם, דעם שקלאפען־הערר, ניט נור מיט זייער ארבייט, נור אויך מיט זייער גוף און נשמה; איצטער לע־בען מיר ווידער אין אזא געזעלשאפט, וואו די מיטגליעדער זיינען, אמת, געזעצליך אלע גלייך, אבער עקאָנאָמיש געפינען זיך די גרויסע מאסען אונטער דעם יאָך פון א קלענערע צאָהל רייכע מענשען, צוליעב די געזעצען פון פריוואט־אייגענטהום האבען די ארבייטער ניט די מעגליכקייט אליין אויסצונוצען זייער כוח און ארבייט פאר די איי־גענע בעדערפנישען, די ארבייטער זיינען געצוואונגען צו פערקויפען זייערע כוחות צו די יעניגע, וועלכע געניסען די פריווילעגיע פון פרי־וואט־אייגענטהום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטעל (אינסטרומענטען, געצייג, לאנד, הייזער, א. ז. וו.).

מיר זעהען, אז אין יעדער בעזונדערער עפּאָכע זיינען די בע־ציהונגען, די שייכות צווישען מענשען גאנץ אנדערע. די בעציהונגען ענדערען זיך אין יעדער עפּאָכע. עס פערשטעהט זיך, אז די פערענ־דערונגען קומען ניט פון העלער־הויט, מסתמא זיינען דאָ געוויסע אור־זאכען, וואס רופען ארוים דיעזע ענדערונגען. עס פרעגט זיך אלזאָ, דורך וועלכע אורזאכען ענדערען זיך די בעציהונגען צווישען מענשען? וואס איז די מעשה, וואס איין געזעלשאפטליכע פאָרמע ווערט פערבי־טען אויף די צווייטע? אויף דיעזע פראגע ענטפערט דער צווייג פון דער וויסענשאפט, וואס רופט זיך פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

איצט קענען מיר קומען צו דער בעשטימונג פון פאָליטישע עקאָנאָמיע. פאָליטישע עקאָנאָמיע איז א געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפט, זי פאָרשט אויס די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאַפטליכער זייט פון'ם קאַמפף פאר'ן עקזיסטענץ. די שייכות צווישען מענשען אין'ם שאַפען לעבענסמיטלען, אין פערנאַנדערטהיילען און אין פערברויכען די לעבענסמיטלען; דיעזע ערשיינונגען ערפאָרשט זי אין זייער פערענדערונגס־פאָרמע.

## II.

# ווען איז פּאָליטישע עקאָנאָמיע געוואָרען א וויסענשאפט?

### די ווירטהשאפטליכע ענטוויקלונג ביז צום 18־טען יאָהרהונדערט.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אלס א וויסענשאפט, האט זיך ערשט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אין 18טען יאָהרהונדערט. אפילו אין די אַלטע קלאַסישע צייטען פון רוים און גריכענלאנד, וואו די קולטור האט דערגרייכט אזא הויכע מדרגה פון ענטוויקלונג און וואו דעם מענשען'ס גייסט איז געווען אזוי פיעלפאכיג אויסגעבילדעט — אפילו דאָרט איז אויך פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע כמעט קיין זכר ניט געווען. די אורזאכען זיינען געלעגען אין דער אַלטער אָרדנונג פון געזעלשאפטליכען לעבען און אין דער פאָרמע פון פּראָדוקציאָן — (פון שאפען פּראָדוקטען), וועלכע האבען דעמאָלט עקזיסטירט.

אין יענע צייטען איז די געזעלשאפטליכע געביידע געווען געבויט אויפ'ן פונדאמענט פון נאַטוראַל־ווירטהשאפט — ד. ה. אזא ווירטהשאפטליכע סיסטעם, וואו די בעדערפנישען פון מענשען ווערען בעפריעדיגט מיט די פּראָדוקטען פון דער אייגענער ארבייט, אדער מיט דער ארבייט פון דער פאמיליע און הויזגעזינד. דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבען איז געווען צושפּאלטען אויף קליינע ווירטהשאפטליכע גרופּען, וועלכע האבען געלעבט אין גאנצען אָבגעזונדערט איינע פון דער צווייטער, אָהן שום שייכות צווישען זיך.

אין גריכענלאנד האט יעדעס הויז־געזינד בעשאפען ניט נור א

גרויסען טהייל פון איהרע פּראָדוקטען צום אייגענעם געברויך, זאָנ־דערן אַלע פּראָדוקטען, וועלכע עס האט נויטהיג געהאט. דער מסחר, דער טויש (אויסבייטען זאכען אויף זאכען) איז נאָך גאָר ניט געווען ענטוויקעלט. ווען שפּעטער, ביי די רוימער, האט דער טויש אפילו יא זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען, איז ער דאָך פאָרט געווען גאַנץ אונבעדייטענד און האט פּערנומען זעהר א קליינעם אָרט אין גאַנצען ווירטהשאַפטליכען לעבען. די וויכטיגסטע לעבענס־פּראָדוקטען זיינען געשאַפען געוואָרען ביי זיך אין דער פאַמיליע — געקויפט אדער גע־טוישט האט מען נור די לוקסוס־זאכען. דער גאַנצער טויש איז געווען צופעליג, ניט שטענדיג און ניט אומעטום. דער קרייז פון די ערשיינונ־גען אין ווירטהשאַפטליכען לעבען איז, אויף דעם אופן, געווען זעהר א ענגער. די בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען זיינען געווען איינפאַכע, פּראָסטע. יעדער האט זיי פערשטאַנען און עס איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען אין קאָפּ צו פרעגען: „פאר וואס איז דאס אזוי און ניט אנדערש?" עס איז אין דעם דאמאָלסדיגען ווירטה־שאַפטליכען לעבען ניט פאָרגעקומען אזעלכע אונפערשטענדליכע, (ניט בעגרייפליכע) ערשיינונגען, וועלכע זאָלען צוציהען צו זיך דעם מענ־שען'ס דורכדרינגענדען, פאָרשענדען בליק.

עס איז געווען נאָך אַן אורזאכע, פאר וואס די וויסענשאַפט האט אין די קלאַסישע צייטען זיך ניט ענטוויקעלט — דאס איז די שקלאַ־פען־ארבייט. ווי עס איז בעוואוסט, איז די גאַנצע ארבייט פון שאַפען פּראָדוקטען אין די אַלטע צייטען געלעגען אויף די שקלאַפען. זיי, די שקלאַפען, האבען אליין געפיהרט דעם גאַנצען קאַמפּף מיט דער נאַטור, און געפיהרט דעם קאַמפּף האבען זיי אויטאָמאַטיש, אָהן איבערלע־גונג, אָהן שכל, ווי אַלע מענשען, וועלכע ארבייטען, ניט ווייל זיי ווילען, נור ווייל זיי מוזען, ווייל זיי זיינען געצוואונגען. עס פער־שטעהט זיך, אז די שקלאַפען האבען זיך קיינמאָל ניט אָבגעגעבען קיין דין וחשבון פון זייער ארבייט און איבערהויפּט פון דער ווירטה־שאַפט; דערצו האבען זיי ניט געהאַט קיין צייט און ניט קיין אינטע־רעס. אויך זיינען זיי גייסטיג געשטאַנען גאַנץ ניעדריג. דער גייסטי־גער דענק־אפּאראַט איז ביי די שקלאַפען געווען ווי געלעהמט דורך די שווערע ארבייט. זיי זיינען געווען ערניעדריגט ביז דער שטופע פון איינפאַכע בהמות. די פרייע בירגער, וויעדער, זיינען ניט געווען

די בעשאפער פון די פראָדוקטען, נור די פערברויכער: זיי פלעגען פערטהון דאס, וואס די שקלאפען פלעגען שאפען. מיט'ן שאפען האבען זיך די פרייע בירגער וועניג וואס געקימערט. דאס איז זיי אלס פרייע בירגער, ניט אָנגעשטאנען, זיי האט ניט געפאסט צו בעשעפטי־גען זיך מיט ארבייט, וועלכע שקלאפען טהוען. האָבענדיג אומ־זיסטע שקלאפען צום שאפען פראָדוקטען, האט דער פרייער מענש אין די קלאסישע צייטען זיך אין גאנצען וועניג וואס אינטערעסירט מיט די פאקטען און די ערשיינונגען פון דיזע זייטען פון דער געזעל־שאפטליכער ארבייט.

דער מיטעלאלטער, דאס הייסט די עפאָכע פון דער געשיכטע, וועלכע עס האט זיך אָנגעהויבען נאָכדעם ווי רוים צוזאמען מיט די אלטע קולטור איז חרוב געוואָרען, איז געווען נאָך וועניגער גינסטיג דערצו, אז עס זאָל זיך ענטוויקלען די וויסענשאפט פאָליטישע עקאָ־נאָמיע. די סיסטעם פון נאטוראל־ווירטהשאפט האט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין מיטעל־אלטער. דער גייסטיגער בליק פון'ם אונטער־דריקטען פויער אין דער פעאָדאליסטישער אָרדנונג, וואס האט גע־הערשט אין מיטעלאלטער איז ניט געווען ברייטער ווי ביים אלטען רוימישען שקלאף. דערצו נאָך איז דער פעאָדאל, אדער פריץ, אליין, וועלכער האט גע'ירש'ט דעם אלטען רוימישען פרייען בירגער, אויך געוואָרען גייסטיג אונטערדריקט. די פערשיעדענע ווירטהשאפטליכע גרופען זיינען נאָך געוואָרען מעהר אָבגעזונדערט איינע פון די אנ־דערע. דער שטאאט (די מלוכה), דאס גאנצע פאָליטישע לעבען, וואס האט פריהער, אין די קלאסישע צייטען, פעראייניגט אין זיך די איינ־צעלנע גרופען און האט געדיענט אלס פערבינדונגס־רינג פון אלע איינוואוינער אין לאנד, איז אין גאנצען בטל געוואָרען, און אנשטאט דעם האבען זיך געבילדעט פיעלע פעאָדאליסטישע גרופען, וועלכע האבען שטענדיג געקעמפפט צווישען זיך. יעדער פעאָדאל האט אין זיין גרופע געפיהרט א בעזונדערען פאָליטישען לעבען (אויב מען קען איבערהויפט דאס בעצייכענען מיט דיזען נאָמען). די מאטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען פון'ם דאמאלסדיגען מענשען זיינען ניט ארויסגעגאנגען אויסער דער גרופע. דער פרייער אונטערנעהמונגס־גייסט איז געווען איינגעקלאמערט אין די אייזערנע צוואנגען פון די קליינינקע גרופען־אינטערעסען. די שטענדיגע מלחמות און רייסערייען

וואס פלעגען פאָרקומען צווישען די פערשיעדענע פעאָדאַלען, האבען איבערהויפט ניט צוגעלאָזען צו דענקען וועגען די אלגעמיינע אינטע־רעסען פון דער פּראָדוקציאָן.

דער קריסטענטהום האט אפילו פון איין זייט געקעמפּפט מיט די רוימישע אויפפאסונגען וועגען ארבייט און ארבייטער, און האט, פערקעהרט, געפאָדערט ליעבע און אכטונג צו די, וועלכע שאפען פּראָדוקטען מיט זייער שוויים און בלוט, אבער פון דער צווייטער זייט האט דער קריסטענטהום געפּרעדיגט, אז דער מענש דאַרף זיך בכלל ניט קימערן וועגען עולם הזה, ער מוז נאָר זעהן צו זאָרגען וועגען עולם הבא. דיעזער קריסטליכער אסקעטיזמוס (די אידעע זיך פון אלץ אָבצוזאָגען און ניט זוכען אויף דער וועלט קיין פערגניגען), וועל־כער איז הגם געווען אליין א פּראָדוקט פון יענע אומשטענדען, האט אבער פון זיין זייט אויך געווירקט אויף די מענשען, דאס מען האט זיך ניט בעשעפטיגט מיט גשמיות, מיט די רעאלע ערשיינונגען פון וויסענשאפטליכען לעבען. דעם מענשען'ס אידעאל איז געווען אין הי־מעל און ניט אויף דער ערד. דאס בעשעפטיגען זיך מיט די ערדליכע עקאָנאָמישע אינטערעסען האט זיך גערעכענט פאר די גרעסטע זינד.

אין צווייטען העלפט פון מיטעלאלטער נאָך די קרייצציגע (מסע הצלב) האט זיך דער מסחר אפילו יא אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען. עס האבען זיך געגרינדעט שטעדט, וואו עס האבען געוואוינט סוחרים און בעלי־מלאכות. אבער דיעזע ענטוויקלונג איז געווען אן אונבעדיי־טענדע. די בעשרענקונג פון פרייען מענשליכען אונטערנעהמונגס־קראפט, וועלכע איז געווען אזוי שטארק אין דאַרף, האט ניט אויפגע־הערט צו ווירקען אויך אין שטאָדט. דער איינוואוינער פון שטאָדט האט אויך ניט געהאט די מעגליכקייט אויסצונוצען זיינע פעהיגקייטען און קרעפטען. יעדער האט זיך געמוזט רעכענען מיט די פּאָרדערונגען פון דער גרופּע. טויטע, פערשטיינערטע פאָרמען האבען געהערשט איבער'ן לעבעדיגען מענשען. אין די שטעדט האבען אומעטום עק־זיסטירט די צעכען, וועלכע האבען אָנגעוויעזען יעדען בעזונדער, וואס, וויפיעל און ווי ער זאָל ארבייטען. דער ארבייטער איז געווען געבונ־דען אין זיין טהעטיגקייט דורך די פּאָרשריפטען פון די צעכען.

די לאַנגזאמע, אונבעדייטענדע ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און טעכניק, די אלטע, אונבעוועגליכע, אונפערענדערליכע פאָרמען פון

לעבען אין דער געזעלשאפט — אַט דאס איז די לעצטע און די וויכטיג־סטע אורזאכע, פאר וואס דעם מענשען׳ס פערשטאנד האט זיך אין מיטעלאַלטער ניט פאַרגענומען אויסצופאָרשען די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען אין ווירטהשאפטליכען לעבען. שטענדיגע ערשיינונגען, מיט וועלכע מען בעגעגענט זיך טאָג־טעגליך, קומען אויס דעם מענ־שען׳ס אויג און פערשטאנד אזוי איינפאַך, דאס עס פאלט גאָר ניט איין צו פרעגען, פארוואס עס איז אזוי. מען ווייס גאָר ניט, אז עס קען איבערהויפט אנדערש זיין. דעם מענשען׳ס פאָרשענדע אויג שטעלט זיך גראדע אָב אויף די ערשיינונגען, וועלכע קומען ניט פאָר שטענדיג, מיט וועלכע דער מענש איז נאָך ניט געוועהנט. פון די נייע, ביזהער אונבעקאנטע, ערשיינונגען זוכט דער מענש די אורזאכען אין דעם פערבאנד, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אז פאָליטישע עקאָנאָמיע, וואס ערפאָרשט די אורזאכען פון די ערשיינונגען אין ווירטהשאפטליכען פאָלקס־לעבען, די בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען אין׳ם קאמפף מיט דער נאטור — אז דיעזע וויסענשאפט האט זיך ניט געקענט ענטוויקלען כל זמן דיעזע ווירטהשאפטליכע ער־שיינונגען האבען אויסגעזעהן אין לעבען אונפערענדערט.

פערפעסטיגט, פערגליווערט האט אויסגעזעהן דאס מיטעלאַל־טערליכע לעבען, אבער דאס איז נור געוועזן לפנים. ביסלעכווייז, לאנגזאם האט דער פּראָצעס פון ענטוויקלונג געטהון זיין ארבייט. די בעפעלקערונג האט געוואקסען, מענשען האבען זיך פערמעהרט און די פּראָדוקטען, וואס זיינען צו יענער צייט נאָך אלץ געשאפען געוואָרען דורך די איינפאכע, ניט אויסגעבילדעטע געצייג, מיט וועלכע די מענשהייט האט געפיהרט דעם קאמפף פאר די עקזיסטענץ אין מיטעלאַלטער, האבען מיט דער צייט אָנגעהויבען צו ווערען ווענינ פאר די גאנצע בעפעלקערונג. מען האט אָנגעפאנגען פעסט צו פיהלען א בעדערפניש אין נייע קוועלען פון חיונה. די שרעקליכע עקספּלואַ־טאציע פון דער קאטוילישער קירכע, וואס האט אונבעגרענעצט גע־הערשט אין יענער צייט, האט די אָרעמקייט נאָך מעהר פערשטארקט: א טהייל פון דער בעפעלקערונג האט איינפאַך ניט געהאט פון וואנען זיך צו ערנעהרען. עס איז געוואָרען אן „איבער־בעפעלקערונג,“ ד. ה., דער דאמאַלסדיגער צושטאנד פון דער פּראָדוקציאָן האט ניט געשא־פען אזוי פיעל פּראָדוקטען, וויפיעל די בעפעלקערונג האט נויטיג גע־

האָט. דער הונגער האָט געצוואונגען די מענשען צו פערלאָזען זייער היים און צו זוכען נייע לענדער, נייע פּלעצער פון וואַנען מען זאָל קע־נען ציהען די חיונה. די ערשטע פּראָבע איז געווען די קרייצציגע און שפּעטער — די פעלקער־בעוועגונג אין מיטעלאַלטער. די גרינדליכע היסטאָרישע פאָרשונג ווייזט קלאָר, אַז די ערשטע אורזאַכען פון די קרייצציגע זיינען ניט געווען רעליגיעזע, נור עקאָנאָמישע. ניט דער פאַנאַטיזמוס האָט אויפגעהויבען אַזעלכע גרויסע מאַסען צו פערלאָזען זייער היים, זייערע שטענדיגע וואוינונגס־ערטער און וואַנדערען אין ווילד־פרעמדע לענדער, נור די נויט, דער הונגער האָט דערצו געבראַכט. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזמוס איז נור געווען די אויסערליכע פאָרמע, אין וועלכער דער אינסטינקט פון זעלבסטשוטץ האָט זיך צו יענער צייט אָנגעקליידעט.

און אין אמת'ן האָבען טאַקי די קרייצציגע געהאַט אַ גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג איןווירטהשאַפטליכען לעבען. ניט־ווילענדיג האָבען זיי אָנגעהויבען דורכצוברעכען די וואַנד פון דעם נאַטור־ווירטשאַפטליכען סיסטעם, אין וועלכען עס זיינען געווען איינגעשלאָ־סען מענשען פון יעדער גרופּע, פון יעדען פעאָדאַל. פון די קרייצציגע אָן האָבען זיך אָנגעהויבען צו טרעפען מענשען פון פערשיעדענע לענ־דער און האָבען אָנגעפאַנגען צו פיהרען מסחר צווישען זיך. דער פערקעהר צווישען די מערב־ און מזרח־לענדער איז געוואָרען עפטער און גרעסער. די ערטער, וואו עס פלעגען זיך צוזאַמענטרעפען די סוחרים מיט זייערע סחורות פון פערשיעדענע לענדער, זיינען געוואָ־רען האַנדעלס־שטעדט. די ענטוויקלונג פון די שטעדט בכלל האָט זעהר פיעל צו פערדאַנקען די קרייצציגע. די שטעדט, וואָס האָבען זיך גע־בילדעט פון די סוחרים און פרייע בעלי־מלאכות, זיינען זעהר פיעל אונטערשטיצט געוואָרען פון די קעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט דער־מיט אָבשוואַכען די אונבעגרענעצטע מאַכט פון די פעאָדאַלען. די קעניגע האָבען געשאָנקען די שטעדט זעלבסטשטענדיגקייט, דאָס האָט געהאָלפען די שטעדט אין קאַמפּף, וועלכען זיי האָבען געפיהרט מיט די פעאָדאַלען. די שטעדט האָבען געזיעגט, זיך ענטוויקעלט און געוואַק־סען. די רעזולטאַטען זיינען געווען גרויסע. דורך דעם אָפטען פערקעהר פון פערשיעדענע מענשען מיט פערשיעדענע איבערצייגונגען איז דער גייסטיגער האָריזאָנט פון די מענשען אַלץ מעהר און מעהר אויסגע־

ברייטעט געוואָרען. דער אָפטער פערקעהר האט אויך געפאָרדערט מען זאָל אויסבעסערען די וועגען אויפ'ן ים און אויף דער יבשה. דאס איז געשעהן. די אויסגעבעסערטע פערקעהר־מיטעל האבען נאָך מעהר פערלייכטערט די אויסוואַנדערונגען, וועלכע זיינען געוואָרען אין ענדע פון מיטעלאַלטער א זעהר געוועהנליכע זאַך. דיעזע אויסוואַנדערונגען און פערזוכען צו געפינען נייע לענדער האט זיך געענדיגט, ווי עס איז בעוואוסט, אין יאָהר 1492 מיט דער ענטדעקונג פון אמעריקאַ.

די זאָמען פון די גרויסע פערענדערונגען אין ווירטהשאַפטליכען לעבען, וואס איז געזייט געוואָרען אין די ערשטע פעלקער־בעוועגונ־גען דורך דיעזען היסטאָרישען פאַקט, האט זיך אָנגעפאַנגען געשווינד צו ענטוויקלען און האט פערנומען אלץ א גרעסערען באָדען אונטער זיך. דורך די ענטוויקלונג פון אמעריקאַ האט זיך די אינדוסטריע און האנ־דעל זעהר פערשפרייט. די נאַטוראַל־ווירטהשאַפט, וואס האט אין מי־טעלאַלטער געהערשט אפילו ביי דער מעהרהייט פון דער שטעדטישער בעפעלקערונג, האט אָנגעפאַנגען אלץ מעהר און מעהר צו פערשווינדען און אָבגעבען איהר פּלאַץ דער פאָרמע פון טויש־ווירטהשאַפט. אמע־ריקאַ איז געוואָרען א גרויסער מארק, וואו מען האט פערווענדעט איי־ראָפּעער סחורות. פון דער אַנדערער זייט האט אמעריקאַ געליפערט נאָך אייראָפּע רויהע מאַטעריאַל. עס האט זיך אוועקגעשטעלט א שטענדיגער, רעגעלמעסיגער פערקעהר צווישען אייראָפּאַ און אמערי־קאַ. די אייראָפּאישע שטעדט, וועלכע האבען פריהער געארבייט פאר א קליינעם, בעשרענקטען פּלאַץ, זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין גרויסע ווערקשטעט פאר אמעריקאַנישען מארק. **אין לעבען האט אָנגעהויבען צו רעגיערען א נייער פאַקטאָר — געלד.** **אין דער** געזעלשאַפט, וואו עס האבען ביז איצט געהערשט די גרונד־בעזיצער— די פעאָדאַלען, האט אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען א גרויסע ראָלע א נייער קלאַס מענשען, פון וועלכע די געשיכטע האט נאָך ניט געוואוסט — די געלד־אריסטאָקראַטיע. דאס געזעלשאַפטליכע לעבען האט זיך שנעל אָנגעהויבען צו ענטוויקלען. די בעציהונגען צווישען מענשען זיינען געוואָרען גאַנץ אַנדערע, ווי אין מיטעלאַלטער. אויף דער ביהנע פון דער וועלט געשיכטע האט זיך שוין בעוויעזען דער קלאַס־ארבייטער— מאַנופאַקטור־ארבייטער.

דיעזע אלע פערענדערונגען האבען געפאָדערט אן ערקלערונג.

די אַלע נייע פאָרגענגע אין פּראַקטישען לעבען האבען געבעטען א טעאָרעטישע בעגרינדונג — און עס האט זיך אָנגעהויבען צו בילדען די וויסענשאַפט: פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

עס איז געווען נאָך אַן אורזאכע, וואס האט געצוואונגען אין יע־נער צייט די גייסטיגע קרעפטען פון דער געזעלשאַפט אויסצופאָרשען די ערשיינונגען פון ווירטהשאַפטליכען לעבען. ווי מיר האבען שוין פריהער דערמאָנט, האט די ענטדעקונג פון נייע לענדער און דורך דעם, וואס עס האבען זיך געגרינדעט נייע גרויסע שטעדט, אָבגעשוואכט און מבטל געווען די הערשונג פון די פעאָדאַלען. די וועלט, וועלכע האבען אָבגעטהיילט איין גרופּע פון דער צווייטער, זיינען חרוב געוואָ־רען, און אויף זייער אָרט האבען זיך גענומען ענטוויקלען שטאאטען, אין וועלכע עס האבען זיך צוזאמענגעגאָסען די אַלע ביזהעריגע פעאָ־דאַלע גרופּען. אזעלכע גרויסע שטאאטען האבען ארויסגעשטעלט נייע עקאָנאָמישע אויפגאבען, אויף וועלכע די רעגיערונג האט געמוזט גע־בען אן ענטפער. דאס לעבען האט ארויסגערופען בעדערפנישען, וועל־כע האבען געפאָדערט א באַלדיגע בעפריעדיגונג. אום צו שאַפען אונטער זיך א פעסטען באָדען אין אייראָפּא, האט די רעגיערונג גע־מוזט זאָרגען, דאס דער שטאאט זאָל זיין רייכער — דאס האט גע־טריעבען אויסצוגעפינען די אורזאכען פון רייכקייט און אָרימקייט, צו ברענגען אין א סיסטעם, אין אַן אָרדנונג די אַלטע און אויפזוכען נייע קוועלען, ווי צו בעפריעדיגען די גרויסע בעדערפנישען אין רייכטהום. און פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז געוואָרען א נויטווענדיגקייט.

III.

# דער אנפאנג פון דער פאליטישער עקאנאמיע

## דער מערקאַנטיליזמוס.

אין פאַריגען קאפיטעל האבען מיר זיך בעמיהט אויסצוגעפינען די ערשיינונגען, וועלכע האבען ארויסגעשטעלט נייע אויפגאַבען אין לעבען און וועלכע האבען געצוואונגען די מענשען אויסצופאַרשען די אורזאכען פון רייכקייט און אָרימקייט ביי איינצעלנע מענשען און ביי גאַנצע פעלקער. דאס איז געווען דער אָנפאנג פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע. דענסטמאָל ערשט איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אויך די ערשיינונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אזוי, ווי די ערשיינונגען אין דער אויסערליכער נאַטור, זיינען ניט צופעליג, ניט קיין מקרה־זאַך, נור דאס זיי קומען פאַר לויט א געוויסער אָרדנונג, נאָך געוויסע געזעצען. און ווען מען איז געקומען צו אזא איבערצייגונג, דאַן האבען אויך די מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון די רעגיערונגען, גענומען זוכען דיעזע געזעצען, כדי צו קענען איינאָרדנען דאס געזעלשאַפטליכע לעבען נאָך יענע געזעצען.

אזוי ווי אין יעדער וויסענשאפט האבען אויך די ערשטע פּאָלי־טיקאָ־עקאָנאָמען זעהר פיעל טעות׳ן געהאט. זיי האבען ניט גלייך ענט־דעקט די אמת׳ע רעגיערענדע פאַקטאָרען, די געזעצען פון געזעלשאַפט־ליכען לעבען. זעהר לאַנג האבען זיי געטאפּט אין דער פינסטערניש, אזוי ווי די אַלכעמיקער בנוגע צו כעמיע, די אַסטראָלאָגען בנוגע צו אסטראָנאָמיע, א. ז. וו. אלס א גוטער ביישפּיעל קענען אונז דיענען די מערקאַנטיליסטען — די אנהענגער פון׳ם מערקאַנטיליזם, — די ערשטע פּראַקטישע סיסטעם אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

ארויסגעהענדיג פון'ם בעוואוסטען פּאַקט אין אלטעגליכען לעבען, אז רייכער איז יענער, וועלכער האט מעהר מזומן'ע געלד, האבען די ערשטע מערקאַנטיליסטען געמיינט, אז די זעלבע זאך איז אויך בנוגע צו א גאַנצע לאַנד, ד. ה., אז וואס מעהר געלד עס וועט בלייבען אין דער מדינה, אלץ רייכער וועט דאס לאַנד זיין. מען האט דורכגעפיהרט געזעצען, וועלכע האבען פערבאָטען ארויסצופיהרען געלד קיין אויס־לאַנד. די אינלענדישע סוחרים האבען ניט געטאָרט קויפען קיין סחורות אין אויסלאַנד פאר מזומן, און די אויסלענדישע סוחרים, וועלכע הא־בען פערקויפט סחורות אין לאַנד, האבען געמוזט דאָ גופא דאס גע־לייזטע געלד אויסגעבען. ארויספיהרען געלד האט דאס געזעץ פער־באָטען.

מעהר ווי אומעטום האט דיעזע מיינונג געהערשט אין ענגלאַנד. ענגלאַנד האט ניט קיין אייגענע גאָלד און זילבער גענוג. דער איינצי־גער מיטעל צוציהען מעהר געלד אין לאַנד איז געווען דער אויסלענדי־שער מסחר. אום צו וויסען א חשבון פון'ם האַנדעל, וואס מען פיהרט אין אויסלאַנד, האט די ענגלישע רעגיערונג געגרינדעט אין אויסלאַנד גרויסע צענטראַלע סקלאַדען פאר סחורות. (אין ענגלאַנד האבען די אויסלענדישע סוחרים מורא געהאַט צו קומען.) די ענגלענדער האבען געמוזט אריינפיהרען זייערע סחורות דוקא אין דיעזע סקלאַדען. דאָ זיינען שוין געווען ענגלישע בעאַמטע, וועלכע האבען אויפגעפּאַסט, דאס פון יעדער מסחר זאָל דער ענגלישער סוחר ארויספיהרען פון אויסלאַנד וואס מעהר געלד. די אריינגעפיהרטע געלד האט, פערקעהרט, געמוזט בלייבען אין ענגלאַנד גופא. עס איז זאָגאַר געווען א געזעץ, דאס יעדער אויסלענדישער סוחר, וועלכער וויל האַנדלען אין ענגלאַנד, זאָל אויסקלייבען פון די ענגלישע סוחרים איבער זיך „א בעל הבית,“ וועל־כער האט געמוזט אויפפּאַסען דאס די געלייזטע געלד, זאָל דער סוחר ניט ארויספיהרען צוריק.

דיעזע ריכטונג אין דער פּאָליטיק איז בעוואוסט אונטער'ן נאָ־מען: „די ריכטונג פון געלד באַלאַנס.“ די פּראַקטישע סיסטעם איז געווען געגרינדעט אויף דער מיינונג, אז דער איינציגער געגענשטאַנד פון רייכטהום איז דאס געלד. פאר'ן מערקאַנטיליסט האט געלד פאר זיך אליין א ווערטה, און דוקא געלד. אנדערע סחורות האבען נ'ר א ווערטה אויף אזוי פיעל, ווי ווייט זיי קענען אויסגעביטען ווערען אויף

געלד. די עקאָנאָמישע קראַפט פון לאַנד ווערט אויסגעמאָסטען מיט די סומע געלד, וואס גרעסער דיעזע סומע איז, אַלץ גרעסער איז די עקאָ־נאָמישע קראַפט פון לאַנד.

דאס פּראַקטישע לעבען האט אבער גלייך אליין געוויעזען, אז דיעזע פּאָליטישע סיסטעם איז דורך און דורך פאַלש. אויסער דעם, וואס מיט דער ענטוויקלונג פון האַנדעל איז איבערהויפּט געווען אונ־מעגליך צו קאָנטראָלירען די סומעס אריינגעפיהרטע און ארויסגע־פיהרטע געלד, דען דער ענטוויקעלטער האַנדעל קען ניט פאָרקומען נור מיט מזומן׳ע געלד. מען האט געמוזט אָנקומען צום קרעדיט, פער־קויפען און קויפען אויף וועקסלען און אנדערע ווערטה־פּאַפּיערען — אויסער דאס אַלץ האט מען זיך גלייך איבערצייגט, אז ניט אַלע מאָל איז דאס ארויספיהרען פון מזומן׳ע געלד א שאדען פאר׳ן שטאַאט, דער סוחר האט עס געקענט ארויספיהרען, פערווענדען אויף סחורות, פערקויפען מיט ריוח און אריינפיהרען שפּעטער מעהר געלד.

האַלטען זיך נאָך אַלץ ביי דער פריהערדיגער מיינונג איבער די בעדייטונג פון געלד פאר די מדינה, האט דער מערקאַנטיליזמוס נור איבערגעביטען די פּאָליטיק, די פּראַקטישע מיטלען, ווי אריינצו־ציהען מעהר געלד אין לאַנד. אנשטאט די פּאָליטיק פון „געלד באַ־לאַנס" איז איינגעפיהרט געוואָרען דער „האַנדעלס באַלאַנס." די רעגיערונג האט זיך נור געסטאַרעט דאס דער ווערטה פון די ארויס־געפיהרטע סחורות, זאָל זיין מעהר פון די אריינגעפיהרטע. דאס וועט שוין ממילא ברייגנען דערצו, דאס ס׳זאָל אין לאַנד אריינגעפיהרט ווע־רען מעהר געלד. ווען איך פערקויף אין אויסלאַנד, למשל, פאר 100,000 רובעל סחורות און קויף נאָר דאָרט פאר 75,000, וועט מען דאָך דעם רעשט פון 25,000 סיי ווי סיי מוזען דעקען מיט געלד. דער אנהענגער פון „געלד באַלאַנס" סיסטעם איז געווען דער מיינונג, אז געלד דארף מען איבערהויפּט אויסגעבען וואס ווייניגער, דער מער־קאַנטיליסט פון „האַנדעלס באַלאַנס" סיסטעם האט אבער געזאָגט: ניין! אויסגעבען געלד קען מען וויפיעל מען וויל. מען דארף נור אויסגעבען דאס געלד אויף אַזאַ אופן, מען זאָל שפּעטער בעקומען וואס מעהר ריוח."

אום די ארויסגעפיהרטע סחורות זאָלען זיין מעהר פאר די אריינגעפיהרטע, האט די רעגיערונג אונטערשטיצט מיט פערשיע־

דענע פּרעמיען יענע סוחרים, וועלכע פלעגען ארויספיהרען סחורות קיין אויסלאַנד, און, פערקעהרט, געמאַכט שווערינקייטען פאר די אריינגעפיהרטע סחורות דורך גרויסע אָבצאָהלונגען. מען האט איינ־געפיהרט דעם צאָהל־טאַריף. צווינגענדיג דעם אויסלענדישען סוחר צו צאָהלען גרויסע פּאָשלינעס (א גרויסען טאַריף) פאר זיינע סחורות, האט די רעגירונג דערמיט גופא אונטערגעשטיצט די היימישע סוחרים, ווייל זיי האבען געקענט פערקויפען זייערע סחורות פאר העכערע מקחים און דאָך זאָל עס זיין ביליגער איידער ביים אויסלענדישען קאָנקורענט. אזא סיסטעם צו שיטצען און אונטערשטיצען דעם היימי־שען האנדעל און אינדוסטריע ווערט אָנגערופען: „פּראָטעקציאָ־ניזמוס” (פּראָטעקשען).

ארויסגעהענדיג פון דער איבערצייגונג, אז דער שיקזאל פון לאנד איז אבהענגיג פון דעם מסחר, האט די רעגירונג אָנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטלען אונטערצושטיצען די סוחרים. זי, די רעגיע־רונג האט ניט געזשאַלעוועט קיין הלואות און פּריווילעגיעס פאר די דאָזיגע, וועלכע האבען געמאַכט מסחרים. איבערהויפּט האט די רע־גיערונג אונטערגעשטיטצט די פאַבריקאַנטען־מאַנופאַקטוריסטען. ווא־רום צו יענער צייט איז דער האנדעל מיט אויסלאַנד געפיהרט געוואָ־רען הויפּזעכליך נור אין אינדוסטריא פּראָדוקטען. די ערשטע אונ־טערנעהמער האט די רעגיערונג גערן געגעבען פּריווילעגיעס און מאָ־נאָפּאָלען. כדי די פאַבריקאַנטען (מאַנופאַקטוריסטען האבען זיי געהיי־סען, ווארום פאבריקען אין איצטיגען זינען זיינען נאָך ניט געווען) זאָלען האבען וואָלוועלע ארבייטס־קראַפט, האט די רעגיערונג בע־שטימט א מאַקסימום (דעם גרעסטען פּרייז, וועלכען קיינער האט ניט געטאָרט איבערשטייגען) פון ארבייטס־לוין, און האט בעשטראָפט די יעניגע, סיי ארבייטער, סיי פאַבריקאַנטען, וועלכע האבען פער־זוכט די טאַקסע צו העכערען. אבער בכדי דער ארבייטער זאָל קענען עקזיסטירען מיט זיין ניעדריגען לוין, האט די רעגיערונג בעשטימט קליינע פּרייזען אויף די נאַהרונגס־מיטלען און האט פערבאָטען ארויס־צופיהרען תבואות און גרינסען קיין אויסלאַנד. די גוטס־בעזיצער (פּאַרמערס) זיינען איבערהויפּט זעהר אונטערדריקט געוואָרען אין דער מערקאַנטיליסטישער פּעריאָדע. די גאַנצע זאָרג פון די רעגיע־רונג איז אוועקגעלייגט געוואָרען צו שאפען א געלד־בורזשואזיע. דורך

דעם פערבאָט צו נעהמען הויכע צינזען האט די רעגיערונג פערלייכ־טערט די אונטערנעהמער צו בעקומען געלד. דער הויפּט־ציעל פון דיזע געזעצען איז געווען צו טרייבען די קאַפּיטאַליסטען אליין צו פיהרען וועלכע עס איז געשעפטען, ניט אבער אָבצוגעבען אויף פּראָ־צענט די געלד. אום אויסצובעסערען די טעכניק האט די רעגיערונג זיך געסטאַרעט ארייננצובעקומען אויסלענדישע געלערנטע ארבייטער און ספּעציאַליסטען. די רעגיערונג האט אפילו געהאַלטען ספּעציעלע געהיימע אַגענטען אין אויסלאַנד, וועלכע זיינען געווען פערפליכטעט דאָרטען אויסצושפּיאָנירען די נייע אויסבעסערונגען אין דער טעכניק.

כדי די אינדוסטריע־אונטערנעהמער זאָלען זיין פערזאָרגט מיט ארבייטער, האט דער מערקאַנטיליסט געזאָרגט דערפאַר, אז די בעפעל־קערונג זאָל גרעסער ווערען, און האט דורך פערשיעדענע זכותים, פריי־ווילעגיעס אונטערשטיטצט די יעניגע, וועלכע האבען יונג חתונה גע־האט און געהאט א סך קינדער. אין קאָלבער'ס צייטען (אין דער צווייטער העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט) איז אין פראנקרייך געווען ארויסגעגעבען א געזעץ, וועלכער האט בעפרייט פון אָבצאָהלונגען אויף 5 יאָהר די, וועלכע האבען חתונה געהאט ביז 21 יאָהר. די יעניגע, וועלכע האבען געהאט 10 קינדער, זיינען בעפרייט געוואָרען אויף שטענדיג פון אָבצאָהלונגען. אזוי ווי די רעגיערונג האט געוואָלט ווי־סען קלאָר, וואס עס טהוט זיך אין דער אינדוסטריע, האט זי אַלץ אונטערוואָרפען אונטער איהר אויפזיכט און האט איבעראָל איינגע־פיהרט א שטרענגע קאָנטראָל. דער שליסעל פון אינדוסטריע און האנדעל איז אין גאנצען געלעגען ביי די רעגיערונג אין האנד. די פאַב־ריק פאָרשריפטען האבען ארומגענומען די קלענסטע זאכען פון דער פּראָדוקציאָן: זיי האבען פּינקטליך בעשטימט די געצייג, מיט וועלכע מען זאָל זיך בענוצען, די זאָרט סחורות, וואס האבען געדארפט אויס־געארבייט ווערען, וואס פאר א ליינג, ברייט, פארב די סחורה דארף האבען. וואס פאר א זאָרט מיטלען די רעגיערונג האט איבערהויפּט אָנגעווענדעט צו אונטערשטיטצען דעם מסחר, קענען מיר זעהען פון פאָלגענדע ביישפּיעלען. אין יאָהר 1563 האט די ענגלישע קעניגין עליזאַבעטה, ארויסגעגעבען א געזעץ, ניט צו עסען קיין פלייש צוויי טעג אין וואָך, כדי דערמיט אונטערצוהאַלטען דעם פיש־פאַנג. אין יאָהר 1666 איז אין ענגלאַנד ארויסגעגעבען געוואָרען א געזעץ, אז

מען זאָל א בר מינן דוקא בעגראָבען אין וואָלענע תכריכים. דערמיט האט די רעגיערונג געוואָלט אונטערהאַלטען די וואָל־מאַנופעקטור און פאר דעם עובר זיין דעם געזעץ האט מען שטרענג בעשטראָפט.

איבערהויפט האט דער מערקאנטיליזמוס געשטרעבט דערצו, אז די רעגיערונג זאָל פון אלץ וויסען און אז זי זאָל זיך אריינמישען אין עקאָנאָמישען לעבען פון לאנד, ווייל נור זי איז, לויט דער מערקאנטי־ליסטישער שיטה, אומשטאנד צו רעגולירען און צו בעשטימען דעם גורל פון לאנד. אזא אפוטרופסות, אזא קאָנטראָל, איז אין אָנפאנג, ווען דער קאפיטאליזמוס איז יונג, ניט ענטוויקעלט, געווען זעהר ניצ־ליך. שפעטער אבער, ווען דער קאפיטאליזמוס איז אויסגעוואקסען, געוואָרען שטארק, איז די אפוטרופסות פערוואנדעלט געוואָרען אין שווערע קייטען, וואס האבען נור געשטערט דער ענטוויקלונג.

כדי די סוחרים פון לאנד זאָלען זיין געזיכערט, דאס זיי וועלען האבען ערטער, וואוהין צו פערווענדען זייערע סחורות און ניט זיין אָבהענגיג פון אויסלאנד, האט יעדע רעגיערונג געשטרעבט צו האבען וואס מעהר קאָלאָניעס איבער׳ן ים. אזוינע קאָלאָניעס האבען גע־בראכט א דאָפעלטען נוצען. ערשטענס, האבען זיי געדיענט אלס א גוטער מארק פאר די פארטיגע סחורות פון מעטראָפאָל (הויפטלאנד), צווייטענס, האבען זיי געליפערט רויהע מאטעריאל צום איבערארביי־טען. די קאָלאָניען האבען ניט געהאט דאס רעכט צו פערקויפען איר־גענד וואו אנדערש די רויהע מאטעריאלען און אויך ניט דאס רעכט צו קויפען ביי אנדערע פארטיגע סחורות. דאס איז געווען שטרענג פערבאָטען. אין יאָהר 1651 האט דער ענגלישער מיניסטער קראָמ־וועל ארויסגעגעבען א געזעץ, וואס איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער׳ן נאָמען „נאוויגאציאָן אקט" (שיפפאהרטס געזעץ). דיעזער געזעץ פאָדערט, אז אריינפיהרען און ארויספיהרען סחורות פון די ענגלישע קאָלאָניען האבען נאָר געמעגט ענגלענדער און דוקא אויף ענגלישע שיפען. דאס איז געווען געטהאָן כדי זיך צו פערזיכערען געגען דער קאָנקורענץ פון די אויסלענדישע סוחרים און סחורות.

די קאָלאָניאל פאָליטיק, ד. ה. די פאָליטיק אריינצוכאפען וואס מעהר נייע קאָלאָניעס, איז אם שטארקסטען געווען ענטוויקעלט אין דאמאָלסדיגע פעריאָדע. דיעזע פאָליטיק האט געהאט אויך גוטע זיי־טען. זי האט געפיהרט, צ. ב., אויסצובעסערען די בויאונג פון שיפען,

וועלכע האט דאמאלס ערררייכט א גרויסע שטופע פון ענטוויקלונג.

אזא פאליטיק האט געטריעבען יעדער שטאאט בעזונדער. יעדער שטאאט האט געוואלט, אז אויפ'ן אינלענדישען און אויסלענדישען מארק זאלען נור הערשען זיינע סוחרים און מאנופאקטוריסטען. די בעציהונגען פון איין שטאאט צום צווייטען זיינען געווען זעהר פיינדליכע. די קאלאניאל פאליטיק האט דיעזע בעציהונגען נאך מעהר פערשארפט. עס פלעגען זעהר אפט פארקומען רייסערייען און מלחמות. די מלחמות זיינען געפיהרט געווארען ניט נור צווישען פערשיעדענע לענדער, נור אויך צווישען די צענטראלע רעגיערונגען און זייערע איינצעלנע „אונטערטהעניגע" פירסטען. יעדע רעגיערונג האט גע־שטרעבט אבצונעהמען די מאכט פון די פעאדאלען און צענטראליזי־רען דאס אין איין ארט — אין די הענד פון דעם קעניג. די איינצעלנע פירסטען האבען אבער ניט געוואלט פערלירען זייער אונאבהענגיג־קייט און האבען אפט געמאכט בונטען און אויך געפיהרט אפענע מלחמות געגען דער קעניגליכער מאכט. און אויף אזא אופן האבען זיך אין יענער צייט אזוי שטארק ענטוויקעלט דער מיליטאריזמוס און די גרויסע פעראייניגטע און צענטראליזירטע נאציאנאלע שטאא־טען.

איצט קענען מיר מאכען א סך הכל און איבערגעבען אין קורצען די יסודות פון דער מערקאנטיליסטישער פאליטיק.

1) די איבערצייגונג, אז די רייכקייט פון לאנד ווענדעט זיך אן די סומע געלד, אז געלד האט דעם אמת'ן ווערטה פאר א לאנד, אליין פאר זיך, ניט נור אלס מיטעל צו קויפען סחורות.

2) פראטעקציאניזמוס. די פאליטיק צו בעשיצען אייגענע סחורות און סוחרים דורך הויכע אבצאהלונגען (צאהל־טאריף), און דורך אנדערע מיטלען, דאס האט געפיהרט צו נאציאנאליסטישע און שאוויניסטישע שטרעבונגען.

3) קאלאניאל פאליטיק. דורך דעם האט זיך פערשטארקט די ענטוויקלונג פון שטאאט אלס גרויסע מיליטער מאכט אויפ'ן ים און אויף דער יבשה.

4) די מיינונג, אז דער גאנצער גורל פון די פעלקער ליעגט אין די הענד פון דער רעגיערונג, וועלכע קען קינסטליך בערייכערען און פערארעמערען די בעפעלקערונג מיט הילף פון געוויסע געזעצען. דאס

האט געפיהרט צו די אפּוטרופּסות, צו דעם, אז די רעגיערונגען זאָלען זיך אריינמישען אין אויסערליכען האנדעל און אויך אין אינערליכען לעבען פון די פעלקער.

5) דער אונטערגאנג פון אָבגעזונדערטע פעאָדאַלע הערשאפט און די ענטשטעהונג פון גרויסע נאציאָנאַלע ענטוויקעלטע שטאאטען מיט א שטרענג צענטראליזירטער מאכט.

אין אלגעמיין קען מען זאָגען, אז מערקאנטיליזם איז געווען מעהר א פּאָליטיש־פּראקטישע סיסטעם, איידער א טהעאָרעטיש בע־גרינדעטע לעהרע. דער מערקאנטיליזם האט געהערשט אין איירָאפּא אין ערך פון דריי הונדערט יאָהר: פון דער ענטדעקונג אמעריקאַ ביז׳ן 18טען יאָהרהונדערט. די בעדייטענדסטע פּאָליטיקער, וועלכע האבען דורכגעפיהרט אין לעבען דיעזע סיסטעם, זיינען געווען אין פראנקרייך: דער פינאנס מיניסטער פון לואי דעם 14טען קאָלבער; אין ענגלאנד — דער בעריהמטער קראָמוועל; אין איטאליען — מאַקיאַוועלי.

IV.

# די לעהרע פון די פיזיאָקראַטען

ווען מיר נעהמען בעטראַכטען דאס לעבען פון גאַנצען כלל, פון דער געזעלשאַפט, זעהען מיר, דאס עס איז אין פיעל הינזיכטען עהנליך צום לעבען פון פרט, פון איינציגע פערזאָנען. די גאַנצע געזעלשאַפט לעבט אויך איבער פערשיעדענע פעריאָדען אזוי ווי יעדע איינצעלנע פערזאָן. די געזעלשאַפטליכקייט, דער אינהאַלט, בלייבט טאַקי שטענדיג. אבער עס בייטען און ענדערען זיך די פאָרמען, אין וועלכע די געזעלשאַפטליכקייט קליידעט זיך אָן. דער אינהאַלט איז דער קאַמפּף אום'ם דאַ־זיין, די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע. די פאָרמען זיינען דאס פּאָליטישע און גייסטיגע לעבען פון דער געזעלשאַפט. די פאָרמען, וועלכע זיינען אין דער יוגענד פון א געוויסער געזעלשאַפטליכער פּעריאָדע געווען זעהר גוט צוגעפּאַסט און נוצען געבראַכט די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, ווערען שפּעטער, ווען די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע ענטוויקלען זיך ווייטער און ברייטער, ענג. דאַן פּאַסירט, אז אויסער דעם, וואס זיי הערען אויף צו נוצען, הויבען זיי נאָך אָן צו ברייננגען שאַדען. זיי דריקען די עקאָנאָמיק און לאָזען זיך איהר ניט ענטוויקלען. ווען דיעזער דרוק ווערט פיהלבאַר אין דער געזעלשאַפט, דאַן פאַנגט זיך אָן צו ענדערען די מיינונגען און די איבערצייגונגען פון די פאָרטגעשריטענע מענשען, וועלכע הויבען שוין אָן צו פּרעדיגען נייע תורות, נייע לעהרען, ביז וואַנען די געזעלשאַפט בעקומט אזעלכע פאָרמען, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צום נייעם אינהאַלט. די אונצופריעדענהייט מיט פריהערדיגע, ניט פּאַסענדע פאָרמען, ווירקט טהייל מאָל אזוי גרויס, דאס די נייע אנשויאונגען אונטערשיידען שוין ניט פון גוט און שלעכט און פּרעדיגען גראַד דעם געגענזאַץ פון פריהער, אפילו

ווען אייניגע פון די פריהערדיגע מיינונגען האבען נאָך אויך איצט, ביי דער געגענוואַרטיגער ענטוויקלונג, געקענט עקזיסטירען. אזעלכע ענטגעגען־געזעצטע אויפפאסונגען פון צוויי פעריאָדען איינע נאָך די אַנדערע, זעהען מיר זעהר אָפט אין דער געשיכטע. דאס וואס די ערשטע פעריאָדע האלט פאר אמת, האלט די צווייטע פעריאָדע פאר שקר. וואס ביים ערשטען איז הייליג, איז ביים צווייטען—וואָכעדיג. וואס ביים ערשטען גוט — ביים צווייטען דוקא שלעכט, א. ז. וו. אזעלכע שטימונגען רופט מען „רעאַקציאָנען" — צוריקווירקונג געגען דער פריהערדיגע פעריאָדע.

אזא רעאַקציאָן געגען דער מערקאַנטיליסטישער סיסטעם זעהען מיר אין דער לעהרע פון די פיזיאָקראַטען.

כל־זמן דער קאפיטאַליזמוס איז נאָך געווען יונג, ניט ענטוויקעלט און זיך גענויטיגט אין אויפפאסונג, איז די אפוטרופסות, דער קאָנטראָל פון דער רעגיערונג אויף די פראָדוקציאָן, געווען זעהר נויטיג. שפעטער, ווען דער האנדעל און אינדוסטריע זיינען שוין ארויס־געוואַקסען פון זייער קינדער־פעריאָדע, ווען זיי זיינען שוין געוואָרען שטארק, זעלבסטשטענדיג, דאן איז דאס אריינמישען זיך פון דער רעגיערונג אין דער פראָדוקציאָן געוואָרען אין גאנצען איבעריג. עס איז פון איהם געוואָרען א גרויסע איבעריגע לאַסט, וועלכע האט ניט גע־לאָזען געהן פאָרווערטס. דאס האט נור געשטערט דער ענטוויקלונג פון קאפיטאַליזמוס. ניאַנקעס זיינען נור גוט פאר קליינע קינדער, פאר גרויסע מענשען איז דאס אַן אונגליק. די ענטוויקלונג פון גרויס־קאַ־פיטאַל פאָדערט פרייהייט. דער גרויסער אונטערנעהמער דארף ניט יעדע זאַך אַנפרעגען ביי דער רעגיערונג. ער מוז קענען זיך פריי בעוועגען. פרייהייט פאר׳ן גרויס־קאפיטאַל איז, אזוי ווי לופט פאר׳ן לעבען פון בעשעפעניסען.

דער פראָטעקציאָניזמוס האט אויך אַנגעפאַנגען צו שטערען דער ענטוויקלונג. דער קאפיטאַל האט ניט קיין היים. ער מוז וואַנדערען איבער די גרענעצען פון זיין פאָטערלאַנד. די ווענד פון פראָטעקציאָ־ניזמוס האבען איהם אבער פערצאַמט דעם וועג. עס זיינען געוואָרען אונצופריעדען די פערברויכער פון די פראָדוקטען, די קויפער. צוליעב די צאָהל־טאריפען האבען זיי געמוזט צאָהלען טהייערער פאר די סחורות, וועלכע זיי האבען נויטיג געהאט. די גרונד־בעזיצער און

אקער־בויער האבען נאך מעהר געפיהלט דעם שווערען יאך פון פּראָטעקציאָניזמוס אין דער אינדוסטריע, וועלכע איז געגאנגען האנד אין האנד מיט דער פערנאכלעסיגונג און זאָגאר אונטערדריקונג פון דער לאנדווירטהשאפט. יא, זאָגאר די אינדוסטריע לייט האבען שוין פערלאנגט, מען זאָל פערניכטען די אפּוטרופּסות און דעם פּראָטעקציאָניזמוס. איבערהויפּט האט זיך אָנגעהויבען א בעוועגונג געגען דעם פּראָטעקציאָניזמוס אין די לענדער, וואו די אינדוסטריע איז געווען א סך העכער ענטוויקעלט ווי אנדערסוואו. דער פּראָטעקציאָניזמוס האט ניט געלאָזען דיעזע אינדוסטריע לייט פריי קאָנקורירען איינע מיט די אנדערע און בעהערשען דעם וועלט־מארק.

די קאָלאָניאל־פּאָליטיק און די שאָוויניסטישע לײדענשאפטען זיינען אויך געוואָרען דערוויעדער דער ענטוויקלונג. דער קאפּיטאליזמוס זוכט ערטער פאר זיך איבעראל. וואו נור ער האט די מעגליכקייט זיך אריינצורייסען, רייסט ער זיך אריין. אין א געוויסען זינן רעגיערט דאָ אויך דאס פיזישע נאטור־געזעץ, בעוואוסט אונטער'ן נאָמען דיפוזיאָן, אז יעדער קערפּער שטרעבט זיך אריינצורייסען אומעטום, וואו עס איז דאָ א לעדיגער פּלאץ. די גרענעצען פון נאציאָנאליזמוס און שאָוויניזמוס ברעכט ער דורך. די קליינליכע, אוננוטציגע פיינדשאפט פון איין מדינה צו דער צווייטער, פערטראָגט דער קאפּיטאל ניט. ער פארפעסטיגט זיך איבעראל, וואו נור ער קען נוטצען האבען. ער אונטערשיידעט ניט זיין פּאָטערלאנד פון אַן אנדער לאנד. „דער אינערליכער און דער אויסערליכער האנדעל — זאָגט נאָרט, א פּאָרשטעהער פון דער פיזיאָקראטישער לעהרע — זיינען ביידע גלייך נויטיג. די ענטוויקלונג פון איינעם איז אָבהענגיג פון'ם צווייטען. ביידע, דער ערשטער ווי דער צווייטער, מוזען זיין פריי. אלע נאציאָנען פון דער וועלט זיינען פערבונדען צווישען זיך, זיינען נויטהיג איינער פאר'ן אנדערן, ווי איינציגע שטעדט פון איין מדינה. אוועקשטעלען צווישען פערשידענע נאציאָנען צאמען, ווענד, דורך די צאָהל־טאריפען און איבעריגע פערטהיידיגונגס־מיטלען, איז אזוי נארריש, ווי צו פערבאָטען דעם פערקעהר און איבעריגע האנדעלס־בעציהונגען צווישען שכנה'שע שטעדט, אדער, זאָגאר, ווי צווישען איינציגע ווירטהשאפטען. אלע נאציאָנען געהען צו איין ציעל אין זייער ענטוויקלונג, זייער העלפען איינע די אנדערע. אין איינדו־

סטריעלע אנגעלעגענהייטען מוז די גאנצע מענשהייט לעבען אין פריעדען. יעדער שמאלער נאציאנאליזמוס ברייננט נור שאדען. ער פערקלענערט די נוצען, וואס ביידע צדדים ברייננען איינע די אנדערע און דערמיט האלט ער אויף די עקאנאמישע ענטוויקלונג."

די גרונד־אידעע פון נארט'ס לעהרע בעשטעהט אין דעם, אז אין אינדוסטריעלען הינזיכט זיינען די אינטערעסען פון פערשיעדענע פעלקער און נאציאנען ניט ענטגעגענגעזעצט, זאנדערן סאלידאריש, און אז אין דיעזער בעציהונג זיינען אלע נאציאנען נור איינציגע מיט־גליעדער פון דער אלגעמיינער גרויסער מענשליכער פאמיליע. „קיין פאלק — ענדיגט נארט — איז ניט רייך געווארען דורך די מיטלען פון פראטעקציאניזם. נור שלום, פריינדשאפט, ליעבע צו ארבייט און פרייהייט בעשאפען דעם האנדעל און רייכטהום."

די פריהערדיגע נאציאנאליסטישע אידעע פון אבגעזונדערטקייט, פיינדשאפט, איז אויסגעביטען געווארען אויף אידעען פון קאסמאפא־ליטיזמוס, פון ליעבע און אכטונג צום צווייטען, פון וועלכער נאציאן אדער מדינה יענער זאל ניט זיין; פרייער פערקעהר, פרייע קאנקור־רענץ, א. ז. וו. דיעזע אלע אידעען האבען געפונען א גרויסען אבקלאנג אין די אונצופריעדענע פאלקס־מאסען, וועלכע האבען ניט געקענט דערשלעפען דעם לאסט פון די גרויסע אבצאהלונגען, וואס די רע־גיערונגען האבען ארויפגעווארפען כדי צו האבען די מעגליכקייט צו פיהרען מלחמות. עס האט זיך ערוועקט א שנאה צו דער הערשענדער ארדנונג. דיעזע שנאה האט זיך, ווי בעוואוסט, געענדיגט מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציאן.

דער בעגריעף וועגען די בעדייטונג און די אויפגאבען פון דער רעגיערונג און פון דער געזעלשאפט האט זיך אויך אין גאנצען געענ־דערט. פריהער איז מען געווען דער מיינונג, אז די געזעלשאפט בע־שטעהט פון פערשיעדענע אינדיווידיואומען (יחידים), וועלכע האבען צווישען זיך קיין שום צוזאמענהאנג ניט, אהן א סדר און אהן אן ארד־נונג. דעריבער האט מען געמיינט, אז די רעגיערונג מוז רעגולירען די בעציהונגען צווישען מענשען, כדי צו שאפען ארדנונג. איצט איז מען אבער געקומען צו דער מיינונג, אז די געזעלשאפט איז אן ארגא־ניזמוס, וואו יעדער מענש איז א בעזונדערער ארגאן און אז דיעזער ארגאניזמוס ענטוויקעלט זיך אליין לויט געוויסע נאטירליכע געזע־

צען. מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס צווישען די מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט עקזיסטירט א געוויסע הארמאָניע, געוויסע בעציהונגען, געגרינדעט אויף זייערע בעציהונגען צו דער אויסערליכער נאטור. יעדע בעשרענקונג, יעדער אריינמישען זיך קען נור דיעזע נאטירליכע הארמאָניע שטערען. „ניט די מענשען לעבען פאר׳ן שטאאט — האט מען אָנגעפאנגען צו טענה׳ן — נור דער שטאאט עקזיסטירט פאר די מענשען.”

דער קוואל פון רייכטום.

די מערקאנטיליסטישע לעהרע וועגען די בעדייטונג פון געלד, האט מען געהאלטען אין גאנצען פאר פאלש. מען איז געקומען צו דער ריכטיגער איבערצייגונג, אז געלד פאר זיך אליין האט קיין שום ווערטה ניט. געלד איז נור א געצייג, א מיטעל צום מסחר. די קוועלע פון רייכטהום איז ארבייט, ניט געלד. א לאַנד קען האבען זעהר ווענִיג געלד און זיין רייך. „געלד — זאָגט דער בעריהמטער פילאָזאָף דוד יום, — איז נור א מיטעל צו פערגרינגערען דעם אויסטויש פון סחורות. געלד איז ניט דער ראָד פון האנדעל, נור די שמירונג. עס שמירט אונטער די רעדער און די בעוועגונג ווערט גרינגער.”

די פיזיאָקראטען זיינען געווען איבערצייגט, אז דאס עקאָנאָמישע לעבען ענטוויקעלט זיך דורך אונפערענדערליכע, פעסט אוועקגעשטעלטע, ניט ווילקירליכע געזעצען, און אין געגענזאץ צו די מערקאַנטיליסטען, וועלכע האבען געמיינט, אז די רעגיערונג קען דורך קינסטליכע מיטלען בערייכערען די מדינה, האבען זיי בעהויפטעט, אז די אויפגאבע פון דער וויסענשאפט בעשטעהט ניט אין דעם אויפצוזוכען מיטלען, ווי קינסטליך דאס לאַנד צו בערייכערען, דאס איז איבערהויפט אונמעגליך, — זאָנדערן מען מוז אויסגעפינען די געזעצען, וועלכע רעגיערען אין לעבען, און דאן לאָזען דאס לעבען זיך פריי ענטוויקלען לויט דיעזע געזעצען. דער שטאאט דארף ניט רעגיערען איבער די מענשען, זאָנדערן דיענען די מענשען. די פיזיאָקראטישע לעהרע קען מען רופען די ערשטע וויסענשאפטליך־בעגרינדעטע סיסטעם אין דער געזעלשאפטליכער וויסענשאפט. פון די פיזיאָקראטען האבען מיר אויך דאס ערשטע מאָל בעקומען דעם נאָמען „פּאָליטישע עקאָנאָמיע,” ד. ה. די לעהרע פון׳ם נאטירליכען אָרדנונג, וואס הערשט אין דער געזעלשאפט.

אבער צוזאמען מיט די ריכטיגע בעווייזע, וועלכע די פיזיאָקראַ־

טישע לעהרע האט ארויסגעשטעלט געגען די מערקאַנטיליסטען, האט זיך ארײנגע׳גנב׳עט אין איהר זעהר פיעל טעותים. די פיזיאָקראַטען זיינען ארײנגעפאלען אין איינזייטיגקייט. זייענדיג זעהר אָפּאָזיציאָנעל צו די מערקאַנטיליסטישע סיסטעם, פאר וואס זי האט נור געשיצט די אינטערעסען פון אינדוסטריע און האנדעל און אונטערדריקט די לאַנד־ווירטהשאַפט, האט די פיזיאָקראַטישע לעהרע זיך גענומען בעווייזען, דוקא פאַרקעהרט : „לאַנד ווירטהשאַפט, און נור לאַנד ווירטהשאַפט איז די איינציגע קוועלע פון פאָלקס־רייכטהום.” די אמת׳ע קוועלע פון רייכטהום איז לויט די פיזיאָקראַטישע אנשויאונג, די נאַטור, וועלכע בעשאַפט מאַטעריאַל אין די ערד, דער באָדען, וואו דיעזער מאַטעריאַל ווערט איבערגעארבייט אויף נאַהרונגס־מיטלען. דער באָדען, צוזאַמען מיט אלע נאַטירליכע קרעפטען, וועלכע רעגיערען דאָרט, בעשאַפען אלע פּראָדוקטען, וועלכע בעפריעדיגען די מאַטעריעלע בעדערפנישען פון מענשען. און דעריבער האבען די פיזיאָקראַטען געהאלטען די לאַנד־ווירטהשאַפט פאר די איינציגע קוועלע, ווי די פעלקער צו בערייכערען. נור אין לאַנד־ווירטהשאַפט קומט די נאַטור צו הילף דעם מענשען׳ס ארבייט. נור די לאַנד־ווירטהשאַפט גיט, נאָכדעם ווי מען רעכענט ארונטער די הוצאות, א ריינעם ריוח, וועלכער פערגרעסערט די רייכטהום. יעדערער זעהט קלאָר, אז דער לאַנד־ווירטה זעעט 1 צענטער תבואה און נעהמט ארונטער 10 צענטער. דאס איז א ממשות׳דיגער ריוח. דיעזער ריינער ריוח פון 9 צענטער בעקומט מען — זאָגען די פיזיאָקראַטען — נור דערפאר, ווייל די קרעפטען פון דער נאַטור, וועלכע זיינען פערבונדען מיט׳ן באָדען, ווירקען אויפ׳ן מענשען׳ס ארבייט און פערמעהרען די פּראָדוקטען. די אנדערע ארבייטען בעשאַפען איבערהויפּט גאָר ניט. זיי פערמעהרען ניט קיין גיטער, זיי ארבייטען נור איבער דאס, וואס עס איז שוין לאַנג דאָ. דער פאַבריקאַנט קען נור רייך ווערען דענסטמאָל, ווען ער שפּאָרט עטוואָס אָב ביים איבערארבייטען פון סחורות. פיעל ערגער איז נאָך מיט׳ן מסחר, וועלכער שאַפט גאָר ניט : דער מסחר פיהרט נור אריבער די סחורות פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען.

שטעהענדיג אויף דיעזען שטאַנדפּונקט, האבען די פיזיאָקראַטען געהאלטען פאר פּראָדוקטיווע ארבייטער, ד. ה. פאר שעפער, נור

דעם אקערבוי־קלאס. די איבעריגע קלאסען, די אינדוסטריע לייט און סוחרים, וועלכע בעשעפטיגען זיך נור מיט'ן איבעראַרבייטען און איבערפיהרען די פּראָדוקטען, וואס דער אקערבוי־קלאס שאַפט, האָבען די פיזיאָקראַטען געהאַלטען פאר ניט־פּראָדוקטיוו, ווייל זיי לעבען נור אויפ'ן ריוח פון די, וואס בעאַרבייטען די ערד. אלע קלאסען שטעהען ביי די לאנד ארבייטער אויף געהאַלט.

דיעזע לעהרע האט געפיהרט די פיזיאָקראַטען צום פּראַקטישען הויפּט כלל: „ווייבאלד, אז דער באָדען איז די איינציגע קוועלע פון פאָלקס רייכטהום — טאָ דאַרף די רעגיערונג ממילא אונטערשטיצען נור די ענטוויקלונג פון לאנד־ווירטהשאַפט." דער נאָמען פיזיאָקראַט שטאַמט אויך דערפון, וואס דיעזע לעהרע האט געלייגט געוויכט נור אויף די ארבייט פון אקערבויער.

די פיזיאָקראַטען זיינען געגאַנגען אין זייער לעהרע נאָך ווייטער. „די נאַטור — זאָגען די פיזיאָקראַטען — איז ניט נור די איינציגע קוועלע פון רייכטהום, זי איז אויך די איינציגע רעגיערערין אין לעבען פון פאָלק. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג מוז בעשטימט ווערען לויט שטענדיגע אונפערענדערליכע געזעצען פון דער נאַטור, אזוי ווי עס ווערען בעשטימט אַנדערע ערשיינונגען. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג איז גוט און נאָרמאַל נור דענסטמאָל, ווען זי איז צוגעפּאַסט צו די געזעצען פון דער נאַטור; נור דאַן ברייִנגט זי פיעל גליק אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט. יעדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע טרעט אָפּ אָן א זייט פון דער נאַטור, איז ניט גוט און איז שעדליך. און שעדליך איז אזא אָרדנונג אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זי נייגט זיך אָב פון דער פרייער נאַטור."

די נאַטירליכע — און ממילא אויך די בעסטע אָרדנונג — מיינען ווייטער די פיזיאָקראַטען — איז אזעלכע, וועלכע דריקט אָם ווענינגסטען די טרייב־קרעפטען פון דער מענשליכער פרייער נאַטור. זייענדיג אין גאַנצען פריי, איז די נאַטור מעהר פעהיג צו ווייזען דעם מענשען דעם אמת'ען און ריכטיגען וועג. ווען דער מענש וועט נור ווערען רעגיערט דורך די שטימע פון זיין פרייער נאַטור, וועט ער דאַן זיין גוט און אויפגעקלעהרט און שטרעבען צו זיין אייגענעם פערזענ־

ליכען גליק, אויף דעם אופן וועט אויך זיין ערדייכט דאס אלגעמיינע גליק. מען דארף דעם מענשען'ס לעבען בעפרייען פון דעם לאסט פון פערשיעדענע בעגרענצונגען און אונטערדריקונגען. פרייהייט איז נעטהיג אומעטום. מען מוז יעדען מענשען געבען די פרייהייט צו זאָרגען אליין פאר זיך, ווי עס פאָדערן זיינע פערזענליכע אינטערע־סען. דאס וועט אויך זיין א גליק פאר דער גאנצער געזעלשאפט, ווייל דערמיט, וואס יעדערער זאָרגט צו פערמעהרען זיין אייגענעם גליק — דערמיט גופא פערגרעסערט ער שוין ממילא דאס גליק פון דער געזעל־שאפט. די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט זיינען ניט דערוויעדער די אינטערעסען פון יעדען אינדיווידיאום בעזונדער. אויף דעם אופן דארף די רעגיערונג זיך ניט אריינמישען אין לעבען פון די בירגער. די אויפגאבע פון דער רעגיערונג איז נור צו בעשיצען דאס אייגענ־טהום און צו פערטהיידיגען די מענשען. מעהר פערלאנגט מען פון איהר ניט. דער בעריהמטער זאמץ: **Laissez faire laissez passer** לאָזט טהון, לאָזט געהן, וואס דיענט נאָך אויך איצט ביי די ראדיקאלע עקאָנאָמיסטען פאר דעם פיהרענדען כלל אין זייערע פראקטישע פאָ־דערונגען, געהערט אויך צו יענער צייט. מיט דיעזען זאמץ האט זיך דער פיזיאָקראט גורנע געווענדעט צו דער רעגיערונג. דערמיט האט ער געמיינט צו זאָגען, דאס די רעגיערונג זאָל זיך ניט בעקימערען און אריינמישען זיך אין עקאָנאָמישען לעבען. מען דארף יעדען לאָזען פריי האנדלען און פריי שאפען. יעדער בירגער וועט זיך שוין אליין בעשטימען זיין מזל. אויב ער וועט לייכט פערדארבען, וועט ער דער־פאר לייכט פערריכטען, און אומגעקעהרט.

דיעזע פיזיאָקראטישע אויפפאסונג בנוגע די גרויסע בעדייטונג פון דער נאטור אין געזעלשאפטליכען לעבען, האט געהערשט אין די מוחות פון די בעסטע געלעהרטע, דענקער און פילאָזאָפען פון צווייטען העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט. אלע אידעען פון יענער צייט האבען געטראָגען מעהר אדער וועניגער דעם זיגעל פון דיעזער לעהרע. די ענציקלאָפעדיסטען רוססאָ און מאָנטעסקע, וועלכע זיינען איבער־הויפט געווען געגען ציוויליזאציאָן און האבען געפרעדיגט, אז דאס גרעסטע גליק פאר די מענשהייט איז דער נאטור־לעבען — ביז די גרויסע שעפפער פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן מיראבאָ, קאָנ־

דערסע — אלע האבען זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דיעזער לעהרע *).

דער פאָטער פון דער פיזיאָקראַטישער לעהרע איז פראַנסואַ קענע, א הויף־דאָקטאָר ביי לואי דעם 15טען. פון די שטאַאטס־מענער און פאָליטיקער, וועלכע האבען סיסטעמאַטיזירט די פיזיאָקראַטישע לעהרע און געוואָלט דורכפיהרען אין פראַקטישען לעבען, איז געוועזען

---

*) טהאָמאַס דזשעפערסאָן, ווען דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס אין דער צייט פון דעם אונאבהענגיגקייט קריעג, האט איבערגעגעבען צו פאָרמולירען די דעקלאַריישאָן אָף אינדעפענדענס (די אונאבהענגיגקייטס ערקלערונג פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניע), האט זיך פעסט געהאלטען אָן דער טהעאָריע פון דעם נאַטירליכען רעכט און אָן די אַנשויאונגען פון די פיזיאָקראַטען איבער שטאַאט און רעגיערונג.

„מיר האלטען — אזוי דריקט אוים דזשעפערסאָן די אלגעמיינע פאָליטישע פרינציפען אין דער הקדמה צו דער דעקלאַריישאָן אָף אינדעפענדענס — מיר האלטען, אז אלע מענשען זיינען בעשאַפען געוואָרען אלס גלייכע און האבען בעקומען פון דעם בורא עולם געוויסע רעכטע, וואס קיינער קען ביי זיי ניט אוועקנעהמען, און זיי אליין קענען זיך פון די רעכטע ניט אָבזאָגען; צו דיעזע רעכטע געהערען לעבען, פרייהייט און דער שטרעבען נאָך גליק; צו פערשאַפען זיך דיעזע רעכטע גרינדען מענשען רעגיערונגען, וואס זייער מאַכט על פי יושר קומט פון דער הסכמה פון די רעגיערטע; ווען א געוויסע רעגיערונג־פאָרם ווערט א שטערונג פאר דיעזע צוועקען, האט דאס פאָלק דאס רעכט צו ענדערען די רעגיערונג אדער איהר אין גאַנצען אָבצושאַפען און אָנשטעלען א נייע רעגיערונג, וואס זאָל זיין געגרינדעט אויף אזעלכע פרינציפען און איהרע אָרגאַנען זאָלען זיין אזוי איינגעריכטעט, דאס זיי זאָלען בעסער בעוואָרענען די זיכערקייט און דאס גליק פון פאָלק..." דערפון פליעסט אויך ארוים דזשעפערסאָן'ס אידעאַל: „יענעם לאַנד איז אם בעסטען רעגיערט, וועלכע איז רעגיערט אם וועניגסטענס."

די אידעע פון'ם נאַטירליכען רעכט פון די פיזיאָקראַטען זעהט זיך דאָ גאַנץ בולט ארוים פון צווישען די שורות.

א. ש. ז.

מעהר פון אלעמען בעריהמט דער געוויסער טורגאָ, דער פינאַנס־מיניסטער ביי לואי דעם 16טען. אזוי ווי קאָלבער ביי די מערקאַנטיליסטען, איז טורגאָ געווען דער פאָליטישער פאָרשטעהער, וועלכער האַט געהאַט א מאַכט דורכצופיהרען און איינצואָרדנען דאס פראַקטישע לעבען לויט די פיזיאָקראַטישע אנשויאונגען.

די אידעאַלע גרונדלאַגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן ענטהאַלטען אין זיך די פראָגראַם פון דער פיזיאָקראַטישער לעהרע.

# אַדאַם סמיטה



אדאם סמיטה.

## V.

# אַדאַם סמיטה און זיין לעהרע

די גאַנצע ענטשטעהונג פון דער וועלט איז צוזאַמענגעזעצט פון היפּוכים, פון געגענזעטצע. דאָס לעבען שטעהט אין געגענזאַטץ צום טויט, די שטערבליכקייט צום געבוירענשאַפט, א. ז. וו. און מערק־ווירדיג איז דאָס, וואָס דיעזע היפּוכים ענטוויקלען זיך איינע פון דער אַנדערער. דער צווייטער איז א פּועל יוצא, א רעזולטאַט פון דער ער־שטער. ווען דאָס לעבען דערגרייכט די העכסטע שטופּע, הויבט עס אָן צו געהן צוריק, עס פאַנגען שוין אָן צו זיין קענטיג די סמנים פון דעם לעבען׳ס גרעסטען פיינד — פון זיין ווידערשפּרוך — פון׳ם טויט.

ווען דער טויט האָט שוין אין גאַנצען בעזיגט דאָס לעבען—פאַנגט זיך אָן אויף דאָס נייע צו בילדען א לעבען — די סתירה, דער ווידער־שפּרוך פון׳ם טויט. די אַלע עלעמענטען, די אַטאָמען, פון וועלכע די טויטע בעשעפענים אדער פלאַנצע איז געוועזן צוזאַמענגעזעצט, ווערען ווידער פעראיינט, אָרגאַניזירט אין פערשיעדענע פאָרמען, און בילדען נייע אָרגאַניזמען — נייע לעבענס.

די ענטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען בעשטעהט אויך פון היפּוכים, פון סתירות, פון רעאַקציאָנען הייסט עס. די געגענוואר־טיגע פעריאָדע איז סותר די פערגאַנגענע. די צוקינפטיגע פעריאָדע ווידער וועט שטעהען אין פולען ווידערשפּרוך צו דער געגענווערטי־גער. און כאַראַקטעריסטיש דערביי איז, וואָס די דריטע פעריאָדע קעהרט זיך ווידער צוריק צו דער ערשטער, ניט אין גאַנצען געוועהנ־ליך, דען אויב אזוי וואָלטען מיר זיך ניט ענטוויקעלט, ניט געגאַנגען ווייטער, נור מיר וואָלטען זיך ארומגעדרעהט אויף איין אָרט, ווי א וועווערקע אין ראָד. די דריטע פעריאָדע, קען מען זאָגען, בילדעט זיך

פון די ערשטע צוויי. דאס איז א פשרה צווישען די פערגאנגענע צוויי סתירות. די דריטע פעריאָדע ירשה'ט די גוטע אייגענשאפטען פון די ערשטע און פון די צווייטע און דעריבער איז זי פאָלקאָמענער, ענטוויקעלטער.

דיעזען סדר פון ענטוויקלונג האט צום ערשטען געוויעזען דער בעריהמטער פילאָזאָף העגעל. און ער טראָגט דעם נאָמען אין דער פילאָזאָפיע העגעל'ס דיאלעקטיק. די דיאלעקטישע ענטוויקלונג האט ניט קיין סוף. אלעס געפינט זיך אין שטענדיגער אונאויפהער־ליכער בעוועגונג. אלעס וואס ענטשטעהט, געהט אונטער, און אלעס, וואס געהט אונטער, ענטשטעהט אין א נייער פאָרמע, אין א נייער מעהר ענטוויקעלטער געשטאלט. *)

מיר האבען שוין געזעהען אין פאָריגען קאפיטעל, אז די פיזיאָ־קראטישע לעהרע איז געווען דער פאָלקאָמענער געגענזאטץ, די עכ־טע סתירה פון'ם מערקאנטיליזמוס. אלץ, וואס די מערקאנטיליסטען האבען געבויט, האבען די פיזיאָקראטען געוואָלט חרוב מאכען. וואס דער מערקאנטיליזמוס האט געהאלטען פיר זעהר וויכטיג, פאר א עיקר (די ענטוויקלונג פון אינדוסטריע און האנדעל) האבען די פי־זיאָקראטען געהאלטען פאר א טפל. דער טפל ביי די מערקאנטיליסטען וויעדער (לאנד־ווירטהשאפט) האבען די פיזיאָקראטען ארויפגעהויבען פאר'ן ערשטען עיקר, א. ז. וו. לויט די דיאלעקטישע ענטוויקלונג האט די אויפפאסונג, וואס האט גע'ירשה'ט די פיזיאָקראטישע לעה־רע, בעדארפט בילדען א העכערע ענטוויקלונגס־שטופע אין דער עקאָ־נאָמישער וויסענשאפט, — אזא מעהר ענטוויקעלטער אויפפאסונג איז טאקע געווען די לעהרע פון בעריהמטען שאָטלענדישען פילאָזאָף און געלעהרטען אדאם סמיטה.

ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט האט זיך אָנגעהויבען אין ענג־לאנד א נייע פעריאָדע אין ענטוויקלונג פון קאפיטאליזמוס. דיעזע נייע פעריאָדע איז ארויסגערופען געוואָרען דורך די פיעלע פערבעסע־רונגען, וואס איז געמאכט געוואָרען אין דער טעכניק. אין יאָהר 1764 האט וואַטש ערפונדען די ערשטע דאמפף מאשינע. עטוואס שפעטער

*) אויספיהרליך איבער העגעל'ס דיאלעקטיק זעה מיין ווערק „היסטאָרישער מאטעריאליזמוס," פערלאג „די וועלט," ווילנא, 1907.

האט ארקראיט ענטדעקט די ערשטע וועבער־מאשינע. ביז יענער צייט האט מען געוועבט מיט איינפאכע וועבער־שטוהלען. אין יאהר 1785 האט מען שוין וואטש'ס דאמפף מאשינע אנגעפאנגען צו פערווענדען אין די וועבערייען, וואו מען האט געארבייט מיט ארקראיט'ס מאשינען. די הויך ענטוויקעלטע מאשינען האבען געמאכט א גאנצען איבערקעהרעניש אין עקאנאמישען לעבען פון ענגלאנד. דער קאפיטאליזמוס האט זיך ריעזיג שנעל אנגעפאנגען צו ענטוויקלען. יעדער אונטערנעהמער האט געזוכט איינצופיהרען די נייע מאשינען כדי אויסצוהאלטען די קאנקורענץ און צו האבען די מאכט אויפ'ן וועלט מארק. די גרויסע אינדוסטריעלע זיינען געווארען דער בעדייטענדסטער קלאס אין דער געזעלשאפט. אבער זייערע אינטערעסען האבען זעהר פיעל געליטען פון די מערקאנטיליסטישע בעגרענצונגען, וואס האבען נאך ניט קוקענדיג אויף די פיזיאקראטישע לעהרע, זעהר געהערשט אין דער געזעלשאפט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז די בעפרייאונגס־בעוועגונג, וואס די פיזיאקראטען האבען אנגעהויבען צו פיהרען אין פראנקרייך, האט זיך אויסגעבילדעט אין א סך א גרעסערע סיסטעמאטישע מאכט אין ענגלאנד, וואו די אינדוסטריע איז געווען א סך שטארקער, איידער אין די איבעריגע לענדער. אין ענגלאנד האט מען מעהר ווי אומעטום געפיהלט דעם שווערען לאסט פון מערקאנטיליזמוס. די אלטע ווירטהשאפטליכע גרענעצען זיינען געווארען אונגעהייער ענג. דער געדאנק האט געזוכט א נייעם אויסגאנג, א נייע וויסענשאפטליכע סיסטעם, וואס זאל זיין צוגעפאסט צו די אינטערעסען און בעדערפנישען פון'ם גרויסען קאפיטאל. און דיעזע אויפגאבע האט ערפילט אדאם סמיטה.

אדאם סמיטה איז געבוירען געווארען אין יאהר 1723 אין א קליינע שאטלענדישע שטעדטעל קירקאלדי, ניט ווייט פון עדענבורג. זיין פאטער האט ער ניט געקענט, ער איז געשטארבען ווען די מוטער איז נאך געווען מיט איהם שוואנגער. ביז 14 יאהר האט סמיטה זיך געהאדעוועט אין דער היים אונטער דער אויפזיכט פון זיין מוטער, מיט וועלכער ער האט זיך ניט געשיידט ביז אין טיעפען עלטער. די מוטער האט געשפיעלט א אונגעהייערע גרויסע ראלע אין סמיטה'ס לעבען. שטענדיג מיט זיין מוטער צוזאמען, אונטער איהר ווירקונג, האט סמיטה פון איהר גע'ירשה'ט אלע ווייכע פרויען מעלות. דער

גרויסער עקאָנאָמיסט, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט די ערשייר־נונגען, וואס קומען פאָר אין דער קאַלטער און טרוקענער מלוכה פון קאפּיטאַל, וואו עס בלאָזט דער אייז־קאַלטער טרוקענער ווינד פון חשבון און שפּאָרזאַמקייט, וואו עס הערט זיך דער ניט עסטעטישער קלונג פון די מטבעות — דיעזער עקאָנאָמיסט איז בטבע געוועזן א בעל דמיון, א איינזאַמער מענש מיט א ווייכע עדעלע פרויען־נשמה. ער האט געלעבט אָבגעזונדערט פון דער ארומיגער וועלט, אין א פערוואָרפענעם ווינקעל, און האט זיך רוהיג בעשעפטיגט מיט זיינע שווערע וויסענשאַפטליכע אויפגאַבען. דעם טאַראַראַם, דעם „הוהא” פון'ם גרויס שטעדטישען לעבען האט סמיטה ניט פערטראָגען. זיין אידעאַל איז געוועזן — דאס שטילע דאָרפישע לעבען. אין קיין צווייג פון דער וויסענשאַפט געפינען מיר ניט אזוי פיעל מענשען מיט אזא גרויסע שאַפונגס־קראַפט, מיט אזא ברייטע אונבעגרענעצטע פאַנטאַ־זיע, ווי צווישען די עקאָנאָמיסטען, וועלכע בעשעפטיגען זיך דוקא מיט'ן איינפאַכען וואָכעדיגען לעבען. און „איינער פון אזעלכע אמת'ע פּאָעטען אין קעניגרייך פון געדאַנקען — זאָגט זיין ביאָגראַף — איז געוועזן אדאַם סמיטה. אדאַם סמיטה איז ניט געוועזן קיין קינסטלער, אבער יעדענפאַלס האט ער ניט געקוקט אויף די וועלט מיט די אויגען פון א בערזען־שפּעקולאַנט.”

14 יאָהר אַלט איז סמיטה אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט אין גלאַזגאָ, וואו עס האבען בעזונדערס אויף איהם געווירקט די פּאָרלע־זונגען איבער מאָראַל־פילאָזאָפיע. אין 3 יאָהר ארום, ווען ער האט געענדיגט דעם קורס אין גלאַזגאָ, איז סמיטה איבערגעגאַנגען אין אָקספאָרד, וואו ער האט זיך גענומען שטודירען טעאָלאָגיע („אלהות” געטליכקייט), ווייל ער האט געמיינט צו ווערען א גייסטליכער. שפּע־טער, ווען סמיטה איז בעקאַנט געוואָרען מיט דעם בעריהמטען פילאָ־זאָף דוד יום און די איבעריגע געלעהרטע פון דיעזער פרייער ריכטונג, האט ער זיך אָבגעזאָגט פון טעאָלאָגיע און האט אָנגעפאַנגען ענערגיש צו לערנען מאָראַל און פּאָליטישע וויסענשאַפטען. ענדיגענדיג דעם קורס אין אָקספאָרד, האט זיך סמיטה צוריקגעקעהרט אין זיין היי־מאַטה און האט אָנגעפאַנגען צו פיהרען א גאַנצע רייהע עפענטליכע פּאָרלעזונגען איבער ליטעראַטור. דיעזע פּאָרלעזונגען האבען געהאַט אזא ערפאָלג, דאס אין יאָהר 1751 האט גלאַזגאָ'ער אוניווערזיטעט

איהם איינגעלאַדען אלס פּראָפעסאָר פריהער איבער לאָגיק—שפּעטער אויף דעם שטוהל פון פילאָזאָפיע. 12 יאָהר איז סמיטה דאָרט געווען פּראָפעסאָר. דאס איז געווען די וויכטיגסטע צייט אין זיין לעבען. אין דיעזער צייט האט ער אונערמיעדליך געארבייט איבער זיינע ווערקע. זיין ערשטע ארבייט „די טהעאָריע פון מאָראל" איז ערשיענען אין 1759. דיעזעס ווערק האט געמאכט א אונגעהייער גרויסען איינדרוק אין יענער צייט, עס איז געוואָרען אין דער וועלט זעהר פּאָפּולער, מען האט עס איבערזעצט אויף פיעלע אייראָפּעאישע שפּראכען. אין יענער פּעריאָדע איז סמיטה אויך נעהנטער בעקאנט געוואָרען מיט יום'ן, וועלכער האט געהאט זעהר א גרויסע ווירקונג אויפ'ן יונגען פּראָפעסאָר. די בעציהונגען צווישען יום'ן און סמיטה'ן זיינען געווען אזוי, ווי צווישען א לעהרער און זיין ליעבסטען שילער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אלס עקאָנאָמיסט איז סמיטה געשטאנען אונפערגלייכליך העכער פון יום'ן. יום'ס ווערק איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע זיינען שוין לאנג פערגעסען און סמיטה'ס גלאנץ און אויטאָריטעט איז נאָך ניט פערדונקעלט געוואָרען.

אין דער צייט, ווען סמיטה האט געלעבט אין דאָרף און געפיהרט א איינזאמען לעבען און האט פון זיך גאָר ניט געלאָזט הערען, שרייבט איהם איינמאָל יום אין א פריינדליכען בריעף: „איך וויל וויסען, וואס איהר האט געטהאָן די גאנצע צייט, איך בין בעשלאָסען צו פאָדערען א פּאָלקאָמענעם דין וחשבון פון דעם, ווי איהר האט זיך בענוצט מיט אייער צייט און איינזאמקייט. איך בין זיכער, אז איהר האט געמאכט זעהר פיעל טעותים אין אייער דענקען, איבערהויפּט אין יענע פעלע, ווען איהר האט געהאט דאס אונגליק ניט מסכים צו זיין מיט מיר." אייניגע יאָהר שפּעטער שרייבט יום ווייטער: „איך נעהם ניט אָן אייערע טענות און פערטהיידיגונגען, דאס איהר זייט שוואך אין געזונד. איך בעטראכט דאס נור פאר אן אויסרייד, וועלכען אייער פוילקייט און אייער תאוה צו איינזאמקייט האבען אייך דיקטירט. אין אמת'ן, מיין ליעבער סמיטה, ווען איהר וועט זיך אָבלאָזען און אונטערגעבען זיך אזעלכע פערשיעדענע סאָרטען שוואכקייטען, וועט איהר ענדיגען דערמיט, וואס איהר וועט אין גאנצען צורייסען דעם בונד מיט דער מענשליכער געזעלשאַפט, און דאס וועט זיין א גרויסער אונגליק פארביידע צדדים."

אין דיעזען בריעף זעהט מען קלאָר ארוים דעם אונטערשיעד צווישען דיביידע כאראקטערען. יום איז געוועזן א ענערגישער אונ־ערשראָקענער קעמפפער, א שטארקע נאטור, וועלכע האט געקענט הערשען איבער אנדערע מענשען, סמיטה, אין געגענטהייל, איז גע־וועזן א ווייכער, א אונענטשלאָסענער, א ציטערענדיגער. ער האט ניט געהאט קיין העלדענמוטה פון די גרויסע מענער. ער האט שטענדיג געצווייפעלט אין דער פערווירקליכונג פון זיינע אייגענע, איהם טהיי־ערע אידעען." ער איז אבער געוועזן א עדעלע נאטור — זאָגט דער דערמאָהנטער ביאָגראף — דער מענשליכער גליק איז שטענדיג געוועזן דער איינציגער לייכטענדער זייל, צו וועלכען דער גרויסער עקאָנאָ־מיסט האט געשטרעבט און געטרעטען זיין לעבען'ס וועג. ניט רוהם, ניט כבוד, ניט דער חשק צו ווערען פאָפולער, ניט דאס וועלען אויס־נעהמען ביי גרויסע און וויכטיגע מענער, ניט דער קלאסען־עגאָאיזמוס — קיין זאך האט ניט פערדונקעלט זיינע געדאנקען, וועלכע זיינען שטענדיג געבליעבען ריין, אונבעשמוצט, ווי א שטראָם קוואל וואסע־. אלעס, וואס ער האט גערעדט, האט ער גערעדט מיט דער טיעפער אי־בערצייגונג, אז ער איז גערעכט. ער האט ניט ערניעדריגט די וויסענ־שאפט, זי זאָל ווערען א דיענער ביי די הערשענדע קלאסען, ווי עס האבען אָפט געטהאָן זיינע אנהענגער און תלמידים. נאָך די ערהאבענ־הייט, קלאָרהייט און הארמאָניע פון זיין גייסט, דערמאָהנט סמיטה די אלטע חכמים פון גריעכענלאנד."

נאָך ווען סמיטה האט געלערענט אין גלאזגאָ'ער אוניווערזיטעט, האט ער זיך אָנגעפאנגען צו אינטערעסירען מיט דער גייסטיגער בע־וועגונג, וואס האט זיך בעוויעזען מיט אזא מעכטיגע קראפט אין פראנקרייך און האט אויך געפונען א אָבקלאנג אין ענגלאנד ענדע 18טען יאָהרהונדערט. אלע גייסטיגע קרעפטען פון דער געזעלשאפט האבען זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער נייער פיזיאָקראטי־שער לעהרע. אדאם סמיטה האט זיך אָנגעהויבען צו קאָרעספאָנדי־רען מיט די וויכטיגסטע פאָרשטעהער פון דיעזער ריכטונג און האט שטארק נאָכגעשפיערט די ענטוויקלונג פון דיעזער טהעאָריע. אין יאָהר 1763 האט איהם א פראנצויזישער אריסטאָקראט איינגעלאדען צו זיך אלס לעהרער פאר זיינע קינדער. סמיטה איז געוועזן זעהר צו־פריעדען מיט'ן גוטען צופאל, וועלכער האט איהם געגעבען די מעג־

ליבקייט אליין צו זיין אין פּאַריז און פּערזענליך בעקאַנט צו ווערען מיט קענע, טאַגאָ און אנדערע פאָרשטעהער פון דיעזער לעהרע, צו וואס ער האט שוין לאַנג געשטרעבט. אין יאָהר 1766 האט זיך אַדאַם סמיטה אומגעקעהרט צוריק אין ענגלאַנד, וואו ער האט פער־בראַכט 10 יאָהר אין זיין געבורט־שטעדטעל קירקאַלדי. דיעזע 10 יאָהר האט סמיטה געלעבט אָבגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט און אונ־אונטערבראָכען געאַרבייט איבער זיין בעוואוסטען ווערק „די פעלקער־רייכטהום.“ אין 1776 איז דיעזעס ווערק ערשיענען. ביים ערשטען מאָל האט דאס ווערק ניט געמאַכט אַזאַ גרויסען איינדרוק ווי זיינע פּאָריגע ארבייטען. אבער יום איז געוועזן זעהר גערעכט, ווען ער האט בעהויפּטעט, אז דער ערפאָלג פון „די פעלקער רייכטהום“ איז ניט א אויגענבליקליכער, נור א אייביגער. שפּעטער מיט צוויי יאָהר האט סמיטה בעקומען א שטעלע אלס א אויבער בעאַמטער איבער די צאָהל־אַמטען (אַ נאַטשאַלניק פון די טאַמאָזשניעס) אין שאָטלאַנד. דיעזע שטעלע, וועלכע האט פערזאָרגט די אַלטע יאָהרען פון געלעהרטען, האט אוועקגענומען זעהר פיעל צייט און אַדאַם סמיטה האט שוין ניט געהאַט די מעגליכקייט איבערצוגעבען זיך מיט אַזאַ חשק און התמדה צו זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען. פון יאָהר 1778 ביז 1790 האט ער זיך נור בעגנוגענט דערמיט, וואס ער האט זיך בעשעפטיגט מיט די צווייטע אויפלאַגע פון זיינע ווערקע. אַדאַם סמיטה איז גע־שטאָרבען אין יאָהר 1790, ניט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין פרוי און קיין קינדער.

VI.

# דער תוך פון סמיטה'ס לעהרע

אלס א פאַרשטעהער פון דער צייט, ווען גרויס־קאַפּיטאַל האט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען און אלס א תלמיד פון די פיזיאָקראַטען איז אַדאַם סמיטה געווען דער שטאַרקסטער געגנער פון די אפּטרופּסות און געגען דעם אריינמישען זיך פון דער רעגיערונג אין די פּריוואַטע אינטערעסען. „יעדער אינדיווידואום מוז זיין פריי אין זיינע האַנדלונגען" — אָט דאס איז דער תוך פון אַדאַם סמיטה'ס אנשויאונג. די פראגע איז אבער געווען: ווי באַלד אז יעדער יחיד, אדער אינדיווידואום זאָל טהון, וואס ער וויל און קיינעם ניט פרעגען — טאָ ווי וועט פעסטגעהאַלטען ווערען די אָרדנונג, ווי וועט בעשאַפען ווערען די האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט? די מערקאַנטיליסטען האבען טאַקע דעריבער געזאָגט, אז מען טאָר ניט לאָזען יעדען פריי און פראַנק האַנדלען, עס קען ווערען א הפקר־וועלט, די רעגיערונג, דער בעל הבית אין דער מדינה דאַרף אויפּפּאַסען, דאס יעדער יחיד זאָל טהון, וואס און ווי מען הייסט איהם, אבער ניט, ווי ער וויל — דאס איז לויט די מערקאַנטיליסטען דער בעסטער מיטעל אָבצוהאַלטען די געזעלשאַפט פון א אַנאַרכיע, פון א מיש־מאַש. די פיזיאָקראַטען וויעדער האבען אונז געלערענט, אז די נאַטור אליין וועט שוין די אָרדנונג פערשאַפען, ווייל אויך אין געזעלשאַפטליכען לעבען רעגיערען די זעלבע נאַטירליכע געזעצען, ווי אין דער אויסערליכער נאַטור. די מערקאַנטיליסטען צוזאַמען מיט די מיטעל־אַלטערדיגע פאַנאַטיקער האבען געמיינט, אז דער מענש איז בטבע שלעכט (עיר פרא אדם יולד) און ווען די רעגיערונג זאָל ניט אויפּפּאַסען אויף איהם, ניט איינהאַלטען, איהם ניט פערצוימען דורך פערשיעדענע געזעצען, וועט

ער נור שאדען ברייננען דער געזעלשאפט. די פיזיאָקראטען, פער־קעהרט, האבען בעהויפטעט, אז דער מענש ווערט געבוירען א גוטער, מיט גוטע מדות, און ווען מען זאָל דעם מענשען לאָזען זיך ענטוויקלען פריי, לויט זיינע נאַטירליכע אייגענשאפטען, וועט זיין זעהר גוט פאר'ן גאַנצען כלל. אדאם סמיטה איז אבער ניט געווען איינשטימיג מיט די ערשטע, אזוי אויך מיט די צווייטע, אדער בעסער, ער האט מסכים געווען אביסעל מיט די ערשטע, אביסעל מיט די צווייטע. „ניט די רעגיערונג, אויך ניט די גוטע מדות פון מענשען — בעהויפ־טעט אדאם סמיטה — קענען די האַרמאָניע אין דער געזעלשאפט שאפען.” „די האַרמאָניע אין דער געזעלשאפט ווערט בעשאפען נור דורך די אונבעגרענעצטע פרייע ארבייט פון יעדען יחיד בעזונדער.” די בעוועגער, די טרייב־קראפט — איז דער קאמפף אום'ם דאזיין, וואס יעדער מענש פיהרט, אדער, ווי אדאם סמיטה אליין רופט דאס—„דער פערזענליכער עגאָאיזמוס.” יעדער מענש שטרעבט אויסצובעסערען זיין לאגע. אין אלע זיינע עסקים, וואס דער מענש פיהרט, מאַטערט ער זיך צו האבען וואס מעהר נוטצען און פערוועגדען דערביי וואס ווענינער ארבייט. לעבענדיג שטענדיג מיט אזא רעכנונג, קליבט דער מענש אוים אזעלכע פּראָדוקציאָן'ס מיט־לען, דורך וועלכע זיין ארבייט און קאפּיטאל זאָל איהם געבען מעהר הכנסה. כל זמן דיעזע פּראָדוקציאָן'ס מיטעל זיינען ניי, גוט און ברייגנען פרוכט, האלט ער זיי; ווערען זיי אלט, אדער, ווען עס ווערען ענטדעקט נייע פּראָדוקציאָנס־מיטעל, פון וועלכע מען קען מעהר נוט־צען האבען — פיהרט דער מענש איין די נייע אויסגעבעסערטע מיט־לען און געצייג. אין מסחר האנדעלט אויך דער מענש מיט אויסרעכ־נונג. דער מענש ווענדעט אָן אלע מיטלען צו פערקויפען זיינע סחורות פאר א גרעסערען מקח און, פערקעהרט, קויפען וואס וועלוועלער. די אייגענע זאך קומט פאר צווישען אונטערנעהמער און ארבייטער. דער ארבייטער וויל בעקומען א בעסערען לוין פאר זיינע ארבייטס־קראפט און זוכט זיך אוים א רייכערען אונטערנעהמער. די אונטערנעהמער, ווידער, סטאַרען זיך צו בעקומען וואס מעהר ארבייטס־קראפט פאר א קליינעם לוין. מיט איין וואָרט, וואו מיר זאָלען זיך ניט ווענדען, וועלען מיר זעהען, דאס אויב דער מענש האט די פרייע וואהל און איז ניט בעגרענעצט מיט פערשיעדענע געזעצען, וועט ער זיך שוין אליין

אויסקלייבען פאר זיך דעם בעסטען און בעקוועמסטען וועג אין לע־
בען. און ווי באַלד — מיינט וויטער סמיטה — אז יעדער מענש,
פאָלגענדיג זיינע פערזענליכע אייגענע אינטערעסען, געפינט די בעסטע
בעקוועמליכסטע מיטלען, ווי צו פיהרען דעם קאמפף אום'ס דאזיין —
איז שוין דאס ממילא א גליק פאר'ן גאַנצען כלל. אונז קימערט
ניט, אויב דער מענש, האנדלענדיג מיט א קלאָרען רעכנונג, מיינט
טאקי אין אמת'ן דאס לטובת הכלל. דער רעזולטאַט איז אבער, אז
דורך דעם, וואס דער מענש סטארעט זיך צו בעפריעדיגען זיינע אייגע־
נע בעדערפנישען מיט ווי מעגליך א קלענערע מאַס ארבייט, פיהרט
ער איין נייע מאַשינען, נייע אינסטרומענטען, זוכט אוים נייע מערק,
וואו צו פערווענדען זיינע סחורות, א. ז. וו. די איבעריגע אונטערנעה־
מער און סוחרים אויב נור זיי ווילען ניט פאלען אלס קרבן פון דער
קאָנקורענץ, זיינען געצוואונגען דאס נאָכצוטהאָן. און דערווייל קומט
אוים, אז די גאַנצע געזעלשאַפט בעסערט אוים די מיטלען צום קאמפף
מיט דער נאַטור, זי פּראָגרעסירט. די קאָנקורענץ רעגולירט בע־
סער פאר'ן געזעטץ־געבער די בעציהונגען צווישען מענשען אין
דער געזעלשאַפט. אלס א ביישפיעל בריינגט סמיטה די צוטהיילונג
דער ארבייט. אלעמען איז בעוואוסט — זאָגט סמיטה — אז די צו־
טהיילונג פון דער ארבייט איז איינע פון די גרעסטע גליקען פאר דער
געזעלשאַפט, דען דורך די צוטהיילונג פון דער ארבייט שאַפט די גע־
זעלשאַפט א סך מעהר סחורות, ווי פריהער. די זעלבע מאַס ארבייט
איז איצט א סך מעהר פּראָדוקטיוו, בריינגט מעהר איין. און דיעזע
צוטהיילונג אין דער ארבייט איז פאָרגעקומען ניט דורך דעם, וואס די
רעגיערונג האט זיך אריינגעמישט, נור ווייל יעדער אונטערנעהמער
איז נור זיך אויסען געווען, ער האט געוואָלט נור זיך פערזאָרגען.
ווען דער פאַבריקאַנט פיהרט איין א נייע מאַשינע, האט ער ניט אין
זינען די געזעלשאַפט, ער איז ניט אויסען די נוטצען פון דער געזעל־
שאַפט, ער האנדעלט דאָ עכט עגאָאיסטיש, ער מיינט נור זיינע
אייגענע נוטצען. אבער ניט קוקענדיג אויף דאס אלעס, האט ממילא
אויך דערפון נוטצען די גאַנצע געזעלשאַפט.

דער פרייער טויש איז אויך לויט אדאַם סמיטה א וויכטיגע
קראַפט, וואס בעוועגט פאָרווערטס די מענשליכע ווירטהשאַפט. „דער
מענש נויטהיגט זיך שטענדיג — זאָגט סמיטה — אין דער הילף פון

אנדערע מענשען, אבער אומזיסט וואָלט זיין ארבייט זיין, ווען ער וואָלט זיך פערלאָזען נור אויף די גוטהערציגקייט פון צווייטען....
— „גיב מיר דאס, וואס מיר איז נויטהיג, און דו וועסט בעקומען, וואס דיר פעהלט" — אזוי האנדלען צווישען זיך די מענשען." מיר בעקומען אלע נויטהיגע פראָדוקטען: ברויט, פלייש, שטיוועל, קליידער, א. ז. וו., ניט דערפאר, ווייל דער קרעמער, קצב, שוסטער און שניידער זיינען גוטהערציג, זיינען אויסען אונזער טובה, זאָנדערן דערפאר, ווייל זיי זיינען אויסען זייער אייגענע טובה. ווען מיר בעשטעלען פאר אונז די נויטהיגע פראָדוקטען, ווענדען מיר זיך ניט צו זייער גוטהערציגקייט־געפיהלען; מיר ווענדען זיך נור צו זייערע עגאָאיסטישע אייגען־נוטציגע געפיהלען. ווען מיר קויפען ביי זיי וואס עס איז, ריידען מיר ניט פון אונזער נויטה, פון אונזערע בעדערפנישען, נור פון זייערע נוטצען, און דיעזע אויסרעכענונג, דיעזע פריי וואַט עגאָאיסטישע אינטערעסען — אַט זיי זיינען די הערשער, וועלכע מאַכען די אָרדנונג, די האַרמאָניע אין דער גאַנצער געזעלשאַפט. און דעריבער פאָדערט סמיטה פאר יעדען יחיד די פאָלקאָמענע אונבעשרענקטע פרייהייט, „ווייל — זאָגט סמיטה — יעדער איינציגער מענש ווייס בעסער, וואס פאר איהם איז גוט, ווי א וועלכער עס איז ניט שטאַאטס־מאַן און געזעטץ־געבער." „יעדער שטאַאטס־מאַן וועלכער וואָלט זיך בעמיהט צו ווייזען פריוואַט מענשען ווי און וואו זיי זאָלען פערווענדען זייערע קאַפיטאַלען, וואָלט אויסער דעם, וואס ער וואָלט זיך בעשעפטיגט מיט א אוננויטציגע זאַך, זיך נאָך גענומען אָהן א שום רעכט אזא מאַכט, וואס איז א אונזינן צו ערלויבען ניט נור איין איינציגען מענשען, נור אפילו א גאַנצען ראַטה אדער סענאַט." „יעדער מענש — זאָגט אין אן אנדער אָרט אדאַם סמיטה — כל זמן ער איז ניט עובר די געזעצען פון גערעכטיגקייט, האט אונבעדינגט דאס רעכט צו געהן דעם וועג, וועלכען זיינע פערזענליכע אינטערעסען ווייזען איהם אָן." די רעגיערונג האט נור צו ערפילען דריי פפליכטען. ערשטענס, מוז זי בעשיצען די גאַנצע געזעלשאַפט פון יעדען געוואַלד־טהאַט, ווען אן אנדערע אונאַבהענגיגע געזעלשאַפט פאַלט אויף איהר אָן. צווייטענס, מוז די רעגיערונג בעשיצען יעדען איינציגען מיטגליעד געגען פערשיעדענע אונרעכט און געוואַלט, וועלכע אן אנדער מיטגליעד ערלויבט זיך, און דאַרף איינפיה־

רען א עהרליכען אונפּארטייאישען געריכט; דער דריטער חוב פון דער רעגיערונג בעשטעהט, איינצואָרדנען און אונטערצוהאַלטען אַזעל־כע געזעלשאַפטליכע אונטערנעהמונגען און אנשטאלטען, וועלכע קע־נען ניט אויסגעהאַלטען ווערען אויף׳ן רעכנונג פון איינעם אדער פון א סך איינצעלנע מענשען.״ קיין אנדערע חובות און ממילא אויך רעכטע האט די רעגיערונג ניט.

אדאם סמיטה איז אויך געווען געגען דעם, אז די רעגיערונג זאָל ארויסגעבען געזעצען צו בעשיצען דעם ארבייטער־קלאַס פון עקספּלאָ־אַטאַציע. אבער דאס איז ניט געווען דעריבער, ווייל ער האט נור אויסגעדריקט און פאָרמולירט די אינטערעסען פון די אינדוסטריעלער, און האט זיך ניט בעקימערט וועגען ארבייטער־קלאַס, פערקעהרט, אדאם סמיטה איז באמת געווען א עכטער פריינד פון די ארבייטער. ער איז שטענדיג געווען שרעקליך אויפגערעגט, ווען מען פלעגט נור וועלען זיי בעגרענעצען זייערע רעכטע. ער האט געקעמפּפט געגען די פערשיעדענע אָבמאַכונגען און פעראייגען, וועלכע די אונטערנעהמער פלעגען גרינדען, כדי צו מאַכען שוועריגקייטען די ארבייטער בנוגע זייער לוין און אנדערע ארבייטער בעדינגונגען. „דאס הייליגסטע רעכט אויף אייגענטהום — זאָגט סמיטה מיט א טיעפער איבערציי־גונג — איז דאס רעכט אויף אייגענע ארבייט... דער גאַנצער פער־מעגען פון אָרעמען בעשטעהט אין זיין כח און געשיקטקייט; שטערען דעם ארבייטער צו געברויכען זיין כח און געשיקטקייט אזוי, ווי איהם, דעם ארבייטער, געפעלט, אויב נאָר ער קען דעם צווייטען ניט שאדען דערמיט, איז א איינפאַכע אָפענע געוואַלט־טהאַט איבער דיעזע היי־ליגע אייגענטהום רעכט.״ אדאם סמיטה איז געווען א געגנער פון צו בעגרענעצען די קאַפּיטאַליסטען, זיי זאָלען ניט עקספּלאָאַטירען און אויסנוצען דעם ארבייטער קלאַס, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, דאס אין די אינטערעסען פון׳ם ארבייטער־קלאַס איז, אז די קאַפּיטאַ־ליסטען זאָלען זיין אין גאַנצען פריי אין זייערע אונטערנעהמונגען.

מיר מוזען בעמערקען, אז אדאם סמיטה האט געלעבט אין דער צייט, ווען דער ענגלישער קאַפּיטאַל האט זיך נאָר אָנגעהויבען צו ענטוויקלען. די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען האבען ניט נור געהאט דעם ענגלישען מאַרק, זיי האבען אויך געהערשט איבער׳ן גאַנצען וועלט־מאַרק. אלע לענדער האבען זיך געווענדעט אין ענגלאַנד נאָך סחורות.

יעדען טאָג האבען זיך געעפענט נייע אונטערנעהמונגען. די נאָכפראגע נאָך ארבייטער איז געווען זעהר גרויס. ארבייטער זיינען נאָך איבער־הויפט געווען זעהר ווענינ, ווייל דער קליין־בעטריעב האט נאָך פער־נומען א געוויסען פּלאַטץ אין'ם לאַנד. די קאָנקורענץ צווישען אר־בייטער איז ניט שטאַרק געווען; פון א רעזערוו־ארמעע, וואס זיצט שטענדיג אָהן ארבייט און קאָנקורירט מיט די פערנומענע ארבייטער, איז נאָך קיין רייד ניט געווען, דער לוין איז פערהעלטניסמעסיג געווען א גוטער, א סך גרעסער ווי אין די לענדער, וואו דער קאַפּיטאַליזמוס האט זיך נאָך ניט אזוי ווייט ענטוויקעלט, און וואו די גרויסע אינדו־סטריעלער האבען נאָך ניט געשפּיעלט אזא ראָלע. דער ארבייטס־טאָג און די איבעריגע ארבייטס־בעדינגונגען זיינען אויך ניט געווען אזוי שלעכט. מיט איין וואָרט, עס איז נאָך ניט געווען אזוי קענטיג דער געגענזאַץ צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל, און דעריבער איז גאַנץ פערשטענדליך, אז סמיטה איז געווען זעהר צופריעדען מיט אזא אָרדנונג ניט נור אין די נוצען פון די קאַפּיטאַליסטען, נור אויך אין די אינטערעסען פון די ארבייטער. איבריגענס איז סמיטה געווען א געגנער, דאס די רעגיערונג זאָל זיך אריינמישען צווישען די קאַ־פּיטאַליסטען און ארבייטער, ווייל ער האט דער רעגיערונג ניט גע־טרויעט אזא ראָלע. ווען ער וואָלט געוואוסט, אז די געזעצען וועלען נור זיין אין די אינטערעסען פון די ארבייטער, וואָלט ער ניט געהאט געגען דעם. „שטענדיג — זאָגט ער — ווען די געזעץ־געבעריי מישט זיך אריין אין די מחלוקות צווישען די ארבייטער און פאַבריקאַנטען, ווערט זי אָלע מאָל פרעגען און אויסהערען די פאַבריקאַנטען. ווען מען גיט ארויס א געזעץ אין די נוצען פון די ארבייטער, איז עס ריכטיג און קלוג; אבער ניט זעהר זעלטען איז די גאַנצע געזעצגעבונג נור אין די אינטערעסען פון די אונטערנעהמער.“

וואס איז שייך די פראגע איבער דאס רייכטהום ביי די פער־שיעדענע פעלקער, בילדעט סמיטה'ס אויפפאַסונג די דריטע מעהר ענטוויקעלטע שטופע קעגען די מערקאַנטיליסטען און פיזיאָ־קראַטען. דאס רייכטהום פון פאָלק — איז לויט סמיטה'ס מיינונג אין געגענזאַץ צו זיינע פאָרגענגער — דער סך־הכל פון די פּראָ־דוקטען, וועלכע שטעלען צופריעדען אונזערע בעדערפנישע. „דער מענש קען זיין אָרעם און רייך, דאס ווענדעט זיך אויף וויפיעל

ער קען צופריעדען שטעלען זיינע בעדערפנישען." ניט זייענדיג מסכים מיט די איינזייטיגקייט פון די פיזיאָקראטען און מערקאנטיליסטען, בעהויפּטעט סמיטה: „אז די רייכטהום פון די פעלקער ליעגט ניט נור אין באָדען, אויך ניט נור אין האנדעל, זאָנדערן אין אלע זאכען, וועלכע ווערען בענוצט פאר אונזערע בעדערפנישען און פאר אונזער פערגעניגען." אויף די פראגע איבער די אורזאכע, די קוועלע פון רייכטהום איז סמיטה ניט איינשטימיג מיט די מערקאנטיליסטען, וועלכע בעהויפּטען, אז די איינציגע קוועלע פון הייכטהום איז נור דער אויסערליכער האנדעל, ווייל ער פיהרט צו געלד אין לאַנד, אויך ניט מיט די פיזיאָקראטען, אז די איינציגע קוועלע איז נור לאַנד־ווירטהשאַפט, אבער ניט אינדוסטריע. „די איינציגע קוועלע פון רייכטהום איז ארבייט — לערנט אונז אדאם סמיטה — יעדע נוצליכע ארבייט, מעג די ארבייט פערווענדעט ווערען צום באָדען אדער צום האנדעל — דאס קימערט אונז ניט." „די יאָהריגע ארבייט פון יעדען פאָלק — אזוי שרייבט סמיטה אין זיין בעריהמטעם ווערק „פעלקער רייכטהום„ — איז דער קרן קימת, וועלכער שטעלט צו אלע פּראָדוקטען, וואס בעפריעדיגען אונזערע לעבען'ס בעדערפנישען." דער הויפּט בעוועגער, די טרייב־קראַפט אין עקאָנאָמישען לעבען איז, לויט אדאם סמיטה, ניט געלד, ניט די קרעפטען פון דער נאַטור, נור די ארבייט פון מענשען. די ארבייט איז דער איינציגער שטארקער פונדאמענט, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט די געביידע, די גרויסקייט, די מאַכט פון פאָלק. ארבייט איז די מאַכט, וועלכע רעגיערט איבער'ן גאנצען ווירטהשאַפטליכען אָרגאניזם. דורך ארבייט נוצען מיר אוים די קרעפטען פון באָדען, און דורך ארבייט ענטוויקלען זיך פערשיעדענע מלאכות און אינדוסטריע. פּראָדוקטיווע ארבייט, זאָגט סמיטה, איז יעדע ארבייט, וועלכע ברייננט נוצען אונזער לעבען, סיי לאַנד - ווירטהשאַפטליכע, סיי אינדוסטריעלע.

א גוטע בעשטימונג האט אדאם סמיטה געגעבען אויך אויפ'ן קאַפּיטאַל. קאַפּיטאַל הייסט — מיינט סמיטה — די סומע, וואס ווערט פערווענדעט צו בעקומען פּראָפיט. דאס וואס עס געהט צום אייגענעם געברויך, הייסט ניט קאַפּיטאַל, ווען איך לאָז אבער א געוויסע סומע געלד אין האנדעל, כדי צו בעקומען פּראָפיט — הייסט דיעזע סומע

שוין קאפּיטאל *). דער קאפּיטאל בילדעט זיך, לויט סמיטה'ן נור דורך'ן אָבשפּארען (דיעזע אנשויאונג איז ניט ריכטיג, ווי מיר וועלען האבען די געלעגענהייט ווייטער זיך צו איבערצייגען —).

איינע פון אדאם סמיטה'ס גרעסטע פערדיענסטען איז זיין ווערטה־טהעאָריע. אדאם סמיטה האט איבערצייגט, אז דער ווערטה פון די סחורות איז די מאָס ארבייט, וואס איז פערברויכט געוואָרען ביים שאפען פון דעם פּראָדוקט. „אין אלע צייטען און אין אלע לענדער — זאָגט אדאם סמיטה — איז געוועזן טהייער דאס, וואס עס איז שווער אָנגעקומען, און וואָלוועל דאס, וואס עס איז לייכט אָהן ארבייט געוועזן צו בעקומען." אדאם סמיטה האט אבער געמיינט, אז די מאָס ארבייט איז ניט דער איינציגער פאַקטאָר, וואס בעשטימט דעם ווערטה, נור דער הויפּט פאַקטאָר, און אין דעם האט ער זיך שטארק טועה געוועזן.

אדאם סמיטה האט אויך ערקלערט די געזעצען, וועלכע רעגולי־רען די בעציהונגען אויפ'ן סחורה מארק—די נאָכפראגע און אָנגעבאָט פון סחורות. אבער דיעזע טהעאָריע, אויך די טהעאָריע פון קאפּיטאל און ווערטה זיינען ביי אדאם סמיטה ניט געוועזן ענטוויקעלט ביז צום ענדע, זיי קומען ארויס ניט קלאָר אין אדאם סמיטה'ס ווערק. די רעכטע ענטוויקלונג האבען דיעזע טהעאָריען בעקומען אין די לעהרען פון זיין תלמיד דוד ריקאַרדאָ און קאַרל מאַרקס, וועלכער האט שוין מעהר ארויסגעזעהן דעם כאראקטער פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָ־דוקציאָן און איהרע ספּעציעלע אייגענשאפטען.

אדאם סמיטה איז בעקאנט אין דער וויסענשאפט אלס דער פאָ־טער און דער שעפּפער פון דער מאָדערנער פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווייל

---

*) ווען איך האב א רובעל אין קעשענע און פערווענדע איהם אויף שפּייז, סיגארען, קליידונג, וועלכע איך אליין געברויך צו בעפריע־דיגען מיינע אייגענע בעדערפנישען — הייסט דער רובעל ניט קאַ־פּיטאל. ווען איך קויף איין דיעזע זאכען ניט פאר זיך צום געברויך, נור אום זיי צו פערקויפען און בעקומען א רובעל מיט צעהן קאָפּיקעס, א פּראָפיט — דאן הייסט דער רובעל קאפּיטאל.

ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט סיסטעמאטיזירט און פאָר־מולירט די געזעצען און פערשיעדענע טהעאָריען אין איין גאַנצע וויסענשאַפטליכע סיסטעם. אדאַם סמיטה׳ס שיטה ווערט אָנגערופען: „די אינדיווידועלע שול אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע.״ דער יסוד פון זיין לעהרע איז די אינדיווידועלע פרייהייט פון יעדען מענשען.

# טהאָמאַס ראָבּערט מאַלטוס



טהאָמאס ראָבערט מאַלטוס.

## VII.

# טהאָמאַס ראָבערט מאַלטהוס און זיין בעפעלקערונגס טהעאָריע

פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז א געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפט, איהר מזל איז שטענדיג פערבונדען מיט דער געזעלשאַפט. זי שפּיעגעלט אין זיך אָב אלע פּאָרגענגע, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט. זי פערצווייגט און ענטוויקעלט זיך צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט איז אבער ניט איין גאַנצע מיט איינע און די זעלבע אינטערעסען, מיט גלייכע שטרעבונגען און נייגונגען. די געזעלשאַפט איז צושפּאָלטען און פערנאַנדערגעטהיילט אויף קלאַסען. און יעדער קלאַס האט גאַנץ אַנדערע האָפנונגען, בעזונדערע ציעלען און אידעאַלען. די אינטערעסען פון איין קלאַס זיינען דאס רוב מאָל אין ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסען פון צווייטען קלאַס. זעלבסטפערשטענדליך, אז פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אלס דער גייסטיגער שפּיעגעל פון די בעציהונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער גאַנצער געזעלשאַפט, קען ניט האבען איין צורה, איין אויסזעהען, זי קען ניט בעשטעהן פון כללים, מיט וועלכע אלע גייסטיגע פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט זאָלען זיין איינשטימיג. יעדער געלעהרטער סטאַרעט זיך צו בעלייכטען די פערשיעדענע ערשיינונגען לויט די פאָדערונגען און אינטערעסען פון זיין קלאַס. דיעזע איינזייטיגע בעלייכטונג פיהרט צו פערשיעדענע שיטות, מיט וועלכע פּאָליטישע עקאָנאָמיע צייכענט זיך אזוי אויס פון די איבעריגע צווייגען פון דער וויסענשאַפט. אלס א גוטער ביישפּיעל, ווי ווייט די ריינע וויסענשאַפט קען פערדונקעלט

ווערען דורך די אייגעננוטציגע קלאַסען־אינטערעסען, ווי ווייט דער רייגער אמת קען ווערען איבערגעצויגען מיט א דיקע מיאוס׳ע הויט פון שקר, דיענט אונז די לעהרע פון ראָבערט מאַלטהוס, וועלכער האט אזוי אונגעלומפּערט אויסגענוצט דעם בעסטען און טהייערסטען אוצר פון מענשען׳ס לעבען — די וויסענשאַפט — פאר זיינע עגאָאיסטישע קלאַסען־אינטערעסען.

---

מיר האבען שוין דערמאָהנט אין פאָריגען קאַפּיטעל, דאס אדאַם סמיטה האט געלעבט אין דער צייט, ווען דער גרויסער קאַפּיטאַל האט אָנגעפאַנגען זיך צו ענטוויקלען, ווען ער האט איבערגעלעבט זיינע ערשטע פריהלינגס־יאָהרען. דאַמאַלסט האט דער קאַפּיטאַליז־מוס זיך בעוויעזען אלס א רעוואָלוציאָנערער פרייהייטס־גייסט צו רייניגען דאס לעבען פון דער מיטעל־אַלטערליכער שטעהענדיגער בלאָטע, און חרוב צו מאַכען די אָבגעלעבטע, פעראַלטעטע, פעאָדאַלע חורבות, אין וועלכע דעם מענשען׳ס בליק איז געווען איינגעשפּארט און האבען ניט דערלאָזען פריי זיך ענטוויקלען. מען האט נור געזעהן, אז אלע ווינקעלאַך פון לאַנד האבען אָנגעפאַנגען צו בליסטשען פון העלען קאַפּיטאַל. עס האט אַלעמען אויסגעוויעזען קלאָר, אז דאס לאַנד איז פיעל גליקליכער געוואָרען דורך די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַל. דאס לעבען האט אויף דעם אופן ארויסגעשטעלט די פראַגע פון רייכקייט, ד. ה. וועלכע אורזאַכען ווירקען אם בעסטען מיט, דאס דער קאַפּיטאַל זאָל זיך ענטוויקלען, כדי די בעפעלקערונג זאָל רייכער ווערען? און אויף דיעזע פראגע האט אדאם סמיטה וויסענשאַפטליך און ערנסט געענטפערט. אויף די פראגע פון אָרימקייט האט סמיטה קיין שום תירוץ ניט געגעבען שוין איינפאַך דעריבער, ווייל דיעזע ער־שיינונג האט איבערהויפּט אין אמת׳ן זינען פאר סמיטה׳ן ניט עקזי־סטירט. מען האט דאַן נאָר בעמערקט, אז וואו דער קאַפּיטאַל קומט, ווערט די מיטעל־אַלטערדיגע קליינבירגערליכע אָרימקייט ארויסגע־טריעבען. אָרימקייט, וואס זאָל נאָר ארויסקומען צוליעב דער ענט־וויקלונג פון׳ם קאַפּיטאַל, האט מען אין סמיטה׳ס צייטען ניט קלאָר געזעהן, ניט ערנסט בעטראַכט.

ווען די אינדוסטריע האט זיך אבער שוין ווייט ענטוויקעלט,

ווען זי האט בעקומען, ווי מען זאָגט, בירגער־רעכט, האבען זיך ערשט אָנגעהויבען ארויסצואווייזען די אלע שאָטענזייטען, וואס דער העללייכטענדער בלישצענדער קאַפּיטאַל האט מיט זיך געבראַכט. די מלאכי חבלה פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע האבען אָנגעפאַנגען ארויסצואווייזען, וואס זיי קענען. טאָג־טעגליך איז אונטערגעגאַנגען צוליעב דער קאָנקורענץ פון׳ם גרויסען קאַפּיטאַל דער קליין־בעטריעב און זיינע בעלי־הבתים, וועלכע האבען ביז איצט געפיהרט א שטילען, זעלבסטשטענדיגען לעבען, זיינען געוואָרען פּראָלעטאַריער, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע האבען אויסער זייער ארבייטס־קראַפט קיין שום אייגענטהום ניט און לעבען פון האנד אין מויל. די צאָהל ארבייטער איז דאַדורך פערגרעסערט געוואָרען. דורך די גרויסע קאָנקורענץ, וואס האט עקזיסטירט, האט יעדער אונטערנעהמער געמוזט שטרעבען אויסצובעסערען זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטעל, אום די ארבייט זאָל זיין מעהר פּראָדוקטיוו. ווער ס׳האט נור געקענט, האט זיך געסטאַרעט איינצופיהרען נייע מאַשינעס. די ארבייט איז צוליעב דעם געוואָרען זעהר צוטהיילט. דער ארבייטער האט שוין ניט בעדאַרפט אויסארבייטען א גאַנצען פּראָדוקט, נור א טהייל פון פּראָדוקט. געלערנטע ארבייטער האט מען שוין ניט אזוי נויטהיג געהאַט. מען האט נאָר בעדאַרפט האבען כח, קראַפט. און אויסגעבען פון זיין כח האט יעדער איינציגער געקענט ניט לערנענדיג זיך. אין א מאַשינען־פּראָדוקציאָן קען יעדער פערווענדעט ווערען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען פרויען און קינדער ארבייט. דער אָנגעבאָט פון ארבייטס־קראַפט איז דאַדורך געוואָרען זעהר גרויס. די קאָנקורענץ צווישען ארבייטער — אונגעהייער שטאַרק. די פּראָדוקציאָן, ווי ענטוויקעלט זי איז ניט געווען, האט ניט געקענט געבען אלעמען ארבייט. עס האט זיך געבילדעט אן ארבייטער רעזערוו־ארמעע, א מחנה ארבייטער, וואס איז שטענדיג געזעסען אָהן ארבייט און האט דורך איהר קאָנקורענץ ארונטערגעשלאָגען די שכירות פון יענע ארבייטער, וועלכע זיינען געווען פערנומען אין דער פּראָדוקציאָן. די ארבייטס־לוין און די איבעריגע ארבייטס־בעדינגונגען זיינען געוואָרען זעהר שלעכט. מען פלעגט מוזען ארבייטען 15—18 שעה א מעת־לעת אין שמוטציגע, ניט ארומגעזעהענע פאבריקען און זאוואָדען פאר א הונגער־לוין. דער מאַן פלעגט ארבייטען, די פרוי פלעגט ארבייטען, די קינדער —

ארבייטען און סוף כל סוף איז ניט געווען פון וואַנען צו לעבען. דער ארבייטער־קלאַס איז געוואָרען אזוי אויסגענוצט, דאס ער איז שוואַך געוואָרען פיזיש און מאָראַליש.

דאס איז אבער נאָך ווייניג. דורך די גרויסע אנשטרענגונג, וואס יעדער אונטערנעהמער האט אָנגעווענדעט איינצופיהרען נייע פּראָדוקציאָנס־מיטעל און אויסצוארבייטען וואס מעהר סחורות, ביליגער צו פערקויפען, אום אויסצוהאַלטען די קאָנקורענץ, איז בעשאַפען געוואָרען אן אַנאַרכיע, א מיש־מאַש אויפ'ן מארק. אייניגע סאָרטען סחורות זיינען בעשאַפען געוואָרען צו פיעל, מעהר וויפיעל עס איז נויטהיג געווען אין דער צייט, ווען אין אנדערע סאָרטען פּראָדוקטען איז געווען א גרויסער דוחק. מען האט אויפגעהערט צו קויפען. די נאָכפראַגע אויף סחורות איז געוואָרען קלענער פאר'ן אָנגעבאָט. עס איז געוואָרען א קריזיס — דער שרעקליכער וואולקאַן אין ווירטה־שאַפטליכען לעבען. די פּראָדוקציאָן האט זיך אָבגעשטעלט, א גרויסע מאָס געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען איז לאַבוד געגאַנגען. הונדערטע, טויזענדע ארבייטער מיט זייערע פרויען און קינדער זיינען ארויס־געוואָרפען געוואָרען אויפ'ן גאַס אָהן שוץ, אָהן ברויט און אָהן די איבעריגע נויטהיגע לעבענס־בעדערפנישען. ארמוטה, שפלות, אויס־געלאַסענהייט — דאס זיינען די מתנות, וואס דער קאַפּיטאַליזם האט געבראַכט דעם ארבייטער קלאַס. אויפ'ן סצענע פון דער וועלט גע־שיכטע איז ערשיענען א נייער מין אָרימקייט, א ספּעציעל קאַפּיטאַ־ליסטישע, אזאַ מין אָרימקייט, וואס שטאַמט פון רייכקייט. דאָ הונגערען מענשען, ליידען שרעקליכע נויט און דלות, ווייל דאָרטען זיינען מענשען צו זאַט, צו רייך, האבען ניט וואו אהינצוטהאָן זייערע סחורות. די ארבייטענדע מאַסען זיינען געוואָרען שטארק אונצופריע־דען. דיעזע אונצופריעדענהייט איז איבערגעגאַנגען אין גרויסע בעווע־גונגען, אדער ווי די הערשענדע קלאַסען זיינען איינגעוועהנט צו רו־פען „אונרוהען.״

מענשען, וועמען די לאַגע פון די ארבייטער האט גענומען פאר'ן הארצען, האבען זיך שטארק ענטטוישט אין דער אינדיווידואַליסטי־שער סיסטעם פון **אדאם סמיטה**. מען האט קלאָר גע־זעהן, אז אויפ'ן פרייען אינדוסטריעלען מארק קעמפּפען אונגלייכע קרעפטען, און ווען מען זאָל זיך ניט אריינמישען אין דיעזען קלאַסען־

קאמפף, וועלען געווים און זיעגען די שטארקע קאפיטאליסטען, די ארבייט-געבער, און די שוואכע אָרעמע, אונבעשיצטע ארבייטער קלאַסען וועלען אונטערגעהען. עס האבען זיך אַנגעפאַנגען צו הערען שטימען ניט צו דערלאַזען די קאפיטאליסטען אזוי שרעקליך עקס־פּלואטירען די ארבייטער מאסען. עס האט זיך געבילדעט אַן אָפּאָזי־ציאָן געגען די הערשענדע געזעצען פון פּריוואט אייגענטהום. מען האט געפאָדערט, די רעגיערונג זאָל זעהן וועניגסטענס איינצופיהרען רע־פאָרמען, וועלכע זאָלען בעשיצען די ארבייטער פון זייערע אכזריות'־דיגע געגנער, מען האט געפאָדערט געזעצען, וועלכע זאָלען בעגרענע־צען די פרייהייט פון די אונטערנעהמער.

שוין אין יאהר 1793 איז ערשיענען א ווערק פון איינעם אַן ענגלענדער גאָדווין, וואו עס זיינען טהעאָרעטיש בעגרינדעט געוואָרען די נייע שטימונגען און פאָדערונגען. אין דיעזען ווערק איבערצייגט אונז גאָדווין, אז די אורזאַכע פון אָרימקייט ליעגט נאָר אין דעם, וואס די פּראָדוקטען ווערען ניט ריכטיג פערנאַנדערגעטהיילט, און אין די חסרונות פון דער געזעצגעבונג און עפענטליכע אינסטיטושאָנס. „רייכ־טהום — זאָגט גאָדווין — איז דאָ פיעל מעהר, וויפיעל עס איז נויטהיג דער בעפעלקערונג. דאס אונגליק איז, וואס עס איז ניט גלייך פער־נאַנדערגעטהיילט, איינער בעקומט צופיעל, דער צווייטער גאָר ניט. און כדי צו רעגולירען די רייכטהום און ראַטעווען די מענשען פון דער שווערער אָרעמקייט — גיט גאָדווין אַן עצה — מוז מען זעהן דורכצופיהרען סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמען."

אזעלכע עצות האבען שטארק ניט געשמעקט די הערשענדע קלאַ־סען: די גרויסע קאפיטאליסטען און גוטס-בעזיצער, וועמען עס האט זיך געגלוסט, דאס זייערע געגנער, די ארבייטענדע מאסען, זאָלען בליי־בען אויפ'ן שלאַכט פעלד אין גאַנצען אונבעשיצט פון געזעץ. מען האט אבער ניט געהאט די העזה אָפען ארויסצוטרעטען פאר די קלאַ־סען-אינטערעסען. מען האט פערקליידעט די תאוה צו הערשען אונ־בעגרענעצט איבער די אָרימע מאסע אין פערשיעדענע טהעאָריען. מען האט ארייגעלייגט די טומאה אין יראה, אז מען מיינט חס וחלילה קיין בייז ניט, אז מען איז געגען גאָדווין'ס עצות ניט לטובת עצמו נור לטובת הכלל, ווייל — האבען גע'טענה'ט די פאָרשטעהער פון די הערשענדע קלאַסען — ווייל דאס ארייננמישען זיך פון דער

רעגיערונג אין די פּריוואַט אונטערנעהמונגען שטערט דער ענטוויקלונג. און הסכמות צו זייערע מיינונגען האבען זיי געפונען כלומרשט אין סמיטה'ס טהעאָריען, וועלכע לערנען, אז די אינדיווידועלע פרייהייט איז די ערשטע בעדינגונג פון פעלקער־רייכטהום און יעדע בעגרענעצונג פון דיעזער פרייהייט קען נור שאדען, אבער ניט נוטצען ברייגגען.



## VIII.

# דאָס בעפעלקערונגס־געזעץ

### א.

דיעזע עגאָאיסטישע אידעאָלאָגיע פון די הערשענדע קלאַסען האט געפונען איהר בעסטען טהעאָרעטישען פאָרשטעהער אין דעם בעריהמטען ענגלישען פאַסטאָר און פּראָפעסאָר טהאָמאַס ראָבערט מאַלטהוס (1834—1766), וועלכער האט איבערגעלאָזען אַן אונשטערבליכען נאָמען אין דער געשיכטע ניט אזוי דורך זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, ווי דורך זיין אָפּענעם, אכזריות׳דיגען ארויסטרעטען געגען די אָרעמע ארבייטער קלאַסען, אויף דעם סמך פון זיין בעוואוסטען בעפעלקערונגס־געזעץ.

אין דעם בוך, וואס מאַלטהוס האט אָנגעשריעבען געגען גאָדווין, בעשטעטיגט ער קודם כל די גרויזאַמע בילדער און שילדערונגען, וועלכע גאָדווין האט געגעבען איבער די שרעקליכע אָרעמקייט און עלענד, וואס עקזיסטירט צווישען די מאַסען. מאַלטהוס איז מודה, אז דער דלות פון פאָלק איז שרעקליך גרויס. ער איז אויך מודה, אז אפילו די נייע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע מאַכען די ארבייט א סך פרוכטבאַרער, זיינען ניט אימשטאַנד אויסצובעסערען די לאַגע, נאָר פערקעהרט, פערגרעסערען נאָך דעם עלענד. אבער אויף די פראַגען: ווער איז אין דעם אלעם שולדיג? וואו ליעגען די אורזאַכען פון דיעזען פאָלקס־אונגליק? און ווי ווערט מען פון דעם פטור? בעמיהט זיך מאַלטהוס צו בעווייזען, אז די ארימקייט מיט אלע איהרע בעגלייטער, איז ניט א רעזולטאַט פון דער ניט גלייכער פערנאַנדערטהיילונג, ווי גאָדווין מיינט. דער דלות קומט ניט דורך דעם, וואס די געזעלשאַפט איז שלעכט איינגעאָרדענט, נאָר עס ווערט ארויסגערופען דורך דעם, וואס מענשען האַלטען ניט איין זייערע

ליידענשאפטען און פערמעהרען זיך מעהר, וויפיעל מען דארף. די רייכע קלאסען זיינען איבערהויפט ניט פעראנטוואָרטליך פאר די אָרימקייט און זיינען דעריבער ניט מחויב צו זאָרגען וועגען די אָרעמע, ווייל אין דער אָרימקייט איז ניט שולדיג די געזעלשאַפט, נור די נאַטור. און דעריבער קען דער דלות ניט בעזייטיגט ווערען דורך דעם, וואס די געזעלשאפטליכע אָרדנונג וועט ווערען אן אַנדערע.

„יעדע בעשעפעניש — פאנגט אַן מאלטהוס זיין טהעאָריע — האט אן אונגעהייערען חשק זיך צו פערמעהרען אָהן א גרענעץ. עס איז ניטאָ איין מין בעשעפעניש, סיי ביי חיות אזוי אויך ביי פלאנצען, וועלכע וואָלטען ניט פול געמאכט די גאנצע וועלט מיט זיך, ווען זיי וואָלטען געהאט די געלעגענהייט, פריי, אונגעשטערט זיך צו פרוכט־בארען. ביי די פלאנצען זיינען פאראן פאמיליעס, וועלכע ליפערען אין איין יאָהר זאָמען אויף פיעל טויזענדע נייע פלאנצען. אויך צווי־שען די חיות בעגעגענען מיר אָפט אזא מין פריה ורביה. די איינציגע הינדערנים, וואס לאָזט ניט צו אזא אונבעשרענקטען פערמעהרען זיך, איז דער חסרון אין חיונה, די ניט גענוגענדע נאהרונגס־מיטעל. פיעלע אינדיווידואומען (יחידים) געהען איינפאך אונטער אין'ם קאמפף פאר עקזיסטענץ. און דיעזער אונטערגעהן איז גאנץ נאַטירליך, ווייל פיעלע פון זיי קומען אויף דער וועלט אלס אונגעבעטענע געסט און בעקומען דאָרטען דעריבער קיין פלאץ ניט.

פון דיעזען אלגעמיינעם כלל איז ניט אויסגעשלאָסען אויך דער מענש. די תאוה צו פריה ורביה איז ביים מענשען אזוי גרויס, ווי ביי אַלע אנדערע בעשעפעניסען. אבער אין דער נאטור קלעקט ניט אזוי פיעל שפייז פאר אלעמען, וועלכע ווערען געבאָרען. אמת טאקע די מאָס פראָדוקטען, וועלכע זיינען נויטהיג צום מענשען'ס בעדערפנישען, וואקסט און פערמעהרט זיך דורך די ענטוויקלונג פון אינדוסטריע. אבער דיעזע מאָס וואקסט ניט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל די מענשען פערמעהרען זיך. די בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך אין גע־אָמעטרישער פראָגרעסיאָן, כפל־כפליים. ווען היינט איז דאָ, צ. ב., איין פּאָאר מענשען וועלען אין א דור שפעטער (מאלטהוס זאָגט אין 25 יאָהר שפעטער) זיין צוויי פּאָאר — פיער מענשען; אין דריטען דור וועט יעדע פּאָאר האבען קינדער און עס וועלען שוין זיין אכט מענשען, א. ז. וו. אין ציפער קען מען דאס פאָרמולירען אויף פאלגענ־

דעם אופן: 2, 4, 8, 16, 32, א. ז. וו. די מאָס פּראָדוקטען קען זיך אבער אויף קיין פאַל ניט אויף אזוי פיעל פערגרעסערען. ווען מיר זאָלען שוין אפילו צוגעבען — זאָגט מאַלטהוס — אז אין די ערשטע 25 יאָהר האט די מאָס פּראָדוקטען געוואַקסען דורך די ענטוויקלונג פון אינדוסטריע דאָפּעלט. ווען פריהער איז געווען, לאָמיר אָננעהמען, די צאָהל צוויי, איז אין 25 יאָהר שפּעטער צוויי מיט צוויי — פיער, קען דאָך אבער אין די צווייטע 25 יאָהר די מאָס פּראָדוקטען וואַקסען העכסטענס נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל עס איז געוואַקסען אין די ערשטע 25 יאָהר, ד. ה. אויף די צאָהל צוויי. און מיר וועלען בעקומען ניט אַכט (פיער מיט פיער), נור זעכס (פיער מיט צוויי) און די דריטע 25 יאָהר וועט צוקומען נאָך אמאָל צוויי און עס וועט זיין אַכט (זעכס מיט צוויי). אין ציפער אויסגעדריקט קומט אויס 2, 4, 6, 8, 10, 12, א. ז. וו. (אזא סאָרט צואוואַקס רופט מען „אריפמעטישע פּראָגרעסיאָן.”) אז די פּראָדוקטען קענען זיך ניט אזוי פערמעהרען, ווי די בעפעלקע־רונג, זעהט מען קלאָר, דען דער פּלאַטץ פון דער אויסערליכער נאַטור, מיט וועלכען מיר פיהרען א קאַמפּף, אום צו עררייכען לעבענס־מיטלען פאר אונזערע בעדערפנישען איז דאָך בעגרענעצט. פון איין אַקער ערד, צ. ב., קען מען דאָך ניט מאַכען צוויי אַקערס, ווי פרוכטבאר דעם מענ־שען'ס ארבייט זאָל ניט זיין. עס איז קלאָר, אז עס מוז ארויסקומען אויף דעם אופן אן איבער־בעפעלקערונג, א גרויסער דעפיציט אין לע־בענס־מיטלען — א באַנקראָט. דער פּועל יוצא, דער רעזולטאַט פון אזא נאַטור־באַנקראָט איז פערברעכען, קראַנקהייטען, מלחמות, הונגער און נאָך אזוינע סאָרטען אָנשיקענישען און מלאכי חבלה. דיעזע לעצטע — מיינט ווייטער מאַלטהוס — זיינען עפּעס אזוי ווי שלוחים פון דער נאַטור אויסצוראָטען די איבעריגע אונגעבעטענע מענשען, וויינינגער צו מאַכען די בעפעלקערונג אום אויסצוגלייכען דעם דעפיציט. דאס איז אונבעדינגט נויטהיג צו בעזייטיגען דעם באַנקראָט. און ניט די פערנאַנ־דערטהיילונג איז שולדיג אין דיעזע מענשליכע אונגליקען, נור דער נ אַ ט ו ר געזעץ פון דער בעפעלקערונג זיך צו פערמעהרען אָהן א שיעור און אָהן אן ערך. און אויב מען וויל — גיט מאַלטהוס אן עצה — אויב מען וויל דיעזע אונגליקען שוואַכער מאַכען אדער בעזייטיגען, טאָ דאַרף מען ניט איבעראַנדערשען די פערנאַנדערטהיילונג, די אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, וואס וועט סיי ווי סיי ניט העלפען, נאָר מען דאַרף

בעסער זעהן איינצוהאַלטען די נאַטירליכע תאוות, ניט אזוי יונג חתונה האבען, זעהן צו האבען וויינינגער קינדער, א. ז. וו. וואס וויינינגער קינ־דער עס וועלען געבוירען ווערען, אַלץ שוואַכער וועט זיין די אָרימקייט, עפּידעמיעס און די איבעריגע וואָפען פון דער נאַטור צו פערניכטען די איבעריגע, אונגעבעטענע געסט.

אין דער צייט, ווען די שכירות קלעקט נור אויסצוהאַלטען צוויי קינדער, האט דער ארבייטער חתונה און ברייננט אויף דער וועלט פינף קינדער. דער ארבייטער קומט דורך זיין גרויסע פאַמיליע אריין אין א שרעקליך קריטישע לאַגע. ער פאַנגט זיך אָן צו בעקלאָגען אויף די קליינע שכירות, וועלכע גענינגט ניט אויסצוהאַלטען די פאַמיליע. ער בעשולדיגט די רייכע, פאר וואס זיי טהיילען זיך ניט מיט זייער פערמע־גען. ער בעשולדיגט די יסודות פון דער געזעלשאַפט אין אונרעכט און גרויזאַמקייט און עס קומט איהם, — דעם ארבייטער הייסט עס, — אפילו אין זינען ניט אריין אויפצוזוכען די ריכטיגע אורזאַכען פון זיין ליידען. „דאס פאָלק מוז נור זיך אליין און ניט קיין אַנדערען שול־דיג מאַכען אין זיינע צרות" — דרשה'ט דער זאַטער געלהרטער. „די הויפּט אורזאַכע פון'ם דלות און עלענד הייננט כמעט ווי גאַר ניט אָב פון דעם ארט ממשלה, אדער פון דער אונגלייכער פערנאַנדערטהיי־לונג פון די בעשאַפענע לעבענס־מיטלען; די רייכע זיינען ניט אימ־שטאַנד צו געבען די אָרעמע ארבייט און חיונה; דעריבער האבען די ארבייטער בעצם קיין שום רעכט ניט צו פאָדערען פון זיי, פון די רייכע, פּרנסה. אָט וועלכע וויכטיגע עקרים עס זיינען געדרונגען פון'ם בע־פעלקערונגס געזעץ... ווען דיעזע עקרים וועלען זיך איבעראַל פער־שפּרייטען צווישען פאָלק, וועלען ווערען די ניעדעריגערע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג ארטיגער און געהאָרכזאַמער. זיי וועלען ניט זיין אזוי בערייט צו פערשיעדענע סאָרטען אונרוהען... זיי וועט זיין דעמאָלט שווערער אויפצוהעצען דורך פערשיעדענע אַגיטאַציאָנס־ביכ־לעך."

אַלס א ראיה צו זיין טהעאָריע, אז די גרויס פון דער בעפעלקע־רונג איז ענג פערבונדען מיט די מאָס נאַהרונג, וואס איז פאַראַן אין דער געזעלשאַפט, במזומן, ברייננט מאַלטהוס זעהר פיעל סטאַטיסטישע ידיעות, וועלכע ווייזען בעשיינפּערליך, אז וואס גרעסער עס איז די מאָס פּראָדוקטען, אזוי אָפטער קומען פאָר חתונות און אַלץ גרעסער ווערט

די בעפעלקערונג. און „וויבאלד — דרשה'עט ווייטער דער חייליגער גלח — אז די עלענד איז א געזעץ פון דער נאטור, וועלכע רעגולירט און גלייכט אויס דעם אונטערשיעד צווישען די בעפעלקערונג און לע־בענס־מיטלען — טא דארפען מיר זיין זעהר פארזיכטיג אין צדקה־אנשטאלטען, אין פערשיעדענע חברות, וועלכע האבען דעם צוועק צו פערלייכטערען די עלענד. אזוינע אונטערשטיצונגען וועלען נור פיהרען דערצו, דאס די בעפעלקערונג וועט זיך נאך מעהר פערגרעסערען אין'ם ערך מיט די לעבענס־מיטלען און עס וועט קומען נאך א גרעסערער דלות.״ די רעגיערונג דארף זיך — נאך מאלטהוס'עס מיינונג — וויי־ניג וואס בעקימערען מיט דער ארימקייט און ליידען פון דער געזעל־שאפט.״ „פיר די קינדער, וועלכע שטארבען פון הונגער, איז די רעגיע־רונג ניט פעראנטווארטליך. די רעגיערונג איז ניט מחויב צו זארגען וועגען זיי, ווייל פאר איהר ווערט איין קינד לייכט אויסגעביטען אויפ'ן צווייטען.״

„דאס די קינדער מוזען ליידען פאר די עלטערען'ס זינד — בע־מערקט ווייטער מאלטהוס — וועט אפילו אויסקומען זעהר אכזריות'־דיג, דאס איז אבער איינער פון די אונפערענדערליכע געזעצען אין דער נאטור, און מען דארף זיך גוט מישב זיין, איידער מען בעשליסט זיך צו ווירקען געגען איהם.״ (געגען דעם געזעץ פון דער נאטור צו פערניכטען די איבעריגע נפשות, פאר וועלכע עס איז ניטא קיין לע־בענס־מיטלען) און אלס אמת'ער פריידיגער בריינגט מאלטהוס א פסוק פון חומש, וואו עס שטעהט, אז גאט שטראפט די קינדער פאר די על־טערענס זינד.

דער סך הכל פון מאלטהוס'עס טהעאריע ווערט פארמולירט אין פאלגענדע כללים:

1) די בעפעלקערונג איז אונבעדינגט אבהענגיג פון די מיטלען צום לעבען, וועלכע זיינען פאראן אין דער נאטור. די בעפעלקערונג קען ניט אנוואקסען אהן א שיעור און אהן אן ערך אין דער צייט, ווען פיר די מאס לעבענס־מיטלען איז יא דא א שיעור.

2) די תאוה פון יעדער בעשעפענים, ניט אויסגעשלאסען דער מענש, פיהרט אבער דערצו, דאס יעדער מין פערמעהרט זיך אהן א גרענעץ און א שיעור אין דער צייט, ווען די מאס לעבענס־מיטלען ווערט

ניט גרעסער אויף אזוי פיעל. עס ווערט אן איבערשוס, ד. ה. מעהר מענשען, וויפיעל לעבענס־מיטלען.

3) דיעזער איבערשוס פון מענשען אין ערך מיט די לעבענס־מיט־לען קען בעזייטיגט ווערען ענטוועדער דורך'ן איינהאַלטען די תאות פריהער, אדער דורך די פערשיעדענע אַנשיקענישען, וועלכע די נאַטור שיקט שפּעטער, ווען דער איבערשוס, די מותרות פון מענשען איז שוין פאַראַן. דיעזע אַנשיקענישען זיינען: הונגער, קראַנקהייטען, מלחמות, רציחות, א. ז. וו. דורך אזוינע מיטלען ווערט צוריק אויפגע־שטעלט דער גלייכגעוויכט צווישען די נאַטור און געזעלשאַפט.

דערפון קומט ארויס פּראַקטיש:

א) אז אלע מיטלען איבערצואַנדערשען די יסודות פון דער געזעל־שאַפט און איינפיהרען אן אנדער סאָרט פערנאַנדערטהיילונג, וואו דער פּראָלעטאַריאַט זאָל בעקומען מעהר לעבענס־מיטלען, וועלען נאָך פער־גרעסערען דעם דלות און די שטערבליכקייט, ווייל די גלייכגעוויכט צווישען די נאַטור און בעפעלקערונג וועט נאָך מעהר צושטערט ווערען.

ב) דער בעסטער מיטעל צו בעזייטיגען די עלענד איז ניט חתונה צו האבען יונג און זעהן צו האבען ווייניג קינדער.

ג) די געזעצגעבונג און פערשיעדענע צדקה־חברות אויסצובעסע־רען די לאַגע פון די אָרעמע זיינען ניט נאָר צו שוואַך קעגען נאַטיר־ליכען געזעץ צו פערניכטען די איבעריגע מענשען, נאָר פערקעהרט, דאס פערגרעסערט נאָך די אונגליקען, ווייל ניט האבענדיג קיין דאגות חיונה, וועלען די אָרעמערע קלאַסען אָנפאַנגען ווייטער זיך שטאַרק צו פערמעהרען.

---

ב.

מאַלטהוס'עס אכזריות'דיגע טהעאָריע איז געקומען זעהר צו דער האַנד יענע קלאַסען, וועלכע לעבען פון פערשיעדענע סאָרטען עקספּלו־אַטאַציאָן. מען האט זיך אָן איהר אָנגעכאַפּט, ווי אָן אן אבן טוב, מיט וועלכען מען בענוצט זיך יעדעס מאָל, ווען מען הערט די פּראָטעסטען פון די אויסגעמוטשעטע ארבייטער קלאַסען, ווען עס קומט אויס צו

שלעפּען דעם אונערטרעגליכען יאָך פון קאַפּיטאַל. אויך נאָך הײנט הע־
רען ניט אויף אפילו פערשיעדענע פּראָפעסאָרען, וועמען דער איצטי־
גער אָרדנונג איז טהייערער פון אלעס אין דער וועלט, צו דרשה'ענען,
אז די ארבייטער ליידען דערפון, וואס זיי האבען צופיעל קינדער, און
קיין אנדערער, אויסער זיי אליין, איז אין דעם ניט שולדיג.

אז דיעזע אנשויאונג, וועלכע איז מצדיק את הדין און בערעכטיגט
דאס עלענד ביים פאָלק, איז איינע פון די גיפטיגסטע און שרעקליכסטע
געוועהר געגען דעם ארבייטער קלאַס איז איבעריג צו ריידען. אזא
תורה, וואו עס ווערט גע'דרשה'ענט מיט אזא אָפענע חוצפה און ציניזם
פערשיעדענע מאָראַלישע פערברעכען, איז זיך שווער פאָרצושטעלען
ביי א מענשען פון דער וויסענשאפט. דיעזע תורה, אויסער וואס זי
בערויבט פון די ארבייטער יעדע האָפנונג אויסצובעסערען זייער לאַגע,
אויסער דעם, וואס זי זאָגט נביאות, אז אין דער צוקונפט וועט די
לאַגע נאָך ערגער זיין — אויסער דעם אלעם מאכט זי, מאלטהוס'עס
תורה, די עלענדע, פערהונגערטע, פערמוטשעטע מענשען אליין שולדיג
אין זייערע צרות! יאוש, פערצווייפלונג, אָבהענדיגקייט ביי די אָרימע,
אכזריות, קאַלטבלוטיגקייט, שלעכטסקייט ביי די רייכע — אָט זיינען
די רעזולטאַטען, וואס מאלטהוס האט מיט זיך געבראַכט. עס איז קיין
וואונדער ניט ,אז „מאלטהוזיאַניזמוס" האט געקענט ארויסרופען א
טיעפע פעראַכטונג ביי די אמת'ע פריינד פון דער מענשהייט.

די פראגע איז אבער ניט אויב דיעזע אנשויאונג איז א גוטע אדער
א שלעכטע, צו זי איז אונז סימפּאַטיש אדער אונסימפּאַטיש, צו זי
איז א יושר'דיגע אדער ניט? — די פראגע איז: אויב מאלטהוס'עס
טהעאָריע איז וויסענשאפטליך ריכטיג? אויב עס זאָל זיין ריכטיג,
— דאַן פאַלען אוועק אלע רחמנות, וויכהערציגקייט, סימפּאַטיען אָן
א זייט. געגען א שטרענג וויסענשאפטליכען אמת לוינט ניט ענטקעגען
צו שטעלען דעם יושר, דאס געפיהל. אן אמת מוז ווערען אָפען ארויס־
געזאָגט ווי אכזריות'דיג און גרויזאם עס זאָל ניט זיין, און עס וואָלט
זיין לעכערליך מאלטהוס'ן פאָרצוואוארפען און צו בעשולדיגען אין
עגאָאיזמוס, קאַלטבלוטיגקייט דעמאָלט, ווען זיין פאָרשונג זאָל זיין—
וויסענשאפטליך ריכטיג. די מעשה איז אבער, דאס דער גאַנצער מאל־
טהוזיאַניזמוס איז וויסענשאפטליך פאַלש. די גאַנצע טהעאָריע איז
אויפגעבויט אויף פאַלשע יסודות און אונריכטיגע סברות, וועלכע האבען

מיט דער ווירקליכקייט ניט צו טהאָן. און אויב פיעלע האַלטען זיך נאָך ביי דיעזע טהעאָריע איז ענטוועדער דעריבער, ווייל זי קומט זעהר צוניטץ זייערע קלאַסען־אינטערעסען צו פערבלענדען די אויגען, אום ניט צו זעהן די ריכטיגע אורזאכע פון מענשען'ס עלענד, אדער, אויך דעריבער, ווייל דיעזע טהעאָריע ענטהאלט אין זיך אויך זעהר פיעל אמת. דער אמת איז דאָ אזוי פערדרעהט און פערפלאָכטען מיט'ן שקר, דאס עס איז זעהר שווער זיי אָפּען צו פלעכטען, אנאַליזירען און אָב־צוטהיילען איינס פון די אנדערע.

דער הויפּט יסוד, אויף וואס מאַלטהוס בויט זיין וועלט אנשוי־אונג, דאס די בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך מעהר ווי די מאָס לע־בענס־מיטלען, איז שוין לאַנג דורך די וויסענשאַפט בעוויעזען געוואָרען פאַר פאַלש. די פערשיעדענע ערפינדונגען און ענטדעקונגען, וואס זיינען געמאַכט געוואָרען אין פערשיעדענע צווייגען פון דער וויסענשאַפט און טעכניק אין לעצטען יאָהר־הונדערט, האבען קלאָר געוויעזען, אז די פּראָדוקטיוויטעט, די פרוכטבאַרקייט פון דער מענשליכער ארבייט שטייגט אונגעהייער גרויס. אויסער דעם, וואס ס'איז נאָך פאַראַן אין דער נאַטור זעהר פיעל פּלאַטץ, וואס קען פערברויכט ווערען אין מענ־שען'ס נוטצען, ד. ה. דער קאַמפּף מיט דער נאַטור קען פערגרעסערט ווע־רען אין כמות, קוואַנטיטאַטען, איז נאָך אבער גאָר ניט משער צו זיין, ווי וועיט דער קאַמפּף קען ענטוויקעלט ווערען אין איכות, קוואַליטאַטען. אמת טאָקע פון 1 אַקער קען מען 2 אַקערס ניט מאַכען, דערפאַר קען מען אבער דורך ענטוויקלונג פון טעכניק ציהען פּראָדוקטען פון איין אַקער, ווי פון צעהן און מעהר. די נאַטור ווערט פרוכטבארער, וואס א בעסערע טעכניק עס ווערט צו איהר פערווענדעט, און די טעכניק ווערט אויסגעבעסערט מיט די פאָרטשריטען אין דער וויסענשאַפט. פיעלע געלערנטע האָפען אפילו, אז מיט דער צייט וועט די וויסענשאַפט גע־פינען א מיטעל, ווי צו בעקומען נאַהרונג פון דער לופט, און עס איז קרוב לודאי, אז אין דער צוקונפט וועט דאס ערדרייכט ווערען. מיט הונ־דערט יאָהר צוריק האט מען זיך אויך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז ס'וועט ענטדעקט ווערען א נייער מיטעל צו מיסטיגען די פעלדער, סע־ליטרא, וואס מאַכט דעם באָדען פרוכטבארער ניט אין'ם ערך, ווי פריהער.

איינער א דייטשער געלהרטער האט אויסגערעכענט, אז די איג־

טעסיוויטעט און פראָדוקטיוויטעט (פּרוכטבאַרקייט) פון דער דייטשער לאַנדווירטהשאַפט איז צוליעב די פערווענדונג פון מאַשינעס און איבעריגע ערפינדונגען אין די לעצטע הונדערט יאָהר געוואַקסען א סך מעהרער, ווי די פערמעהרונג פון די מענשען. מיט איין וואָרט, דער גאַנצער פעסימיזמוס בנוגע דער איבערפעלקערונג, ד. ה. אז עס וועט זיין אין דער צוקונפט אן איבערשוס אין מענשען, איז אבסאָלוט ניט ריכטיג.

און ווען מען זאָל שוין אָננעהמען (וואס ס'קען נאָר מעגליך זיין ביי אזעלכע מענשען, וועלכע ליעבען זיך אויסצומאָהלען פאַנטאַסטישע, גרויזאַמע שרעקענס בילדער), אז אפילו אין דער ניט ווייטער צוקונפט קען קומען אזא צייט, ווען די נאַטור וועט ניט זיין אימשטאַנד צו ערנעהרען אלע בעשעפעניסען, וועלכע זיינען אין איהר פאַראַן — טאָ איז מילא בכן? איז וואס דערפון געדרונגען? וואס איז דען דאס נוגע דער פראגע וועגען די אָרימקייט, וואס הערשט איצט, אין דער געגענווערטיגער צייט, אין אונזער געזעלשאַפט? צו קען מען דען אָננעהמען די איצטיגע אָרימקייט און עלענד פאר א געזעץ פון דער נאַטור אויף דעם סמך, וואס אין דער צוקונפט קען קומען אזא צייט, ווען די נאַטור וועט ניט זיין בכח צו שאַפען חיונה פאר די גאַנצע בעפעלקערונג?

אמת טאַקי מאַלטהוס בעווייזט זעהר קלאָר און אונבעשטרייטליך, אז עס עקזיסטירט א געוויסע שייכות צווישען די פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג און די מאָס לעבענס־מיטלען, וועלכע ס'זיינען פאַראַן במזומן. אבער ווי ווערט ביי איהם דיעזע שייכות בעוויעזען? „מען זעהט — זאָגט מאַלטהוס — אז ווען עס איז דאָ ווייניג לעבענס־מיטלען, קומען פאָר ווייניג חתונות, פערשפּרייטען זיך מעהר קראַנקהייטען, עס פערגרעסערט זיך די שטערבליכקייט און די בעפעלקערונג ווערט קלענער.“ יא, אז די בעפעלקערונג איז אָבהענגיג פון די לעבענס־מיטלען, אז די לעצטע רעגולירען די ערשטע איז אַן אמת, אין וועלכען מען קען גאָר ניט צווייפלען. אבער צו בעווייזט דען דיעזער כלל, אז די אָרימקייט איז אלע מאָל א פועל יוצא, א רעזולטאַט פון דער צו גרויסער בעפעלקערונג? ווען מיר זאָגען, אז טישען, צ. ב., ווערען געמאַכט נאָר פון האָלץ, איז דערפון נאָך ניט געדרונגען, אז פון האָלץ מאַכט מען נאָר טישען! פון האָלץ קען מען מאַכען אויך הייזער, ביינק, וואָגענס, א. ז. וו. ווען די בעפעלקערונג איז אָבהענגיג פון אָרימקייט, קען מען

נאָך דערפון ניט ברייגנגען א ראיה, ווי מאַלטהוס טהוט, אז די אָרימקייט איז א פאָלגע נור פון דער בעפעלקערונג. דאס איז אן אונגעהייער גרויסער פעהלער אין דיזער גאַנצער לעהרע.

מען דארף זיין בלינד ניט צו זעהן, אז אין דעם עלענד, וואס עקזיסטירט איצט אין אונזער געזעלשאפט, זיינען ניט שולדיג די נאַטירליכע געזעצען, נאָר אמת'ע געזעלשאַפטליכע אורזאכען. די ניט ריכטיגע געזעצען פון אייגענטהום, די ניט גלייכע פערנאַנדערטהיילונג. מענשען זיינען אָרעם, ליידען נויט דערפאר, ווייל אַנדערע זיינען צו רייך, ווייל אַנדערע נעהמען צו פיעל. די אָרימקייט אין דער געזעלשאפט איז ניט דעריבער, ווייל די נאַטור איז אָרעם, נאָר דעריבער, ווייל מענשען זיינען צו רייך.

מאַלטהוס בעווייזט נאָר, אז די פערשיעדענע פאַקטאָרען, וועלכע פערקלענערען די בעפעלקערונג (קראַנקהייטען, שטערבליכקייט, פערשיעדענע פערברעכען) זיינען א רעזולטאַט פון דער מענשליכער אָרימקייט, אז דיזע מענשליכע אָרימקייט, איז די סיבה פון דעם, וואס די בעפעלקערונג פערקלענערט זיך. אבער דערמיט איז דאָך נאָך ניט בעוויזען (ווייל דאס איז אין אמת'ן אונבעווייזבאר) אז דיזע פאַקטאָרען זיינען א רעזולטאַט פון דער נאַטירליכער אָרימקייט, פון דער צו גרויסער בעפעלקערונג. אין דעם בעשטעהט די גאַנצע וויסענשאַפטליכע פאַלשקייט פון מאַלטהוס'עס טהעאָריע, וואס ער, מאַלטהוס, האט פערביטען די סיבה, די אורזאַכע פאר א יוצא, פאר א רעזולטאַט, און די מענשליכע אָרימקייט פאר א נאַטירליכע.

די ערגסטע צייטען לעבט מען איבער אין א קריזיס, דאן טרעטען אלע פאַקטאָרען אָפען ארויס צו פערקלענערען די בעפעלקערונג. צו איז דען דאס אבער, ווייל עס זיינען במציאות ניטאָ קיין לעבענס-מיטלען פאר די בעפעלקערונג? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! פארקעהרט, די קריזיסען קומען, ווייל עס זיינען דאָ צו פיעל לעבענס-מיטלען. דאָ הונגערט מען און דאָרטען פוילען פּראָדוקטען אין פערשיעדענע סקלאַדען און פאַבריקען. פּראָדוקטען זיינען דאָ גענוג, זיי זיינען נור שלעכט פערטהיילט, און פערטהיילט זיינען זיי שלעכט דעריבער, ווייל עס עקזיסטירט דאס פערשאָלטענע געזעץ פון פריוואט אייגענטהום אויף די פּראָדוקציאָנס-מיטלען.

עס זיינען בעוואוסט פאַקטען, וואו א גרופע קאַפּיטאַליסטען, מאַ־

בענדיג א סינדיקאט, א טראַסט, פערניכטען ממש בידים פערשיעדענע רייכטהימער, אויסגעארבייטע פּראָדוקטען, כדי זיי זאָלען זיין וויניגער אויפ'ן מארק, און די קאָנקורענץ, דער אָנגעבאָט אויף סחורות זאָל דעריבער שוואכער ווערען, אין דער צייט, ווען מענשען געהען ארום באָרוועס און נאקעט, פערהונגערט און פערפראָרען. (אזא פאקט איז פּאָרגעקומען מיט איינינע יאָהר צוריק אין דייטשלאַנד — אין דער וועבעריי־אינדוסטריע *).

אין אינדיען, סיביר און נאָך פיעל ערטער שטארבען אויס זעהר פיעל ווילדע שבטים, פון הונגער, דחקות און נויט, אבער ניט דעריבער, ווייל עס זיינען דאָרטען ניטאָ קיין לעבענס־מיטלען. ווי מיר ווייסען, איז דאָרט די נאטור זעהר רייך, דער באָדען פרוכטבאר, פיעל פרוכטבארער, ווי אין אייראָפּא. דאָרטען געהען זיי אונטער, ווייל זיי פערשטעהען ניט, ווי זיך צו בענוטצען מיט די רייכקייטען פון דער נאַטור. ניט די נאטור איז אָרים, נאָר די מענשען זיינען אונענטוויקעלט, ווילד — און דיעזע ווילדקייט איז די סיבה פון'ם מענשען'ס דלות און עלענד.

איבעריגענס, אז מאַלטהוס אליין האט פערטהיידיגט די אינטערעסען פון זיין קלאַס א סך מעהר, ווי די אינטערעסען פון דער ריינער וויסענשאַפט, אין וועמען'ס נאָמען ער האט אזוי פיעל גע'דרשה'עט, ווייזט אונז דער פאקט, וואס ער האט געהאַלטען שטאַל און אייזען פאר די פּאָדערונגען פון די גרויסע ענגלישע גרונד־בעזיצער ארויפצולייגען אָבצאָהלונגען און פּאָשלינעס אויף די אריינגעפיהרטע תבואות. אלס א תלמיד פון אדאַם סמיטה, האט ער, פערקעהרט, בעדאַרפט זיין א שטאַרקער געגנער פון פּראָטעקציאָניזמוס. זיין ארויסטרעטען פאר זייערע פּאָדערונגען וואַרפען א שטאַרקען חשד, אז זיין גאַנצע תורה האט ער נאָר בענוצט פאר א פייגען־בלאַט צו צודעקען זיך, אום ס'זאָל זיין בעסער צו שיסען פיילען אויף די עלענדע און אונגליקליכע.

מאַלטהוס איז אפילו געווען פאר די געזעצגעבונג צו בעשיצען די ארבייטער געגען די קאַפּיטאַליסטען. דאס וואַרפט נאָך אבער מעהר

*) אויך אין אמעריקא אין 1910, אין דער צייט פון'ם גרויסען יקרות, אין דער צייט, ווען מוטערס האבען ניט געקענט קויפען פאר זייערע פערשמאַכטע קינדער מילך, האט דער מילך טראַסט מאַסען מילך אויסגעגאָסען אין טייך, כדי עס זאָל זיין וועניגער אויפ'ן מארק.

שאָטען־זייטען אויף זיין פערזאָן. דערפון זעהט מען קלאָר, אז די אינ־טערעסען פון זיין קלאַס זיינען איהם געווען טהייערער ווי אלץ, אפילו פאר זיינע איבערצייגונגען. מאַלטהוס איז געווען, ווי געזאָגט, א פאָר־שטעהער פון די גרויסע גרונד־בעזיצער, וועלכע זיינען געווען פאר פאָשלינעס אויף תבואות, די קאַפּיטאַליסטען זיינען אבער געווען געגען אזוינע פאָשלינעס. מען האט בעדארפט אויף דעם אופן געווינען דעם ארבייטער קלאַס און אויפצוהעצען איהם געגען די קאַפּיטאַליסטען. דאס איז די אורזאַכע, וואס מאַלטהוס איז מיט א מאָל געוואָרען אזא גרויסער צדיק צו בעשיצען די ארבייטער אינטערעסען. דען געהענדיג לשיטתו האט ער ניט בעדארפט זיין פאר אזא געזעצגעבונג.

# דוד ריקאַרדאָ



דוד ריקארדא.

## IX.

# דוד ריקאַרדאָ און זיינע טהעאָריען

### ריקאַרדאָ'ס לעבען און ווירקען.

דוד ריקאַרדאָ איז געבוירען געוואָרען דעם 19טען אַפריל, 1772, אין לאָנדאָן, וואוהין זיין פאַמיליע האט פריהער אריבערגעצויגען פון האָלאַנד. זיין פאָטער, אן אַלט־מאָדיש־פרומער איד, איז געוועזן א רייכער, פעהיגער און א מזל'דיגער סוחר, א בכבוד'יגער מיטגליד אויף דער בערזע, וואו ער האט געהאַט צוליעב זיינע פיעלע עסקים א גרויסע דעה. פון זיין זוהן דוד'ן האט דער פאָטער אויך געוואָלט מאַכען א פרומען און אן עהרליכען סוחר, כדי איהם איבערצולאָזען בירושה זיין פערמעגען און געשעפט. צו דיעזען צוועק האט ער איהם געשיקט אין זיין אַמאָליגע פאטערלאַנד, האָלאַנד, דאָרטען צו לערנען און זיך אויסבילדען אין קאָמערץ־שוהל. דאס איז געוועזן די איינציגע שוהל־בילדונג, וואס ריקאַרדאָ האט גענאָסען.

דיעזע קליינע אונבעדייטענדע פאָר־בילדונג האט אבער ניט געשטערט די מערקווירדיגע פעהיגקייטען, מיט וועלכע דוד איז געוועזן בעשאָנקען פון דער נאַטור: דעם שאַרפען שכל, דעם ענערגישען און דרייסטען פאָרשען, דער אויפמערקזאַמקייט, דעם טיעפען דורך־דרינגענדען בליק בנוגע די ערשיינונגען פון לעבען אין דער געזעלשאַפט — האט ניט געשטערט צו ענטוויקלען די פעהיגקייטען ביז צו אזא הויכען גראַד, דאס זיי האבען ארויסגערופען א אונגעהייערע בעוואונדערונג ניט בלויז צווישען די מענשען פון זיין דור, נור אויך צווישען די שפעטערדיגע דורות.

כמעט נאָך א קינד האט ריקאַרדאָ אלעמען איבערראַשט מיט זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען צו חשבון און צום מסחר; און אין'ם

עלטער פון 14 יאָהר האט דער פאָטער זיך אָנגעפאַנגען צו בענוצען מיט איהם אויפ'ן בערזע. שוין אין דיעזע קינדער־יאָהרען האט דער קליינער ריקאַרדאָ ארויסגעוויעזען זעהר פיעל חריפות, ספּעקולאַציאָנס־פעהיג־קייט און א פריינן, אונערשראָקענעם אונטערנעהמונגס־גייסט.

דיעזער דרייסטער, פרייער גייסט האט אבער ניט געקענט לעבען בשלום מיט זיין אַלט־מאָדישען, פרומען, פאַנאַטישען פאָטער, וועלכער איז געווען עכט קאָנסערוואַטיוו סיי אין אמונה־זאַכען, סיי אין פּאָליטי־שע איבערצייגונגען. בלינד זיך אונטערצוגעבען און טהון א זאַך ניט ווילענדיג, אָהן שכל, האט דיעזער אונערשראָקענער כאַראַקטער בשום אופן ניט געקענט. די גאַנץ פערשיעדענע איבערצייגונגען און מיינונגען פון פאָטער און זוהן האבען געפיהרט צו שטענדיגע מחלוקות און האַמ־פערייען. דיעזע מחלוקות האבען זיך אזוי פערשאַרפט, דאס דער יונגער דוד האט געמאַכט אַן ענטשלאָסענעם טריט, דורך וועלכען ער האט אין גאַנצען צוריסען די פעדעם, וועלכע האבען איהם פערבונדען מיט זיין פאַמיליע און נאַציאָן. דוד ריקאַרדאָ האט זיך אָבגעריסען פון דער אידי־שער אמונה און איז געוואָרען א מיטגליעד פון דער קריסטליכער גע־מיינדע.

אליין, אָבגעריסען פון זיין פאַמיליע, אָהן שום שטיצע פון זיין רייכען פאָטער, האט דוד אָנגעפאַנגען צו פיהרען מסחורים אויפ'ן איי־גענעם נאָמען, אונטער זיין אייגענער פירמע. זיין עהרליכקייט און זיין ווייכער, עדעלער כאַראַקטער האט אין א גאַנץ קורצער צייט ערוואָרבען די ליעבע און אכטונג פון די אָנגעזעהענע מיטגלידער אויף דער בערזע, וועלכע האבען איהם אָנגעפאַנגען בעהילפיג צו זיין אין אלע זייגע אונטערנעהמונגען. די הצלחה אין געווען אין דוד'ס געשעפטען זעהר גרויס. עס האט ניט לאַנג געדויערט, ביז וואַנעט ריקאַרדאָ האט צונויפ־געקליעבען א גרויסען פערמעגען און איז געוואָרען אין גאַנצען זעלבסט־שטענדיג.

דער חשק צו רייכטהום אליין האט אבער ניט געקענט דערשטיקען אין ריקאַרדאָ זיין שעהנעם, עדעלען כאַראַקטער, זיין מענשען־ ליעבע און די איבעריגע ווייכע געפיהלען. די עשירות האט ווייניג וואס בע־פריעדיגט דעם טיעפזיניגען פאָרשענדען גייסט, וואס איז בעשאַפען גע־וואָרען צו עטוואָס גרעסערעס, ערהאַבענעס. און גלייך ווי נור ער איז געוואָרען פעסט אין מעמד, האט ער זיך מיט גרויס התמדה איבערגע־

געבען דער וויסענשאפט, וואָהלטהעטיגקייטען און אנדערע קהל'שע און פּאָליטישע אינטערעסען.

אין'ם עלטער פון 25 יאָהר זעהען מיר ריקאַרדאָ, ווי ער לערנט מיט גרויס ערפאָלג מאטהעמאטיק, כעמיע און מינעראַלאָגיע, בויט אויס אויף אייגענע הוצאות א לאַבאָראַטאָריום, א זאמלונג פון מינעראלען און ווערט איינער פון די אייפעריגסטע און וויכטיגסטע מיטגליעדער אין דער געאָלאָגישער געזעלשאפט. צו קיין וויסענשאפט האט אבער רי־קאַרדאָ ניט ארויסגעוויעזען אזוי פיעל חשק און אינטערעס, ווי צו פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע, וועלכע ער האט געלערנט מיט א אויסערגעוועהנלי־כע התמדה און צו וועלכער ער האט זיך איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען.

אינטערעסאנט איז דער צופאל, ווי אזוי ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט דיעזען צווייג פון דער וויסענשאפט.

אין 1799, ווען איהם איז געווען 27 יאָהר, האט ריקאַרדאָ צוליעב געוויסע פאמיליען אנגעלעגענהייטען געמאכט א נסיעה. אויף דיעזער נסיעה האט ער געפונען צופעליג ביי זיינעם א פריינד, וועלכען ער האט בעזוכט, איין באנד פון אַדאַם סמיטה'ס „אונטערזוכונגען איבער די נאַטור און אורזאכען פון'ם פעלקער רייכטהום.״ ווי א דורשטיגער צו א קאלטען קוואל האט זיך ריקאַרדאָ צוגעכאפט צו דיעזען עפּאָכע־מא־כענדען ווערק, אין וועלכען ער האט זיך זעהר פערטיעפט. וואס ווייטער ער האט עס געלעזען, איז אלץ מעהר געוואקסען זיינע התפעלות און ענטציקונג. פון דעמאָלט אָן איז ביי ריקאַרדאָ אלץ שטארקער געוואָרען דער אינטערעס און די אויפמערקזאמקייט צו די ווירטהשאפטליכע ער־שיינונגען.

13 יאָהר פון שטילער און פלייסיגער ארבייט זיינען נאָך פארביי, ביז וואנען ריקאַרדאָ האט פערעפענטליכט זיין ערשטע קליינע ווערק, „א אונטערזוכונג איבער די שייכות פון פּאפּיער געלד צו מעטאל געלד.״

שוין אין דיעזען קליינעם ווערק האט ריקאַרדאָ אלעמען פער־וואונדערט מיט זיין גרויס חריפות און טיעפען פערשטעהען פערשיע־דענע ווירטהשאפטליכע ערשיינונגען. אין פערלויף פון צוויי יאָהר האט דאס ביכעל אויסגעהאלטען פיער אויפלאגען. ריקאַרדאָ איז געוואָרען פּאָפּולער, אלס איינער פון די טיעפזיניגסטע עקאָנאָמיסטען. אין אלע

פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראגען האט מען זיך אָנגעפאנגען שטארק צו רעכנען מיט זיינע פאָרשונגען און אויספיהרונגען. און אין די פּאר־לאמענטארישע וכוחים האט מען זעהר אָפט ציטירט ריקארדאָ'ס מיי־נונג.

אין יאָהר 1815 איז געשטאַנען אויפ'ן „טאגעס אָרדנונג" פון ענגלישען פּאָליטישען לעבען די פראגע איבער דעם „צאָהל טאריף אויף אויסלענדישע תבואה." אלע פּאָליטיקער, געלעהרטע (צווישען זיי אויך ראָבערט מאלטהוס) פון לאנד האבען געפיהרט שטארקע און הייסע וכוחים מכח דעם. ריקארדאָ האט, זעלבסטפערשטענדליך, ניט געקענט פערשוויינען זיין אייגענע מיינונג בנוגע אזא וויכטיגען ענין. עס איז ערשיענען פון איהם א ווערק, וואו ער טרעט ארויס געגען מאל־טהוס, וועלכער האט פערטהיידיגט די אָבצאָהלונגען אויף די אריינגע־פיהרטע תבואות. ריקארדאָ בעווייזט די ניט ריכטיגקייט פון מאל־טהוס'עס מיינונג און ווי ווייט שעדליך עס איז פאר דאס לאנד פער־שיעדענע בעגרענצונגען אויף אויסלענדישע סחורות. מיט א מערק־ווירדיגער בעלעהרזאמקייט איבערצייגט ער דאָרט, אז יעדעס לאנד קען נור דאן לעבען רייך און גליקליך, ווען עס הערשט די פרייע קאָנקורענץ, ד. ה. ווען מען גיט ניט קיין פאָרצוג די אינלענדישע סוחרים פאר די אויסלענדישע.

נאָך א ווערק איבער א פּאָליטישע פראגע איז ערשיענען אין יאָהר 1816.

דיעזע אויסגערעכענטע שריפטען, וועלכע זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען איבער פערשיעדענע פראקטישע פּאָליטישע ענינים, האבען געמאכט ריקארדאָ אזוי בעריהמט, דאס די גרעסטע געלעהרטע און וויכטיגסטע פּאָליטיקער פון יענער צייט, ווי מאלטהוס, מילל (דער פאָטער) און אנדערע האבען אָנגעפאנגען צו זוכען זיין בעקאַנטשאפט און התקרבות.

דאס איז אבער נאָך ניט געווען אלעס, וואס ריקארדאָ האט גע־שאפען! דאס וויכטיגסטע איז דאס בעריהמטע אייביגע ווערק: „די גרונד־געזעצען פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פון די שטייערן" ערשיענען אין יאָהר 1817, וואו ריקארדאָ האט סיסטעמאטיש, לאָגיש און קלאָר קריטיקירט די פריהערדיגע שיטות, איבערהויפּט פערשיעדענע טהעאָריען פון אדאם סמיטה, און וואו ער האט בעגרינדעט מיט א

וואונדערליכער חריפות און עמקות די וויכטיגסטע פראגען פון פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע.

אויסער זיין קריטיק אויף די פריהערדיגע אנשויאונגען האט רי־קארדאָ בעארבייט זעלבסטשטענדיג א נייע פעלד אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאפט: „די פערנאנדערטהיילונג פון די פּראָדוקטען.“ די פרי־הערדיגע געלעהרטע, איבערהויפט אדאם סמיטה, האבען זיך כמעט בלויז בעשעפטיגט מיט דער פראגע פון'ם שאפען פּראָדוקטען, ווי זיך צו „בערייכערען.“ די פראגע אבער, ווי דיעזע רייכטהום ווערט צו־טהיילט צווישען די פערשיעדענע קלאסען אין אונזער געזעלשאפט, איז געוועזען אדער גאָר ניט, אדער שלעכט בעארבייט פון די עקאָנאָמיסטען. ריקארדאָ האט דיעזען חסרון מערקווירדיג, ווי א אמת'ער מייסטער, אויסגעפילט.

נאָך אדאם סמיטה'ס „די רייכטהום פון די פעלקער“ איז עס דאס איינציגע אונשטערבליכע ווערק, וועלכעס וועט אויף אייביג בלייבען לעבען אין דער וויסענשאפט. נאָך'ן איבערלעזען פון די „גרונד־געזעצען“ ווערען פערשיעדענע פערבאָרגענע, אונבעגרייפליכע ערשיינונגען ענט־פּלעקט, ספיקות ווערען בעזייטיגט, פערשיעדענע ווידערשפּרוכען ווע־רען אויסגעגלייכט. מען קריעגט עפּעס א נייעם מין פעהיגקייט, דורך וועלכען מען קען אריינקוקען און פערשטעהן די פערשיעדענע פערפּלאָנ־טערטע און פערדרעהטע ערשיינונגען אין'ם פאָלקס־אָרגאניזמוס. עס איז זעלטען וואו צו געפינען א ווערק אויף דיעזען געביט פון דער ווי־סענשאפט, וואס זאָל זיך אויסצייכענען מיט אזא אונגעהייערע טיעפ־קייט, מיט אזוינע שארפזיניגע געדאנקען, מיט אָריגינעלע איינפאַליגע מעטהאָדען, מיט אזא פעהיגקייט פערנאנדערצוגליעדערען און פערנאנ־דערצולייגען יעדע קאָמפּליצירטע ערשיינונג אויף איינפאכע זיכטבארע עלעמענטען, ווי אין „די גרונד־געזעטצען.“ וואס מעהר מען לעזט, אלץ שטארקער ווערט דער אינטערעס און אלץ פעסטער ווערט מען דורכגע־דרונגען מיט די געדאנקען און אויספיהרונגען פון פערפאסער. וואס מעהר מען נעהמט איבער זיינע מעטהאָדען פון דענקען און פאָרשען, אלץ זיכערער פיהלט מען דעם באָדען אונטער זיך און אלץ פעסטער ווערען די איבערצייגונגען.

כאראקטעריסטיש איז, דאס ריקארדאָ אליין, ניט קוקענדיג אויף זיין פּאָפּולערען נאָמען און זיינע פעסטע איבערצייגונגען, האט ניט

געגלויבט אין ערפאָלג פון זיין בוך. ער איז געווען זעהר א גרויסער עניו און האט געהאַט ווייניג צוטרוי צו זיינע קרעפטען. וועגען די שרייבער־עקאָנאָמיסטען, וועלכע שטעהען ניט אין׳ם ערך ניעדעריגער פון איהם אין אלע הינזיכטען, ווי צ.ב. דער פראנצויזישער עקאָנאָמיסט סעי, וואס האט געלעבט אין יענער צייט, רעדט ריקאַרדאָ מיט אזא מין עהרפורכט, אזוי ווי א תלמיד וועגען זיין גרויסען גאונישען רבי׳ן. דאָרטען, וואו ער איז ניט מסכים מיט די אויספיהרונגען פון זיינע פאָרגענגער און וואו אנשטאט די קריטיקירטע אנשויאונג בויט ער זיין אייגענע טהעאָריע, רעדט ריקאַרדאָ אויך מיט א מאָדנע אונזיכער־הייט און פחד, ער פאנגט שטענדיג אָן מיט א מין „לולא יראתי״... וואס איז נור צו ערקלערען דורך די גרויסע מידות: די צניעות און בעשיידענהייט צו שעצען און צו שטעלען דעם צווייטען א סך העכער פון זיך.

דעם ערשיינען פון׳ם דערמאָנטען ווערק האט די וועלט צו פער־דאַנקען ריקאַרדאָ׳ס פריינד און תלמיד דזשיימס מילל, וועלכער האט דאָרטען גלייך בעמערקט די טהייערע אוצרות פאר די וויסענשאַפט און האט דורכאויס געזעהן דאס בוך זאָל ערשיינען. אויב ניט מילל ווער וויים, אויב ריקאַרדאָ וואָלט זיך בעשלאָסען ארויסצולאָזען דאס גאונישע, קלאַסישע ווערק.

נאָך דעם ווי דאס בוך איז ערשיענען און בעקאנט געוואָרען אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט, איז ריקאַרדאָ געוואָרען געקרוינט אלס דער מלך פון די עקאָנאָמיסטען. זיין בעריהמטקייט און פערמעגען זיינען געשטיגען אלץ העכער און העכער, ביז ריקאַרדאָ האט אם ענדע געפונען פאר מעגליך אין גאנצען זיך אָבצוזאָגען פון זיינע געשעפטען און אוועק־זעצען זיך „על התורה ועל העבודה,״ און איבערגעבען זיך נור קהל׳שע און פּאָליטישע אינטערעסען, וואו ער האט געוואָלט פּראַקטיש דורכ־פיהרען זיינע וויסענשאַפטליכע איבערצייגונגען.

דאס האט זיך איהם אויך איינגעגעבען.

**אויך אלס כלל** טהוער איז ריקאַרדאָ געווען ביי זיך ארונטער גע־פאלען און האט שטאַרק געצווייפעלט אין זיינע קרעפטען. וועגען זיין אויפטרעטען אין פּארלאַמענט, וואו ער איז געווען א מיטגליעד, שרייבט ער זיינעם א פריינד: „איהר וועט מסתמא וויסען, אז איך זיץ אין דער מורא, אז איך וועל דאָ ווייניג וואס נוטצען ברענגען. איך האב צוויי מאָל

געפּרובירט ריידען, אבער איך האב גערעדט מיט גרויס ציטערנים. איך בין שטארק מסופק אין דעם, אויב מיר וועט זיך איינגעבען איבער־צושטארקען מיין שרעק, וואס מיר בעפאלט, ווען איך הער דעם טאָן פון מיין שטימע.״ און שפּעטער שרייבט ער: „איך דאנק אייך פאר די מיה, וואס איהר האט זיך מטריח געווען מיר אריינצוגעבען מוטה. אין דער פּאלאטע זיינען ניט פאראן קיין שוועריגקייטען פאר מיר. דער עיקר איז, דאס איך אליין זעה נאָך פיעל מניעות און פורכטבארע הינדער־ניסע קעגען מיין אויפטרעטען. סוף כל סוף דוכט זיך מיר, אז איך וועל טהון זעהר קלוג, ווען, אנשטאט צו ריידען, וועל איך זעהן בעסער זיך צו בעגניגענען מיט א שטילער אבשטימונג.״

צום גליק אבער האט דאס ריקארדאָ ניט געטהון. זיין פחד דער־שראָקען צו ווערען פאר זיין אייגענע שטימע איז ניט מקוים געוואָרען. ער איז עפּטער ארויסגעטראָטען און האט טאקע בעקומען אין פּאלאטע די גרעסטע ווירקונג, וואס האט זעהר פיעל נוטצען געבראכט ניט בלויז דער מלוכה, דעם שטאאט, נור אויך דער וויסענשאפט.

געוועהנליך האט ריקארדאָ געווירקט אין פּאלאטע ניט מיט זיין אָראטאָרישען טאלאנט און רעדנער־פעהיגקייטען, וועלכע ער האט אי־בערהויפּט ניט בעזעסען, נור דורך די אמת׳קייט, קלוגהייט און גרינד־ליכקייט, מיט וועלכע ער האט דורכגענומען יעדע פראגע.

„זיינע עניוות און גוטהערציגקייט — ערצעהלט זיין ביאָגראף — האט ריקארדאָ ארויסגעוויעזען ניט בלויז אין עפענטליכען לעבען, נור אפילו צווישען זיין פאמיליע. ביי זיך אין דער היים, אין קרייז פון זיינע פריינד האט אויך אלעמען איבערראשט די ווייכקייט און די מילדקייט אין׳ם כאראקטער פון דיעזען שטרענגען געלעהרטען. מיט א זעלטענע גרויסע אַכטונג האט ער זיך פערהאלטען צו די מיינונגען פון אנדערע. ער האט שטענדיג אָבגעטרעטען דעם וועג פאר׳ן צווייטען. ער האט קיין מאָל ניט ארויסגעטרעטען געגען א געוויסע מיינונג, ווען ער זאָל ניט האבען געוואוסט, אז ער איז פּאָלקאָם גערעכט. אויסער זיינע גרויסע קענטניס איז ער שטענדיג געווען הויך בעגייסטערט פאר דעם, וואס איהם האט אינטערעסירט, און האט שטענדיג בעצויבערט און צוגעשמידט צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון זיינע הערער. דער ציעל פון א געוויסען וכוח, וואס ער האט געפיהרט, איז ניט געווען צו פער־טהיידיגען דוקא „זיין מיינונג,״ דורכפיהרען דוקא, וואס ער וויל, נור

דערגעהן דעם אמת. קוים האט ער אנערקענט, אז זיין געגנער איז גע־רעכט, האט ער אָהן א שום מאַטערניס און פערדרוס, מיט א מאָדנע ערנסטקייט מודה געווען, אז ער האט זיך טועה געווען, סתם פשט'לען זיך, פּלפּול'ן אָהן א שום צוועק האט ריקאַרדאָ קיין מאָל ניט ליעב גע־האט. איבער די שווערסטע זאכען פלעגט ער ריידען מיט א זעלטענע קלאָרהייט און לייכטקייט." עס פערשטעהט זיך, אז די וויסענשאפט־ליכע און פארלאמענטארישע טהעטיגקייט פון אזא הויכען מאן, ווי ריקאַרדאָ, האט ניט געקענט ניט ערווערבען א אייביגען, אונשטערב־ליכען נאָמען ביי די ענגלענדער און דער איבעריגער ציוויליזירטער וועלט. צווישען די אויפגעקלערטע פּאָליטיקער איז ריקארדאָ געוואָרען א אויטאָריטעט, אָהן וועלכען עס איז קיין זאך ניט בעשטימט געוואָרען. איבערהויפּט האט ענגלאנד צו פערדאנקען ריקארדאָ מיט איהר פי־נאַנץ־פּאָליטיק, וואס איז געפיהרט געוואָרען לויט די פּאָרשלאגען און טהעאָריען פון לעצטען.

בנוגע זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע איבערצייגונגען האט דאָ ריקאַרדאָ אָפיציעל זיך געהאלטען פאר אונפּארטייאיש. ער האט ניט געהערט ניט צו די ליבעראלען, ניט צו די קאָנסערוואטיווען, ער האט אבער אלע מאָל מיט גרויס ענערגיע און בעגייסטערונג פערטהיידיגט דאס, וואס איהם איז אויסגעקומען פאר עהרליך און וויכטיג. ער האט קיין מאָל ניט געזוכט אויסצונעהמען ביי'ן המון. שטענדיג איז ער ארויסגעטרעטען צו פערטהיידיגען דעם אמת און יושר, ניט צו לאָזען צו טהון וועמען עס איז ניט עולות און דעריבער האט ער פאקטיש אלע מאָל געשטימט מיט דער אָפּאָזיציאָן.

אויסדריקענדיג די אינטערעסען פון גרויסען קאַפּיטאַל, האט ריקארדאָ דאָך קיין מאָל ניט צוגעלאָזען צו קריוודען די ארבייטער אויב נאָר ער איז געווען איבערצייגט אין דער גערעכטיגקייט פון זייערע פאָ־דערונגען.

דאס לעצטע ווערק, וואס איז געווען געדרוקט פאר זיין לעבען, איז ערשיענען 1822 אונטער'ן נאָמען: „שוץ פאר די אָקערבוי." וואו ער האט בעטראכט די פראגען איבער דעם געטריידע פּרייז און זייער וויר־קונג אויף די שכירות פון די ארבייטער און ריוח פון די קאפּיטאליסטען, לויט די גרונד געזעצען פון זיינע פריהערדיגע ווערק.

אין 1823, ווען ריקאַרדאָ איז נאָך'ן פּארלאמענטארישען סעזאָן

געקומען צו זיך אהיים, האט ער פערענדיגט זיין ארבייט: „א פלאן ווי איינצוריכטען א מלוכה־באנק," וואו עס ווערט בעוויעזען די נויטה־ווענדיגקייט און די מעגליכקייט פון אזא באנק, פאר אלע, וועלכע נויטיגען זיך. דיעזע ארבייט איז צום בעדויערן פאר די וויסענשאפט געווען די לעצטע, וועלכע דער אויטאר אליין האט שוין ניט זוכה געווען צו זעהן געדרוקט. אין סעפטעמבער פון'ם דערמאנטען יאהר איז איהם אנגעפאלען א גרויסער וועהטאג אין א קראנקען אויער, פון וועלכען ער האט שטענדיג געליטען. אין צוויי טעג האט זיך ענטוויקעלט א שטרענגע ענטצינדונג, וואס האט אויך פערכאפט דעם מארך. פון דיעזען מארך־ענטצינדונג איז ריקארדא דעם 11טען סעפטעמבער געשטארבען, בעוויינט פון זיין פאמיליע, פריינד, פאטערלאנד און דער גאנצער וויסענשאפטליכער וועלט. אויך פון אלע ארעמע און עלענדע, אונגליקליכע און נויטהבעדירפטיגע, פאר וועלכע ריקארדא האט אזוי פיעל גוטעס געטהון.

X.

# ריקאַרדאָ'ס בעדייטונג אין דער וויסענשאַפט

מיר האבען שוין בעמערקט, אז אדאַם סמיטה, אזוי אויך די אנ־דערע עקאָנאָמיסטען פון יענער צייט, האבען זיך איבערהויפּט אינטע־רעסירט מיט די אורזאכען פון די פעלקערס רייכקייט. זיי האבען גע־זוכט די מיטלען, וועלכע יעדעס פאָלק דארף אָנגעהמען, אום זיך צו „בערייכערען" און צו האבען וואס מעהר פּראָדוקטען. דער הויפּט פּונקט, דער קערן פון זייערע פאָרשונגען איז דעריבער געווען די פראגע פון „שאפען" פּראָדוקטען צום לעבען. זייער גאנצער בליק איז געווען געווענדעט אויף צו געפינען די הויפּט קוועלען, וועלכע ליפערען אַלץ א גרעסערע מאָס לעבענס־מיטעל. זייער שטרעבען איז געווען זיך קלאָר צו מאכען יענע אויסערליכע בעדינגונגען, ביי וועלכע דעם מענשען'ס ארבייט אין'ס אויפטהון רייכקייטען איז אם בעסטען פרוכטבאר און פּראָדוקטיוו. די פראגען אבער: ווי אזוי די געשאפענע פּראָדוקטען ווערען פערטהון, ווי אזוי זיי ווערען פערטהיילט, צווישען די מיט־גליעדער פון דער געזעלשאפט גופא? וואס פאר א טהייל יעדער יחיד בעקומט אין די רייכקייט, וואס גאנץ קהל האט בעשאפען? וועמען קומען די פּראָדוקטען אָן? און ווי אזוי עס קומט אָן? — דיעזע אלע פראגען — זאָגען מיר — זיינען געבליעבען פון די עקאָנאָמיסטען אין יענער צייט כמעט ווי אונבעריהרט. ריקאַרדאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך אָנגעהויבען ספּעציעל צו בעשעפטיגען מיט דיעזער אויפגאבע. „זיך קלאָר צו מאכען די געזעצען, וועלכע בעשטימען און רעגולירען די פערטהיילונג איז די הויפּט אויפגאבע פון דער פּאָליטישער

עקאָנאָמיע," זאָגט ריקארדאָ אין דער פאָררעדע צו זיין בעריהמטעם ווערק, „די גרונד געזעצען פון פאָליטישע עקאָנאָמיע."

היינטיגע געזעלשאפט אונטערשיידעט זיך פון די אמאָליגע געזעלשאפטען, ווי מיר וויסען שוין, ערשטענס, דורך דעם, וואס יעדער יחיד טהוט ניט אויף אלע לעבענס־מיטלען פאר זיך. יעדער בעשאפט נור איין סאָרט פּראָדוקטען (אין דער גרויס־קאפיטאליסטישער געזעלשאפט נור א טהייל פון פּראָדוקט) פון יענער גרויסער צאָהל פערשיעדענע זאָרטען, וועלכע זיינען נויטהיג צום לעבען, און צווייטענס, דורך דעם, וואס ס'איז ניט פאראַן א געוויסער ווילען פון א אָרגאניזאטאָר, פון א מין ראש הקהל, וועלכער זאָל איינטהיילען יעדערען די נויטהיגע זאָרטען פּראָדוקטען. אום פאָרט צו בעקומען די נויטהיגע פערשיעדענע לעבענס־מיטעל צו בעפריעדיגען די בעדערפנישען, מוז יעדערער מסחר'ן האנדלען, אויסבייטען זיינע פּראָדוקטען, וועלכע זיינען איהם, פאר זיך, צום אייגענעם געברויך, ניט נויטהיג, אויף אנדערע זאָרטען, וועלכע דער פערקויפער וויעדער קען פאר זיך ניט געברויכען, און טאקע דורך דיעזען בייט, טויש, ווערען פערטהיילט די פּראָדוקטען, וואס די גאַנצע געזעלשאפט פּראָדוצירט צווישען די איינציגע מיטגליעדער. דער מאַרק איז די קראפט, וואס אָרגאניזירט בלינד די פערנאַנדערטהיילונג, אזוי ווי דער אמאָליגער ווילען פון'ם אָרגאניזאטאָר אין שבט. זעלבסט־פערשטענדליך, אז וויבאלד די גאַנצע סבה, דער גאַנצער כח פון דער פאַרנאַנדערטהיילונג ליעגט אין טויש, דאַרף זיין איינע פון די וויכטיגע אויפגאבען פון דער וויסענשאפט צו געפינען די געזעטצען פון טויש, צו וויסען די כללים, לויט וועלכע די מענשען בייטען צווישען זיך די געשאפענע פּראָדוקטען. מען מוז וויסען פאר וואס מען בעקומט פאר אזא און אזא פּראָדוקט אזוי פיעל און אזוי פיעל. פאר א צווייטען שוין א גאַנץ אַנדער מקח. מיט איין וואָרט, אויב מען וויל נאָר גוט פערשטעהן די מאַשינע פון פערנאַנדערטהיילונג, מוז מען קודם כל פערשטעהן די געזעצען, וועלכע בעשטימען דעם ווערטה פון די פּראָדוקטען, וואס איז ניט אַנדערש, ווי פעהיגקייט פון א זאַך אויסגעביטען צו ווערען אויף אַן אַנדער זאַך. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז דיעזער וויכטיגער פראגע ווידמעט ריקארדאָ דעם ערשטען קאפּיטעל פון דעם אויבענדערמאָנטען ווערק, וואו ער ווייזט ארויס שאַרפזיניגע געדאנקען, א אונגעהייערע

חריפות אין'ם ערפאָרשען געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען, מיט וועלכע קיינער פון זיינע פאָרגענגער, אזוי ווי די שפּעטערדיגע עקאָנאָמיסטען (מיט אויסנאהמע פון קאַרל מארקס) קען זיך ניט גלייכען. און א דאנק זיין חריפישען מח און ערנסטען פאָרשען האט ריקאַרדאָ'ן זיך טאַקע איינגעגעבען צו ענטדעקען די אמת'ע געזעצען, וועלכע רעגיערען און בעוועגען דעם גאנצען געזעלשאַפטליכען מעכאניזם, דורך וועלכען יעדער מענש בעקומט מעהר אדער וועניגער די מאָס לעבענס-מיטלען — דער מעכאניזם פון פערנאנדערטהיילונג.

אום אבער צו האבען א קלאָרען בעגריעף פון ריקאַרדאָ'ס ווערטהטהעאָריע און איהר בעדייטונג פאר די וויסענשאַפט, מוזען מיר מאַכען א געוויסען איבערבליק איבער די יסודות פון די טהעאָריען, וועלכע האבען געהערשט און הערשען נאָך עד היום בנוגע דיעזע וויכטיגע פראגע. אנדערש וועט אונז זיין אונמעגליך אָבצושאַטצען ריכטיג די ראָלע, וואס ריקאַרדאָ שפּיעלט אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט.

ווען איך זעה, אז א געוויסער אָרגאניזם אדער זאַך בעזיצט א געוויסע פעהיגקייט און איך וויל וויסען פון וואַנעט דיעזע פעהיגקייט נעהמט זיך, מוז איך קודם כל די זאַך אנאליזירען, פערנאנדערלעגען אויף איינציגע און איינפאַכע אייגענשאַפטען — דאן ערשט וועלען מיר קענען וויסען די סבה, ד. ה. דורך וועלכע אייגענשאַפט דער קערפּער בעקומט די אדער יענע פעהיגקייט. ביים ערפאָרשען די אורזאַכען, וועלכע גיבען צו א געוויסען פּראָדוקט די פעהיגקייט בכלל צו ווערען אויסגעביטען אויף אַן אנדער פּראָדוקט אדער געלד (וואס איז אויך ניט אנדערש, ווי א געוויסער פּראָדוקט) און די אורזאַכען, וועלכע בעשטימען די גרויס פון א טויש-ווערטה *) מוז מען פריהער דעם פּראָדוקט גופא פערנאנדערנעהמען, פערנאנדער שפּאַלטען אויף זיינע איינפאַכע, אָבגעזונדערטע אייגענשאַפטען.

וועלכע אייגענשאַפטען בעזיצט א טויש-ווערטה-זאַך, א סחורה,

---

*) אונטער'ן וואָרט „טויש-ווערטה" פערשטעהען מיר די מאָס אנדערע פּראָדוקטען, אויף וועלכע דער פערקויפער בייט אוים זיין פּראָדוקט.

וואס קען פערקויפט און אויסגעביטען ווערען אויף אן אנדער זאך? ערשטענס, זעהען מיר, אז יעדע סחורה, אויסער איהרע פהיזישע, כעמישע און מעכאנישע אייגענשאפטען, וואס קומען איצט ניט אין אנבעטראכט, מוז זיין נוטציג, זי מוז האבען די אייגענשאפט צופריעדען צו שטעלען א געוויסע בעדערפניש. שטיוועל, צ. ב., בעפריעדיגען די בעדערפניש ניט צו געהן באָרוועס, טוך — ניט צו געהן נאַקעט, א. ז. וו. אָהן אַזאַ אייגענשאפט קען קיין סחורה איבערהויפט ניט זיין. ווען א פּראָדוקט זאָל ניט זיין נוטציג, וועט קיינער איהם אפילו אין האנד ניט וועלען נעהמען און ווער רעדט נאָך צו געבען אן אנדער זאך דערפאר. צווייטענס, זעהען מיר, אז יעדע סחורה האט די אייגענשאפט, וואס זי איז בעשאפען דורך מענשליכע ארבייט. סחורות, וואס זאָלען ניט ענטהאלטען אין זיך מענשליכע ארבייט, זיינען במציאות ניטאָ. אָט דיעזע צוויי אייגענשאפטען — די נוטצליכקייט און מענשליכע ארבייט — געפינען מיר, ווען מיר אנאַליזירען יעדע סחורה, יעדען פּראָדוקט, וואס האט א טויש־ווערטה. די נוטצליכקייט פון פּראָדוקט איז אויך א סוביעקטיווע אייגענשאפט, ווייל דאס איז ניט פאר אלעמען גלייך, דאס ווענדט זיך אן יעדען סוביעקט. פאר איינעם קען די זאך האבען א גרעסערען נוטצען, פאר'ן צווייטען א קלענערען נוטצען. נעהמט, צום ביישפּיעל, קליידער: א נאַקעטער וועט זיך מעהר אין דעם נויטהיגען און זיי וועלען פאר איהם האבען א גרעסערע נוטצען, ווי פאר יענעם, וועלכער געהט ניט נאַקעט. די מאָס ארבייט אבער, וואס איז איינגעשלאָסען אין דער סחורה, איז א אָביעקטיווע אייגענשאפט, דאס איז פאר אלעמען גלייך, דאס קען ניט זיין פאר איינעם גרעסער, פאר'ן צווייטען ווייניגער, דען דאס ווענדט זיך אן די אלגעמיינע אָביעקטיווע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן. דער ווערטה פון יעדער סחורה מוז, פערשטעהט זיך, אויך ארויסקומען בלויז פון דיעזע אייגענשאפטען, אדער פון נוטצליכקייט, אדער פון דער מענשליכער ארבייט. נו — פרעגט זיך — דורך וועלכע אייגענשאפט בעקומט א סחורה איהר ווערטה? — אָט בנוגע דיעזע פראגע הערשען אין דער וויסענשאפט צוויי הויפט שיטות: די סוביעקטיווע שיטה בעהויפטעט, אז דער ווערטה שטאמט פון דער סוביעקטיווער אייגענשאפט, דערפון, וואס דער פּראָדוקט קען צופריעדען שטעלען געוויסע בעדערפנישען; און די אָביעקטיווע שיטה

בעהויפּטעט, אז הגם יעדע סחורה מוז זיין ניטצליך, אבער איהר ווערטה ווערט בעשטימט ניט צוליעב די ניטצליכקייט, צוליעב איהר סוביעקטיווען כאַראַקטער, נור צוליעב דעם, וואס אויף איהר איז פערטהון מענשליכע ארבייט, צוליעב איהר אָביעקטיווע אייגענ־שאַפט. די טהעאָריען, וועלכע געהערען צו דער ערשטער שיטה, זיינען אויך בעוואוסט אונטער'ן נאָמען: „די נוטצען טהעאָריען," צו דער צווייטער שיטה: „די ארבייטס־טהעאָריען."



XII.

# פערשיעדענע נוטצען־טהעאָריען

דער ערשטער, וואס האט בעגרינדעט די נוטצען אדער די סוב־יעקטיווע ווערטה־טהעאָריע, איז געווען דער פראַנצויזישער עקנאָ־מיסט סע, אַדאַם סמיטה'ס א תלמיד. סע געהט ארויס פון דעם איינפאַכען פשוט'ען שכל, דאס יעדער מענש שאַצט העכער דאס, וואס איהם איז מעהר ניצליך און ניעדעריגער דאס, וואס איהם איז וועניגער ניצליך. איידער דער מענש געהט פערקויפען זיין סחורה, מיינט סע, וועגט ער פריהער אָב דעם שאדען, וואס ער וועט האבען, פון וועלכע בעדערפנישען ער וועט זיך מוזען אָבזאָגען, ווען זיין סחורה וועט איבערגעהן ביי אַנדערן אין רשות און, פערקעהרט, די נוצען, וואס ער וועט קענען האבען פון דעם נייעם פּראָדוקט, וועל־כער קומט אין זיין רשות און ווערט זיין אייגענטהום. ווען א בעל הבית געהט פערקויפען זיין הויז, קומט קודם כל אריין ביי איהם אין מח די געדאַנקען, אז אָהן די הויז וועט ער זיך מוזען וואַלגערען אין שכינות, ניט האבען קיין אייגען ווינקעלע, א. ז. וו. פון דער אַנדערער זייט אבער שטעלט ער זיך פאַר די נוצען, וואס ער וועט האבען, בעקומענדיג די מזומן. פאר די מזומן וועט ער קענען חתונה מאַכען א טאָכטער א בוגרות, אדער מאַכען זיך א שטיקעל עסק, א. ז. וו. דיעזער סוביעקטיווער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, וואס רעכענט אויס, וועלכע בעדערפנישען עס איז וויכטיגער פאר איהם זיי זאָלען זיין בעפריעדיגט, צי די בעדערפניש אין אן אייגען ווינקעל, צי די בעדערפ־ניש א קינד חתונה צו מאַכען — דיעזער סוביעקטיווער מאָמענט רע־גולירט, לויט סע'ן, דעם ווערטה פון די סחורות.

נו, איז אבער גלייך די פראגע אויב דער ווערטה פון א סחורה

ווערט בעשטימט בלויז לויט די נוצען אבער בשום אופן ניט דורך די ארבייט, טאָ ווי איז צו ערקלערען, דאס מען שעצט ניט ליכט, לופט און וואסער, זיי זיינען דאָך געוויס ניצליכע זאכען. פאר וואס האבען זיי קיין ווערטה ניט? וואו בלייבט דער פּראַקטער שכל? אויסער דעם זעהען מיר אין פּראקטישען לעבען, אז סחורות, וועלכע בעזיצען גרע־סערע נוצען, בעפריעדיגען וויכטיגערע מענשליכע בעדערפנישע, ווע־רען געשעצט ווייניגער, האבען א קלענערען ווערטה, ווי יענע סחורות, וועלכע זיינען פיעל ווייניגער ניצליך. גאָלד איז ווייניגער ניצליך ווי אייזען און זיין ווערטה איז פון דעסטוועגען העכער ווי ביי אייזען; די נוצען פון א פונט ברויט איז גרעסער פאר די נוצען פון א ברילי־אנט, דער ווערטה פון'ם בריליאנט איז אבער ניט אין ערך גרעסער, ווי דער ווערטה פון אפונט ברויט. ווי איז דאס צו ערקלערען לויט די נוצען טהעאָריע? סע פּשט'לט זיך אפילו, אז הגם דער ווערטה איז בעשטימט לויט די נוצען פון דער סחורה, ווערט זי, די סחורה הייסט דאס, פון דעסטוועגען קיין מאָל ניט פערקויפט ווייניגער, ווי די קאָסטען, וואס איז אויפגעגאַנגען אויף איהר (די ארבייט, וואס איז פערוועדעט געוואָרען איהר צו בעשאפען) ד. ה., אז די ארבייט שפּיעלט אויך א ראָלע אין'ם בעשטימען פון ווערטה. אבער דאס איז ניט מעהר, ווי גע'פשט'עלט, א יש לישב בדוחק. אויסער דעם, וואס סע פאלט דאָ אריין אין סתירות, פון וועלכע איהם איז שווער זיך אויסצופּלאָנטערען, געהט ער אונבעמערקט איבער צו דער צווייטער שיטה, געגען וועלכע ער אליין טרעט אזוי שארף ארויס.

צוויי שפּעטערדיגע געלעהרטע פון דיעזער סוביעקטיווער פּסי־כאָלאָגישער שיטה ברונאָ הילדעבראַנדט און קניס איז געראָטען שוין בעסער צו פערענטפערען די אויבערשטע קשיות.

מען דארף ניט צוזאמענמישען — מיינען דיעזע געלעהרטע — די נוצען פון דער סחורה בכלל, פון דעם גאַנצען זאפּאַס, וואס איז פאַראן — מיט די נוצען פון א בעשטימטען טהייל פון דער סחורה, וועלכע איך וויל קויפען אדער פערקויפען. די ניצליכקייט פון ברויט בכלל איז טאקע א סך העכער פון די נוצען, וואס גאָלד אדער אפילו בריליאנטען קען אונז ברענגען. דער ווערטה פון'ם גאַנצען סך הכל ברויט, וואס איז פאַראן אין דער געזעלשאפט, וועט טאקע אויך דער־ריבער זיין פיעל העכער, אלס דער ווערטה פון'ם סך הכל בריליאנ־

טען. מען דארף דאָך אבער ניט פערגעסען, אז איך קויף נור אַ טהייל פון דעם ברויט, צום ביישפּיעל, א פונט, צוויי, דריי, אבער ניט דעם גאנצען זאַפּאַס. דער ווערטה פון איין פונט ברויט קען דאָך ניט זיין גלייך מיט דעם ווערטה פון דעם גאנצען סך הכל ברויט, ווייל דער סך הכל ברויט האט דאָך אונגעהייערע גרעסערע ניצליכקייט, ווי איין פונט ברויט. דער ווערטה פון איין פונט ברויט ווערט בעשטימט לויט די ניצליכקייט פון איין פונט ברויט, אבער ניט לויט די ניצליכקייט פון ברויט בכלל. דער ווערטה פון איין פונט ברויט פערהאַלט זיך צום ווערטה פון דער גאַנצער סומע ברויט, וואס איז פאַראַן, אזוי ווי די נוצען פון איין פונט ברויט פערהאַלט זיך צו די נוצען פון דער גאַנ־צער סומע. וואס גרעסער עס איז די סומע, דער סך הכל ברויט, אלץ קלענער איז די בעדייטונג פון יעדען איינציגען פונט און אלץ א קלע־נערע מאָס ניצליכקייט בעזיצט ער. וואס מעהר טהיילען עס געהען אריין אין אגאַנצע, אלץ א קלענערע בעדייטונג האט יעדער טהייל בע־זונדער, וואס גרעסער עס איז א געוויסע חברה, אלץ א קלענערע ראָלע שפּיעלט יעדער בעזונדערער מיטגליעד אין איהר. וויל איך וויסען דעם ווערטה פון איין פונט ברויט, דאַרף איך צוטהיילען דעם ווערטה פון'ם סך הכל ברויט אויף די צאָהל איינציגע פונטען. עס פערשטעהט זיך, אז וואס גרעסער עס איז די צאָהל איינציגע פונטען, אלץ א קלענערער ווערטה וועט אויספאַלען אויפ'ן חלק פון יעדען איינציגען פונט. און דאס איז טאַקע די אורזאַכע, וואס איין פונט ברויט קאָסט ניט אזוי טהייער, ווייל עס איז דאָ אן אונגעהייער גרויסע צאָהל איינציגע פונטען. דער סך הכל פון גאָלד איז אבער אונגעהייער קליין. יעדער זאָלאָטניק פערנעהמט א גרויסען אָנגעזעהענעם פּלאַטץ אין דער גאַנ־צער סומע גאָלד פון דער געזעלשאַפט. ווען איך צוטהייל דעם גאַנצען ווערטה פון'ם סך הכל גאָלד אויף זיינע איינציגע זאָלאָטניקעס, קומט אויס אויף יעדען זאָלאָטניק א גרויסען חלק ווערטה, א סך א גרעסע־רען ווי דער חלק ווערטה, וואס פאַלט אויס אויף א פונט ברויט צום ביישפּיעל, ווייל איינציגע פונטען ברויט זיינען פאראַן א סך א סך מעהרער, ווי איינציגע זאָלאָטניקעס גאָלד און דעריבער איז דער ווערטה פון איין זאָלאָטניק גאָלד גרעסער, ווי פון איין פונט ברויט, ניט קוקענדיג, וואס דער סך הכל ברויט בעזיצט א גרעסערען נוצען, ווי דער סך הכל גאָלד. דער ווערטה פון אן איינציגער סחורה ווערט

בעשטימט לפי ערך, פראפארציאנעל צו דער סומע פון אזוינע איינ־ציגע סחורות, וויפיעל עס זיינען פאראן. מאטהעמאטיש איז דאס זעהר לייכט צו פערשטעהן: דער סך הכל פון אלע סחורות, וואס גע־הערען צו איין זארט, צ. ב. די גאנצע מאס ברויט בילדעט דעם ווערטה פון ברויט בכלל. ווען איך וויל וויסען ווי גרויס עס איז דער ווערטה פון איין פונט ברויט — מוז איך צוטהיילען די גאנצע מאס ברויט אויף די צאהל איינציגע פונטען. דער גאנצער זאפאס ברויט איז דער נחלק און די צאהל איינציגע פונטען — דער מחלק. די חלקים, וואס מיר בעקומען נאך'ן חלוק בעשטימען דעם ווערטה פון איינציגע פונטען. די ניצליכקייט פון קארן אין אונזער געזעלשאפט, לאמיר אננעהמען, ווערט טאקע געשאצט און פער„ווערטה"עט אין 10 מיליאן רובעל. די ניצליבקייט פון גאלד — נור אין 50,000 רובעל. קארן איז אבער פאראן בסך הכל 10,000,000 פוד. עס קומט דעריבער אויס, אז דער ווערטה פון איין פוד איז ניט מעהר, ווי א רובעל. גאלד איז בלויז פאראן, לאמיר אננעהמען, 25 טויזענד זאלאטניק. דער ווערטה פון איין זאלאטניק גאלד וועט דעריבער זיין ניט ווענינער, ווי צוויי רובעל. די גרויס פון די חלקים, וואס מיר בעקומען ביי א חלוק, ווענדט זיך ניט בלויז פון'ם נחלק, נור אויך פון'ם מחלק. אויב דער מחלק איז גרעסער — זיינען די חלקים קלענער; איז דער מחלק קלענער — זיינען די חלקים גרעסער. דער מחלק ביי גאלד איז א סך קלענער, ווי דער מחלק ביי ברויט און מיט א סך מעהרער מאל קלענער, מיט וויפיעל מאל דער נחלק פון ברויט איז גרעסער פאר'ן נחלק פון גאלד און דעריבער איז דער ווערטה פון יעדער איינציגער שטיק ברויט א סך קלענער, ווי דער ווערטה פון יעדער איינציגער שטיק גאלד.

דורך דיעזע ווערטה־טהעאריע ווערט אפילו פערענטפערט א סך מעהר ערשיינונגען אין וויסענשאפטליכען לעבען, ווי דורך סע'ם טהע־אריע. זי האלט אבער אויך ניט אויס, ווייל פיעל ערשיינונגען בלייבען דאך אונבעגרייפליך. דורך דיעזע טהעאריע וואלט אונז זיין קלאר, פאר וואס דער ווערטה פון לופט, ליכט און נאך אזוינע פראדוקטען איז זעהר קליין, ווייל דער זאפאס פון לופט און ליכט איז זעהר גרויס, אבער עס בלייבט דאך אונפערשטענדליך, פאר וואס דיעזע פראדוק־טען האבען גאר קיין ווערטה ניט? ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער

„מחלק,‟ אויב עס איז נור דאָ א נחלק בכלל (און אז ביי אזוינע פראָ־דוקטען איז דאָ א נחלק קענען דאָך דיעזע אָנהענגער פון נוטצען־טהעאָריע ניט אָבלייקענען!) מוז דאָך אויסקומען א געוויסער חלק, זאָל זיין זעהר א קליינער, אויף יעדע איינציגע פון מחלק. אויסער דעם, לויט דיעזע טהעאָריע קומט אויס, אז דער ווערטה פון יעדען איינציגען פראָדוקט ווערט גרעסער אדער קלענער אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער גאַנצער זאַפּאַס פראָדוקטען ווערט קלענער אדער גרעסער. אויב דער זאַפּאַס פון ברויט איז געוואָרען דאָפּעלט קלענער, צ. ב., דארף דער ווערטה פון יעדען איינציגען פונט ברויט שטייגען אויך נור דאָפּעלט. פאַקטיש איז ניט אזוי. אויב די גערעטעניס אויף ברויט זאָל ברענגען היינטיגען יאָהר א העלפט, ווי אין פאָריגען יאָהר, וואָלט א פונט ברויט קאָסטען ניט נור דאָפּעלט, נור פיעלפאַך מעהר.

אונפעהיג צו ערקלערען די דערמאָנטע ערשיינונגען אין עקאָנאָמישען לעבען האט דיעזע סוביעקטיווע נוטצען־טהעאָריע אָנגעפאַנגען בּיסלאַכווייז צו פערשווינדען אין דער וויסענשאַפט פון די 50גער און 60גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען האט דיעזע טהעאָריע אבער וויעדער אויפגעשטאַנען תחית המתים, נור שטארקער און מעהר בעגרינדעט. די וויכטיגסטע, וועלכע האבען אריינגעבלאָזען א נייעם רוח חיים אין דער אָבגעלעבטער נוטצען - טהעאָריע, זיינען געווען די עסטרייכישע געלעהרטע מענגער, ביעם־באַווערק און וויזער, און דורך זיי האט דיעזע שיטה בעקומען דעם נאָמען: „די שיטה פון דער עסטרייכישער שוהלע.‟

# XIII.
# די עסטרייכישע שוהלע

דער עקאָנאָמיסט, וועלכער האט בעצויגען מיט א נייער הויט און ביין דעם אַלטען סקעלעט, איז געוועזן מענגער אין זיין ווערק, וואס איז ערשיענען אין 1872.

מענגער פאנגט אָן זיין ערקלערונג מיט פאָלגענדען ביישפּיעל: „לאָמיר זיך פאָרשטעלען — זאָגט ער — אז מיר האבען פאר זיך א בעוואוינער פון א ווילדען אור־קולטור־וואַלד, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט הונדערטע טויזענדער בוימער. איהם, דעם ווילדען, איז אבער נויטהיג פאר זיינע בעדערפנישען בלויז 10 בוימער. דאס איז איהם שוין גענוג אויפ'ן הייצען, אויף א דירה, אויף געצייג און געווער. עס איז קלאָר, אז דער ווילדער וועט אָבשאַטצען אלע בוימער, זיי געבען א ווערטה אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי בעפריעדיגען זיינע בעדערפנישען. אבער אזוי ווי אַלע בוימער זיינען איהם דאָך ניט נויטהיג, דען נאָכדעם ווי זיינע בעדערפנישען זיינען בעפריעדיגט, בלייבען דאָך אַלץ איבער זעהר פיעל בוימער, אין וועלכע ער נויטהיגט זיך ניט, טאָ וועט יעדער איינציגער בוים בעזונדער פאר איהם קיין שום ווערטה ניט האבען, ווייל ער קען זיך בעגעהן אָהן „יעדען איינציגען.״ ווען אין א שרפה זאָלען פערברענט ווערען אפילו 1,000 בוימער, וועט דער ווילדער אויף א האָאר זיך ניט מצער זיין, ער וועט דעם שאָדען גאָר ניט פיהלען. די פערברענטע בוימער וואָלטען איהם סיי ווי סיי קיין נוטצען ניט געבראַכט, ווי באַלד עס זיינען איבערגעבליעבען די צעהן בוימער, וועלכע ער קען אויסנוטצען. גאַנץ אַנדערס איז אבער ווען אין וואַלד זיינען פאראַן בלויז צעהן פרוכט־בוימער און אלע זיינען נויטהיג צו בעפריעדיגען די בעדערפנישען. דאָ האט

שוין יעדער בוים בעזונדער א גרויסען ווערטה פאר'ן ווילדען און דאס פערלירען געהן פון יעדען איינציגען וועט זיין א גרויסער שאדען פאר'ן ווילדען, ווייל דורך דעם וועט א טהייל בעדערפנישען ניט ווערען בעפריעדיגט.

מענגער בריינגט דא נאך א ביישפיעל. לאמיר זיך פארשטעלען, אז אויף אן אינזעל וואוינט א מענש ביחידות און פיהרט אן איזאָ־לירטע, אבגעזונדערטע ווירטהשאפט. אין זיין רשות געפינט זיך נור איין קוואל וואסער. לאמיר אננעהמען, אז יעדען טאג איז נויטהיג דעם בעוואוינער איין עמער וואסער פאר זיך אליין צו טרינקען; 19 עמער וואסער זיינען נויטהיג פאר זיינע בהמות; 40 עמער צו דערהאלטען די ריינקייט פון זיין קערפער און אויף די איבעריגע היגיענישע בע־דערפנישען, אם ענדע נאך 40 עמער פאר ווענינער וויכטיגע בעדערפ־נישען (אויף צו בעגיסען, צ. ב., א בלומען־גארטען, וועלכען מען האלט נור פון פערגעניגען וועגען). מעהר ווי דיעזע 100 עמער איז ער שוין ניט אימשטאנד צו בענוטצען. אויב דער קוואל שטעלט דעם בעוואוי־נער צו יעדען טאג ניט בלויז די 100 עמער, וואס איז איהם נויטהיג, נור מעהר ווי 100, איז גאנץ נאטירליך, אז דער בעוואוינער וועט ניט צוגעבען קיין שום ווערטה יעדען עמער וואסער, מיט וועלכער ער בענוטצט זיך. ווען אבער דורך א געוויסע סבה פאנגט אן דער קוואל צו געבען ניט מעהר ווי 100, נור ווענינער, למשל, נור 90 עמער — דאן וועלען שוין דיעזע 90 עמער בעקומען פאר'ן בע־וואוינער א ווערטה. וועלכע בעדערפניש איז אבהענגיג פון די וואַ־סער, אדער בעסער, וועלכע בעדערפניש וועט ווערען ניט צופריעדענ־געשטעלט דורך דעם, וואס דער קוואל האט אנגעפאנגען צו געבען נור 90 עמער? מסתמא, די ווענינער וויכטיגע. אין אונזער פאל, די בעדערפניש אויפצוהאלטען א בלומען־גארטען. נו, לאמיר זיך פאר־שטעלען, אז דער אינזעל־בעוואוינער בעקומט די מעגליכקייט צו קוי־פען 10 עמער וואסער, וואס וואלט ער געגעבען דערפאר? געוועהנליך אזא זאך, וואס ער וואלט געגעבען אום צו האבען דאס פערגעניגען צו געניסען פון זיין בלומען־גארטען, דאס הייסט ער וואלט אבשאצען דעם ווערטה פון די וואסער אין פערגלייך מיט די לעצטע בעדערפ־ניש, וועלכע וואלט בלייבען אהן דעם צוקויף ניט בעפריעדיגט. ווען דער קוואל האט מעהר אויסגעטרוקענט און האט אנגעפאנגען צו

געבען יעדען טאָג שוין ניט מעהר ווי 40 עמער,—פון וועלכע בעדערפ־נישען וועט זיך דער בעוואוינער דאן אָבזאָגען? געוועהנליך, אויך פון יענע, וועלכע ברייגגען איהם ניט בלויז פערגעניגען, נור אויך פון אזעלכע, וועלכע זיינען נויטהיג צו זיין געזונדהייט. ער וועט מוזען אויפהערען צו וואשען זיך אלע טאָג. דער ווערטה פון וואסער וועט געוועהנליך דאָ שטייגען אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער בעוואוי־נער האלט די בעדערפניש צו וואשען זיך א סך העכער, פאר די בע־דערפניש צו האבען א שעהנעם גאָרטען. דער ווערטה פון יעדען עמער וואסער ווערט איצט אָבהענגיג פון א העכערע בעדערפניש און לויט דיעזע העכערע בעדערפניש, וועלכע איז וויכטיגער פון אלע צו בעפריעדיגען און בלייבט אבער ניט בעפריעדיגט, ווייל עס איז במציאות ניטאָ קיין פראָדוקט דארויף, ווערט בעשטימט דער ווערטה — אין אונזער פאל — פון וואסער.

די זעלבע פּסיכאָלאָגישע און סוביעקטיווע שאַטצונגען און בע־דינגונגען, וואס קומען פאָר ביים ווילדען — קומען אויך פאָר אין אונזער אזוי פערוויקעלטען, פערדרעהטען און פערפלאָנטערטען ווירט־שאפטליכען לעבען.

אין טעגליכען לעבען דארף מען אויך אונטערשיידען פערשיע־ע־נע קאַטעגאָריעס בעדערפנישען. עס זיינען פאראן לעבענס־בעדערפני־שען, וואו עס האלט ביי סכנות נפשות. אנדערע בעדערפנישען זיינען ניט אזוי לעבענס־געפעהרליך אבער זיינען נויטהיג, נאָך אנדערע זיי־נען בלויז נוטציג אדער מעהר ניט ווי אנגענעהם. יעדע פון די בעזונ־דערע בעדערפנישען ווערט בעפריעדיגט דורך פערשיעדענע פראָדוק־טען, צ. ב., דורך ברויט, דורך קליידונג, דורך האָלץ אויף א דירה, אין דורך ציערונג: גאָלד, זילבער און אזוי ווייטער. די בעדערפנישען, וועלכע קענען בעפריעדיגט ווערען דורך איין און דעם זעלבען פּראָ־דוקט, זיינען אויך פערשיעדען און קענען קלאסיפיצירט ווערען אין פערשיעדענע מדרגות; איין פּראָדוקט קען דיענען אויף פערשיעדענע בעדערפנישען: אויף סכנות־נפשות'דיגע, נויטהיגע, נוטציגע און אנ־גענעהמע. וואסער, צום ביישפּיעל, קען בעפריעדיגען די בעדערפניש אין טרינקען, אין וואשען זיך, צו האבען דעם ריח־ניחח, דעם אראָ־מאַט פון בלומען און אויך קען מען וואסער בענוטצען אויף אזוינע צוועקען, אין וועלכע מען פיהלט קיין בעדערפניש ניט.

לאמיר אויסדריקען די קאטעגאָריעס (די פערשיעדענע מינים) בעדערפנישען אין א רייהע ציפער פון לינקס נאָך רעכטס: 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10. די העכערע ציפער בעדייטען די העכערע קאטע־גאָריעס. די ניעדעריגע — די ניעדעריגערע קאטעגאָריעס. די ציפער 10 בעצייכענט די גרעסטע קאטעגאָריע בעדערפנישען — די בעדערפ־ניש אין ערנעהרונג; די ציפער 9 — ניט צו געהן נאקעט; די ציפער 8 — ניט צו וואוינען אויפ'ן גאס; 7 — אין ריינליכקייט; 6 — אין אנגענעהמע ריחות; 5 — אין שעהן אויפגענעהטע זאכען, א. ז. וו. ווען מיר זאָלען צופאסען צו יעדער קאטעגאָריע בעדערפניש דעם נויטהיגען פראָדוקט — בעקומען מיר פערשיעדענע קאטעגאָריעס פראָדוקטען. די ציפער 10 בעדייטעט די נויטהווענדיגסטע לעבענס־מיטעל; 9 — קליידונג; 8 — א דירה; 7 — וואסער; 6 — א בלומען־גאָרטען.

אין א צווייטער רייהע ציפער פון אויבען צו אונטען וועלען מיר ווידער בעצייכענען די פערשיעדענע בעדערפנישען, וועלכע יעדע בעזונדערע קאטעגאָריע פראָדוקטען קען בעפריעדיגען:

10
9
8
7
6
5
4
3
2
1
0

די ציפער 10 בעדייטעט, צ. ב., די בעדערפניש ניט צו שטארבען פון הונגער; 9 — ניט קראַנק צו ווערען פון הונגער; 8 — צו זאמלען כח אום צו קענען שפעטער ארבייטען; 7 — צו עסען סתם אזוי, ווייל עס איז געשמאַק, א. ז. וו.

שטעלען מיר צוזאמען די פערשיעדענע קאטעגאָריעס פראָדוק־טען און קאטעגאָריעס בעדערפנישען, וועלכע קענען בעפריעדיגט ווע־

רען דורך איין קאַטעגאָריע פּראָדוקטען, בעקומען מיר פאָלגענדע טאַבעלע:

| I | II | III | IV | V | VI | VII | VIII | IX | X |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 10 | 9 | 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 |
| 9 | 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | 0 |
| 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | 0 | |
| 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | 0 | | |
| 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | 0 | | | |
| 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | 0 | | | | |
| 4 | 3 | 2 | 1 | 0 | | | | | |
| 3 | 2 | 1 | 0 | | | | | | |
| 2 | 1 | 0 | | | | | | | |
| 1 | 0 | | | | | | | | |
| 0 | | | | | | | | | |

די רוימישע ציפער ווייזען די פערשיעדענע קאַטעגאָריעס פּראָדוקטען לויט די וויכטיגקייט פון די בעדערפנישען, וועלכע זיי בעפריעדיגען. די אַראַבישע ציפער פון אויבען אראָב — די פערשיעדענע קאַטעגאָריעס בעדערפנישען, וועלכע קענען בעפריעדיגט ווערען דורך איין און די זעלביגע קאַטעגאָריע פּראָדוקטען. וואס וויכטיגער דער פּראָדוקט איז פאר'ן לעבען, אלץ א גרעסערע צאָהל בעדערפנישען קען ער צופריעדען שטעלען. וואס ווייניגער וויכטיג דער פּראָדוקט איז, אלץ א קלענערע צאָהל קאַטעגאָריעס בעדערפנישען קען ער צופריעדען שטעלען. תבואה, צ. ב., קען בעפריעדיגען 10 קאַטעגאָריעס בעדערפנישען: לעבענס-געפעהרליכע, נויטהווענדיגע, נוטצליכע, אנגענעהמע, א. ז. וו. קליידער נור 9 קאַטעגאָריעס בעדערפנישען; א דירה — נור 8 קאַטעגאָריעס; בלומען — נור 6 קאַטעגאָריעס, א. אז. וו. מיט דער הילף פון דיעזער טאַבעלע קענען מיר בעקומען א גוטע פאָרשטעלונג, ווי אזוי עס בילדעט זיך דער ווערטה אויף פערשיעדענע פּראָדוקטען. שטעלט אייך פאָר מיר האבען אזוי ווייניג תבואה, דאס עס גענוגט אפילו ניט פאר די ערשטע קאַטעגאָריע בעדערפנישען, וועלכע זי וואָלט זיין אימשטאַנד איבערהויפּט צופריעדען צו שטעלען. גאָלד ווידער, וועלכע מיר בעצייכענען אין דער רייהע, וואס שטעהט אונטער דעם רוימישען ציפער IX, קלעקט

אויך ניט פאר איהר ערשטע קאטעגאָריע, וואס זי איז אימשטאַנד צו בעפריעדיגען — דאַן, זעהט מען קלאָר, אז תבואה וועט קאָסטען א סך טהייערער פאר גאָלד. דער ווערטה פון תבואה וועט זיין 10; דער ווערטה פון גאָלד בלויז 2. ווען תבואה איז פאראַן אויף אזוי פיעל, דאס 8 קאטעגאָריעס בעדערפנישען קענען ווערען דורך איהר בעפריעדיגט ביז קאטעגאָריע 2, און גאָלד קלעקט ניט אפילו פאר איהר ערשטע קאטעגאָריע — דאַן וועט תבואה מיט גאָלד האבען איין ווערטה (2). ווען תבואה איז אבער פאראַן אזוי פיעל, דאס עס גענוגט פאר 9 קאטעגאָריען בעדערפנישען — דאַן וועט דער ווערטה פון גאָלד שוין זיין העכער, ווי דער ווערטה פון תבואה, ווייל תבואה גענוגט פאר די בעדערפניש 2 און גאָלד ניט! אָט פאר וואס גאָלד קאָסט טהייערער פון תבואה — גאָלד קען ניט בעפריעדיגען איהר קאטעגאָריע 2 און דעריבער איז איהר ווערטה 2, תבואה אבער איז דאָ אזוי פיעל, אז עס קלעקט פאר קאטעגאָריע 2 און ממילא קען איהר ווערטה נור זיין 1 — וועניגער ווי גאָלד.

ווייטער שטעלט זיך פאָר, אז תבואה האבען מיר אזוי פיעל, אז עס קלעקט פאר אלע קאטעגאָריעס בעדערפנישען און עס בלייבט נאָך איבער פאר די קאטעגאָריע 0, — דאַן וועט, פערשטעהט זיך, איהר ווערטה זיין 0, דעם זעלבינגען ווערטה, וואס אונזער בעוואוינער האט געגעבען יעדען עמער וואסער, וואס דער קוואל האט געליווערט מעהר ווי 100 עמער. און דאס איז טאַקע די אורזאכע, וואס אזוינע ניצליכע זאכען ווי ליכט, לופט און וואסער האבען ניט קיין שום ווערטה, ווייל עס איז דאָ אזוי פיעל, דאס נאָכדעם ווי זיי בעפריע־דיגען אלע בעדערפנישען, בלייבט אַלץ איבער אויף א בעדערפניש, וואס איז גאָר ניט ווערטה, אויף א בעדערפניט גלייך 0 און דעריבער איז זייער ווערטה ניט מעהר ווי 0. דער ווערטה פון א זאַך ווערט געשאַצט און בעשטימט ניט לויט די ערשטע קאטעגאָריע נוטצען, וועלכע זי איז אימשטאַנד איבערהויפט צו בעפריעדי־גען, אויך ניט לויט די דורכשניטליכע קאטעגאָריע, נור לויט די לעצטע קאטעגאָריע בעדערפנישען, וועלכע זי איז ניט אימ־שטאַנד צו בעפריעדיגען. אויב די לעצטע ניט בעפריעדיגטע קאטע־גאָריע בעדערפנישען איז 5 — וועט דער ווערטה אויך זיין 5. אויב נאָך דעם, ווי אלע בעדערפנישען זיינען בעפריעדיגט, בלייבט פון

דעסטוועגען פון דער זאך וואס איבער, וואס עס קען שוין ניט געהן אויף קיין שום בעדערפניש — דאן האט די גאנצע זאך קיין שום ווערטה ניט.

די עסטרייכישע טהעאָריע צייכענט זיך אויס פון די פריהעריגע טהעאָריען דורך דעם, וואס זי אונטערשיידעט די אבסטראקטע נוט־צען וואס א געוויסער פראָדוקט איז אימשטאנד צו ברייננען בכלל פון די ממשות'דיגע נוטצען, וואס דער פראָדוקט ברייננט מיר אין דער געגענווערטיגער צייט, ווען איך קויף און פערקויף. וואסער, לופט, ליכט זיינען טאקע געוויס ניטצליכע זאכען, אבער דיעזע נוט־צען האבען דאך קיין ממשות ניט אין ווירטהשאפטליכען לעבען, דען אין יעדער צייט איז דאך פאראן זעהר פיעל ליכט און לופט, וועלכע ווערען גאר ניט אויסגענוטצט, ווייל זיי האבען שוין ניט קיין בע־דערפניש, וועלכע זיי זאלען דארפען בעפריעדיגען און דעריבער הא־בען אין ווירטהשאפטליכען זינן אזעלכע פראָדוקטען קיין שום ווערטה ניט.

די ממשות'דיגע נוטצען, וואס דער גאנצער זאפאס קען בריינ־גען איז פערשיעדען, אזוי ווי מיר האבען געזעהען אין דעם ביישפיעל מיט די וואסער. וואס מעהר פראָדוקטען עס איז פאראן, אלץ קלענער ווערט זייער ממשות'דיגע נוטצען, דען זיי געהען אלץ אויפ'ן בעפריע־דיגען וואס וועניגער וויכטיגערע בעדערפנישען. אויב עס איז דאָ גאָר א סך פראָדוקטען פון א געוויסען זאפאס, ווי צום ביישפיעל, ליכט און לופט, וועלען מיר דערגרייכען אזא גרענעץ, וואו די איינציגע פראָדוקטען וועלען אויפהערען איבערהויפט צו האבען א ממשות'־דיגען נוטצען, הגם די אבסטראקטע נוטצען איז זעהר גרויס און דע־ריבער וועלען זיי אויך קיין ווערטה ניט האבען.

דיעזע טהעאָריע ווערט אויך אָנגערופען „גרענעץ־נוטצען טהע־אָריע,״ ווייל נאך איהר איז דער ווערטה פון יעדער סחורה בעשטימט לויט די לעצטע, וואס שטעהט אויפ'ן גרענעץ, בעדערפניש, וועלכע זי קען ניט בעפריעדיגען.

דיעזע סוביעקטיווע נוטצען־טהעאָריע ערקלערט אונז אויך זעהר גוט די מארק בעוועגונגען, פאר וואס דער פרייז פאלט, ווען עס זיינען דאָ א סך סחורות, ווען דער אָנגעבאָט איז גרויס, און פאר וואס דער פרייז שטייגט, ווען די נאכפראגע איז גרויס. די נאכפראגע ווייזט

אונז, אז עס זיינען פאראן ווענינ פראָדוקטען און ממילא געהערט די בעדערפניש, וועלכע ווערט ניט בעפריעדיגט, צו א העכערע קאטע־גאָריע; דער ווערטה ווערט העכער און דער פרייז שטייגט. דער גרויי־סער אָנגעבאָט בעוויייזט, אז עס זיינען פאראן א סך סחורות און די לעצטע אונבעפריעדיגטע בעדערפניש געהערט צו א ניעדעריגערער קאטעגאָריע, דער ווערטה ווערט ניעדעריגער און דער פרייז פאלט.

אָנהענגער האט דיעזע גרענעץ־נוטצען טהעאָריע אין דער לעצ־טער צייט א פולע, און ניט נור צווישען די בורזשואזנע געלעהרטע, וועלכע האבען זיך אָנגעכאַפּט אָן איהר, ווי אָן אן אבן טוב, ווייל זי לייקענט איבערהויפּט יעדע בעדייטונג פון ארבייט אין׳ם בילדען דעם ווערטה, נור אפילו צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראטען (געוועהנ־ליך צווישען די רעוויזיאָניסטען) האט זי אויך געפונען א גוטען צד פאר זיך.

* *
*

ווי שכל׳דיג און חריפות׳דיג דיעזע טהעאָריע זאָל ניט זיין, איז זי, אין גרונד גענומען, פאלש, און איבער וויטערדיגע טעמים: ערשטענס, פערשטעהען מיר ניט, ווי אזוי עס ווערט בעשטימט דער פרייז פון אזעלכע זאכען, וועלכע בעפריעדיגען דירעקט קיינע בע־דערפנישע ניט און דיענען נור פאר א מיטעל, ווי צו שאפען פראָ־דוקטען, וואס קענען בעפריעדיגען בעדערפנישע; דהיינו, מאשינעס, אינסטרומענטען און געצייג. דיעזע זאכען, מיינט ביעם באווערק, ווערען געשאצט לויט די פראָדוקטען, וועלכע ווערען דורך זיי בע־שאפען. אין דער צייט, ווען איך קויף א מאשינע, ווייס איך דאָך אבער ניט, וויפיעל פראָדוקטען עס וועלען זיין אויפ׳ן מארק און ווי גרויס עס וועט זיין זייער גרענעץ־נוטצען, ווייל די גרענעץ־נוטצען איז דאָך אָבהענגיג פון אָנגעבאָט און נאכפראגע און דאס איז דאָך א זאך פון דער צוקונפט? דער ווערטה אבער ווערט דאָך שוין בעשטימט; און צווייטענס, „איין פּראָדוקט איז גרעסער אין ווערטה פון א צוויי־טען, בעהויפּטעט דיעזע טהעאָריע, ווייל די גרענעץ־נוטצען פון׳ם ערשטען געהערט צו א העכערער קאטעגאָריע, ווי די גרענעץ־נוטצען פון צווייטען פראָדוקט.” דער ווערטה פון א ראָק, צ. ב., איז פיעל העכער, ווי דער ווערטה פון א פּאָאר שטיוועל, הגם די אבסאָלוטע

ניטצליכקייט איז ניט גרעסער, ווייל די גרענעץ־נוטצען פון א ראָק איז פון א העכערער קאַטעגאָריע; און פון א העכערער קאַטעגאָריע איז דער ראָק דעריבער, ווייל אויפ׳ן מארק זיינען דאָ מעהר פאָאר שטיוועל, ווי רעק. נו, אבער אלץ קשה! — פרעגען מיר — פאר וואס זיינען טאַקע פאַראַן מעהר שטיוועל, ווי רעק? אויב ניט איבער די בעדינגונגען פון פראָדוקציאָן, ד. ה., אויב ניט דעריבער, ווייל א פאָאר שטיוועל איז לייכטער צו בעשאפען, געהט אוועק וועניגער ארבייט, ווי אויף א ראָק?! פון די פראָדוקציאָנס־בעדינגונגען ווילען אבער דיעזע געלעהרטע ניט הערען און ניט זעהען. זיי ווילען אלץ ערקלערען מיט די סוביעקטיווע געפיהלען פון קויפער און פערקויפער, און דאס פיהרט זייער טהעאָריע צום וויסענשאַפטליכען באַנקראָט.

פיעל גרינדליכער און נעהנטער צום אמת איז די יעניגע שיטה, וועלכע בעהויפטעט, אז דער ווערטה פון פראָדוקט ווערט בעשטימט לויט די מאָס ארבייט, וואס אין פראָדוקט איז פערטהון. דער פאָטער פון דיעזער „ארבייטס־טהעאָריע אין׳ם ווערטה פון די פראָדוקטען,” איז דוד ריקאַרדאָ, צו וועמען מיר קעהרען זיך איצט צוריק.

# XIV.

# ריקאַרדאָ'ס אַרבייטס־טהעאָריע

שוין אדאם סמיטה איז געווען איבערצייגט, אז ניט קוקענדיג דאַרויף, וואס יעדע סחורה מוז זיין נוטצליך, ווערט פון דעסטוועגען איהר ווערטה בעשטימט ניט לויט איהרע נוטצליכקייט, נור דורך די מאָס ארבייט. אַדאַם סמיטה געהט אויך ארויס פון'ם געוועהנ־ליכען אלטעגליכען אמת, אז אין אלע צייטען און אין אלע לענדער האַלט יעדער מענש טהייער דאס, וואס איהם קומט שווער אָן און וועניגער טהייער דאס, וואס איהם קומט לייכט אָן. די ארבייט — מיינט סמיטה — איז די איינציגע ריכטיגע, אָביעקטיווע, אונפערענדערליכע מאָס, לויט וועלכע עס ווערט בעשטימט דער ווערטה פון פערשיעדענע זאכען. דאס ווענדעט זיך ניט אָן דעם גע־שמאַק און פערלאַנג פון איינציגע מענשען, ווי צ. ב. די נוטצליכקייט פון א זאך. „ווען ביי א יעגער־פאָלק האט דאס פאנגען א ביבער, געקאָסט צוויי מאָל אזוי פיעל ארבייט, ווי דאס פאנגען א הירש — איז דער ווערטה פון ביבער געווען צוויי הירשען, דען עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז א זאך, וואס ענטהאלט אין זיך צוויי טאג אדער צוויי שעה ארבייט, דארף זיין צוויי מאָל אזוי ווערטה ווי א זאך, וואס ענטהאלט נור איין טאָג אדער איין שעה ארבייט.”

ביי אַדאַם סמיטה איז אבער שווער צו פערשטעהן, דורך וועל־כע ארבייט דער ווערטה ווערט בעשטימט: צו דורך די ארבייט, וואס געהט אוועק אויפ'ן שאפען דעם פּראָדוקט, אדער דורך די מאָס אר־בייט, וואס מען קען בעקומען פאר'ן פּראָדוקט. ווי עס ווייזט אויס פון זיין ווערק איז ער געווען נוטה צו דער צווייטער בעשטימונג. „אלע רייכטהימער — זאָגט סמיטה — זיינען בעשאפען דורך אר־

בייט." „נאָך דעם, ווי אין דער געזעלשאַפט איז ארבייט געוואָרען צוטהיילט (אין אונזער געזעלשאַפט א. ז. וו.) שאַפט דער מענש מיט זיין אייגענער ארבייט בלויז א קליינע מאָס פּראָדוקטען, וועלכע זיינען איהם נויטהיג צום געברויך. דאס רוב לעבענס־מיטלען ווערט בעשאַפען דורך אנדערע מענשען." „יעדער מענש קען זיין אָרעם אדער רייך, דאס ווענדעט זיך אָן די מאָס ארבייט, וואס געפינט זיך ביי איהם אין רשות און מיט וועלכע ער קען זיך בענוטצען." „דער ווערטה פון א געוויסער סחורה פאר איהר בעל הבית איז דע־ריבער אזוי פיעל — קומט סמיטה צום בעשלוס — וויפיעל אר־בייט ער, דער בעל הבית הייסט עס, איז אימשטאַנד פאר איהר צו בעקומען און פאר איהר צו בעשטעלען." „ווען איינער קויפט א זאַך, רעכענט ער זיך אויס, וויפיעל ארבייט די זאַך קען איהם פער־שפּאָרען — ד. ה. וויפיעל ארבייט טראָגט די זאַך איהם איין." די מאָס ארבייט, דורך וועלכע עס ווערט בעשטימט דער ווערטה, טראָגט ביי אדאַם סמיטה עפּעס אריין סוביעקטיווען כאַראַקטער אין דער צייט, ווען סמיטה אליין סטאַרעט זיך צו צוגעבען דעם ווערטה אַן אָביעקטיווע פאָרמע, וואס זאָל ניט זיין אָבהענגיג פון יעדען יחיד'ס געשמאַק.

אויסערדעם, — פרעגט ריקאַרדאָ — אויב מיר וועלען זאָגען, אז דער ווערטה פון א געוויסער סחורה ווערט בעשטימט לויט די מאָס ארבייט, וואס דער געברויכער קען דורך איהר פערשפּאָרען, מוז דאָך אויסקומען אין אונזער געזעלשאַפט, אז א סחורה פון 12 שעה ארבייט זאָל מעהר ניט זיין ווערטה ווי 6 שעה. אין אונזער (קאַפּיטאַליסטי־שער) געזעלשאַפט ווערען די פּראָדוקטען בעשאַפען דורך געדונגענע ארבייטער. די שכירות פון געדונגענע ארבייטער איז גלייך צו דער צאָהל פּראָדוקטען, וויפיעל עס איז נויטהיג אויף חיונה, כדי די אר־בייטער זאָל זיין מעגליך אבי ווי צו ערהאַלטען דאס לעבען אום צו קענען ווייטער ארבייטען. ווען די מאָס פּראָדוקטען, וואס איז גענוג אויף א טאָג חיונה פאר דעם ארבייטער, ענטהאַלט אין זיך בלויז 6 שעה און דער געדונגענער ארבייט אבער ניט 6 שעה, נור 12 שעה, איז דאס דאָך קלאָר, אז דער ווערטה פון פּראָדוקט, וואס דער ארביי־טער האט בעשאַפען אין'ם 12 שעה'דיגען ארבייטס־טאָג, וועט זיין 12 שעה. נאָך אדאַם סמיטה קומט אבער אויס, אז דער ווערטה פון

אזא פּראָדוקט וועט זיין בלויז 6 שעה ארבייט, ווייל דער קויפער קען אויך ארבייטען מיט גערונגענע ארבייטער און דעמאָלט שפּארט ער איין מיט דעם פּראָדוקט ניט 12 שעה ארבייט, נור 6 שעה — וויפיעל די גערונגענע ארבייטער וואָלטען איהם געקאָסט.

די פראגע קען מען אויך אנדערש שטעלען: אויב דער ווערטה פון א פּראָדוקט איז די מאָס ארבייט, וויפיעל מען קען דערפאַר בעקור־מען, קומט אויס, אז א פּראָדוקט פון 6 שעה ארבייט וועט האבען א ווערטה פון 12 שעה. פאר לעבענס־מיטלען, וועלכע האבען נור גע־קאָסט 6 שעה ארבייט קען מען דורך גערונגענע ארבייטער בעקומען א פּראָדוקט פון 12 שעה ארבייט.

בעוויזענדיג די סתירות און די אונקלאָרהייט פון סמיטה'ס טהעאָריע, קומט ריקאַרדאָ צום כלל: אז „דער ווערטה פון א סחורה, אדער דער ווערטה פון אנדערע סחורות, אויף וועלכע זי ווערט אויסגעביטען, איז די מאָס ארבייט, וויפיעל עס האט געקאָסט דאס ארויסברייגען די סחורה און ניט די מאָס ארבייט, וואס מען קען דורך איהר בעקומען.” אז איין פּראָדוקט ווערט אויסגעביטען אויף א צווייטען פּראָדוקט הייסט עס, אז די פּראָדוקציאָן, דאס שאַפען פון איין פּראָדוקט קאָסט אזוי פיעל אר־בייט, ווי דאס שאַפען פון צווייטען פּראָדוקט.

ווען דער טויש־ווערטה פון א געוויסער סחורה ווערט אויסגע־דריקט אין געלד — דאס הייסט, ווען מען בייט די סחורה ניט די־רעקט אויף אן אנדער סחורה, וועלכע קען גלייך געברויכט ווערען, נור אויף א זאך, דורך וועלכע מען קען צו יעדער צייט בעקומען א פּראָדוקט, וואס בעפריעדיגט אונזער בעדערפניש, דהיינו אויף געלד — בעקומען מיר דעם פּרייז. ווען פאר א סחורה, וואס ענטהאלט אין זיך א בעשטימטע מאָס ארבייט, בעקומען מיר א מאָל א גרעסערען, א מאָל א קלענערען פּרייז, הייסט עס ניט, אז די סחורה ד. ה. די אייגענע מאָס ארבייט ווערט א מאָל טהייערער, א מאָל וועל־וועלער, דאס הייסט נור, אז דער ווערטה פון גאָלד איז א מאָל העכ־ער, א מאָל נידריגער. ווען למשל פאר א זאך, וואס ענטהאלט אין זיך 10 שעה ארבייט, בעקומט מען א פּרייז — א רובעל — איז דערפון געדרונגען, אז דאס בעשאַפען א רובעל גאָלד אדער זילבער קאָסט 10 שעה ארבייט. אויב פאר די אייגענע סחורה, וואס איז

פּראָדוצירט געוואָרען ביי די זעלביגע בעדינגונגען, ווי פריהער, בעקומט מען שפּעטער, למשל, 1.50 אדער נאָך 50 קאָפּיקעס, הייסט עס אין ערשטען פאַל, אז פאר 10 שעה ארבייט קען מען שאַפען ניט בלויז איין רובעל, נור איין רובעל מיט 50 קאָפּ.; אין צווייטען פאל — בלויז 50 קאָפּ.

געוועהנליך קענען אויך פאָרקומען פערענדערונגען אין דעם ווערטה פון דער זאַך גופא, ווען די מאָס ארבייט, וואס דארף אויפגעהן אויפ'ן פּראָדוקט, ווערט וועניגער אדער מעהרער. דורך די ענטוויקלונג פון פּראָדוקטיוויטעט ווערט די מאָס ארבייט וואס איז נויטהיג פאר א געוויסען פּראָדוקט, וועניגער — דער ווערטה פון אזא פּראָדוקט ווערט נידעריגער. ווען דיעזע בעדינגונגען זיינען אבער געבליעבען אונפערענדערט — דאַן ווענדעט זיך דער שטייגען און פאַלען פון פרייז אָן די פּראָדוקציאָן־בעדינגונגען פון די געלד.

און אין אמת'ן—ב'טעמ'ט ריקארדאָ—אויב א ראָק, וואס ענטהאלט אין זיך 100 שעה ארבייט, וועט פערקויפט ווערען פאר א פּאָאַר שטיוועל, וואס ענטהאלט אין זיך בלויז 50 שעה ארבייט, — דאַן וועט דאָך אויסקומען, אז דעם שניידער'ס ארבייט ווערט געשאצט אויף א העלפט וועניגער, ווי שוסטערשע ארבייט; דער שניידער וועט מוזען ארבייטען אויף זיין חיונה דאָפּעלט אזוי פיעל, ווי א שוסטער! און דאס איז דאָך א זאַך, וואס ס'איז אונמעגליך, ווייל אויף אזא אופן וועלען אלע שניידערס אָנפאַנגען צו לערנען זייערע קינדער שוסטעריי. אין אונזער געזעלשאַפט האט דאָך יעדערער דאס רעכט אויסצוקלייבען א מלאכה, וועלכע ער וויל. צו וואס וועט דאס פיהרען? דאס וועט פיהרען דערצו, דאס אונזער געזעלשאַפט וועט מיט דער צייט האבען זעהר פיעל שוסטערס און ווייניג שניידערס. שניידעריי וועט ווערען תקיף און אויף שוסטערשע ארבייט וועט ווערען א זול. און אָט צוליעב דער פרייער קאָנקורענץ, וואס יעדער קען זיך אויסקלייבען א מלאכה, וועלכע ער וויל, ארבייט זיך אויס בליינדערהייט, אָהן א שום ווילען פון וועמען עס איז, דאס געזעץ, אז ביי אנדערע גלייכע בעדינגונגען האט א געוויסע מאָס ארבייט פון איין מלאכה אזא ווערטה, ווי די זעלבע מאָס ארבייט פון א צווייטער מלאכה און דאס איז טאקע די אורזאכע, וואס אין יעדער צייט איז אומגעפעהר פאַראַן אין דער געזעלשאַפט די נויטהיגע צאָהל בעלי

מלאכות פון פערשיעדענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, ווייל די ארבייטס ענערגיע ווערט אין אלע צווייגען גלייך געשאצט און פער־ווערטהעט.

אויך דאָ אין דער בעגרינדונג זעהען מיר א גרויסען אונטער־שיעד צווישען סמיטה'ן און ריקארדאָ. סמיטה ב'טעמ'ט דאס אָביעק־טיווע געזעץ פון ווערטה סוביעקטיוו, פסיכאָלאָגיש. ער שטיצט זיך אויף די פסיכאָלאָגיע פון יעדען מענשען, דאס יעדערער שאַצט טהייערער דאס, וואס ס'קומט שווער אָן און לייכט דאס, וואס קומט גרינג אָן. ריקאַרדאָ ב'טעמ'ט עס אבער אָביעקטיוו. לויט די אָב־יעקטיווע בעדינגונגען פון אונזער געזעלשאפט, לויט דעם געזעץ פון פרייער קאָנקורענץ — זאָגט ריקארדאָ — מוזען גלייכע מאָסען אר־בייט האבען גלייכע ווערטהען און ניט צוליעב די געפיהלען און גע־דאנקען פון איינציגע מענשען. אין דעם ליעגט אן אונגעהייער גרוי־סער פערדיענסט פון ריקארדאָ פאר דער וויסענשאפט. ריקארדאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט בעוויעזען, אז די אורזאכען, וועל־כע בילדען דעם ווערטה, זיינען ניט צופעליגע, סוביעקטיווע, וועלכע זיינען ניט אלע מאָל שטענדיג און פעסט, נור ריין אָביעקטיווע, פעסט אוועקגעשטעלטע און ליגען אין דעם תוך פון אונזער געזעלשאפטליכער געביידע, וואס איז געגרינדעט אויף דער פרייער קאָנקורענץ, אבער ניט אין אונזער „איך." דאָרטען, וואו די מלאכות קענען ניט אויסגע־קליעבען ווערען נאָך'ן פערלאנג פון יעדען מענשען, ווען צום ביישפיעל שניידערס קענען זייערע קינדער שוסטעריי ניט לערנען צו ווייל דאס געזעץ פערבאָט איבערצוגעהן פון איין מלאכה צו דער צווייטער (אזוי ווי עס איז געווען אין מיטעלאַלטער אין דער צייט פון די צעכען), צו ווייל שוסטעריי פאָדערט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, וועלכע זיינען ביי א מיטלען מענשען ניט פאראן — דאן קען טאקע לויט ריקארדאָ'ן די מאָס ארבייט פון שוסטעריי האבען א גרעסערען ווערטה, ווי די זעלביגע מאָס ארבייט פון שניידעריי, ווייל שניידעריי איז ניט א מלאכה, וועלכע יעדערער איז אימשטאנד און פעהיג צו לערנען און ממילא איז זי אויסגעשלאָסען פון דער פרייער קאָנקור־רענץ. דערמיט ערקלערט זיך טאקע גאנץ גוט דער פאקט, וואס דער ווערטה פון געוויסע זעלטענהייטען, ווי צ. ב. בילדער פון א גרויסען קינסטלער ווערט ניט געשאצט לויט דער מאָס ארבייט, וואס אין זיי

איז פערקערפּערט, ווייל זעלטענהייטען ליעגען ניט אונטער דער פּריי־ער קאָנקורענץ *).

---

*) דורך דעם מערקווירדיגען אַנאַליז איבער דער ווערטה פון סחורות, וואס איז שפּעטער געמאַכט געוואָרען דורך דעם גאונישען קאַרל מאַרקס, ווערט דיעזע טהעאָריע שוין בעסער בעגרינדעט. ניט האבענדיג די מעגליכקייט זיך אָבצושטעלען אויף דעם גאַנצען גאַנג פון דיעזען אַנאַליז, איבער וועלכען מיר וועלען נאָך ריידען אין די שפּעטערדיגע קאַפּיטלען, (זעה וועגען דעם אויך אין מיינע אַר־טיקלען: „סחורות און זייער ווערטה," „ריוח„ — „די אידישע פאָלקסצייטונג," וואַרשוי - קראַקוי, 1903, נומ. 23, 25, 30, 33). ווילען מיר נור בעמערקען פאָלגענדעס: מאַרקס, ווי מיר ווייסען, איז שטענדיג מקפּיד אויף די געזעלשאַפטליך־נויטהיגע ארבייט. דער ווערטה פון א זאַך איז ניט די מאָס ארבייט, וואס יעדער איינ־ציגער פערווענדעט, נור די דורכשניטליכע מאָס ארבייט, וואס דאַרף פערווענדעט ווערען לויט דעם שטאַנד פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען. ווען איינער, זעהר א געשיקטער ארבייטער, וועט בעשאַפען א פּראָ־דוקט אין פערלויף פון 5 שעה, וואס דאַרף דויערען לויט די דורכ־שניטליכע בעדינגונגען 10 שעה, וועט דער ווערטה פון אזא פּראָ־דוקט זיין ניט 5 שעה, נור 10 שעה. דאס זעלבע וועט זיין, ווען איי־נער, א פוילער אדער ניט געשיקטער, וועט פערווענדען גאַנצע 20 שעה. די געזעלשאַפטליך־נויטהיגע ארבייט, ווערט אבער בעשטימט ניט בלויז דורך דעם שטאַנד פון דער טעכניק, נור אויך אין צוזאַמענ־האַנג מיט די בעדערפנישען. א ארבייט קען זיין מעהר און וועניגער געזעלשאַפטליך־נויטהיג — דאס ווענדעט זיך אָן דעם, ווי הויך און גרויס די בעדערפנישען אין דער ארבייט זיינען. די געזעלשאַפט האט, צ. ב., א געוויסע מאָס ארבייטס־קראַפט אין איהר רשות, לאָמיר אָנ־נעהמען 1,000,000 שעה; פון דער צווייטער זייט האט זי פערשיע־דענע בעדערפנישען: קליידונג, שוכוואַרג, דירות, הייצונג, בילדונג, לוקסוס זאַכען און שעהנע בילדער. אויף יעדע קאַטעגאָריע בע־דערפנישען ווערט אסיגנירט א געוויסע מאָס ארבייט. לאָמיר אָננעה־מען, אז די געזעלשאַפט האט נויטהיג 1,000 פּאָאַר שטיוועל. אויף יעדע איינציגע פּאָאַר שטיוועל, לויט דעם מיטעלען שטאַנד פון די

פראָדוקציאָנס - בעדינגונגען, דארף אוועקגעהען 60 שעה ארבייטס־קראפט. אויף אלע טויזענד פּאָאר מוז ווערען אויף דעם אופן אסיג־נירט 60,000 שעה ארבייט. ביי אונז איז דאָך אבער די פּראָדוק־ציאָן ניט אָרגאַניזירט. איין פּראָדוצענט וויים דאָך ניט פון צווייטען און אנשטאט 1,000 פּאָאר האט מען פּראָדוצירט 1,200 פּאָאר. אויף יעדער פּאָאר שטיוועל איז טאקע פערבראכט געוואָרען דורכשניטליך, ווי עס פאָדערט זיך, צו 60 שעה. די גאַנצע געזעלשאפט קען אבער במציאות אויף אלע שטיוועל ניט מעהר אויסגעבען, ווי 60,000 שעה און דעריבער ווערען דאָ די שטיוועל פערקויפט אונטער זייער ווערטה. עס ווערט צוטהיילט די 60,000 שעה ארבייט, וואס די גע־זעלשאפט קען אויסגעבען אויף שוכוואַרג, אויף 1,200 (וויפיעל פּאָאר שטיוועל עס איז פּראָדוצירט געוואָרען). אויף יעדע פּאָאר שטי־וועל וועט אויסקומען צו 50 שעה, און אזוי פיעל וועט זיין דער פּרייז, הגם דער ווערטה פון יעדער פּאָאר איז 60 שעה ארבייט. עס קען אויך פּאַסירען, אז אנשטאט 1,000 פּאָאר האט מען פּראָדוצירט נור 800 פּאָאר. עס ווערט א יקרות. דער פּרייז פון יעדער פּאָאר שטי־וועל וועט זיין (75 =800 : 60,000) 75 שעה, דאס הייסט העכער פון ווערטה אויף 15 שעה. דאס איז, וואס מען בעהויפּטעט, אז דער פּרייז ווערט ערשט בעשטימט אויפ'ן מאַרק לויט דעם אָנגע־באָט און נאָכפראגע, ווייל ערשט אויפ'ן מאַרק וויים מען, אויב עס איז פּראָדוצירט געוואָרען די נויטהיגע מאָס פּראָדוקטען ווענינער אדער מעהרער. דער ווערטה אבער ווערט בעשטימט פריהער, לויט די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען און האט מיט דעם אָנגעבאָט און נאָכ־פראגע ניט צו טהון.

נו, לאָמיר ווייטער אָננעהמען, אז אויף קינסטלערישע בילדער אסיגנירט די געזעלשאפט 25,000 שעה ארבייט. דיעזע צאָהל שעות ארבייט ווערט שפּעטער צוטהיילט אויף די פּראָדוצירטע צאָהל ביל־דער. אויב אויפ'ן מאַרק איז נור פאַראַן 5 בילדער, וועט זיין דער פּרייז פון יעדער בילד (5,000 = 5 : 25,000) 5,000 שעה, ניט קוקענדיג דארויף, וואס דעם קינסטלער האט געקאָסט יעדער בילד א סך א קלענערע מאָס ארבייט.

דער פאָרצוג פון דיעזער טהעאָריע בעשטעהט אין דעם, וואס דורך איהר איז מעגליך צו ערקלערען אלע ערשיינונגען אין האנדעל,

אפילו די פרייז ערשיינונגען, דורך איין פרינציפ — דורך די געזעלשאפטליכע מאס ארבייט. אבער ניט בלויז דורך די געזעלשאפטליכע מאס ארבייט, וואס יעדער פראדוקט דארף קאסטען, נור דורך די געזעלשאפטליכע מאס ארבייט, וואס די געזעלשאפט אסיגנירט פאר אלע פראדוקטען פון דיעזען מין, צוטהיילט אויף די צאהל פראדוקטען, וויפיעל עס איז פאקטיש פראדוצירט געווארען. לויט דעם קומט אויס, אז דער פרייז פון זעלטענהייטען, פון אזעלכע סחורות, וועלכע שטעהען אויסער דער קאנקורענץ, קענען אויך ניט ווערען ווילקירליך געהעכערט, זיי קענען ניט ארויסגעהען אויסער געוויסע גרענעצען, וועלכע די געזעלשאפט האט זיי געשטעלט און ממילא זיינען זיי אויך אונטערווארפען אונטער געוויסע אביעקטיווע געזעצען. אין אונזער פאל, צ. ב., קען דער קינסטלער ניט בעטען פאר זיין בילד מעהרער, ווי 5,000 שעה ארבייט.

א. ש. ז.

## XV.

# ריקארדאָ'ס רענטע־טהעאָריע

אויסער דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען און דער קלאַס ארבייטער, פון וועלכע מיר האבען גערעדט אין פאָריגען קאַפּיטעל, איז פאַראַן נאָך א קלאַס, וועלכער טהוט שוין אליין גאָר ניט, נעהמט ניט קיין שום אנטהייל אין דער פּראָדוקציאָן און בעקומט פון דעסטוועגען א געזונדען חלק פון די געשאַפענע פּראָדוקטען. דיעזער אוכל ואינו עושה'דיגער קלאַס — איז דער קלאַס גרונד־בעזיצער, אדער לענד־לאָרדס.

אזוי ווי דער לוין, די ווינדזשעס איז די הכנסה פון ארבייטער־קלאַס, דער פּראָפיט — פון די קאַפּיטאַליסטען, אזוי איז די **רענטע** (דאס וואס ווערט געצאָהלט פאר'ן בענוטצען זיך מיט דער ערד, מיט'ן באָדען) די הכנסה פון די גרונד־בעזיצער.

פון וואַנעט בעקומען די גרונד־בעזיצער זייער הכנסה, זייער רענטע? ווי מיר האבען געזאָגט אין פאָריגען קאַפּיטעל, ווערען די פּראָדוקטען, וועלכע זיינען בעשאַפען בלויז דורך דעם ארבייטער'ס האָרעוואַניע, צוטהיילט נור צווישען די ארבייטער און קאַפּיטאַליסטען. די לענדלאָרדס קענען אפילו ניט פערזוכען, טועם טעם זיין דערפון, טאָ, פרעגט זיך, פון וואַנעט בעקומען זיי פאָרט זייער הכנסה, און ווי זייערע דיקע אָבגעגעסענע גופים וועיזען, דוקא ניט קיין קליינע הכנסה? ריקארדאָ איז דאָך ניט מסכים מיט אדאם סמיטה, ווי מיר האבען געזעהען, אז די רענטע איז א חלק פון פּרייז, און אז צוליעב דעם אייגענטהום־רעכט ווערען די סחורות פערקויפט העכער פון זייער ווערטה, אום די לענדלאָרדס זאָלען קענען האבען א הכנסה. ריקארדאָ האלט זיך דאָך פעסט אָן דער מיינונג, אז דער ווערטה פון

די סחורות ווערט געבילדעט בלויז פון דער ארבייטס־קראפט, טאָ איז דאָך אין אמת'ן א הארבע קשיא: פון וועלכען גורן אדער יקב בעקומען די אגראריער זייער הכנסה? !

איידער מיר טרעטען צו צו אונטערזוכען די קוועלען פון וואנען די רענטע קומט, מוזען מיר קלעהרער און אויספיהרליכער בעשטימען, וואס דאס איז אזוינס רענטע בכלל?

„רענטע — זאָגט ריקארדאָ — רענטע איז דער יעניגער טהייל פראָדוקטען, וואס עס קומט אָן דעם גרונד־בעזיצער פאר דעם, וואס מען בענוטצט זיך מיט די נאַטירליכע, אונאָבגענוצטע קרעפטען פון באָדען. אין אונזער איינפאַכען לשון ווערט זי אָפט פערמישט מיט די צינזען, וואס דער קאַפּיטאַליסט בעקומט פאר זיין קאַפּיטאַל און מיט די ארענדע, וואס דער פאַכטער, דער ארענדאטאָר, בעצאָהלט דעם אייגענטהימער פון פארם. דאס איז אבער זעהר פאַלש. ווען מיר האבען, צ. ב., צוויי גלייכע חלקים ערד, מיט א גלייכען באָדען און גלייכע איבעריגע נאַטירליכע בעדינגונגען, און ווען אויף איין חלק ערד זיינען געבויט די נויטהיגע געביידעס: שטאַהלען, קלייטען, ברוי־נעמער, אדער ווען איין באָדען איז געמיסטיגט, דרענירט און דער צווייטער — ניט, איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די ארענדע פון ערשטען חלק ערד וועט בעטרעפען א סך מעהרער, ווי פון צווייטען. אין די ארענדע פאר'ן ערשטען קולטיווירטען חלק געהט ניט בלויז אריין א געוויסע אָבצאָהלונג פאר די נאַטירליכע קרעפטען, נור אויך א געוויסע צינז, א געוויסער ריוח פאר דעם קאַפּיטאַל, וואס איז אריינגעלעגט אין די געביידע און איבעריגע פערבעסערונגען. ריינע רענטע איז בלויז די בעלוינונג, די אָבצאָהלונג פאר די בע־נוטצונג מיט די נאַטירליכע קרעפטען, די מתנות פון דער נאַטור."

„צו אונטערשיידען רענטע פון פּראָפיט, וואס דער קאַפּיטאַליסט בעקומט פאר זיין קאַפּיטאַל, איז זעהר וויכטיג, דען עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די געזעצען, וועלכע רעגולירען דעם פּראָפיט, זיי־נען הימעל ווייט פון יענע, וועלכע רעגולירען די רענטע. טהיילמאָל שטעהען זיי אפילו אין א עכטען ווידערשפּרוך."

רענטע איז אלזאָ דער שכר, די אָבצאָהלונג, פאר די בענוטצונג פון די נאַטירליכע קרעפטען. ווי קומט עס אבער, אז דוקא דער באָ־דען גיט רענטע? פאר וואס צאָהלט מען ניט א רענטע, ווען מען בע־

נוטצט זיך מיט לופט, וואסער, ליכט און ווינדען, וואס זיינען אויך אזעלכע נויטהיגע אנטהיילנעהמער אין דער פּראָדוקציאָן, אזוי ווי דער באָדען? אָהן דיעזע כחות פון דער נאַטור וואָלט דאָך אויך דעם מענשען'ס ארבייט זיין אונפּרוכטבאר, אָהן א שום ערפאָלג ווי אָהן דעם באָדען. „דאס איז דאריבער — ענטפערט ריקאַרדאָ — ווייל די לופט און ליכט זיינען אומעטום גלייך; עס איז ניט פאראַן בעסערע ליכט און ערגערע ליכט, גוטע לופט און שלעכטע לופט פאר די עניגים פון פּראָדוקציאָן. אויסער דעם זיינען דיעזע קרעפטען פאראַן לרוב, אין איבערפלוס, עס קען אין זיי קיין מאָל קיין דוחק ניט זיין. דער באָדען איז אבער ניט אומעטום גלייך פרוכטבאר, עס גיבען מעהר פרוכטבארע באָדענס און וועניגער פרוכטבארע און דערצו נאָך איז דער באָדען בעגרענעצט. עס איז פאראַן א געוויסער שטח, א געוויסע פלעכע און מעהר ניט. ער קען ניט אויסגעצויגען ווערען, און אָט צוליעב דעם, וואס עס זיינען פאראַן **פערשיעדענע** באָדענס, קומט צו א נייע הכנסה פאר די גרונד־בעזיצער אונטער'ן נאָמען רענטע."

אום דאס צו פערשטעהן, שילדערט אונז ריקאַרדאָ, ווי אזוי עס איז פאָרגעקומען דער ישוב העולם. ווען מענשען קומען אין א לאַנד זיך בעזעצען — מיינט ריקאַרדאָ — וועלען זיי קודם כל נעהמען בעארבייטען, געוועהנליך, די פרוכטבארסטע און בעסטע באָדענס, וועלכע זיינען אויף דיעזען לאַנד פאראַן, ווייל אויף אזא באָדען קען מען מיט וועניגער ארבייט שאפען מעהר פּראָדוקטען. אויב אזוינע באָדענס זיינען פאראַן אזוי פיעל, דאס זיי קלעקען פאר אלעמען, ד. ה. אויב אום צו בעפריעדיגען איהרע בעדערפנישען דאַרף די בעפעלקערונג ניט אָנקומען צו בעארבייטען וועניגער פרוכטבארע באָדענס — וועט דאן קיין רענטע ניט זיין, אזוי גוט, ווי עס איז ניטאָ א געוויסע רענטע פאר די בענוטצונג פון לופט, ליכט, וואסער און די איבעריגע מתנות פון דער נאַטור, ווייל דער ווערטה פון אלע סחורות ווי אויך פון די לעבענס־מיטעל, וועלכע ווערען בעשאפען דורך'ן באָדען, קען ניט זיין העכער, ווי די מאָס ארבייט, וואס ווערט צוטהיילט בלויז צווישען די קאַפּיטאַליסטען און ארבייטער. א בעזונדערע הכנסה איז דאָ ניטאָ פון וואנעט צו ציהען. ווען די בעפעלקערונג ווערט אבער גרעסער און די פרוכטבארע באָדענס צוליעב זייער בעגרענעצטען פּלאַטץ קלעקען שוין ניט פאר די מאָס נויטהיגע לעבענס־פּראָדוקטען,

טרעט מען דאָך שוין באין ברירה צו צו בעארבייטען יענע באָדענס, וועלכע זיינען שוין ניט אזוי פרוכטבאר, ווי די ערשטע, אבער די פרוכטבארסטע פון דעם איבערגעבליעבענעם ניט בעארבייטענדען באָדען. דער ווערטה פון די פראָדוקטען, וועלכע ווערען פראָדוצירט אויף אזא באָדען, אויפ'ן באָדען פון צווייטען קלאַס, וועלען דאָך מוזען דעקען די הוצאות, ד. ה. די מאָס ארבייט, וואס זיי האבען געקאָסט. נו, ווען דיעזע פראָדוקטען דעקען די הוצאות פון די פערוועגדעטע ארבייטס־קראַפט, מוזען דאָך מסתמא די פראָדוקטען, וועלכע ווערען פראָדוצירט אויפ'ן באָדען פון ערשטען קלאַס, בעצאָהלען ניט בלויז די הוצאות. זיי מוזען צוליעב די פרוכטבארקייט פון באָדען געבען א געוויסען עודף, א צוגאָב, צו די הוצאות. אָט דיעזער עודף, וואס דער באָדען פון ערשטען קלאַס גיט מעהר צוליעב זיין בעסערע פרוכטבארקייט פאר'ן באָדען פון צווייטען קלאַס, וועלכער דעקט נור צו די הוצאות — איז די קוועלע פון רענטע. דער באָדען פון צווייטען קלאַס, גיט ניט קיין רענטע, ער דעקט בלויז די הוצאות. א רענטע ליווערט נור דער באָדען פון ערשטען קלאַס און די רענטע איז אזוי גרויס, אויף וויפיעל דער ערשטער באָדען איז פרוכטבארער פון צווייטען באָדען. שפּעטער, ווען די בעפעלקערונג מוז שוין אָנקומען צו בעארבייטען די באָדענס פון דריטען קלאַס, וועלען די באָדענס פון צווייטען קלאַס שוין אויך אָנפאַנגען צו געבען א רענטע, און אויך אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער באָדען פון צווייטען קלאַס איז מעהר פרוכטבארער פאר'ן באָדען פון דריטען קלאַס. די רענטע פון'ם ערשטען באָדען וועט שוין ווערען נאָך גרעסער. זי וועט זיין גלייך צו דעם אונטערשיעד צווישען די פרוכטבארקייט פון דריטען באָדען און ערשטען באָדען.

ווען איך פערוועגד דהיינו א קאַפּיטאַל פון 1,000 רובעל (דער קאַפּיטאַל איז ניט אַנדערש, ווי פערגליווערטע ארבייט) אויף יעדען פון אונזערע דריי זאָרטען באָדענס. אויפ'ן באָדען פון ערשטען קלאַס בעקום איך, צ. ב. נאָך דער ערנטע, 2,000 פּוד ווייץ; אויפ'ן באָדען פון צווייטען קלאַס — 1,500 פּוד ווייץ; אויפ'ן באָדען פון דריטען קלאַס — בלויז 1,000 פּוד ווייץ; עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער ווערטה פון יעדען פּוד ווייץ וועט זיין א רובעל — אזוי פיעל, וויפיעל עס קאָסט אויפ'ן דריטען באָדען, דען אויב עס זאָל א פּוד

ווייץ קאָסטען ביליגער, ווי א רובעל, וועט דאָך קיינער ניט וועלען זיך בעשעפטיגען מיט אַקערבוי אויפ'ן דריטען באָדען. יעדער קאַפּי־טאַליסט, וועלכער זוכט א עסק און האט מזומן 1,000 רובעל, וועט האבען א קליינעם חשק צו פערלירען זיין קאַפּיטאַל אין לאנד־ווירטה־שאפט — א געשעפט וועט איהם שוין א סך בעסער לוינען. נו, אויב יעדער פוד ווייץ וועט קאָסטען א רובעל — וועלען די אייגענטהימער פון'ם דריטען זאָרט באָדען בעקומען בלויז 1,000 רובעל, אזוי פיעל, וויפיעל עס האט געקאָסט הוצאות און דעם געוועהנליכען פּראָצענט פאר'ן קאַפּיטאַל (אום צו פערמיידען גרויסע חשבונות רעכענען מיר די 1,000 רובעל שוין צוזאַמען מיט דעם געוועהנליכען פּראָצענט, וואס יעדער קאַפּיטאַליסט דאַרף בעקומען פון אַן עסק) קיין רענטע איז דאָ ניטאָ. פון'ם צווייטען זאָרט באָדען וועט מען שוין בעקומען 1,500 רובעל, ד. ה. א רענטע פון 500 רובעל; פון'ם ערשטען זאָרט באָדען נאָך א גרעסערע רענטע — א רענטע פון 1,000 רובעל. עס קומט אויס, אז די רענטע דיפּערענצירט זיך, ווערט פערשיעדען. ניט אלע אייגענטהימער בעקומען א גלייכע רענטע. דאס ווענדעט זיך אָן דעם דיפערענץ צווישען די ערגסטע באָדענס, וועלכע ווערען אין דער געזעלשאַפט בעארבייט און די בעסערע, מעהר פּרוכטבאַרע באָדענס. וואס ווייטער מען טרעט צו צו בע־ארבייטען וועניגער פּרוכטבאַרע באָדענס, אלץ גרעסער ווערט דער דיפערענץ און אלץ העכער שטייגט די רענטע.

דיעזע טהעאָריע איז בעוואוסט אין דער וויסענשאַפט אונטער'ן נאָמען: „די דיפּערענצירטע רענטע פון ריקאַרדאָ."

פון דעם געשילדערטען ביישפּיעל איז געדרונגען, אז די רענטע קען נור דאַן שטייגען, ווען מען טרעט צו צו בעארבייטען א נייעם זאָרט באָדענס, וועלכע זיינען געווען ביז איצט ניט בעארבייט — ד. ה. ווען דער שטח לאנד, וואס ליעגט אונטער'ן אַקער, האט זיך פערגרעסערט. רענטע קען אין אמת'ן אויך שטייגען דאַן, ווען דער שטח בעארבייטע לאנד ווערט אפילו ניט גרעסער, אבער עס ווערט דערפאר גרעסער דער קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט אַנגעווענדעט צום בעארבייטען א געוויסען באָדען.

ווען די בעפעלקערונג ווערט גרעסער און מען נויטהיגט זיך אין תבואה און איבעריגע לעבענס־מיטעל, קען דיעזער ציעל עררייכט ווע־

רען אויף צוויערליי אופנים: ערשטענס, דורך'ן צונעהמען צו לאַנד און פעלד ווירטהשאַפט א גרעסערען שטח — ביז איצט נאָך ניט בע־ארבייטע פלעצער; צווייטענס, קען מען פערגרעסערען די מאָס תבואה דורך דעם, וואס מען פאנגט אָן צו פיהרען א בעסערע, א מעהר אינ־טענסיווע ווירטהשאַפט; מען פערגרעסערט דעם אינוועטאר; מען קויפט מעהר בהמות, מען מיסטיגט בעסער די פעלדער, מען דרענירט דעם באָדען, מען פיהרט איין בעסערע אקער אייזענס — מיט איין וואָרט מען פערלייגט אין דער ווירטהשאַפט א נייעם קאַפּיטאַל. גע־וועהנליך — מיינט ריקאַרדאָ — קען דער ניי אריינגעברעקעלטער קאַפּיטאַל, וויפיעל ער זאָל ניט פערגרעסערען די מאָס תבואה און פערשפאָרען ארבייט, ניט ברייגען אזא גרויסען פראָצענט ריוח, ווי דער קאַפּיטאַל, וואס איז אָנגעווענדעט געוואָרען פריהער אויף די זעלבע פארם־ווירטהשאַפט, דען אויב דער פאַל זאָל יא זיין, וואָלט מען דאָך איבערהויפּט קיין מאָל ניט דארפען פערגרעסערען דעם שטח לאַנד. אנשטאט צו פערגרעסערען און אָנפאַנגען צו בעארבייטען א נייע שטיק באָדען, וואָלט מען דעם זעלביגען קאַפּיטאַל, וואס דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אויף דעם ניי צוגענומענעם באָדען, בעסער אריין טהון אין דעם שוין לאַנג בעארבייטעטען באָדען. די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געקענט אויף דעם אופן בעגניגענען מיט איין אקער בעאר־בייטעטע לאַנד. ווען פאַקטיש איז ניט אזוי, ווען אין אמת'ן ווערט דער שטח לאַנד, וואס איז פערווענדעט צום ווירטהשאַפט, אלץ גרע־סער, איז דערפון געדרונגען — אזוי שליסט ריקאַרדאָ — אז עס לוינט בעסער פאר דעם זעלביגען קאַפּיטאַל אָנפאַנגען צו בעארבייטען א נייעם פלאַטץ איידער איהם צו פערווענדען אויף דעם אלטען שוין בעארבייטעטען באָדען: א כלל, אז דער ערשטער פערברויכטער קאַפּיטאַל גיט מעהר ריוח, ווי דער צווייטער פערברויכטער קאַפּיטאַל. אדער בעסער דער קאַפּיטאַל, וואס ווערט אָנגעווענדעט צום ערשטען מאָל אויף א באָדען מאַכט דעם באָדען פרוכטבארער און ברייגגט מעהר תבואה, ווי דער קאַפּיטאַל, וואס ווערט אָנגעווענ־דעט שוין א צווייטען מאָל אויפ'ן אויסבעסערען די פארם *). די

*) ריקאַרדאָ'ס כלל, אז דער ניי אריינגעברעקעלטער קאַפּיטאַל קען ניט ברייגען אזא גרויסען פראָצענט ריוח, ווי דער קאַפּיטאַל,

אויסבעסערונג, וואס קומט פאר צוליעב דעם צווייטען אנגעווענדעטען קאפיטאל, קען ניט אויף אזוי פיעל פערמעהרען די מאס תבואה, ווי־פיעל מען וואלט בעקומען פון א נייעם באדען ביים אנווענדונג פון דעם זעלבינען קאפיטאל. און וויבאלד, אז יעדער ניי אנגעלעגטער קאפיטאל גיט אלץ א קלענערע מאס תבואה, קומט דאך אויס, אז די ערשטע קאפיטאלען, ד. ה. וואס פריהער די קאפיטאלען זיינען פער־ווענדעט געווארען אויף דעם אייגענעם באדען, זיינען אין פערגלייך

---

וואס איז אנגעווענדעט געווארען פריהער אין דער זעלבינער פארם־ווירטהשאפט, קען נאך בעגרינדעט ווערען דורך דאס מיניםום־געזעץ פון דעם בעריהמטען אגריקולטור־כעמיקער ליביך.

יעדע פלאנצע, אום זי זאל קענען לעבען, מוז האבען אין איהר ערנעהרונג א געוויסע צאהל כעמישע עלעמענטען: קוילען שטאף, זויער שטאף, וואסער שטאף, שטיק שטאף, פאספאר, שוועפעל, קאלי, קאלך, אייזען און מאגנעזיום. דערצו זיינען פאראן נאך א פאאר עלע־מענטען, וועלכע שפיעלען א קלענערע ראלע אין׳ם עקזיסטענץ פון דער פלאנצע.

דיעזע אלע אויסגערעכענטע עלעמענטען זיינען אונבעדינגט נוי־טהיג. אויב עס פעהלט אפילו נור איין עלעמענט, מעגען די איבעריגע זיין אין זעהר א גרויסער מאס, קען די פלאנצע ניט לעבען. ווען עס פעהלט, לאמיר אננעהמען, פאספאר אדער קאלי, מוז דער פלאנצ־ליכער ארגאניזמוס געהן צו גרונדע, אפילו ווען זויער שטאף, שטיק שטאף, קוילען שטאף און אלע אנדערע עלעמענטען זיינען פאראן א סך מעהר, וויפיעל זיי זיינען נויטהיג. איין עלעמענט קען ניט פער־בייטען א צווייטען עלעמענט. און ניט נור, ווען דער עלעמענט פעהלט אין גאנצען, ווען ער איז אפילו נור פאראן אין א ניט גענינענדער מאס, קען אויך די פלאנצע ניט געדייהען. „די גרויס פון דער ערנטע — האט ליביך אויפגעשטעלט א געזעץ — ווענדעט זיך ניט פון די עלעמענטען, וועלכע זיינען דא אין מאקסימום, נור פון די עלעמענטען, וועלכע זיינען פאראן אין מינימום.״ דער עלעמענט, וועלכער איז פאראן אין דער אומגעבונג פון דער פלאנצע ווענינער, ווי אלע אנדערע עלעמענטען, ער בעשטימט דאס געדייהען פון דער פלאנצע.

מיט די שפּעטערדיגע קאַפּיטאַלען פּרוכטבארער, און דיזער אונטער־שיעד, דער דיפערענץ צווישען די מאָסען תבואה, אויף וויפיעל יעדער שפּעטער אָנגעלעגטער קאַפּיטאַל גיט ווענינער פאר די פריהער אָנגעלעגטע — הייסט רענטע. דער לעצטער אָנגעלעגטער קאַפּיטאַל גיט בלויז דעם געוועהנליכען ריוח, אבער רענטע גאָר ניט. די פריהערדיגע אָנגעלעגטע קאַפּיטאַלען ליווערן שוין א קלענערע אדער א גרעסערע רענטע.

---

דיזעס געזעץ, בעוואוסט אין דער וויסענשאַפט, דאס מינימום געזעץ פון ליביך, קען אויך אָנגעווענדעט ווערען אין בעצוג צו דער פּראָדוקציאָן.

אין יעדער פּראָדוקציאָן נעהמען אנטהייל דריי פאַקטאָרען: נאַ־טור, ארבייט און קאַפּיטאַל. איך מוז, ערשטענס, האבען נאַטירליכע קרעפטען און מתנות, ווי לופט, ליכט, וואסער, ווינדען, באָדען, א. ז. וו. איך מוז, צווייטענס, האבען מענשליכע ארבייטס־קראַפט אין יעדער פּראָדוקציאָן און, דריטענס, מוזען זיין אינסטרומענטען, מאַשינעס און אויך מזומנה געלד. ווען עס פעהלט איינע פון די דריי פאַקטאָרען, ווען עס איז ניט פאראן קיין ארבייטס־קראַפט, מעג די נאַטור זיין זעהר רייך, מעג אויך זיין גרויסע קאַפּיטאַלען — וועט גאָר ניט ארויס־קומען. דאס זעלבע איז, ווען די נאַטור איז זעהר אָרעם. דאַן קען אויך ניט זיין א גרויסע, בליהענדע פּראָדוקציאָן, אפילו ווען עס איז פאראן א סך ארבייטס־קראַפט און גענוג קאַפּיטאַל. א פּראָדוקציאָן מוז הא־בען א קאָמבינאַציאָן פון אלע דריי פאַקטאָרען. ווען די נאַטור איז זעהר אָרעם און איז דער מינימום־פאַקטאָר, וועט די פּרוכטבארקייט פון דער פּראָדוקציאָן זיין אָבהענגיג פון דער נאַטור. ווען ארבייטס־קראַפט איז פאראן ווענינ אין פערהעלטנים צו נאַטור און קאַפּיטאַל, וועט זי, די ארבייטס־קראַפט בעשטימען דעם ערפאָלג פון דער פּראָ־דוקציאָן.

דאס איז קלאָר.

ווען מען טהוט אריין א קאַפּיטאַל אין א קרקע בתולה, אין א יונגפרוי־באָדען, וואו די נאַטירליכע קרעפטען און מתנות זיינען נאָך ניט אויסגעשעפּט, וועט דאס געדייהען פון דער לאַנדווירטהשאַפטלי־

ווען איין ארענדאטאָר, אָנווענדענדיג א קאפיטאל פון 1,000 רו־בעל, בעקומט א ריוח ענדע יאָהר 100 פוד תבואה (דער בעטראג דער־פון, לאָמיר אָננעהמען, וועט זיין 100 רובעל) און ביין אנלייגען אין דעם זעלבען באָדען נאָך 1,000 רובעל, וועט ער שוין דעם צווייטען מאָל (לויט דעם געזעץ, אז יעדער שפּעטערער אָנגעווענדעטער קאפּי־טאל גיט אלץ א קלענערע מאָס תבואה) בעקומען א ריוח נור פון 85 פוד תבואה — דאן וועט שוין די 15 פוד תבואה — דער אונטערשיעד פון דיביידע רוחים — בילדען א רענטע, וואס וועט סוף כל סוף אָנ־קומען דעם בעל נחלה און ניט דעם ארענדאטאָר. ווען דער ארענדאָ־טאָר וועט דעם צווייטען מאָל מאַכען א קאָנטראַקט, וועט דער גרונד־בעזיצער שוין אויסמארקירען, דאס דער ארענדאטאָר זאָל פאר יעדע טויזענד רובעל בעקומען א ריוח בלויז פון 85 רובעל. אין אונזער גע־זעלשאפט קען ניט זיין קיין רוחים אויף גלייכע קאפּיטאלען. עס איז אונמעגליך, אז אין איין פאל זאָל א קאפּיטאל פון טויזענד רובעל ברייגגען 100 רובעל ריוח און אין א צווייטען פאל 85 רובעל ריוח. א כלל איז, אז גלייכע קאַפּיטאַלען גיעבען גלייכע פּראָצענטען

---

כער פּראָדוקציאָן זיין מעהר אָבהענגיג פון די אנדערע פאקטאָרען, פון ארבייט און קאפּיטאל, ווי פון דעם נאטור־פאקטאָר, ווייל די נאטור איז אין אזא פאל ניט דער מינימום־פאקטאָר. ווען מען מאכט אבער שוין א צווייטע אינוועסטמענט, ווען מען ברעקלעט אריין וואס ווייטער אלץ נייע קאפּיטאלען, ווערט די נאטור דאָך אויסגעשעפּט, אָרעמער, און ווערט וואס ווייטער אלץ מעהר דער מינימום־פאקטאָר. עס מוז קומען א צייט — ווען די נאטור איז שוין אין גאנצען אויסגענוטצט — אז וויפיעל קאפּיטאל און ארבייט מען זאל ניט אריינטהון, וועט די הכנסה זיך ניט פערגרעסערען, ווייל, ווי געזאגט, די פּראָדוקציאָן איז אָבהענגיג פון דער קאָמבינאציאָן פון אַלע דריי פאַקטאָרען, וואס ווייטער דער באָדען (אלס א נאטור־פאקטאָר) ווערט מעהר אויסגע־נוטצט, אלץ מעהר מוז ער ווערען דער מינימום־פאקטאָר און אלץ ווע־ניגער ריוח קען ברייגגען די אלץ מעהר נייע אריינגעברעקעלטע קאפּי־טאלען. ניט בלויז דער אריינגעברעקעלטער קאפּיטאל בעשטימט די פּרוקטבארקייט פון דער פאָרם־פּראָדוקציאָן, נור אויך די נאַטור — דער באָדען. א. ש. ז.

ריוח ביי אַנדערע גלייכע בעדינגונגען. און לויט דעם געזעץ פון דער פרייער קאָנקורענץ איז דאס גאַנץ פערשטענדליך. אויב איין קאַפּיטאַל אין א געוויסען עסק זאָל ברייגגען א גרעסערען פּראָצענט ריוח, ווי דער זעלביגער קאפּיטאַל אין א אנדער עסק, וואָלטען דאָך אַלע זיך בעשעפטיגען מיט יענעם עסק, וועלכער גיט א גרעסערען ריוח. און וויבאַלד, אז יעדע פערוועגדעטע טויזענד רובעל מוזען געבען גלייכע רוחים, טאָ מוז מסתמא דער דורכשניטליכער ריוח זיין פאר יעדע טויזענד רובעל ניט 100 רובעל, נור 85 רובעל יעהרליך, ווען דער דורכשניטליכער פּראָצענט ריוח אויף 1000 רובעל קאפּיטאַל וואָלט זיין 100 — וואָלט דאָך דעם ארענדאַטאָר ניט לוינען אריינצורעקלען די צווייטע טויזענד רובעל. אנשטאַט צו פערוועגדען די צווייטע טויזענד רובעל אין א פארם און צו בעקומען בלויז 85 רובעל ריוח, וואָלט דער ארענדאַטאָר בעסער אריינגעברעקעלט די טויזענד רובעל אין וואס עס איז ניט אן אנדער עסק. דאָרטען וואָלט ער דאָך ביי געוועהנליכע בעדינגונגען בעקומען דעם געוועהנליכען דורכשניטליכען ריוח 100 רובעל.

מיר זעהען, אז דער אַם וועניגסטען פּרוכטבארער בעארבייטעטער באָדען און דער צולעצט אָנגעוועגדעטער קאפּיטאַל גיט קיין רענטע ניט. רענטע איז בלויז פאראַן דאַן, ווען אונטער'ן אַקער ליעגען באָדענס מיט פערשיעדענער, ניט גלייכער פּרוכטבארקייט, אדער מיט א רייהע, איינער שפּעטער פאר'ן אַנדערען אָנגעוועגדעטע קאפּיטאַלען. די בעפעלקערונג ווערט אַלץ גרעסער, עס ווערט א דוחק אין תבואה, מען מוז אָנפאַנגען צו בעארבייטען אַלץ וועניגער פּרוכטבארע באָדענס אדער אין דעם זעלבען באָדען אריינברעקלען אַלץ נייע קאַפּיטאַלען און די רענטע מוז ממילא שטייגען. די רענטע שטייגט, ווייל עס ווערט טהייערער תבואה, אבער ניט אומגעקעהרט. דער ווערטה פון תבואה ווידער שטייגט, ווייל מען מוז אָנווענדען אויף איהר פּראָדוקציאָן אַלץ א גרעסערע מאָס ארבייט, ווייל צוליעב דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג מוז מען בעארבייטען אַלץ וועניגער פּרוכטבארע באָדענס. די רענטע קען זיך זעלבסטשטענדיג אליין קיין מאָל ניט פערגרעסערען, אויב די בעפעלקערונג זאָל זיך ניט נויטהיגען אין נייע לעבענס־מיטלען און ניט אָנפאַנגען צו בעקומען אַלץ א קלענערע מאָס תבואה פאר די זעלבע מאָס ארבייט און

קאפיטאל, ווי פריהער, ד. ה. ווען מען זאל ניט צוטרעטען צו בעאר־בייטען אלץ ווייניגער פרוכטבארע באדענס.

ווען די לענדלארדס ווילען, אז די רענטע זאל שטייגען, ווענדען זיי אן פערשיעדענע מיטלען דער פרייז פון תבואה זאל שטייגען. אין דייטשלאנד קעמפפען די גוטסבעזיצער, די גאנץ רייכע פארמערס, (און זיי האבען טאקע א דאנק דער רעאקציאנער פאליטיק פון דער רעגיערונג אין זייער קאמפף געזיעגט!) מען זאל ארויפלייגען גרויסע אבצאהלונגען אויף די אויסלענדישע תבואות. תבואות אין לאנד וועט רען דורך דעם ווייניגער און, אום צו דעקען דאס בעדערפניש אין דיעזע נויטהיגע לעבענס־מיטלען, מוז מען אנפאנגען צו בעארבייטען ערגערע באדענס און די דיפערענצירטע רענטע וועט שטייגען. דער פרייז פון די תבואה איז אבער קיין מאל ניט אבהענגיג פון די רענטע לויט ריקארדא. ווען די גוטסבעזיצער וואלטען קיין רענטע אפילו ניט בעקומען, וואלט דער פרייז פון די תבואה אפילו אויף א האאר ניט פאלען, דען די מאס ארבייט און קאפיטאל, וואס איז נויטהיג צום בעשאפפען די מאס פראדוקטען אויפ'ן ערגסטען באדען, וועט דאך דאדורך ניט ווייניגער ווערען.

דא זעהט מען גלייך ארויס דעם משונה'דיגען כאראקטער פון רענטע. א גרויסע רענטע איז ניט א סימן, אז די געזעלשאפט שטעהט גוט אין מעמד. דוקא פערקעהרט. וואס שווערער די געזעלשאפט אר־בייט, וואס מעהר שוויים זי פערוועדעט אויף חיונה אלץ גרעסער איז די רענטע. און פערקעהרט, ווען די געזעלשאפט זאל האבען די מעג־ליכקייט לייכט צו בעקומען איהר חיונה, מיט ווייניגער מאטערניס, ווען זי זאל זיין אימשטאנד צו בעארבייטען בלויז די פרוכטבארע באר־דענס פון ערשטען זארט — דאן וואלטען די לענדלארדס גיט האבען קיין הכנסה און זיי וואלטען מוזען, במחילה, אליין בכבודם ובעצמם טאקע הארעווען אויף חיונה. רענטע איז פאראן ניט דעריבער, ווייל דער באדען איז בכלל פרוכטבאר און רייך, נור דוקא דעריבער, ווייל ער איז אויך ניט אזוי פרוכטבאר. ווען דער באדען גיט יא רענטע און די לופט, ליכט און דאמפף גיעבען ניט קיין רענטע איז דאס ניט א מעלה פון באדען, א סימן פון זיינע בעסערע אייגענשאפטען, נור א בעוויז, אז דער באדען, האט ערגערע אייגענשאפטען פון ליכט, לופט, וואסער און דאמפף. דאס איז א חסרון פון באדען, דען דאס בע־

ווייזט אונז, אז די לופט און ליכט זיינען אומעטום גוט, פּרוכטבאר און זיינען דאָ בשפע, און אז דער באָדען איז ערטערווייז ערגער און איז ווייניג פאראַן. ווען די ליכט און לופט וואָלטען אויך געהאט דיעזע שלעכטע אייגענשאפטען, דיעזע חסרונות, וואָלטען זיי אויך געליפערט רענטע.

רענטע בעקומט מען ניט בלויז דורך די פערשיעדענהייט אין די פּרוכטבארקייט, נור אויך דורך די פערשיעדענהייט אין דער לאַגע פון באָדען. עס איז לייכט צו פערשטעהן, אז יענע ווירטהשאפטען, וועלכע ליעגען ניט ווייט פון די מערק, פון די גרויסע צענטרום'ס, ברייננגען פאר די זעלבע ארבייט און קאפּיטאל א סך מעהר תבואות. ווי יענע, וועלכע ליעגען ווייט פון די מערק, דען דאָרטען קאסט דאָך א סך ארבייט און קאפּיטאל ביז וואנעט מען שטעלט צו די פארטיגע תבואות צום מארק. ווען די ווירטהשאפטען, וועלכע האבען ניט נאָהענטע מארקעטס ארום זיך און ליעגען אין א פערוואָרפען ווינקעל, דעקען די הוצאות, גיבען מסתמא די אלץ מעהר נעהנטערע ווירטהשאפטען א איבערפלוס — א רענטע.

עס איז איבעריג צו דערמאָהנען, אז אלץ וואס מיר האבען דאָ געזאָגט בנוגע לאנדווירטהשאפט פאסט זיך אויך בנוגע בערגבוי וכדומה.

אין וואס פאר א שייכות געפינען זיך די אלע דרייערליי הכנסות: ארבייטסלוין, ריוח און רענטע איינע צו די אנדערע?

רענטע און ריוח האבען איין צד השוה. זיי ביידע זיינען הכנסות בלויז דורך דעם, ווייל עס הערשט דאס געזעץ פון פּריוואט אייגענטהום אויפ'ן באָדען און אויף די איבעריגע פּראָדוקציאָנס-מיטלען. ווען ניט דאס רעכט פון אייגענטהום, וואָלטען די לענדלאָרדס, אזוי די קאפּיטאליסטען קיין הכנסה ניט האבען, ווייל זיי טהוען קיין זאך ניט, זיי בעשאפען ניט קיין ווערטה און דעריבער זיינען זיי אויך קליינע מחותנים צו בעקומען א חלק דאָרטען, וואו זיי האבען ניט אריינגעלעגט און וואס געהערט בלויז די ארבייטער, ווייל דורך קיין אנדערן, אויסער זיי, זיינען די ווערטהען ניט פּראָדוצירט געוואָרען. דיעזע הכנסות שטאמען דעריבער ניט פון'ם עצם פּראָדוקציאָן, נור פון דער פּאָליטישער אָרדנונג, וועלכער הערשט איצט און וועלכער איז געגרינדעט אויפ'ן יסוד פון פּריוואט אייגענטהום.

די דיפערענצירטע רענטע אונטערשיידעט זיך פון ריוח אין דעם, וואס זי שטעהט ניט אין אזא גראדען וויעדערשפרוך צו דעם לוין פון ארבייטער. ארבייטער און קאפיטאליסטען, ווי מיר האבען געזע־העז, זיינען צוויי אונפערמיידליכע געגנער, צוויי שונאים, צווישען וועלכע עס קען קיין מאל קיין שלום ניט זיין, ווייל זיי לעבען ביידע פון איין חלק, פון איין שיסעל. וואס מעהר עס האט איינער, אלץ ווע־ניגער קומט אן דעם צווייטען. א אויסגלייכונג, א פשרה איז דא ניט שייך. די עקספלאאטאציאן פון ארבייטער איז אונפערמיידליך, קוים זיינען פאראן איבערהויפט קאפיטאליסטען און ארבייטער. צווישען לענדלארדס און ארבייטער איז אבער אזא דירעקטער קאמפף ניט פא־ראן. ווען די ארבייטער זאלען אפילו בעקומען דעם גאנצען פראדוקט פון זייער ארבייט — אפילו אויך דעם ריוח פון די קאפיטאליסטען, וועלען די לענדלארדס זייער רענטע ניט אנווערען, ווייל די דיפערענ־צירטע רענטע איז ניט בעשאפען דורך דעם ארבייטער'ס הארעוואניע, נור דורך די פערשיעדענהייט אין באדען.

פון דער אנדערער זייט אבער סימפאטיזירט ריקארדא מעהר מיט די קאפיטאליסטען, ווי מיט די לענדלארדס (דא טרעטען בולט ארויס די קלאסען־סימפאטיען פון ריקארדא, ווי אביעקטיוו ער איז ניט). דער קאפיטאליסט, וועניגסטענס — מיינט ריקארדא — איז דער איי־גענטהימער פון קאפיטאל, וואס איז בעשאפען דורך ארבייט; ער איז אויך דער ארגאניזאטאר אין דער אונטערנעהמונג, ער טהוט לכל הפחות וואס עס איז. ער ריזיקירט זיין קאפיטאל; זיין אייגענטהום־רעכט אויף די פראדוקציאן־מיטלען קען צוגעלאזען ווערען און עס וואלט ניט זיין אזא עולה, ווען דיעזע פראדוקציאנס־מיטלען זיינען א רעזולטאט פון זיין אייגענער ארבייט, ווען ער האט דאס צונויפגע־קליעבען דורך שפארזאמקייט, א. ז. וו. (ריקארדא און זיינע תלמידים בעטראכטען טאקע יעדען קאפיטאליסט פאר א שפארזאמען, דרייסטען ארבייטער, וועלכער וויים, ווי צו היטען זיין פערהארעוועטען קאפי־טאל). אויסער דעם איז דער קאפיטאליסט, לויט ריקארדא'ס מיינונג, א נוטציגער מיטגליעד, דען ער פיהרט דאך די גאנצע פראדוקציאן. דער קאפיטאליסט און ארבייטער זיינען טאקע א פאאר געגנער, אבער זיי זיינען אויך ביידע נוטציגע מיטגליעדער אין דער געזעלשאפט. גאנץ אנדערש איז מיט די גרונדבעזיצער, דאס זיינען אמת'ע פארא־

זיטען, „דאַרמאָיעדניקעס,״ מחבלים, וואס שטעקען ניט אריין א פינ־נער אין קאַלטע וואסער. אין דער פּראָדוקציאָן נעהמען זיי קיין שום חלק ניט און דאס אייגענטהום רעכט, צוליעב וועלכע די אגראריער בעקומען א פעטען חלק אין די עשירות פון דער געזעלשאפט, האבען זיי ניט כשר פערדיענט פאר זייערע מעשים טובים, זיי נעהמען עס פשוט אליין ביד חזקה, ווייל זיי האבען די מאכט.

ריקאַרדאָ'ס שנאה צו די אגראַריער פערשטאַרקט זיך, ווען ער קומט צום שלום, דאס די לאַגע פון די קאַפּיטאַליסטען ווערט אלץ ערגער אין דער צייט, ווען זיי, די גרונדבעזיצער, בעקומען וואס ווייטער אלץ מעהר רענטע.

לויט דעם געוויסען געזעץ, אז די ארבייטער מוזען בעקומען אזוי פיעל, וויפיעל עס איז זיי נויטהיג אויף חיונה — מיינט ריקאַרדאָ — קענען קיין גרויסע פערענדערונגען אין די שכירות ניט פאָרקומען *). גאַנץ אַנדערש שטעהט די זאַך מיט די קאַפּיטאַליסטען און אגראַריער. די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך; די איצטיגע מאָס תבואה גענוגט ניט פאַר די פערגרעסערטע בעפעלקערונג; מען מוז אַנפאַנגען צו בע־ארבייטען וועניגער פרוכטבארע באָדענס (מיר דארפען ניט פערגעסען, אז ריקאַרדאָ האלט פיר ריכטיג דאס געזעץ פון מאַלטהוס, אז וואס ווייטער ווערט דאס לעבען אלץ שווערער און שווערער, ווייל די בע־פעלקערונג פערמעהרט זיך א סך געשווינדער, ווי דער טעכנישער פּראָ־גרעס) — און די רענטע, פערשטעהט זיך, וועט שטייגען. תבואה און די איבעריגע נויטהווענדיגע לעבענס־מיטעל וועלען דאַך אויך שטייגען און וויבאלד, אז די נויטהווענדיגע לעבענס־מיטעל שטייגען, מוזען זיך אויך העכערען די שכירות, קוים העכערען זיך אבער די שכירות, מוז דער ריוח פאַלען. און אזוי גוט, ווי די בעפעלקערונג האלט זיך אין איהר פערמעהרונג ניט אָב — טאָ קומט אויס, אז דער ריוח פון די

---

*) אגב אורחא וועלען מיר בעמערקען, אז אין דעם זעלבען טעות איז אויך אריינגעפאַלען פערדינאַנד לאַסאַל און דעריבער האט ער וועניג וואס געהאַלטען פון עקאָנאָמישען קאַמפּף אלס אזעלכען אין דעם הערשענדען אָרדנונג. ער איז אויך געוועזען פעסט איבערצייגט, אז מעהר ווי די נויטהיגסטע לעבענס־מיטעל קענען די ארבייטער אין די איצטיגע בעדינגונגען ניט ערשלאָגען.

קאפּיטאַליסטען האט די טבע צו ווערען אלץ ווענינער, ביז ער וועט דערגרייכען די מדרגה פון 0. די רענטע, פערקעהרט, האט די טבע אלץ מעהר און מעהר צו שטייגען.

דער געזעלשאַפטליכער פּראָצעס שטעלט זיך פאר ריקארדאָ אין פאָלגענדען געשטאַלט: די לאַגע פון די ארבייטער ווערט ניט ערגער און נים בעסער (די שכירות, אויסגעדריקט אין געלד, שטייגען אפילו, אבער צוליעב דעם יקרות אויף די לעבענס־מיטעל, וואס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער דורך די פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג, ווערען די אמת'ע שכירות, ד. ה. די שכירות אויסגעדריקט אין פּראָ־דוקטען, ניט העכער); די קאַפּיטאַליסטען בעקומען וואס ווייטער אלץ ווענינער ריוח און זייער לאַגע ווערט ערגער; די אגראריער, פער־קעהרט, בעקומען וואס ווייטער אלץ מעהרער רענטע.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואס די אנהענגער פון ריקארדאָ'ס לעהרען האבען געהאַלטען די גרונדבעזיצער פאר דעם אונגערעכטע־סטען קלאַס אין דער געזעלשאַפט און האבען געפאָדערט אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און געזעלשאַפטליכע נוטצען אוועקצונעהמען פון זיי די זכותים און ניט דערלאָזען זיי פערכאַפען דעם באָדען אין פריוואַט אייגענטהום. ווען העגרי דזשאָרדזש, האַלטענדיג דאס קאַ־פּיטאַליסטישע אייגענטהום־רעכט אויף פערשיעדענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען פאר נויטהיג און זאָגאר הייליג, האט געפּרעדיגט מיט גרויס היץ מיוניסיפּאַל אָונערשיפּ און האט איבערצייגט צו נאַציאָנאַליזי־רען דעם באָדען, האט ער עס געטהאָן אויף דעם גרונד, וואס רענטע איז אַן אונגערעכטע פערכאַפּונג פון די מתנות, וואס די נאַטור שענקט אַלעמען גלייך.

ריקארדאָ פערגעסט אויך ניט אָנצואווייזען אויף די בעדינגונגען, וועלכע פערקלענערען די רענטע און פערגרעסערען ממילא די ריוח פון די קאַפּיטאַליסטען. רענטע ווערט קלענער:

1) ווען עס קומען פאָר פערבעסערונגען אין דער לאַנדווירטה־שאַפט. ווען מען פיהרט איין נייע מאַשינעס, אדער ווען מען האט גע־פונען בעסערע מעטהאָדען, ווי דעם באָדען צו בעארבייטען, ווען עס ווערען ענטדעקט וואָלוועלע מיסטיגונגס־מיטעל, — מיט איין וואָרט, ווען די פּראָדוקטיוויטעט אין דער לאַנדווירטהשאַפט איז געוואָ־רען גרעסער. דורך אזוינע אויסבעסערונגען אין דער ווירטהשאַפט

גיט א קלענערע מאָס ארבייט מעהר תבואה, ווי פריהער. מען הערט אויף דאָן צו בעארבייטען די שלעכטע באָדענס, צו וועלכען מיטעל מען האט פריהער, פאר די פערבעסערונגען, געמוזט אָנקומען, ווייל עס האט ניט געקלעקט קיין תבואה פאר די גאַנצע געזעלשאפט. ווען דער לעצטער סאָרט באָדענס, וועלכען די געזעלשאפט בענוטצט פאר לאנד־ארבייט, געהערט צו א העכערער מדרגה איז קלאָר, אז די רענטע מוז פאלען.

2) ווען עס ווערען אויסגעבעסערט די וועגען און די איבעריגע פערקעהרס־מיטעל, און

3) ווען מען נעהמט אראָפּ די פּאָשלינעס אויף די אריינגעפיהרטע אויסלענדישע תבואות. דאס אלעס פיהרט דערצו, דאס אין לאנד קומט אריין מעהר תבואות, עס הערט אויף צו זיין אזא גרויסער דוחק אויף לעבענס־מיטעל, מען הערט אויף צו בעארבייטען די ערגסטע באָדענס און רענט פאלט.

ריקאַרדאָ, אלס פערטהיידיגער פון די קאפּיטאליסטישע אינטע־רעסען, איז דעריבער געווען אן אונגעהייער גרויסער געגנער פון גע־ווייסע אָבצאָהלונגען אויף אריינגעפיהרטע סחורות און איז דערמיט געבליעבען טריי זיין רבי'ן אָדאַם סמיטה. ריקאַרדאָ האט אין זיינע שריפטען, ווי אויך אין פּאַרלאַמענט, שטענדיג איבערצייגט די שעד־ליכקייט פון פּראָטעקציאָנס־פּאָליטיק אין דער צייט, ווען דער אגראַ־ריער מאַלטהוס, ניט קוקענדיג, וואס ער איז געווען א שטארקער אָנ־הענגער פון סמיטה'ס לעהרע, איז, ווי מיר ווייסען שוין, שטענדיג ארויסגעטרעטען אין די נוטצען פון פּאָשלינעס אויף אריינגעפיהרטע תבואות.

ריקאַרדאָ'ס רענטע־טהעאָריע איז איינע פון די טהייערסטע קאָסט־בארקייטען אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע. דורך דיזער טהעאָריע איז געוואָרען קלאָר און דייטליך דער פערפלאָנטערטער, פערדרעהטער מע־כאניזם פון דער פערטהיילונג די פּראָדוקטען. איינציגע געדאַנקען זיי־נען שוין ארויסגעזאָגט געוואָרען ביז ריקאַרדאָ. ריקאַרדאָ האט אבער אלעס סיסטעמאטיזירט, אויסגעקליעבען די געזונדע פון די ניט גע־זונדע און פעראַרבייטעט אין איין אלגעמיינע איינהייטליכע לאָגישע סיסטעם, דורך וועלכער עס ווערען מערקווירדיג גוט בעלויכטען און ערקלערט אלע ערשיינונגען אין ווירטהשאפטליכען לעבען. דער הויפּט

סקעלעט פון'ם גאנצען ווירטהשאפטליכען אָרגאניזמוס איז געוואָרען דורך ריקארדאָ'ס טהעאָריען קלאָר אויסגעפּאָרשט און אנאטאָמיש פער־גאנדערגעגליעדערט. די וויטערדיגע געלעהרטע איז נור אויסגעקומען אויספיהרליכער צו ערפאָרשען איינציגע אָרגאנען, וואו ניט וואו רעפּערירען, אָנווייזען א טעות, אבער אין גרויסען און גאנצען זיינען ריקארדאָ'ס טהעאָריען ניט צושלאָגען און ניט ערשיטערט געוואָרען. אמת, פערשיעדענע געלעהרטע, איבערהויפּט די פאָרשטעהער פון די לענדלאָרדס, וועלכע זיינען מעהר פון אלע אונצופריעדען מיט ריקאר־דאָ'ס טהעאָריע, האבען געפּרואווט איינצוואווארפען און צו פערניכטען די גרויסע געביידע, וואס ריקארדאָ האט אויפגעשטעלט און פערביי־טען מיט אזא, וועלכע זאָל פערדעקען, פערדונקלען און פערבאָרגען די ריכטיגע קוועלען פון דעם פּאראזיטישען עקזיסטענץ, די אומזיסטע, אונגערעכטיגע הכנסות פון זייערע קלאסען־גענאָסען, כדי די לעצטע זאָלען קענען אונגעשטערט ווייטער זיצען אויפ'ן ארבייטענדעם פאָלקס־קערפּער. אזוינע לעהרען זיינען אבער, גלייך ווי זיי זיינען פאָרגע־שטעלט געוואָרען פאר'ן משפט פון דער ריינער וויסענשאפטליכער קריטיק פערשוואונדען ווי א רויך. אויך היינט זיינען דאָ חכמים, וועל־כע שטעלען אויף אזוינע פערשיעדענע קארטען־שטיבעלאך, אבער אין דעם טעמפּעל פון דער ריינער, ניט קלאסען־וויסענשאפט, איז פאר זיי קיין פּלאַץ ניט פאראן.

* * *

פון די שפּעטערדיגע געלעהרטע, וועלכע האבען ניט געוואָלט חרוב מאכען ריקארדאָ'ס בנין, נור, פערקעהרט, איהם צוגעבען א שטארקערען פונדאמענט, איהם פערפיינערען, בעסער בעגרענעצען און ממילא איהם נאָך מעהר בעפעסטיגען, האבען זיך אויסגעצייכענט ראָדבערטוס־יאגעצאָוו און קארל מארקס. ניט האבענדיג די מעג־ליכקייטען איצט אויספיהרליכער זיך אָבצושטעלען אויף די אנשוי־אונגען פון דיעזע געלעהרטע (מיר האָפען זיי צו ווידמענען ספּעציעלע אָבהאנדלונגען), וועלען מיר בלויז אין קורצען דערמאָהנען די קריטיק פון לעצטען און די פערבעסערונגען, וועלכע ער האט געמאכט אין די רענטע־טהעאָריע.

מיר האבען שוין איינינע מאָל געהאט די געלעגענהייט צו בע־מערקען, אז איינע פון די הנחות און גרונד־געדאנקען, אויף וועלכער ריקארדאָ בויט זיין טהעאָריע, איז „דאס בעפעלקערונגס־געזעץ פון מאַלטהוס." ריקארדאָ איז אויך געווען צוגלייך מיט מאלטהוס איבער־צייגט, אז וואס ווייטער ווערט דאס לעבען ערגער. דערפון האט ריקאר־דאָ געשלאָסען, אז וואס ווייטער פאנגט מען אָן צו בעארבייטען אלץ וועניגער פרוכטבארע באָדענס און געבראכט אלס א ראיה צום געזעץ, אז יעדע נאָך די רייהע אָנגעווענדעטע מאָס ארבייט און קאפיטאל אויף א געוויסער פלעכע לאנד ברייננט אלץ וועניגער תבואה. דער יוצא, דער רעזולטאט דערפון איז, אז די נויטהיגע לעבענס־מיטלען ווערען טהייערער, רענטע שטייגט און ריוח פאלט. מארקס ווייזט אויף, אז די דיפערענצירטע רענטע האט ניט צו טהון מיט מאלטהוס'עס טהעאָריע. ערשטענס, האבען פיעלע, איבערהויפּט ראָדבערטוס בעוויעזען, אז דער סדר הישוב איז גאָר ניט פאָרגעקור־מען, ווי ריקארדאָ שילדערט. ווען מענשען בעזעצען זיך אויף א נייע לאנד, רעכענען זיי זיך ניט אזוי מיט די פרוכטבארקייט פון באָדען, ווי מיט אנדערע בעדינגונגען. מען קלייבט געוועהנליך אויס אזעלכע ערטער, וואו עס איז בעסער זיך צו בעשיטצען פון פיינד, וואו עס איז לייכטער צו מאכען בעפעסטיגונגען, אויף הויכע בערג, צ. ב. אין דייטשלאנד האבען זיך דערפער פריהער געגרינדעט ארום די פאלא־צען און הויפען פון די בארָאנען, הגם דער באָדען איז דאָרטען געווען ניט מי יודע ווי פרוכטבאר. ביים קאָלאָניזירען א געוויסע לאנד שפּיע־לען א ראָלע ניט בלויז די עקאָנאָמישע, נור אויך, און אפשר אין א גרעסערער מאָס, די פּאָליטישע פערהעלטניסען. וואס ס'איז ווידער שייך צום צווייטען געזעץ, אז „יעדע שפּעטערדיגע אָנווענדונג פון קאפיטאל גיט וועניגער תבואה," האט שוין ריקארדאָ אליין אויפגע־וויעזען, אז אין דער צייט, ווען עס ווערען געמאכט טעכנישע פערבע־סערונגען אין דער לאנדווירטהשאפט, פערליערט דאס געזעץ זיין קראפט. אין אזא צייט קען די שפּעטערדיגע אָנווענדונג ברייננען א סך מעהרער תבואה, ווי פריהער. אלס א אָנהענגער פון מאלטהוס, אז די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך א סך געשווינדער, ווי די פּראָדוק־טיוויטעט פון דער ארבייט, האט ריקארדאָ געהאלטען אזוינע צייטען פון טעכנישען פראָגרעס, ווען די שפּעטערדיגע אָנווענדונג פון קאפי־

טאל קען ברייננען א גרעסערען פראָצענט תבואה, ניט פאר א שטענ־דיגע געוועהנליכע ערשיינונג, נור פאר א צופאל, פאר א אויסנאהם.

מיר האבען שוין געזעהען אין פאָריגען קאפּיטעל, אז מאל־טהוס'עס טהעאָריע איז דורך און דורך פאלש, דען אין געוועהנליכע צייטען שפּרייזט דער טעכנישער פּראָגרעס געשווינדער, ווי די בע־פעלקערונג און וואס ווייטער ווערט דאס שאפען פּראָדוקטען א סך לייכטער פון פריהער. דאס געזעץ, אז יעדע שפּעטערדיגע אַנווענדונג פון קאפּיטאל גיט ווייניגער תבואה האלט בלויז אויס דאן, ווען די טעכניק ענטוויקעלט זיך ניט, אבער אזוינע צייטען דארף מען ניט בעטראכטען, ווי ריקאַרדאָ, פאר געוועהנליך, נור פאר אונגעוועהנליך און ממילא האט דאס געזעץ בלויז א ווערטה אין א אויסנאהם און אויסערגעוועהנליכען פאל. „דער טעכנישער פּראָ־גרעס — זאָגט ראָדבערטוס — איז אימשטאנד צו ברייננען אונ־פרוכטבארע באָדענס ביז די מדרגה פון פרוכטבארע. דאס ענטדעקען נייע מעטהאָדען, ווי צו בעארבייטען דעם באָדען, דער פרייער אריינ־פיהר פון תבואות פון אנדערע לענדער, די אויסבעסערונג פון וועגען און איבעריגע פערקעהר־מיטעל — דאס אלעס מוז פיהרען דערצו, דאס תבואה ווערט וועלוועלער און רענטע פאלט.“ פאקטיש זעהען מיר טאקע, אז אין דעם צווייטען העלפט פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז תבואה טאקע געוואָרען א סך ביליגער און די רענטע ערנידעריגט. ריקאַרדאָ'ס נבואה איז ניט מקוים געוואָרען!

אבער ניט קוקענדיג דאראויף, וואס דער יסוד, אויף וואס ריקאר־דאָ האט געשטעלט זיין רענטע געביידע, האט זיך ארויסגעוויזען פאר שוואך, איז אבער פון דעסטוועגען די געביידע גופא געבליבען פעסט. אונז קימערט איבערהויפּט ניט — מיינט מארקס — אויב דאס לעבען ווערט גרינגער אדער שווערער. זייענדיג איבערצייגט, אז דאס לעבען, צוליעב די פערשיעדענע ערפינדונגען און ענטדעקונגען, צוליעב די בעסערע מיטלען, ווי צו פיהרען דעם קאמפף מיט דער נאטור, ווערט לייכטער, וועט פון דעסטוועגען די טהעאָריע פון דיפערענצירטע רענטע בלייבען. דאס קעהרט זיך איבערהויפּט ניט מיט דעם, צו האבען מענ־שען פריהער בעארבייטעט מעהר פרוכטבארע באָדענס און שפּעטער ווייניגער פרוכטבארע, אדער ניט; צו ליווערט דער צווייטער אַנגע־ווענדעטער קאפּיטאל ווייניגער תבואה אדער ניט. פאקטיש איז דאָך,

אז דער באָדען איז אומעטום ניט גלייך פּרוכטבאַר, אז פערשיעדענע חלקים ערד געבען דאָך פערשיעדענע גערעטעגישען און אָט דיעזע פערשיעדענהייטען בילדען די דיפערענצירטע רענטע, דען דאס איז געוויס ריכטיג, אז דער ווערטה פון די תבואה ווערט בע־שטימט לויט דער מאָס ארבייט, וואס איז פערוועגדעט אויף דעם אם וועניגסטען פּרוכטבאַרען באָדען.

אויסער דעם איז מאַרקס ניט מסכים מיט ריקאַרדאָ, אז די אם וועניגסטען פרוכטבאַרע באָדענס, וועלכע ליעגען אונטער'ן אַקער, לי־ווערען גאָר קיין רענטע ניט. מאַרקס ברייננגט ראיות, אז צוליעב דעם אייגענטהום־רעכט, צוליעב דעם זכות און מאָנאָפּאָל פון דיעזע איי־גענטהימער ניט צו דערלאָזען אַן אנדערען זיך בענוטצען מיט'ן באָדען איז אויך אפילו פון אזוינע אונפרוכטבאַרע באָדענס פאַראַן א רענטע, ווייל ניט אַלע האבען דאס רעכט דערמיט זיך צו בענוטצען. צוזאַמען מיט די דיפערענצירטע רענטע פון ריקאַרדאָ — בעהויפּטעט מאַרקס —עקזיסטירט נאָך אַ אַבסאָליוטע רענטע פון די אם וועניגסטען פרוכטבאַרע באָדענס.

ווען מען פערגלייכט די דיפערענצירטע רענטע פון ריקאַרדאָ און די אַבסאָליוטע רענטע פון מאַרקס, זעהט מען, אז צווישען זיי עקזיס־טירט א גרויסער אונטערשיעד בנוגע דעם ווערטה אויף די תבואות. לויט ריקאַרדאָ קומט אויס, ווי מיר ווייסען, אז דער ווערטה פון די תבואות בילדעט זיך נור פון דער מאָס ארבייט און קאַפּיטאַל, וואס ווערט אויף זיי אָנגעוועגדעט, א הכנסה פאַר דעם גרונד־בעזיצער איז דאָ ניט פאַראַן. דער ווערטה פון די תבואות איז צוזאַמענגעזעצט פון ארבייט און דעם געוועהנליכען מיטעלען ריוח. די אַגראַריער האבען קיין שום חלק ניט אין דעם ווערטה און ממילא קומט אויס, אז ווען די אַגראַריער וואָלטען אָנגעוועגדען זייער פּריווילעגיום אויף די ערד, ווען דער באָדען זאָל, צום ביישפּיעל, איבערגעהן אין רשות פון כל הקהל, וועט דער ווערטה פון תבואה ניט פאַלען, דען די מאָס ארבייט, וואס איז נויטהיג אָנצואווענדען אויף דעם אם וועניגסטען פּרוכטבאַרען באָ־דען, וואָלט דאָך דורך דעם ניט ווערען וועניגער. לויט מאַרקס'ען קומט אויס, אז דער ווערטה פון די תבואות איז צוזאַמענגעזעצט ניט בלויז פון דער ארבייט, וואס די ארבייטער פערוועגדען פאַר זיך אלס ארבייטסלוין און פאַר די קאַפּיטאַליסטען בתורת ריוח פאַר זייערע

פראָדוקציאָנס־מיטעל, נור אויך פון דער ארבייט, וואס די ארבייטער זיינען מחויב צו ארבייטען פאר די גרונד־בעזיצער בתורת רענטע אפילו אויף די אם ווענינסטען פרוכטבארע באָדענס; דערפון איז גע־דרונגען, אז ווען די גרונד־בעזיצער וועלען אָנווערען זייער אייגענטהום־רעכט אויפ'ן באָדען, וועלען דאָך די ארבייטער פערשפּאָרען צו ארביי־טען א געוויסע צייט פאר דיזע „העררען," די תבואה וועט אין זיך ענטהאלטען א קלענערע מאָס ארבייט און דער ווערטה וועט זיין א קלענערער. דער ווערטה פון די תבואות וואָלט ווערען אויף אזוי פיעל ווענינער, אויך וויפיעל מען וואָלט דארפען ארבייטען איצטער, ווען די אגראריער זיינען געוואָרען אוים מחותנים אויפ'ן באָדען, ווענינער, ווי פריהער, ווען א טהייל ארבייט איז אָנגעקומען די פּריצים.

# די אוטאָפּיסטען

## XVI.

# די אוטאָפּיסטען

דער קערן, דער תוך פון דער קלאַסישער פאָליטישער עקאָנאָמיע — די לעהרען פון אַדאַם סמיטה, מאַלטהוס און ריקאַרדאָ — איז, ווי מיר האבען געזעהען, די איבערצייגונג, אז די אונבעגרענעצטע, פאָלקאָמע פרייהייט פון יעדען אינדיווידואום אין אלע זיינע עסקים און זיינע פּריוואַט־אונטערנעהמונגען מוז זיין די הויפּט־בעדינגונג, דער יסוד אין יעדער פאָלקס־ווירטהשאַפט. די אויפגאַבע פון שטאַאט איז אויפצופּאַסען און בעשיצען די אייגענטהום פון יעדען בירגער. אין ווירטהשאַפטליכען לעבען האט דער שטאַאט, די געזעצגעבונג זיך ניט צו מישען. דאָ מוז מען לאָזען געהן ווי ס׳געהט אָהן שום מניעות און הינדערניסע. די פאָלקאָמע פרייהייט — לערנען אונז די קלאַסיקער — איז דער בעסטער פּשרה־מאַכער צווישען די פערשיעדענע סכסוכים און האַמפּערייען, וועלכע קומען פאָר אין דער ווירטהשאַפט. ווען מען זאָל ניט שטערען דעם אינדיווידואום צו טהאָן, ווי ער וויל און וואס ער וויל, וועט די גלייכגעוויכט צווישען די פערשיעדענע פּריוואַט־אינטערעסען און במילא אויך אין דער גאַנצער ווירטהשאַפט אויפ׳ן בעסטען אופן פון זיך בעשאַפען ווערען.

דאס פערגעטערען און דאס בוקען זיך פאַר די אינדיווידועלע פרייהייט, וואס איז אזוי נויטהווענדיג פאר די ענטוויקלונג פון׳ם גרויסען קאַפּיטאַל, ווי לופט פאר לעבעדיגע בעשעפעניסען, איז אָהן שום צווייפעל געווען אן אונגעהייערער שריט פאָרווערטס. זעהר פּראָגרעסיוו און ליבעראַל בנוגע די אַלטע, אָבגעלעבטע, מיטעלאַלטערליכע מערקאַנטיליסטישע בעגרענצונגען, וועלכע האבען דורך פערשיעדענע געזעצען צוגעשמידט יעדען איינציגען צו א בעשטימטען אָרט, צו א בעשטימטער בעשעפטיגונג, דאס מען האט זיך ניט געקענט קעהרען און ריהרען. א רפואה שלמה, א בעפרייאונג פון אלע שלעק און גע־

זעלשאפטליכע אונגליקען, האט אבער דיזער גאָט פון די קלאסיקער ניט געבראכט; אָלס א מיטעל, וואס זאָל אויסהיילען די געזעלשאפט פון עלענד, נויטה און דחקות איז די אינדיווידועלע פרייהייט געווען זעהר א שלעכטער. די איבערצייגונג פון די קלאסיקער, אז די סאָציאלע קרענק מוז מען איבערלאָזען דער פרייער נאטור, דעם פרייען שפיעל פון די קרעפטען, און דער שטאאט טאָר זיך דערביי ניט צוריהרען, האט זיך ארויסגעוויזען פאר ניט ריכטיג. די גרויסע האָפנונגען, וואס מען האט געלייגט אויף דעם נייעם גאָט פון פרייהייט, זיינען ניט מקוים געוואָרען.

פערקעהרט, דער דלות, די ארמוטה, ביי דעם גרעסטען טהייל פון דער בעפעלקערונג איז געוואקסען אלץ שטארקער און שטארקער. די ארבייטענדע מאסען זיינען געווען ניט וועניגער ווי פריהער פּאָליטיש פערשקלאפט און עקאָנאָמיש בערויבט. אנשטאט דער פריהערדיגער אונבעגרענעצטער הערשונג פון׳ם גאָט אין הימעל, האט אָנגעפאנגען אונבעגרענעצט צו געוועלטיגען דער ערדישער גאָט „מאמאָן" (ממון) — דער קאפיטאל. אמת טאקע די שליטה פון די „געזאלבטע קעניגע פון גאָטעס גנאדען" וואס האט אין מיטעלאלטער אזוי געדריקט דעם מענשען און פערשקלאפט זיין גייסט איז שוואכער געוואָרען, דערפאר אבער האבען די „אונגעזאלבטע קעניגע פון ממון׳ס גנאדען" אָנגעפאנגען צו רעגיערען אין דער לייגג און אין דער ברייט. די קירכען זיינען ערניעדעריגט, טהיילוויז אין גאנצען חרוב געוואָרען, — אויף זייער אָרט זיינען דערהויבען און אויפגעשטעלט געוואָרען פאבריקען און זאוואָדען. די הויכע באָסניעס פון די געבעט־הייזער זיינען פערביטען געוואָרען אויף די ניט־וועניגער הויכע פאבריק־קוימענס; דער קלאנג פון׳ם קירכען־גלאָק — אויף דעם פייף פון דער פאראָווקע. פון די שמוציגע באָגאדעלניעס, וואס זיינען געווען פערשפרייט איבער דאס גאנצע לאנד, האט דאס ליידענדע פאָלק זיך איבערגעקליבען אין די ניט מעהר זויבערע פאבריק־קאזארמען. אנשטאט אָבצוגעבען זייערע קינדער פערשיעדענע גאָט׳ס סטראפציעס, געדונגענע בעלי־צדקות, וועלכע פלעגען די קינדער פייניגען און אָנטהאָן אלע יסורים אין דער וועלט, זיינען די אונגליקליכע עלטערען איצט געווען געצוואונגען זיי צו פערקויפען דעם פאבריקאנט אדער זיינע אגענטען. אליין זיי צו ערנעהרען איז געווען אונמעגליך. דער חיי־

ליגער אידעאַל פון „פרייהייט,” וואס האט יעדען ערעלען מענשען אזוי בעגייסטערט און צוגעצויגען מיט זיין שעהנקייט און ערהאבענהייט, איז פערוואנדעלט געוואָרען אין זיין סתירה; ער איז געוואָרען דער בעסטער מיטעל אין די הענד פון די קאפיטאליסטען פריי צו עקספלאָאטירען, פריי, אָהן שום שטערעניש, אויסצוזויגען די מארך און די זאפט פון די ארבייטער.

די קלאסישע פאָליטישע עקאָנאָמיע האט, אמת, געוויעזען נייע וועגען, ווי רייך צו ווערען, נייע מיטעל, ווי די ווירטהשאפט אויסצובעסערען, זי האט אבער ניט געוויעזען, ווי די אָרימקייט צו פערגרינגערען, ווי דאס עלענד אָבצושוואכען; פערקעהרט, וואס מעהר רייכטהום ביי איין טהייל פון דער בעפעלקערונג איז געוואקסען, איז די צווייטע, די פיעל גרעסערע טהייל, אלץ טיעפער אין אָרימקייט געזונקען. די סאָציאַלע פראַגע איז געבליעבען פון די קלאסיקער ניט נור ניט פערענטפערט, נור פערקעהרט, פיעל שאַרפער. וואס מעהר עס איז פערענטפערט געוואָרען די פראגע פון „קאפיטאל,” אלץ קשה'דיגער און אונפערענטפערליכער איז געוואָרען די פראגע וועגען „ארבייט.” א שוידער געהט אריבער איבער'ן לייב, ווען מען לייענט איצט איבער דאס שרעקליכע עלענד, וואס האט געהערשט דאַן, ד. ה. גראַדע אין יענער עפּאָכע, ווען דער קאפיטאל האט אָנגעפאנגען איינצונעהמען די וועלט.

ווען אם ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, נאָך דעם, ווי מען האט אָנגעפאנגען צו פערווענדען די וועב־מאַשינע, וועלכע **א ר ק ר אַ י ט** האט ענטדעקט, האט א וועבער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פערדיענט אין ענגלאנד פון 40 ביז 60 שילינג די וואָך, זיינען דיעזע שכירות געפאַלען אין 1802 ביז 14 שילינג; אין 1806 — ביז 10 און א האַלב; אין 1812 — ביז 6 און א פיערטעל שילינג; אין 1816 (אין'ם יאָהר פון א קריזים) — ביז 5 שילינג די וואָך. די פאַרלאמענטארישע קאָמיסיע, וועלכע האט אויסגעפאָרשט די לאַגע פון די ארבייטער אין ענגלאנד, האט פעסטגעשטעלט, אז דער לוין פון די האנד־וועבער אין 1815 איז געוועזען אזוי נידעריג (אָן ערך 3 שילינג די וואָך), אז עס האט איינפאַך ניט געלוינט אָנצוּאווענדען מעכאַנישע וועבשטוהלען.

דאס איז אבער נאָך ניט אלעס. דאס שטרעבען פון די אונטערנעהמער צו האבען וואָלוועלע ארבייטס־קראפט האט געפיהרט דערצו,

אז מען האט אָנגעפאנגען צו פערווענדען אויף די פאבריקען פרויען און קינדער־ארבייט. די איינפיהרונג פון מעכאנישע מאשינען האט געגעבען די מעגליכקייט דערצו. דורך טהאָמאס מאָהנזאָנס ערפינדונג האט איין קינד געקענט אין גלייכער צייט צוויי וועבשטוהלען בעדיע־נען און פראָדוצירען 3—2 מאָל אזוי פיעל, ווי דער בעסטער האנד־וועבער. אין אָנפאנג זיינען די ארבייטער געווען זעהר אויפגערעגט געגען די פערווענדונג אויף די פאבריקען פון פרויען און קינדער־ארבייט. די נויטה האט אבער דיעזע אויפרעגונג פערגלושעט, פערטויבט און מיט גרויס קלעמענים האבען די אונגליקליכע עלטערען אליין אָנגעפאנגען צו פערקויפען זייערע קינדער צו פאבריק־ארבייט. זעקס־יעה־ריגע עופה'לעך פלעגען ארבייטען ביי די וועב־מאשינען ניט ווניגער ווי 12 שעה א מעת לעת. זיי פלעגען פערקויפט ווערען ווי בהמות. מען פלעגט מסחר'ן אויפ'ן שטיק. עס איז בעקאנט א קאָנטראַקט, לויט וועלכען א לאָנדאָנער געמיינדע האט אויסגענומען א תנאי מיט אן אונטערנעהמער אויס לאַנקשיר, דאס אויף יעדע 20 געזונדע קינדער איז ער מחויב צו אָקצעפּטירען איין אידיאָט. די פערשיעדענע כלי־קודש, די פאסטאָרס, גלחים אדער, ווי מען פלעגט זיי דאן רופען: „די ארמענפאטער" האבען ניט קיין קליינע ראָלע געשפּיעלט אין דיעזען שענדליכען האנדעל. דיעזער קינדער־האנדעל איז געוואָרען א ספּעציעלע בעשעפטיגונג. עס פלעגען זיך גרינדען חברות, געזעלשאפ־טען מיט אגענטען אום דיעזען מסחר אויף גרויס צו טרייבען. די אגענטען פלעגען — אזוי ערצעהלט אונז וועבב — די 4—3 יאָהריגע עופה'לעך, וועלכע פלעגען קוים געהען, ארויסטראָגען ממש אויף די הענד און זיי „פּאקען" אין גרויסע קארעס, וועלכע זיינען געווען דער־צו בעשטימט. „און דיעזע זויגלינגע, וויקעל־קינדער, וועלכע זיינען געווען קליין גענוג אום צוקריכען אונטער די מאשינע, זיינען געוואָרען די גרעסטע קאָנקורענטען פאר די ערוואקסענע!" נאָך אין די 30גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האבען זיך צווישען די פאבריק־ארבייטער אין ענגלאנג געפעכענט ניט מעהר פון 23 פּראָצענט ער־וואקסענע ארבייטער. די איבעריגע זיינען געווען פרויען און קינדער. עס איז איבעריג צו ריידען וועגען די רעזולטאטען, צו וועלכע אזוינע פאראָנדקעס האבען געפיהרט. דער ארבייטער קלאס איז געוואָרען אָבגעשוואכט פיזיש, טעמפּ גייסטיג און אָבגעלאָזען זיטליך.

אן אנדער אָרדנונג, אויסער דער קאַפּיטאַליסטישער, וואו די פרייע קאָנקורענץ איז דער הויפּט פּרינציפּ פון דער ווירטהשאַפט, וואו עס הערשט דער קאַמפּף פון אלע געגען אלע, האבען די קלאַסיקער אבער זיך ניט געקענט פאָרשטעלען. א שרעקליכער פּעסימיזם, א יאוש האט דורכגעדרונגען די נשמה, א מרה־שחורה האט געגאָגט דאס הארץ. די געגענווארט איז שלעכט און א האָפנונג אויף א בעסערע צוקונפט איז ניט געווען. אייביגע נויטה, פינסטערער דלות, אָהן א שום שטראַהל פון ליכט — אָט וועלכע אויסזיכטען עס זיינען געווען פאר די ארבייטער אויף להבא! די פערצווייפלונג איז נאָך אונער־טרעגליכער געוואָרען דורך די טהעאָריען פון מאַלטהוס, וועלכע האבען אויף אלעם מצדיק את הדין געווען און האבען אין אלע אונגליקען בע־שולדיגט ניט קיין אנדערען, ווי דעם ארבייטער אליין....

---

די ארבייטער אבער, ווענען דער אורטהייל פון מאַלטהוס האט דירעקט אָנגעריהרט, האבען זיך דערמיט בשום ענין ואופן ניט בערו־הינגט. זיי זיינען ווייניג וואס נתפּעל געוואָרען פון פערשיעדענע „געזע־צען און טהעאָריען," וועלכע די קלאַסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע האט אויפגעשטעלט, און ניט קוקענדיג וואס די ווימענשאפט האט זיי אָב־געזאָגט אין א בעסערען צוקונפט און האט זיי ארויסגעגעבען א דיפּ־לאָם פון אייביגער פערשקלאַפונג און ערנידערונג, האבען זיי הארט־נעקיג און ערפאָלגרייך אָנגעפאַנגען צו קעמפּפען פאר א בעסערע לאגע.

און ניט אליין די ארבייטער האבען זיך אָבגעזאָגט מקבל באהבה צו זיין די גרויזאַמע נביאות פון די מעאָרעטיקער שוואַרץ־זעהער. עס האבען זיך געפונען אויך אנדערע דענקער, וועלכע האבען אָנגעפאַנגען שטאַרק צו צווייפלען אין דער אמת'קייט פון דער תורה, וועלכע די קלאַסיקער האבען אויפגעשטעלט. דער אינדיווידואַליזם אין דער ווירטהשאַפט—דער גאָט, פאר וועלכען די קלאַסיקער זיינען אזוי גע־פאַלען כורעים, האט אויפגעהערט צו זיין הייליג און האט פערלאָרען זיין צוציהונגס־קראַפט. מענשען מיט פיהלענדע הערצער און ווארימע בלוט אין די אָדערען, מענשען, וועמען די יסורים פון די פאָלקס־מאַ־סען זיינען געווען צו שמערצליך, זיי זאָלען עס קענען גלייכגילטיג איבערטראַגען, מענשען, וועמען דאס ארבייטער־פאָלק איז געווען צו

טהייער, זיי זאָלען עס דערלאָזען פאַלען א קרבן צוליעב די אינטערע־סען פון א קליינער צאָהל קאַפּיטאַליסטען, האבען זיך פריהער אָבגע־ווענדעט און שפּעטער אין גאַנצען פערניכטעט דעם אָבגאָט פון די קלאַסיקער — דעם אינדיווידואַליזם און האבען אויף זיין אָרט אויפ־געשטעלט דעם סאָציאַליזם.

די ערשטע נביאים פון׳ם נייען גאָט זיינען געווען די אוטאָ־פּיסטען.

און צווישען דיזע ערהאבענע גייסטער, וועלכע האבען צוטריבען דעם שווערען אונדורכזיכטיגען וואָלקען פון פערצווייפלונג, איינגע־פלאַנצט נייע האָפנונגען אין די הערצער פון די אוסגעמוטשעטע אר־בייטער מאַסען; צווישען דיזע גרויסע מענשען־פריינד, ביי וועמען די ליעבע צום נאָהענטען איז געווען פיעל שטאַרקער, ווי די שמאָלע קלאַ־סען אינטערעסען, צווישען דיזע נביאים פון דער צוקונפט, וועלכע האבען אָהן שום נשיאת פנים פער׳חזק׳ט און שניידענט קריטיקירט די געגענוואַרט, וועט ווי א פייערדיגער זייל אייביג לייכטען דער ענ־גלענדער ראָבערט אָווען, וועלכער האט אונאונטערבראָכען, אונער־מידעט העלדיש געקעמפּפט פאַר׳ן סאָציאַליסטישען אידעאַל — דער אידעאַל, פאַר וועלכען ער איז, ניט קוקענדיג אויף די שווערע ענ־טוישונגען, וואס דאס לעבען האט איהם געבראַכט, געבליעבען טריי ביז׳ן לעצטען טאָג.

אָט דיזען אַפּאָסטאָל פון סאָציאַליזמוס ווילען מיר איצט שטע־לען א מצבה אין אונזער ווערק.

די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט, דער צד השוה פון אלע דריי אוטאָפּיסטען־סאָציאַליסטען, סען־סימאָן, פוריע און ראָבערט אָווען, בעשטעהט, ווי בעוואוסט, אין דעם, וואס זיי האבען געלעבט אין אזא צייט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע פאָרמע פון דער פּראָדוקציאָן איז נאָך ניט געווען אויף אזוי ווייט פאָרטגעשריטען, דאס זייער געני־אַלער בליק זאָל קענען פאָראויסזעהען, אז די ענטוויקלונג פון די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען וועט מוזען עררייכען אזא פּונקט, ווען זיי וועלען מוזען „דערשטיקט ווערען פון אייגענער פעטקייט” און די פּראָדוק־ציאָנס־מיטעל וועלען מוזען דורך דער היסטאָרישער נויטהווענדיגקייט איבערגעהן פון יחיד צום קהל, ווייל דיזער איבערגאַנג וועט זיין אן אונפערמיידליכע רינג אין דער געשיכטע; זיי האבען געלעבט אין

אזא צייט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האט זיך נאָך ניט אָבגעזונדערט פון'ם „פּאָלק,“ פון די איבעריגע ארבייטענדע מאַסען, אלס איין זעלבסטשטענדיגער קלאַס מיט אייגענע בעדערפנישען, אנשויאונגען און ציעלען, ווען עס איז נאָך ניט געווען קענטיג די אונגעהייערע ענטוויקלונגס מאַכט, די אונערשעפּפליכע ענערגיע פון'ם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געצוואונגען דורך זיין געזעלשאַפטליכער לאַגע, דורך דעם קלאַסענקאַמפּף, וואס ער מוז פיהרען, צו ערפילען די היסטאָרישע שליחות פון'ם סאָציאַליזם און דעריבער האבען זיי אלע, די אוטאָפּיסטען, געהאָפּט און געוואַרט אז די פערווירקליכונג פון סאָציאַליזמוס וועט קומען דורך די רייכסטע און שטאַרקסטע — די איינציגע, וועלכע זיינען, נאָך זייער מיינונג, אימשטאַנד איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף אנדערע יסודות.

מען מוז אבער שטרענג אונטערשיידען צווישען דעם ענגלענדער ראָבערט אָווען און די פראנצויזען סען־סימאָן און פוריע. די סאָציאַלע און פּאָליטישע לאַגע פון פראנקרייך איז געווען אין יענער צייט גאַנץ אנדערש, ווי אין ענגלאַנד. די אומגעבונג, די סביבות, וואו דיעזע פערשיעדענע אוטאָפּיסטען האבען געלעבט און געווירקט, זיינען געווען פערשיעדען און דאס האט ניט געקענט ניט ווירקען אויף זייער אנשויאונג און זייער טהעטיגקייט.

סען־סימאָן און פוריע, קינדער פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, דורכגעדרונגען מיט איהרע אידעאַלען, האבען געוואָלט אויפשטעלען די טהורעמס פון גלייכהייט, ברידערליכקייט און גערעכטיגקייט אויף'ן סאָציאַלען, עקאָנאָמישען איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. דער ציעל, דער תכלית איז ביי די פראנצויזען געווען פערטיג, איידער עס איז נאָך געווען מאַטעריאַל צום בויען, און בויערער, וועלכע וואָלטען געקענט אזא ארבייט אויספיהרען, ווייל די הערשענדע פאָרמע פון דער פּראָדוקציאָן איז אין פראנקרייך געווען א קליין־בירגערליכע; זיי האבען געהאַט א פערטיגען דאַך, איידער עס איז נאָך געווען ציגעל פאַר'ן פונדאַמענט. ראָבערט אָווען איז, פערקעהרט, ערשט געקומען צו זיינע איבערצייגונגען אויף'ן סמך פון דער טעכנישער, עקאָנאָמישער רעוואָלוציאָן, וואס איז דאָן, דורך די נייע ענטדעקונגען אין דער טעכניק, פאָרגעקומען אין ענגלאַנד און האט דעריבער געהאַט א סך שטאַרקערען באָדען אונטער זיך, אלס זיינע גרויסע מיט־מענשען.

ראָבערט אָווען האט געפעהלט די אלזייטיגע, פיעלפאכיגע בילדונג פון סען־סימאָן און די רייכע פאנטאזיע פון פוריע, איהם האט געפעהלט דאס עפּאָכע־מאכענדע דענקען, ער האט ניט בעשאפען וועלט־איבערקעהרענדע טהעאָריען. ער איז אויך ניט געוועזן אזוי ליטעראריש בעגאבט ווי די פראנצויזישע אוטאָפּיסטען. דאס טהייערסטע און שעהנסטע ווערק, וואס ער האט דער וועלט געשאָנקען, איז בלי שום ספק זיין לעבען, זיין פערזענליכקייט, וואו עס האבען זיך הארמאָניש צוזאמענגעגאָסען דער שטארקער אונערשראָקענער אונטערנעהמער־גייסט פון א גרויסען קאפיטאליסט מיט דער נאאיווער, קינדערשער צוטרוי צום מענשליכען געשלעכט, אן אונגעהייערער גאונ׳ישער אדמיניסטראטיווער טאלאנט מיט דער פייערדיגער ליעבע צו זיינע נאָהענטע. ער האט געלעבט אין ענגלאנד, אין דער „ווארשטאט פון דער וועלט,” וואו די גרויסע עקאָנאָמישע איבערקעהרעניש, די קאָנצענטראציע און צענטראליזאציע פון׳ם קאפיטאל איז פאָרגעקומען פאר די אויגען. אין דיעזער גרויסער איבערקעהרעניש איז ראָבערט אָווען ניט געוועזן א פשוט׳ער צושויער, נור אן אקטיווער מיטארבייטער. ער אליין האט ניט וועניג מיטגעווירקט דער ענטוויקלונג פון׳ם קאפיטאל, און האט דעריבער געוואוסט בעסער פאר אנדערע די גוטע און שלעכטע זייטען פון דיעזער ענטוויקלונג, די סיבה פון דעם גרויסען עלענד און האט געקענט בעסער אויסגעפינען א מיטעל אויב ניט פון אלע סאָציאלע קרענק און שלעק די געזעלשאפט צו בעפרייען, דאָך די יסורים צו פערגרינגערען. זיינע פאנטאסטישע פלענער און פאָרשלעגע, ווי צו פערוואנדלען „די משוגעים הויז” (אזוי האט ער אָנגערופען די איצטיגע קאפיטאליסטישע וועלט) מיט דעם גאנצען טאראראם אין „א פערניפטיגע וועלט,” ווי ווייט זיי זיינען ניט געוועזן פון דער ווירקליכקייט, וויפיעל לופט־שלעסער דאָרט זיינען ניט געוועזן, האבען זיי דאָך ענטהאלטען אין זיך א געזונדען קערן, וועלכער האט איבערגעלאָזען טיעפע וואָרצלען אין דער פראקטיק פון דער ארבייטער־בעוועגונג, איז דאָך ראָבערט אָווען געוועזן דער ערשטער סאָציאליסט, ביי וועמען עס איז אויפגעקומען דער געדאנק, אז דער סאָציאליזמוס קען בלויז דורך די בעוועגונג פון׳ם ארבייטער־קלאס פערווירקליכט ווערען. אמת, דאס איז ניט געוועזן זיין טיעפע איבערצייגונג, דער תוכן פון זיין אנשויאונג, דאס איז זיכער געוועזן אן אונקלאָרע השגה, א בלאסע

אהנונג איידער א קלאָרער בעוואוסטזיין. די מאָדערנע סאָציאַליסטישע געדאַנקען־וועלט מיט דער טהעאָריע פון'ם קלאַסען־קאַמפף איז איהם געבליעבען פרעמד ביז זיין טויט. אין דעם אבער, ווי שוין געזאָגט, איז געוועזן שולדיג ניט די קורצזיכטיגקייט פון אונזער גרויסען מענשען־פריינד, נור די צייט, אין וועלכער ער האט געלעבט.

ראָבערט אָווען איז ניט געוועזן אן אוטאָפּיסט, וועלכער רייסט זיך אָב פון'ם אלטעגליכען לעבען אום צו שוועבען אין די הימלען. ער איז אויך געוועזן א פּראקטישער פּאָליטיקער, א רעפאָרמאַטאָר, און ער האט ניט אראָבגעלאָזען אויף א מינוט זיין אויג פון דער גרויער ווירקליכקייט. ארומטראָגען זיך מיט גרויסע פּלענער, ווי ראַדיקאַל איבערצובויען די געזעלשאַפט און איהר שטעלען אויף אזעלכע יסודות, וואו עס זאָל זיין אונמעגליך די עקספּלאָאַטאַציע פון איין מענשען דורך'ן צווייטען, האט אונזער אידעאַליסט אין דער אייגענער צייט ניט אָבגעזאָגט צו בעשעפטיגען זיך מיט דער „קליין־ארבייט, מיט דער לאַנגזאַמער רעפאָרמאַטאָרישער טהעטיגקייט, וואס רייסט הגם ניט אויס מיט'ן וואָרצעל דאס שלעכטס, פערלייכטעט דאָך וועניגסטענס די שווערע ליידען. צו שמערצליך האט אָווען געפיהלט די וואונדען פון דער ארבייטער מאַסע, ער זאָל פערמאַכען די אויגען פון דער געגענווארט און זיך בעגנוגענען בלויז מיט „צוקונפט־מוזיק.” ניט נור מיט זיין שאַרפער, שניידענדער קריטיק איבער די הערשענדע צושטענדע האט ראָבערט אָווען געדיענט דער ארבייטער בעוועגונג, נור אויך מיט זיינע פּאָזיטיווע, ממשות'דיגע רעפאָרמען, מיט זיין אונערמיעדליכען קאַמפף פאר ארבייטער געזעצגעבונג און אַנדערע בעסערע בעדינגונגען.

דערמיט איז צו ערקלערען, וואס אין דער מאָדערנער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער בעוועגונג פערנעהמט ראָבערט אָווען נאָך עד היום איינע פון די בכבוד'דיגסטע ערטער אין דער צייט, ווען די גרויסע אוטאָפּיסטען סען־סימאָן און פוריע, איבערהויפּט זייערע פּראַקטישע פּלענער, האבען אין דער פּראַקטישער ארבייטער פּאָליטיק בלויז א ווערטה אַלס שעהנע, ערהאבענע היסטאָרישע מאָמענטען, וועלכע געהערען דער פערגאַנגענהייט.



ראָבערט אָוען.

XVII.

# ראָבערט אָווען'ס קינדער און יוגענד יאָהרען

א קינד ביי גוטע, וואַרעמע, געטרייע, אבער ארעמע עלטערען — זיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער בעל מלאכה — וועלכע האבען וועניג וואס געקענט זאָרגען און השגחה געבען אויף זייערע קינדער, איז ראָבערט אָווען געווען אָנגעוויעזען אויף זיינע אייגענע קרעפטען. אליין, אָהן הילף און שטיצע פון וועמען עס איז, האט ער שוין אין די קינדערשע יאָהרען אָנגעפאַנגען צו זאָרגען א תכלית פאר זיך. ווען ער האט נאָך בעזוכט די שוהל, וואו ער האט זיך געלערענט מיט גרויס התמדה, האט זיך אלעמען געוואָרפען אין די אויגען זיין ליעבע צו אָרדנונג, צו א געוויסען סדר און זיין נייגונג צו פּראַקטישער ארבייט. זיין געזונדען, זעלבסטשטענדיגען, הגם קינדערשען שכל האבען אלע בעוואונדערט. זיין קינדהייט און די יאָהרען פון זיין ענטוויקלונג זיינען אויסגעפאַלען גראָד אין דער צייט פון א שנעלער ווירטהשאפטליכער איבערקעהרעניש, ווען דער קאַפּיטאַל האט אָנגעפאַנגען צו בלישטשען אין אלע ווינקעלאַך פון ענגלאַנד. אויף גוטע, ארבייטס־פעהיגע הענד איז געווען א גרויסע נאָכפראַגע. אויף אזא פיקסען אינגעל, ווי ראָבערט אָווען, זיינען געווען ניט וועניג בעלנים, וועלכע האבען געוואָלט איהם האבען ביי זיך אין געשעפט. ראָבערט אָווען, נאָך'ן ענדיגען די שוהלע, האט אויך ניט געוואָלט ארומגעהן לעדיג און האט געבעטען די עלטע־רען איהם צו געבען א געוויסע בעשעפטיגונג. די עלטערען האבען זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען; און אזוי זעהען מיר דעם קליינעם ראָבער־טען אין'ם עלטער פון ניין און א האלב יאָהר אלס משרת אין א

קורץ־וואָרען קראַם, וואו דער פאָטער האט לויט דער בקשה פון א שכן א קרעמער איהם אָבגעגעבען.

פון די ביכער, וואס ראָבערט אָווען האט אין דער שוהל מיט גרויס חשק געלעזען, איז ער געוואָר געוואָרען, אז אויסער די קליין שטעדטעל, וואו זיין פאַמיליע וואוינט, איז נאָך פאראַן א גרויסע, ברייטע און שעהנע וועלט. דיזע אונבעוואוסטע וועלט מיט איהרע אונבעקאַנטע מענשען האט איהם שטארק געצויגען צו זיך. „אזוי ווי איך האב אין דיזער צייט פיעל געלעזען איבער פרעמדע לענדער און זיטען — ערצעהלט אָוועז אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — האבען מיר די מנהגים און געוואָהנהייטען פון מיין קליין שטעדטעל אויפגעהערט צו געפעלען. איך האב מיר אָנגעפאַנגען צו זוכען אַן אַנדער פעלד פאר מיינע קרעפטען. איך האב מיינע עלטערען געבעטען, זיי זאָלען מיר ערלויבען קיין לאָנדאָן צו געהן.” דער פאָטער איז אויף ראָבערט'ס בקשה מרוצה געוואָרען און שיקט איהם אָב, קוים 10 יאָהר אַלט, קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן איז דער קליינער ראָבערט לאַנג אָהן ארבייט ניט געזעסען. 6 וואָכען נאָך זיין קומען האט דער עלטערער ברודער, וועל־כער האט דאָרטען געוואוינט און זיך בעשעפטיגט מיט זאָטלעריי, אויסגעפונען פאר זיין ברודער א שטעלע אין א מאנופאַקטור געשעפט אויף דער פראָווינץ. אונזער 10 יעהריגער העלד קומט אָן אין דער פרעמד און פערדיענט אליין אויף זיין חיונה. אויף דיזער שטעלע האט ראָבערט ניט נאָר דאס געשעפט גוט ערלערענט, נור אויך פיעל געלעזען און גייסטיג זיך ענטוויקעלט. מעגליכקייט האט ער דערצו געהאַט. דער בעל הבית איז געוועזען אַן אָרענטליכער אינטעליגענטער מענש, געהאַט א ביבליאָטהעק, וועלכע איז געשטאַנען פאר ראָבערטען פראנק און פריי. פיעל ארבייט האט דער בעל הבית אויף זיין משרת ניט ארויפגעלייגט. די הויפט בעשעפטיגונג איז געוועהנליך געוועזען פון 10 אוהר מאָרגענס ביז 4 אוהר נאָכמיטאָג. צייט צום לעזען איז גע־בליעבען גענוג און ראָבערט האט זיך מיט דער געלעגענהייט בענוצט. „איך האב געלעזען זעהר פיעל בענדער פון נוצליכע ווערק — ער־צעהלט אָוועז פון דיזער צייט — דורכשניטליך 5 שעה טעגליך. זומער איז געוועזען מיין גרעסטע פריידע פריהמאָרגענס צו געהן אין דעם פּארק, וואס איז געלעגען ניט ווייט פון אונז, צו שפּאצירען דורך זיינע שעהנע גרינע אלעען, דאָרטען צו לעזען, נאָכדענקען, איבער־

קלערען און ארבייטען. מאנכע זאכען איבער מאראל און מוסר פלעג איך פערשרייבען אין העפט, וואס איך פלעג שטענדיג מיט זיך אין קעשענע טראגען. זעהר אפט פלעג איך דארטען אין דער פריה בע־גריסען דעם זונען־אויפגאנג, פארנאכט — די זונן־אונטערגאנג און דאס אויפגעהן פון דער לבנה." אין דיעזען געשעפט, וואו די בעלי בתים זיינען זיך בעגאנגען מיט איהם ווי מיט אן אייגען קינד, איז אָווען פערבליעבען דריי יאהר.

דער חשק צו פערטיעפען זיין בילדונג און דאס שטרעבען צו געפינען א ברייטערע פעלד פאר זיין טהעטיגקייט האט אָווען'ן גע־טריעבען צו פערלאזען די פראווינץ שטאדט און זיינע איבערגעגעבענע בעלי בתים און איבערקלייבען זיך צוריק קיין לאנדאן, וואו ער האט דורך א רעקאמענדאציע פון זיין פריהערדיגען שעף בעקומען א שטעלע אין א גרויסע פירמע. קווארטיר און 25 פונט א יאהר איז געווען זיינע שכירות. פאר יענער צייט איז דאס געווען גאנץ גענוג צו לעבען זעלבסטשטענדיג. דא, אין דער גרויסער שטאדט לאנדאן, לערנט אָווען זעהר גרינדליך אוים די טעכניק פון גרויסער אונטערנעהמונג. אויף גייסטיגע ענטוויקלונג האט ער ליידער ניט קיין צייט און ניט קיין כח געהאט. אט ווי ראבערט אָווען שילדערט אונז דאס לעבען אין דיעזען געשעפט: „אום 8 אוהר האבען שוין אלע משרתים געמוזט זיין אין פולען טואלעט, פיקס און פערטיג, אין לאדען. דער טואלעט איז אבער דעמאלט געווען ניט א גרינגע זאך. א אינגעל, אין מיין עלטער, פלעגט מיר אויסקומען לאנג צו ווארטען ביז דער אטשערער פלעגט צו מיר קומען, אום פון פאריק־מאכער געפודערט, געשמירט און געפוצט צו ווערען. איך פלעג טראגען פוןביידע זייטען לאנגע לאקען און א שטייפען צאפ. איידער דיעזע גאנצע פראצעדור (סדר) פלעגט פינקטליך און אקוראט אויסגעפיהרט ווערען, האט מען זיך פאר א קונד ניט געטארט ווייזען. צווישען 8 אוהר מארגענס און האלב נאך 10—11 אוהר אבענדס פלעגט דער לאדען זיין געפאקט מיט קונים. א בעשטימטע צייט פאר טהעע טרינקען און מיטאג עסען איז ניט געווען. ביי א געלעגענהייט פלעגט מען אויף גיך א כאפ טהאן, א ביס טהאן, וואס ס'פלעגט נור אין האנד קומען אבי דאס עסען אבצו'פטר'ן. זונטאג איז געווען דער איינציגער טאג, ווען מיר פלעגען בהרחבה מיטאג עסען. 11 אוהר נאכט, ווען דער לאדען פלעגט געשלא־

סען ווערען, פלעגט זיך אָנפאַנגען א נייע סדרה: מען פלעגט מוזען אין אָרדנונג ברענגען, אוועקלעגען אויף אַן אָרט די פערנאַנדער געוואָרפענע קעלטע, צוואוואָרפענע און צושליידערטע סחורות. דאס פלעגט זיין אַן עסק ביז 2 אוהר אין דער נאַכט. אָפט, ווען איך פלעג פון 8 אוהר מאָרגענס ביז 2 אוהר אין דער נאַכט אויף די פיס שטעהן, פלעג איך קוים כח האבען מיט הילף פון לייטער ארויפצוקריכען אויבען, אום אַן אויסגעמוטשעטער, א צובראָכענער, קנאַפּע 5 שעה די ביינער אויסרוהען."

דיעזע שילדערונג פון זיין לאַנדאָנער לעבען שרייבט אָווען אָהן פרושים, אָהן טענדענצען און אָהן פניות. ער מיינט דערמיט ניט צו בעקלאָגען זיך אויף זיין אמאָליגען מזל. דער געדאַנק ארויסצורופען ביי וועמען עס איז רחמנות איז געלעגען זעהר ווייט פון איהם. ער האט דאס אפילו קיין מאָל ניט אויסגענוצט פאר געוויסע אַגיטאַטאָרישע צוועקען. אָווען איז דאָ א מסיח לפי תומו, אָהן שום „מיינען" ארויסצורופען א האס, א שנאה געגען זיינע בעלי הבתים. ער גיט דאָ אבער מעשים כהוייתן. שנאה, קנאה, האס, ערגערנים און גלייכע אייגענשאַפטען קענען וועמען עס איז ניט, האבען אין אָווען'ס נאַאיווען, גוטמוטהיגען כאַראַקטער קיין אָרט ניט געפונען. דעסטאָ אינטערעסאַנטער איז אבער דיעזע אָביעקטיווע שילדערונג אָהן צוגעגעבענע געווירצען פאר אונז. דאס גיט אונז א קלאָרע פאָרשטעלונג פון'ם לעבען פון די פריקאַזשציקעס אין יענער צייט.

ניט קוקענדיג אויף די אונערטרעגליכע האָרעוואַניע האט זיך פון דעסטוועגען אָווען אין דיעזען געשעפט געפיהלט גאַנץ גוט און האט קיין בעסערס ניט געזוכט. מען האט איהם אבער שטאַרק געבעטען אָנצונעהמען א בכבוד'דיגע שטעלע אין'ם גרעסטען אַנגראָ־ און דעטאַיל־געשעפט פון מאַנטשעסטער, וואו ער האט די סוחר־ישע קונסט געקענט גרינדליכער ערלערנען. די שטעלע האט ער אָנגענומען. „נור אונגערן האב איך געקונדיגט — ערצעהלט ער — מיין לאָנדאָנער געשיכטע. דאָ האב איך מיר צוגעוואָהנט צו געשווינדקייט און אויסגעהאַלטענקייט. איך בין דאָ מיט א גאַנץ מיר ביז אהער פרעמדען קלאַס בעקאַנט געוואָרען. מאַנטשעסטער איז פאר מיר געווען די דריטע שוהלע."

אין מאנטשעסטער, דער צענטער פון דאמאלסדיגען האנדעל און אינדוסטריע, האט זיך אָוועק׳ס סוחר׳ישער טאלאנט און אונטערנעהמונגס גייסט אָנגעפאנגען זעהר שנעל צו ענטוויקלען. ניט לאנג איז ער דאָרט א משרת געבליעבען. קוים 18 יאָהר אַלט, בעשליסט אָוועק צו ווערען זעלבסטשטענדיג, א בעל הבית פאר זיך. מיט הונדערט פונט סטערלינג, א גמילת חסד פון זיין ברודער, ווערט ער א שותף אין א קליינעם פאבריקעל פון אייניגע קליינע וועב־שטוהלען. דער שותף איז געווען א טעכניקער און האט אין געשעפט זאכען א קליינע ידיעה געהאט. דער ביזהעריגער פריקאזשציק אָווען ווערט דער לייטער און פיהרער פון פאבריק. דער געשעפט איז געגאנגען זעהר גוט, די הצלחה איז געווען גרויס. אָווען ווערט אויפ׳ן סוחר׳ישען און אינדוסטריעלען וועלט זעהר בעקאנט. ער בעקומט פון אלע זייטען איינלאדונגען צו עפענען בשותפות פאבריקען. נאָך א געוויסען ישוב הדעת בעשליסט ער זיך צו וואָרפען זיין קליינע אונטערנעהמונג, כדי צו ווערען א געשעפטס־פיהרער אין א גרויסע בוימוואָהל־שפינעריי מיט אייניגע הונדערט ארבייטער. וועגען זיין ארבייט אויף דיעזער שטעלע שרייבט ער: „איך האב געמוזט דאס רויה־מאטעריאל איינקויפען, די פעהלענדע מאשינעס בויען, זיין ביים פערקויף, פיהרען די ביכער, השגחה געבען אויף דער גאנצער פאבריק, די ארבייטער זייערע שכירות צאָהלען און אזוי ווייטער...״ פון דעמאָלט אָן איז זיין קאריערע געוואקסען מיט ריעזענשריט. זיין אדמיניסטראטיווער טאלאנט, אָרגאניזאטאָרישע פעהיגקייטען, עהרליכקייט און גוטמוטהיגקייט האבען איהם געמאכט זעהר פּאָפּולער אין דעם גאנצען אומגעגענד, וואו ער האט בעקומען א גרויסען צוטרוי צו זיך. זיין איינפלוס איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג. „צוליעב מיין אונבעוואוסטע מאכט איבער אנדערע האב איך אין 6 חדשים אזא איינפלוס אויף די ארבייטער בעקומען, דאס די אָרדנונג און דיסציפּלין פון פאבריק האט אָנגעפאנגען צו דיענען פאר א מוסטער אין מאנטשעסטער און אומגעגענד.״ „איך בין געוואָרען דער ערשטער פיין־בוימוואָהל שפינער אין דער וועלט. מיינע גאָרן האבען זיך פערקויפט אויף 40 פּראָצענט טהייערער אלס די סחורה פון דעם לייסטונגס־פעהיגסטען קאָנקורענטען.״ דער שעה איז געווען ענטציקט פון זיין געשעפטס־פיהרער׳ס טאלאנט, און מורא האָבענדיג, אז אן אנדער פאבריקאנט וועט איהם ארויסכאפּען, האט ער פאר דאס

צוויטע יאָהר אָווען'ן פּאָרגעלייגט 300 פונט שטערלינג שכירות. פאר דאס דריטע יאָהר 500 פונט און אויף דאס פיערטע יאָהר האט ער זיך מתחייב געווען איהם אריינצונעהמען אלס שותף אין געשעפט. דיעזער פּלאַן איז אבער ניט פערווירקליכט געוואָרען איבער א גאַנץ זייטיגע אורזאכע. מיר ברייננען דיעזע איינצעלהייטען צוליעב א פעריאָד, וואס איז דערמיט פערבונדען און וועלכער איז כאראקטעריסטיש פאר דאס זעלבסט געפיהל, וואס איז געווען אזוי שטארק ענטוויקעלט ביי אָווען'ן.

אין א שעהנעם מאָרגען האט דער שעף גערופען צו זיך אָווען'ן און פרעגט איהם, ביי וועלכע בעדינגונגען ער וועט ביי איהם אין פאבריק ווייטער בלייבען, אָבזאָגענדיג זיך פון צו זיין א שותף. „וויפיעל איהר וועט ניט פאָדערען, וועל איך אייך בעווילינגען." „איך האב דעם קאָנטראקט מיט זיך מיטגעבראכט — ענטפערט מיט שטאָלץ אָווען — איך ווארף איהם אין פייער, ווייל איך וויל מיט קיינעם ניט צו טהאָן האבען, וועלכער וויל ניט מיר האבען פאר א שותף. אבער ביי דיעזע אומשטענדען קען איך פאר קיין געלד ניט אין געשעפט פערבלייבען." אומזיסט זיינען די בקשות פון'ם שעף, אָווען זאָל זיך פון זיין בעשלוס אָבזאָגען און פערבלייבען ביי איהם אויף להבא. ער האט קוים מיט צרות גע'פועל'ט ביי אָווען'ן ער זאָל איהם ניט אוועקווארפען כל זמן ער וועט ניט געפינען א ווירדיגען נאָכפאָלגער.

אין א קורצע צייט ארום האט אָווען צוזאמען מיט צוויי אלטע לאָנדאָנער און מאנטשעסטער פירמען געגרינדעט אן אייגענע קאָמפּאני: „טשארלטאָן טוויסט קאָמפּאניע." עס האט ניט לאַנג געדויערט ביז דיעזער געשעפט איז געוואָרען דער ערשטער אין דער בראנזשע. די הויפט אָבנעהמער זיינען געווען שאָטלענדישע וועבער. די אָפטע נסיעות קיין שאָטלאנד האבען געהאט א גרויסע בעדייטונג פאר אָווען'ס ווייטערדיגע לעבענס-טהעטיגקייט. אין'ם אלטער פון 26 יאָהר האט אָווען אין דער שפּיצע פון א גאַנצער קאָמפּאניע קאפיטאליסטען געקויפט איינע פון די אלטעסטע שפּינערייפאבריקען פון שאָטלאנד, אין שטעדטעל ניו-לענארק. אין ניו-לענארק פאנגט זיך אן די ערשטע פעריאָדע פון אָווען'ס געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט, פון זיין ווירקען פאר די ארבייטענדע מאסען, זיין רעפאָרם ארבייט.

אבער איידער מיר געהען איבער צו דיעזער פעריאָדע פון אָווען'ס לעבען, מוזען מיר מאכען א קורצען איבערבליק איבער די גייסטיגע איינדריקע, וועלכע אָווען האט בעקומען אין מאנטשעסטער, וואו עס איז געלייגט געוואָרען דער פונדאמענט פון דער וועלט־אנשויאונג, מיט וועלכער אָווען איז געווען דורכגעדרונגען זיין גאנצען לעבען.



## XVIII.

# דאָס גייסטיגע לעבען אין מאַנטשעסטער

עס איז אַן אַלטער כלל, אַז יעדע פערענדערונג אין דער אומגעבונג, אין דער סביבה, רופט אַרויס אַ פערענדערונג אין די אידעען און אַנשויאונגען פון דער געזעלשאַפט. די סביבה ענדערט זיך דאַן, ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען, דער שטאַנד פון דער טעכניק און די פאָרמע פון'ם צוזאַמענאַרבייטען ענדערען זיך. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז מאַנטשעסטער, דער מיטעלפּונקט פון אַלע נייע פערענדערונגען אין דער טעכניק, אין דער אינדוסטריע, וואו די טעכנישע און עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָן איז פאָרגעקומען אַם שטאַרקסטען, ווי אַנדערסוואו, אַז מאַנטשעסטער האָט געמוזט זיין אויך דער צענטער פון'ם גייסטיגען לעבען, דער אויסגאַנגס-פּונקט פון די נייע אידעען, פון די נייע שטרעבונגען, וועלכע זיינען געוועזען אַרויסגערופען דורך „די נייע צייט,‟ ד. ה. דורך די נייע פאָרמען פון דער פּראָדוקציאָן.

מאַנטשעסטער איז געוועזען דער פּלאַץ, וואו אַלע קוועלען פון דער וויסענשאַפט און קונסט האָבען רייך געפּלאַסען. עס האָבען זיך געגרינדעט דאָרטען זעהר פיעלע חברות, אגודות, פעראיינען מיט דעם צוועק צו פערברייטען און אונטערצוהאַלטען וויסענשאַפטליכע און ליטעראַרישע שטרעבונגען. דעם ערשטען פּלאַץ האָבען דאָרטען, זעלבסטפערשטענדליך, פערנומען די נאַטור-וויסענשאַפטען, אָהן וועלכע די נייע ענטדעקונגען אין דער טעכניק, וועלכע זיינען דאַן טאָג טעגליך פאָרגעקומען, וואָלטען געוועזען אונמעגליך. מען לערנט מיט גרויס התמדה פּהיזיק, באָטאַניק. „כעמיע איז געוואָרען אַ ליעבלינגס-פאַך פון פיעל מענשען, פון אַלע בערופען.‟ צו דיזער צייט געהערט די בעגרינדונג

פון דער „אטאם־טהעאָריע,״ דער יסוד פון דער כעמישער וויסענ־שאפט. מען פאָרשט די סודות פון דער נאַטור, מען וויל בעקאַנט ווע־רען אלץ מעהר און מעהר מיט איהרע קרעפטען. דאס גרינדליכע פאָר־שען און די נאָהנטע בעקאַנטשאפט מיט די נאַטור־ערשיינונגען האט געפיהרט צו דער איבערצייגונג, אז אלעס קומט פאָר בדרך הטבע, געזעצמעסיג. רעליגיעזע אנשויאונגען, וועלכע האבען די נאַטור ער־שיינונגען צוגעשריעבען פערשיעדענע פערבאָרגענע כחות, אונזעהבארע גייסטער, א רואה ואינו נראה, ווערען וואס מעהר און מעהר פער־שוואונדען, די אמונה פערלירט אלץ מעהר און מעהר דעם באָדען אונטער זיך. פון נסתרות האט מען אויפגעהערט צו האלטען. דאס גלויבען ווערט פערטריעבען פון וויסען, די געטליכקייט — פערדרענגט פון דער געזעצמעסיגקייט. דער אידעאַליזם ווערט בעזיעגט פון׳ם מאַ־טעריאַליזם. אויף די וועלט און אויף די נאַטור האט מען אויפגעהערט צו קוקען, ווי אויף א חומר ביד היוצר, ווי אויף א זאך, וואס איז אָב־הענגיג פון א השגחה פרטית. מען האט זיך איבערצייגט, אז די וועלט ווערט רעגיערט דורך אייגענע געזעצען, דורך אייגענע, ניט אויסענ־שטעהענדע קרעפטען און אז דיעזע קרעפטען און געזעצען זיינען איי־גענשאפטען פון דער נאַטור, זיי ליעגען אין איהר, זיינען א טהייל פון איהר, אבער ניט די כחות, וועלכע הערשען „אויסער״ אדער „איבער״ דער נאַטור. „אלעס איז מעכאניש, געזעצמעסיג, אלעס איז נאַטירליך״ — אָט איז די פעסטע איבערצייגונג פון יעדען פאָרטגעשריטענעם מענשען אין יענער צייט. ניטאָ קיין ערשיינונג סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער געזעלשאפט אָהן א אורזאכע, אומעטום איז פאַראַן א סיבה און א פועל יוצא, איבעראַל הערשט — ריידענדיג מיט׳ן פי־לאָזאָפישען לשון — איין קויזיאַלער צוזאַמענהאַנג.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער יונגער, בעגאַבטער אָוועָן מיט זיין געוואָהנהייט נאָך יעדע זאך גרינדליך נאָכצוקלערען, אום צו דערגעהן דעם אמת, מיט זיין שטאַרקער ליעבע צו וויסענשאפט, מיט זיין אונאויפהערליכען שטרעבען צו ליכט, צו השכלה — אז דיעזער ענערגישער, פאָרווערטס־שטרעבענדער גייסט, איז ניט געבליעבען אונ־בעריהרט, פערזעהן פון דיעזע נייע ראדיקאַלע אנשויאונגען, וואס האַ־בען געהערשט אין ענגלאַנד בכלל און אין מאַנטשעסטער, אין דער סביבה, וואו ער האָט געלעבט, בפרט. אין געגענטהייל, ראָבערט אָוועָן

איז געוואָרען דער פּראָטעסטאַנטער בעדען פיר די זאָמען פון דיעזע נייע אידעען. זיין פרייער אונגעבונדענער גייסט האט אנערקענט די פּאָרציגליכקייט פון דיעזע נייע איבערצייגונגען איבער די פעראַלטעטע דאָגמעס, חוקים און טראַדיציעס. עס דויערט א געוויסע צייט און אונזער העלד ווערט א כופר בעיקר, ער ברעכט אָב מיט די פריהערדיגע רעליגיעזע אנשויאונגען, וועלכע ער האט גע׳ירשה׳נט אין זיינע עלטערן׳ס הויז און מיט וועלכע ער איז געווען דורכגעדרונגען אין זיינע קינדער־יאָהרען. ער ווערט א פייערדיגער אָנהענגער פון דעם נייעם צייט־גייסט, פון די נייע געדאַנקען, איבער די נאַטור און מענש, ער ווערט אן איבערצייגטער מעכאַניסטישער מאַטעריאַליסט. געוועהנ־ליך איז דיעזער איבערגאַנג פון רעליגיאָן צום פריידענקען ניט געווען א פּלוצלינגער, אויף אמאָל. ניט ווענעג אינערליכע ספיקות און מלחמות האט ער געהאט איבערצוטראָגען. „נור מיט דער גרעסטער עקשנות און נאָך לאַנגע אינערע קעמפּפע בין איך געווען געצוואונגען מיינע ערשטע און טיעף איינגעוואָרצעלטע נייגונגען צום קריסטענ־טהום אויפצוגעבען און אויך דאס גלויבען אין אלע אנדערע רעלי־גיאָנען."

זעהר שטאַרק האט געווירקט, ווי עס ווייזט אויס, אויף אָווען׳ן די פריינדשאַפט מיט דעם שפּעטער בעריהמט־געוואָרענעם כעמיקער דאַלטאָן, דער בעגרינדער פון אטאָם־טהעאָריע, וועלכער האט דורך די כעמישע ערפאַהרונגען בעקומען א גאַנץ אנדער פאַרשטעלונג פון דער וועלט־מאַטעריע. דאַלטאָן און נאָך זייערער א פריינד זיינען געווען לעהרער אין א סעמינאַר, וואו זיי פּלעגען מיט אָווען׳ן אָפט צוזאַמענקומען און פיהרען הייסע וכוחים איבער פערשיעדענע פראַגען פון פילאָזאָפיע און מאָראַל. „אין צימער פון סעמינאַר פּלעגען מיר פיעלע אָבענדען פערברייננגען צוזאַמען און האבען געפיהרט אינטערע־סאַנטע וכוחים איבער רעליגיאָן, מאָראַל און נאָך אזוינע עהנליכע פראַגען, ווי אויך איבער די לעצטע ענטדעקונגען אין כעמיע און פיזיק. דאָ האט דאַלטאָן צוערשט זיין „אטאָם־טהעאָריע" ענטוויקעלט. מיר האבען אונז אָנגעפאַנגען פאַר פילאָזאָפען צו האַלטען. צייטענווייז פּלע־גען מיר צו אונזערע דיסקוסיאָנען צולאָזען נאָך איינעם אדער צוויי פריינד. דיעזע צוזאַמענקונפטען און דיסקוסיאָנען האבען געדויערט אַזוי לאַנג, ביז דער דירעקטאָר פון סעמינאַר האט אונז בעמערקט, און

מורא האבענדיג, אז זיינע לעהרער וועלען ארונטער פון דרך הישר און ווערען אפיקורסים, האט ער אונזערע „סכאָדקעס" פערבאָטען. עס האט אבער ניט לאַנג געדויערט און מיר האבען אן אנדער אָרט געפונען, וואו מיר האבען רוהיג אונזערע וכוחים ווייטער געפיהרט."

צו וועלכע איבערציינגונגען דיעזע וכוחים האבען איהם געפיהרט, דערצעהלט אונז אָווען אין אן אנדער אָרט: „די וכוחים האבען מיר ארויפגעבראכט אויפ'ן געדאנק, אז דאס אוניווערזום, די וועלט, איז א גרויסער לאַבאָראַטאָריום; אלע זאַכען זיינען כעמישע פערבינדונגען און אז אויך דער מענש איז ניט אַנדערש, ווי א מעהר קאָמפּליצירטע, א מעהר קונציגע כעמישע פערבינדונג."

מיר זעהען, אז שוין אין מאַנטשעסטער איז אָווען געווען שטאַרק בעהערשט פון דער מאַטעריאַליסטישער אנשויאונג פון 18טען יאָהרהונדערט, וועלכע איז נאָך דעם, שפּעטער, אין די 50 יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט, געווען פערטרעטען פון די בעריהמטע נאַטורפאָרשער קאַרל פאָגט, מאָלעשאָט און ביכנער.

ווי ווייט דיעזע ראַדיקאַלע איבערציינגונגען האבען געווירקט אויף זיינע בעציהונגען צו אַנדערע מענשען איז אויך אָם בעסטען אויסצוהערען אָווען'ן אליין: „בעפרייט פון רעליגיעזע פּאָראורטהיילע, וועלכע פערדונקלען דעם געזונדען מענשען-פערשטאַנד, איז מיין גייסט אריין אין א נייע אידעען-וועלט. איך בין ביסלעכווייז געקומען צו דער איבערציינגונג, אז די אייגענשאַפטען פון מענשען, ווי אויך די אומשטענדען, וועלכע ווירקען אויף זיי, ליעגען ניט ביי איהם, ביים מענשען אין רשות, און דעריבער האב איך אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען מיט אַנדערע אויגען און מיט פיעל מעהר ליעבע. מיין גייסט איז דאַדורך געוואָרען אלץ מעהר און מעהר רוהיג, שלעכטע, בייזע רעיונות געגען אנדערע זיינען ביי מיר אָבגעשטאָרבען. אויף דעם פּלאַץ פון מיין רעליגיעזען געפיהל איז אויפגעטרעטען דער גייסט פון ליעבע, ניט נור פאר איין סעקטע, איין פּאַרטיי, איין לאַנד, איין ראַסע, זאָנדערן פאר דאס גאַנצע מענשען-געשלעכט. עס האט מיר דורכגענומען א גליהענדער, הייסער וואונש דיעזען מין האנושי גוטעס צו טהאָן."

דערמאָנען מיר נאָך אָם ענדע די אַנאַרכיסטיש-קאָמוניסטישע אידעען, מיט וועלכע גאָדווין (צו וועמען מאַלטהוס'עס בעקעמפּפּע-

רונגס־טהעאָריע איז געווען געווענדעט) איז ארויסגעטרעטען אלס פראָטעסט געגען די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אונגלייכהייט, וועלכע האבען בלי שם ספק דירעקט אדער אונדירעקט געווירקט אויף אָווען׳ס ענטוויקלונג, און מיר האבען אויף דעם אופן אלע עלעמענטען, פון וועלכע עס האט זיך אויסגעארבייט, ענטוויקעלט און אויסגעבילדעט אָווען׳ס וועלט־אנשויאונג — די אנשויאונג, וואס האט געדיענט אלס אויסגאַנגס־פונקט פאר זיין שפּעטערדיגער געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט.

דיעזע וועלט־אנשויאונג, וועלכע דרינגט דורך אין אלע אָווען׳ס רעדען און שריפטען און איז בעזאָנדערס ענטוויקעלט אין זיין ווערק „די נייע אויפפאַסונג פון דער געזעלשאפט אדער איין פערזוך איבער דאס פּרינציפּ, ווי אזוי עס בילדעט זיך דער כאַראַקטער ביים מענשען,‟ פערדיענט מען זאָל זיך אויף איהר אויספיהרליכער אָבשטעלען.

## XIX.
# ראָבערט אָווען'ס וועלט־אנשויאונג

די איבערצייגונג, אז די וועלט און אלעס, וואס אין איהר איז פאראן, ווערט רעגיערט ניט פון גייסטער, וועלכע שטעהען למעלה מן הטבע, איבער דער נאטור, אזוי ווי די אמונה לערנט אונז, נור אז די נאטור ווערט רעגיערט דורך אייגענע, דורך נאטור־געזעצען, וועלכע ליעגען אין'ם תוך, אין וועזען פון איהר גופא, אז קיין נסים און איבער־נאטירליכעס איז איבערהויפּט ניט פאראן — דיעזע איבערצייגונג פיהרט דירעקט צום געדאנקען, אז אויך דער מענש, וועלכער איז ניט אנדערש ווי א טהייל פון דער נאטור, זיין לעבען, זיין טהאָן און וויר־קען, איז ניט אונטערוואָרפען אונטער א געוויסען ווילען, א געוויסער השגחה, א פערבאָרגענעם אונזיכטבארען גייסט, נאָר פערקעהרט, דער ווילען פון מענשען און במילא אויך אלע זיינע מעשים, וועלכע זיינען ניט אנדערש ווי א פערקערפּערונג פון'ם ווילען, זיינען א פּראָדוקט, א פועל יוצא פון געוויסע ערדליכע סיבות, פון נאטירליכע אורזאכען. דערפון איז געדרונגען, אז דער מענש קען ניט זיין א בעל בחירה, וואס זאָל קענען אויסקלייבען „צווישען שלעכטס און גוטס,“ ווי די אמונה זאָגט אונז; דוקא פערקעהרט, דער מענש האט ניט קיין פרייען ווילען, אן אייגענעם רצון, ביי איהם ליעגט ניט די ברירה דאס יא צו טהאָן און יענעס ניט. דער מענש איז ניט אנדערש, ווי א מעכאניש־דענקענדע מאשינע, וועלכע קען ניט פון זיך, מיט'ן אייגענעם ווילען ארבייטען אזוי אָדער אנדערש. אזוי ווי דאסווירקען, די ארבייט פון דער מאשי־נע איז אָבהענגיג, ערשטען, פון די עלעמענטען, פון וועלכע זי איז אויפגעבויט און, צווייטענס, פון דער אויסערליכער קראפט (דורך לופט, דאמפף, עלעקטריציטעט און אזוי ווייטער), דורך וועלכע זי

ווערט געטריעבען, מוז אויך דער כאראקטער, די אייגענשאַפטען פון'ם מענשען, דאָס ווירקען, זיין אָבהענגיג, ערשטענס, פון די אינדיווידועלע, פון'ם פיזיאָלאָגישען קערפער בוי, פון דער נאטירליכער אָרגאנישער צוזאמענזעצונג, וואס איז בכלל ביי פערשיעדענע מענשען קיין גרויסע אונטערשיעדע ניט פאראן, און, צווייטענס, פון דער אומגעבונג, פון דער סביבה, וואו דער מענש האָדוועט זיך אויף, וואו ער בעקומט זיינע איינדריקע, די קראפט און שטאָף צו זיינע מיינונגען, איבער־צייגונגען און במילא אויך צו זיינע מעשים. אויב די נאַטור גיט דאס מאַטעריאל און דעם בוי פון'ם אָרגאניזם, גיט די געזעלשאַפט, די סביבה אדרך, א ריכטונג צום אָרגאניזם'ס טהעטיגקייט. עס איז ניטאָ קיין ווילענס־פרייהייט, די בחירה, די ברירה ליעגט ניט ביים מענשען אין רשות, דער מענש איז ניט א בעל הבית אויף זיין כאראקטער, דער כאראקטער ווערט אויסגעבילדעט דורך אויסערליכע בעדינגונגען, דורך די סביבה — דאס איז דער יסוד פון אָווען'ס אנשויאונג.

„די רעליגיאָן בערוהט אויף דער איינבילדונג, אז יעדער מענש בעשטימט אלע זיינע געדאנקען, זיין ווילען און האנדלען. מיין אייגע־נעם נאָכדענקען האט מיר געפיהרט צו א גאנץ אנדער מיינונג. מיין שכל לערנט מיך, דאס מיינע אייגענשאַפטען זיינען מיר געגעבען געוואָרען פון דער נאַטור און אז מיין לשון, רעליגיאָן און מדות זיינען א פראָדוקט פון דער געזעלשאַפט, וואו איך בין ערצויגען געוואָרען.״ אין אן אנדער אָרט: „יעדעס קינד קען מען ערציהען אין יעדער שפראך, יעדעס געפיהל, יעדעס גלויבען, ווי ווייט דאס איז ניט סותר דער מענשליכער נאַטור.״

האט אבער דער מענש ניט קיין פרייען ווילען, זיינען אלע זיינע געדאנקען און מעשים אָבהענגיג פון דער נאַטור און דער געזעלשאַפט, ד. ה. פון אורזאכען, וועלכע ליעגען אויסער איהם, טאָ קען איך אי־בעהויפט איהם ניט פעראנטוואָרטליך מאכען פאר זיי. עס איז לעכער־ליך צו בעשטראָפען אדער צו בעלוינען מענשען פאר אזעלכע מעשים, וועלכע ער איז בעגאנגען, ווייל ער איז געווען געצוואונגען זיי צו בע־געהן. ווייל איך דער מענש זאָל זיין גוט און וואויל, זאָל קיינעם קיין בייז ניט טהאָן, מוז איך בעזייטיגען די אורזאכען, וועלכע צווינגען איהם צו טהאָן שלעכטס, איך מוז איהם בעשאפען אזא סביבה, געבען אזא ערציהונג, איהם שטעלען אין אזוינע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען,

וועלכע רייצען ניט, ערגערען ניט און רופען ניט ארויס קיין שלעכטע געפיהלען — און דער מענש וועט אויפהערען צו זיין א בעל עולה. ווען מען וועט בעזייטיגען די בעדינגונגען, וועלכע צווינגען דעם מענ־שען צו זיין שלעכט, וועט ער קיין מאָל קיין בייזעס ניט טהאָן, דען די אייגענע אינטערעסען — איז אָוועין איבערצייגט — שטעהען ניט נור אין קיין ווידערשפרוך מיט די אינטערעסען פון אנדערע, נור פערקעהרט, דאס גליק פון יעדען איינציגען בעשטעהט נור אין׳ם גליק פון גאנצען כלל. ווען דער מענש קומט צום שכל — מיינט אָוועין — זעהט ער איין, אז זיין אינדיווידועלעס, פריוואטעס גליק וואקסט נאָר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער שטרעבט דאס גליק פון׳ם גאנצען כלל צו פערבעסערען. דאס גליק פון׳ם כלל איז שוין כולל אין זיך דאס גליק פון יחיד.

בנוגע דער בעפעלקערונגס־טהעאָריע פון מאלטהוס, וועלכע בע־הויפטעט, אז צווישען די מענשען, אזוי ווי אין דער גאנצער נאטור, איז פאראן א קאמפף צוליעב דעם דאזיין, ווייל אין דער נאטור איז ניט פאראן חיונה פאר אלע, וועלכע ווערען געבוירען, זאָגט אָוועין: „מאלטהוס האט רעכט, ווען ער זאָגט, אז די בעפעלקערונג פון דער וועלט מוז זיך שטענדיג צופאסען צו דעם סך הכל פון דער נאהרונג, וואס ס׳איז פאראן, ער האט אבער ניט געזאָגט, וויפיעל מעהר נאה־רונג וואָלט מען פון׳ם זעלביגען באָדען קענען געווינען, ווען אנשטאט אן אונוויסענדעס, שלעכט־אָרגאניזירטעס פאָלק, וועט די ארבייט דורך אינטעליגענטע, פלייסיגע הענד אויסגעפיהרט ווערען. די ארבייט ווי עס ווערט איצט אויסגעפיהרט צו דער ארבייט, ווי עס דארף און קען ווערען אויסגעפיהרט, פערפעלט זיך ווי איינס צו דער אונענדליכקייט.“ אויסער דעם איז אָוועין איבערצייגט, אז די גרויסע פאָרטשריטע פון דער כעמיע וועלען אונז אין דער צוקונפט געבען די מעגליכקייטען קינסטליכע ערנעהרונג אוים דער לופט צו בעקומען.

די לאנג־יעהריגע בעשעפטיגונג אין פאבריק, וואו אלעס קומט פאָר מעכאניש, וואו דער מענש איז ניט מעהר ווי א טהייל פון דער מאשינע, וואו ער מוז אלעס ערפילען ווי א גולם אָהן אן אייגענעם רצון, האט ביי אָוועין׳ן נאָך מעהר פערשטארקט די מעכאנישע אנ־שויאונג אויף די נאטור אין דעם מענשען. „דעם מענשליכען כאראק־טער — איז אָוועין איבערצייגט — קען מען פראָדוצירען אזוי ווי

סחורות. דורך א גוטער ערציהונג קען מען אויך גוטע מענשען בע־קומען."

„דורך געוויסע בעדינגונגען קען מען צוגעוואהנען דעם מענשען צו לעבען אין וועלכער עס איז ניט לאנד אהן ארמוטה, אהן פערברע־כען און אהן שטראפען, ווייל דיזע אלע אונגליקען קומען פון דער שלעכטער ערציהונג, פון דעם, וואס מען פערשטעהט ניט די טבע פון מענשען... אין'ם מענשען קען מען ענטוויקלען בעליעביגע געפיהלען, איינענשאפטען און א בעליעבינען כאראקטער.... פון דער נאטור איז דער מענש ניט שלעכט און ניט גוט, אלעס איז אבהענגיג פון די אוי־סערליכע בעדינגונגען... די סיבה פון אלע שלעק אין דער געזעלשאפט איז די אונוויסענהייט, וואס ווערט איבערגעגעבען בירושה פון איין דור צום צווייטען דור, און דער פאלשער מיינונג, דאס מענשען אר־בייטען אליין אויס אין זיך זייער כאראקטער..."

די איצטיגע ארדנונג, וועלכע בערוהט אויף דאס רעכט פון פריי־וואט אייגענטהום אויף די פראדוקציאנס־מיטעל, וואו די קאנקורענץ, דער קאמפף פון אלע געגען אלע איז דער מיטעלפונקט, ארום וואס אלעס דרעהט זיך, וואו דאס האוועגען, די נאכיאגעניש נאך פרנסה איז דער אינהאלט פון לעבען, וואו ביי יעדער אונטערנעהמונג ליעגט מען אין איין פחד, אין איין שרעק, אפשר וועט יענער ארויסכאפען — אין דיזער ארדנונג, וואו דער מענש איז א קנעכט ביי דער מאשינע, איז קיין וואונדער ניט, אז עס ארבייטען זיך ביים מענשען אויס שלעכטע זיטען, ווי שנאה, קנאה, אונגדולדזאמקייט. דאס מאטעריאל, פון וואס דער כאראקטער ווערט אויסגעארבייט, די איינדריקע פון דער סביבה קענען אנדערע זיטען ניט בעשאפען. „פון דער צייט, ווען מען האט איינגעפיהרט אין די פאבריקען מאשינעס, האט מען אויפ'ן מענשען אנגעפאנגען צו קוקען, ווי אויף א טפל־זאך, ווי אויף א מא־שינע פון צווייטען גראד. מען האט אנגעפאנגען מעהר זיך צו בעקי־מערען מיט האלץ, מעטאל און רויהע מאטעריאל, איידער מיט דעם קערפער און נשמה פון מענשען."

צו קען מען אבער די סביבה איבעראנדערשען?

יא! ענטפערט אווען.

די סביבה, די געזעלשאפט און איהרע איינריכטונגען, געזעצען און מנהגים בעטראכט אווען פאר א מעכאנישען ארגאניזם, די רעדער

פון וועלכען עס קענען, לויט אונזער רצון און פערלאַנג, אין יעדער צייט איבערגעשטעלט און איבערגעאַנדערשט ווערען. דאס „סאָציאַלע סיס־טעם" קען, לויט אָוועןס איבערצייגונג, אזוי איינגעאָרדענט ווערען, דאס זי זאָל פּראָדוצירען א גרעסערע מאָס מענשליכעס גליק. דערצו איז נאָר נויטהיג די מענשען זאָלען „קומען צום שכל" און איינזעהען, אז די איצטיגע אָרדנונג טויג ניט און אז עס איז נויטהיג צו בעשאפען אן אנדער סביבה, אן אנדער געזעלשאפטס־סיסטעם. אזוי ווי די מאַ־טעריאַליסטען פון 18טען יאָהרהונדערט, איז אָווען געווען אין דער אי־בערצייגונג, אז די סביבה ווערט בעשאפען דורך די געזעצען, וואס זיינען פון זייער זייט ניט אנדערש, ווי א פערקערפּערונג פון די מיי־נונגען און איבערצייגונגען, וועלכע הערשען אין דיעזער צייט ביי די מענשען. דערפון איז געדרונגען, אז אויב די מענשען ווילען נור, זיינען זיי אימשטאַנד ארויסצוגעבען אנדערע געזעצען, בעשאפען אן אנדער סביבה, אזא, וועלכע זאָל פּראָדוצירען, ערציהען מענשען מיט גוטע כאראַקטערען.

ווער איז מחויב צו ראַטעווען די מענשהייט פון'ם טיעפען עלענד און שמוץ, אין וועלכע זי איז פערזונקען? אויף וועמען ליעגט דאס חוב איבערצואַנדערשען די איצטיגע בעדינגונגען, די הערשענדע אָרדנונג, די איצטיגע סביבה?

— די זעלביגע מענשען, וועלכע ציהען פאר זיך נוטצען פון איצ־טיגער אָרדנונג! — ענטפערט אָווען גאַנץ ערנסט.

די קלוגע און אויפגעקלעהרטע דארפען נור אויפווייזען אלעמען, ווי גרויס עס איז די נויטה און עלענד פון פיעלע מיליאָנען מענשען, און די הערשער פון דער וועלט — האַפּט אָווען — וועלען אויסשרייען: „אזוי קען לענגער ניט בלייבען, עס דאַרף און עס מוז אנדערש זיין!" אויב מען זאָל נור אויפווייזען גוטע מיטלען, ווי צו בעזייטיגען די מענשליכע אונגליקען, איז ביי אָווען'ען קיין ספק ניט, אז די געזעצ־געבער וועלען זיך ניט אָבזאָגען זיי דורכצופיהרען אין לעבען. „איך בין איבערצייגט, אז ניט דער קעניג, ניט די מיניסטאָרען, ניט דער פּארלאמענט, ניט איינע פון די רעליגיעזע און פּאָליטישע פּארטייען זיינען ניט גענייגט צו דער שרייענדער אונרעכט איבערצולאָזען די איינריכטונגען און געזעצען, אזוי ווי זיי זיינען איצט."

דיעזע ליעבע און צוטרוי צו אלעמען, וועלכע טראָגען אויף זיך

דעם נאָמען מענש, דיעזען גלויבען אין דעם גוטען ווילען פון די „גרע־סטע" און די „שטאַרקסטע" איז אונזער אוטאָפּיסט אויף זיין גאַנצעם לעבען געבליעבען געטריי. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז דיעזער גרויסער מענשענפריינד האט זיך ביי יעדער געלעגענהייט, אויב נור עס האט געקענט ארויסקומען א טובה פאר די ליידענדע מענשהייט, געווענדעט מיט שריפטען, בקשות און עצות ניט בלויז צו די רעגיערער און הערשער, נור אויך צו די קאַפּיטאַליסטען.

ווי נאאיוו דאס איז געווען!

צו זיי האט ער זיך געווענדעט! ער האט געבעטען ביי די וועלף רחמנות אויף די שאָף!

---

מיר וועלען זיך בענוטצען מיט דער געלעגענהייט אַנצואווייזען אין אלגעמיינע שטריכען אויף די אונטערשיעדע צווישען דעם אוטאָ־פּיסטישען און וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

די אוטאָפּיסטען־סאָציאַליסטען האבען אָנגעווענדעט די מעטאַ־פיזישע מעטהאָדע פון פאָרשען און דענקען. זיי האבען יעדע ערשיי־נונג בעטראַכט אין שטעהענדען צושטאַנד, ווי זי זעהט אוים אין דער רגע, ווען מיר דענקען וועגען דעם, ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט די ארומיגע בעדינגונגען, נאָר אָבגעזונדערט, אָבגעריסען פון דער ארו־מיגער וועלט, אזוי ווי אן איינציגער רינג, וועלכער האט קיין שייכות ניט און איז ניט פערבונדען מיט איבעריגע רינגען. די אוטאָפּיסטען האבען זיך ניט גערעכענט מיט דער צייט און מיט דעם אָרט, וואו און ווען די ערשיינונג קומט פאָר און דעריבער זיינען זייערע אויספיה־רונגען געווען גאַנץ אנדערע, ווי יענע פון די וויסענשאַפטליכע סאָ־ציאַליסטען, וועלכע האבען אָנגעווענדעט אין פאָרשען די דיאַלעקטישע מעטהאָדע.

דאס רעכט פון פּריוואַט אייגענטהום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען — האבען אונז די אוטאָפּיסטען איבערצייגט — איז ניט אן אונבעדינגטע נויטהווענדיגקייט פון'ם מענשען'ס נאַטור, און ווי־באַלד אז דיעזעם געזעץ ברייננגט מיט זיך זעהר פיעל צרות, מוז עס אָהן שום שאלות ומענות בעזייטיגט ווערען. מיט די ארומיגע גע־זעלשאַפטליכע בעדינגונגען, וועלכע האבען געפיהרט צום געזעץ פון

פריוואט אייגענטהום, האבען די אוטאָפּיסטען זיך ניט געקימערט און דעריבער האבען זיי אין דער פאָדערונג מבטל צו זיין פריי־וואט אייגענטהום זיך ניט געדעכענט דערמיט, צו זיינען יענע בע־דינגונגען נאָך פאַראַן אדער זיי זיינען שוין בטל געוואָרען. זיי האבען געשטעלט א פראגע: „ענטוועדער אדער," אדער יא, אדער ניין, אדער גוט, אדער שלעכט; אייגענטהום איז אַבסאָלוט נוצליך, אדער אַב־סאָלוט שעדליך. דאס איינע און די זעלבע ערשיינונג איז אָבהענגיג אויף פון ארומיגע ערשיינונגען און בעדינגונגען און דעריבער — אין אונזער פאל פריוואט אייגענטהום — קען זי אין איין עפּאָכע זיין שעדליך און אין אַן אַנדער עפּאָכע, ווען די ארומיגע בעדינגונגען זייי־נען אַנדערע, גאָר זיין נוצליך אדער פערקעהרט, האבען זיך די אוטאָ־פּיסטען ניט געקענט פאָרשטעלען, און דעריבער האבען זיי גע'טענה'ט, אז פריוואט אייגענטהום מוז און קען אין יעדער צייט פערביטען ווע־רען אויף קהל'שע אייגענטהום. די דיאַלעקטישע מעטהאָדע פון די וויסענשאפטליכע סאָציאַליסטען איז זיי געווען אונבעקאנט.

ווייטער. די איבערצייגונגען, מיינונגען — דער כאראקטער פון מענשען איז א רעזולטאט פון דער אומגעבונג, פון דער סביבה. די סביבה קען, ווען מענשען זאָלען נור קומען צום שכל, איבערגעאַנדערשט ווערען, ווייל די סביבה איז ניט אַנדערש, ווי א רעזולטאט פון די גע־זעצען, וועלכע זיינען פון זייער זייט אָבהענגיג פון די איבערצייגונגען. די סתירה איז קלאָר. די איבערצייגונגען זיינען אָבהענגיג פון דער סביבה און די סביבה ווידער ווערט אויפגעבויט פון די איבערצייגונגען. אָט איז דער פער'כשוף'טער קרייז, אין וועלכען די אוטאָפּיסטען זיינען פערקראָכען. ממה נפשך, איז דער מענש מיט זיין כאראקטער, מיט זיינע איבערצייגונגען אָבהענגיג פון דער סביבה, ד. ה., די סביבה איז די אורזאכע און דער כאראקטער פון מענשען דער יוצא, די פאָלגע, טאָ ווי קען מען פערלאַנגען פון מענשען איבער־צואַנדערשען די סביבה? ליעגט דען דאס אין זיין רשות? נעהמען מיר ווידער אָן, אז דער מענש מיט זיין שכל קען יא ווירקען אויף די סביבה, זי איבערצואַנדערשען; די איבערצייגונגען, הייסט עס, זיינען די אורזאכע און די סביבה דער יוצא, טאָ ווי אזוי קען מען בעהויפּטען, אז דער מענש איז אָבהענגיג פון דער סביבה? די סביבה רעגיערט מיט'ן מענשען און די מענשען רעגיערען מיט דער סביבה —

ווי שיקט זיך דאָס? דאָס די סביבה גופא, און די געזעצען, דורך וועלכע זי ווערט בעשאַפען, הענגט ניט אָב סתם אין דער וועלט אריין פון פרייע ווילקירליכע איבערצייגונגען און קען במילא ניט ווילקיר־ליך ביי יעדע בעדינגונגען און יעדער צייט איבערגעאַנדערשט ווערען, דאָס עס זיינען פאַראַן אָביעקטיווע געזעצען, וועלכע רופען ארויס די סביבה און אז דער מענש מוז דעריבער מיט דיעזע אָביעקטיווע גע־זעצען זיך רעכענען — דיעזער אמת איז ערשט ענטדעקט געוואָרען פון קאַרל מאַרקס.

עס איז אויך בעגרייפליך, פאַר וואָס די אוטאָפּיסטען איז גע־בליעבען אונפערשטענדליך די אידעע פון קלאַסען־קאַמפּף.

די אוטאָפּיסטען האָבען געמיינט (דיעזע מיינונג איז אַן און פיר זיך געווען ביי זיי גאַנץ בערעכטיגט, ווייל, ווי שוין אויבען געזאָגט, זיי האָבען געלעבט, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך ניט געווען אזוי שטאַרק ענטוויקעלט), אז עס איז פאַראַן איין אלגעמיינע סביבה, וואו אַלע מענשען בעקומען גלייך זייערע איינדריקע, און וויבאַלד, אז דאָס מאַטעריאַל, פון וועלכען די כאַראַקטערען ווערען אויסגעאַרבייט, איז פון איין זאָרט, זיינען במילא די איבערצייגונגען פון אַלע מענשען אין דער געזעלשאַפט בכלל אויך איינע און די זעלבע. אז עס איז פאַ־ראַן אַן אַנטאַגאָניזם אין די אינטערעסען און במילא אויך אין די אי־בערצייגונגען צווישען פערשיעדענע קלאַסען, אז עס זיינען פאַראַן בעזונדערע קלאַסען־כאַראַקטערען, האָבען זיך די אוטאָפּיסטען ניט פאָרגעשטעלט.

קאַרל מאַרקס האָט אונז אבער געמאַכט די גרויסע ענטדעקונג, אז די סביבה מיט איהרע געזעצען, איינריכטונגען און מנהגים ווערען ארויסגערופען דורך אָביעקטיווע פאַקטאָרען פון דער געשיכטע און אז דיעזע אָביעקטיווע פאַקטאָרען זיינען ניט אַנדערע, ווי די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון דער געזעלשאַפט. דיעזע פּראָדוקטיווע קרעפטען צושפּאַלטען די געזעלשאַפט אויף פערשיעדענע טהיילען, אויף פערשיעדענע קלאַסען מיט פערשיעדענע אינטערעסען, זיי בעשאַפען ניט איין סביבה, זאָנדערן איינינע סביבות, די איינדריי־קע, דאָס מאַטעריאַל, פון וועלכען דער כאַראַקטער פון מענשען ווערט אויסגעבילדעט, איז ניט פאַר יעדען קלאַס איינע און די זעלבע: דאָס ווענדעט זיך אָן זייערע שייכות צו די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע

האבען זיי, די קלאסען, ארויסגערופען. די איבערצייגונגען, די זיטען, די שטרעבונגען זיינען דעריבער אין יעדען קלאס פערשיעדען. די קלאסען הערען זיך אויף איינע די אנדערע צו פערשטעהען, ווייל זיי בעקומען זייערע איינדריקע פון פערשיעדענע סביבות, לעבען אין גאנץ פערשיעדענע וועלטען, ריידען אויף גאנץ אנדערע לשונות און שטרעבען צו גאנץ אנדערע ציעלען — דער רעזולטאט דערפון איז דער קלאסען־קאמפף, וואס הערשט אין דער געזעלשאפט.

אט פון דיעזען קלאסען־קאמפף, וואס האט ערשט געקענט ווערען פערשטענדליך נאך דעם, ווען מארקס האט אונז געוויעזען, אז די עכטע קראפט, די אמת'ע אביעקטיווע בעוועגער פון דער געשיכטע, זיינען די פראדוקטיווע קרעפטען, האבען די אוטאפיסטען געהאט זעהר א קליינע השגה. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, דאס אלע זייערע פרעדיגען, זייערע אידעען זיינען געבליעבען ניט מעהר, ווי א אוטאפיע, וואס האט אין לעבען ניט געקענט פערווירקליכט ווערען.

ראבערט אווען'ס אונשטערבליכער נאמען איז אבער ניט אין דער טהעאריע, זאנדערן אין דער פראקטיק. אט צו דיעזער פראקטישער ארבייט פון דעם גרויסען אוטאפיסט קעהרען מיר זיך איצט צו.

# XX.

# ראָבערט אָווען אלס רעפארמער און סאציאליסט

## 1. די רעפאָרם ארבייט אין ניו־לאַנאַרק.

ניו־לאַנאַרק, א קליין שטעדטעל אין שאָטלאַנד, האט געהאַט אין זיך צוויי—דריי טויזענד איינוואוינער, דורכאוים אביונים. די גאַנצע שטעדטעל האט געצויגען איהר חיונה דורך די בעשעפטיגונג אויף די פאַבריקען. וואס פאר א מין לעבען עס האט געקענט זיין ביי דער ניו־לאַנאַרקער בעפעלקערונג, איז לייכט צו בעגרייפען, ווען מען דער־מאָנט זיך די שכירות פאר פאַבריק־אַרבייט און די איבעריגע בעדינ־גונגען, וועלכע האבען אין יענער צייט געהערשט. ניו־לאַנאַרק איז געווען דער מיטעלפונקט, וואו עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און האבען זיך קאָנצענטרירט אלע שלעכטע פערדאָרבענע זייטען פון דער פאַבריק־ארבייט סיסטעם, זי האט אין זיך אָבגעשפיעגעלט אלע שרע־קען פון דער אונבעגרענעצטער עקספּלואַטאַציע און רויב. די גאַנצע בעפעלקערונג איז בעשטאַנען פון א צוריקגעגאַנגענעם, אויסגעמאַטער־טען מין מענשען, וואו עס האבען זיך איינגעוואָרצעלט אלערליי שמוץ, אויסגעלאַסענהייט, קראַנקהייטען און נאָך אזוינע מיני פורעניות. 25 פראָצענט פון אלע ארבייטער זיינען געווען קינדער, געקויפטע ביי די כלי קודש פון די קירכען. דאס זיינען געווען אמת'ע ווייסע שקלאַפען, מיט וועלכע מען האט זיך בעגאַנגען אָהן א שום חרפה און בושה, ווי מיט פשוט'ע ארבייטס־פיה. צווישען דיעזע אונבעשיצטע קינדער, וועלכע פלעגען מוזען ארבייטען 12 און מעהר שעה א מעת־לעת, זיינען

געווען ניט ווענינ זעקס־און זיעבען־יעהריגע עופה׳לאך. די דערוואק־סענע ארבייטער זיינען בעשטאנען פון אלע מעגליכע „געוועזענע,״ ארויסגעווארפענע פון דער געזעלשאפט, מענשען, ביי וועמען די הונ־געריגע שטאלענע גרויזאמע מאשינעס האבען ניט בלויז פערצעהרט דעם קערפער, נור אויך פערוואונדעט און צוקאליעטשעט די נשמה, פער־דארבען און פערטיליגט אלע מענשליכע געפיהלען. פערברעכער, באָ־סיאקעס, שכורים, בעטלער — אָט פון וועמען די ניו־לאנארקער בע־פעלקערונג האט זיך געבילדעט. אום דיעזע אונדיסציפלינירטע, צולאָ־זענע, אונקולטיווירטע מאסע צו דער ארבייט צו נויטען, פלעגען מוזען אָנגעווענדעט ווערען די גרעסטע שטראפען.

די שנאה פון די ניו־לאנארקער ארבייטער געגען די בעלי בתים איז געווען, זעלבסטפערשטענדליך, געוואלטיג גרויס. זי האט אבער ניט געפיהרט צו א רעגעלמעסיגער ארגאניזאציאָן פון די ארבייטער, וועלכע זאָל קענען אָפען ארויסטרעטען אלס ארגאניזירטע מאכט געגען דער שענדליכער עקספּלאָאטאציע פון די אונטערנעהמער — דערצו זיינען די ארבייטער נאָך ניט געווען רייף און ענטוויקעלט. די אונצו־פריעדענהייט פון די ארבייטער פלעגט זיך אויסדריקען אין נוקם זיין זיך אָן די פאבריקאנטען דורך אָבטהון פערשיעדענע פערבאָרגענע „שפיצלעך״ און „שמד־שטיקלעך,״ און ווען די מאָס פון ערגערנים פלעגט איבערפילט ווערען — אין אָפענע, סטיכיגע געוואלטטהאטען, וועלכע פלעגען ווענינ וואס פערבעסערען די לאגע.

און אָט אין אזא פינסטערען, פערלאָזענעם, אונאויפגעקלערטען, פערווילדעטען ווינקעל האט ראָבערט אָווען געקויפט די בוימוואָהל־פאבריק.

דיזע אונטערנעהמונג האט אָווען געקויפט ניט מיט דער דעה „גע־שעפט צו מאכען,״ אום צו קענען בעקומען גרויסע רוחים — אזא ציעל וואָלט ער אויך געקענט עררייכען אין מאנטשעסטער — נור מיט דער אבזיכט צו מאכען א פראָבע, אַן עקספּערימענט פיר זיינע טהעאָריען איבער די אויסבילדונג פון׳ם מענשען׳ס כאראקטער. אין ניו־לאנארק האט אָווען געפונען דעם פאסענדסטען אָרט, וואו דורכצופיהרען אין לעבען זיינע, אין מאנטשעסטער ערוואָרבענע, איבערצייגונגען. און זייענדיג דורכגענומען מיט דעם וואונש צו בעווייזען, אז די אָלע שלעכטע מדות פון די ניו־לאנארקער איינוואוינער זיינען ניט אָנ־

דערש, ווי א רעזולטאט פון די אינערליכע אומשטענדען, אין וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו לעבען, איז די ערשטע ארבייט פון אָווען, גלייך נאָך זיין בעזעצען זיך דאָרט, געווען, איבערצוענדערען די אויסערליכע בעדינגונגען.

דיעזע אויפגאבע איז אבער ניט געווען קיין לייכטע.

צוליעב דעם גרויסען בערעכטיגטען מיסטרויען, וואס די ארבייטער האבען געהאט צו יעדען פאבריקאנט בכלל, און די ניו־לאנארקער, אלס שאָטלענדער, געגען דעם „ענגלענדער" בפרט, איז געווען פאר אָווען אונמעגליך זיך מישב צו זיין און דורכצורעדען זיך מיט די ארבייטער איבער זייערע פערלאנגען און פאָדערונגען. אין יעדען פערזוך פון'ם ניו־לאנארקער אונטערנעהמער זיך צו דערנעהנטערען צו די ארבייטער, האבען די לעצטע געזעהען א פניה, א הינטער־געדאנק. זיי האבען אָווען'ן חושד געווען, אז ער מיינט דורך שווינדעל זיי צו פערנארען. דאס גאנצע ביזהעריגע לעבען מיט די אונצעהליגע ערפאהרונגען האבען די ארבייטער בעוויעזען, אז די פאבריקאנטען זיינען מיט אלע זייערע מעשים נור אויסען זייער אייגענע טובה, און וועלען קיין מאָל ניט טהאָן א זאך, וואס זאָל זיי ניט עפּעס אריינברייגגען אין קעשענע.

איינינע יאָהר איז אויסגעקומען אָווען'ען צו קעמפּפען כדי צו בעקומען דעם צוטרויען פון דער ניו־לאנארקער בעפעלקערונג, אָהן וועלכע יעדע רעפאָרמע וואָלט געווען אונמעגליך דורכצופיהרען. נור די אונגעהייערע געדולד און די בעצויבערטע מאכט, מיט וועלכע אונזער העלד איז געווען בעשאָנקען פון דער נאטור, זיינען געווען אימשטאנד דורכצוברעכען די אייזערנע וואנד, מיט וועלכער די ארבייטער האבען זיך פערשטעלט פון די אונטערנעהמערס טובות. און נור די גרויסע קרבנות, וואס אָווען האט געבראכט אין די נוצען פון די ארבייטער, האבען איהם געקענט ריין מאכען פון'ם חשד, וועלכען די ארבייטער האבען אויף איהם געהאט. „קיין מאָל — ערצעהלט אָן אונפארטייאישער מענש פון אָווען'ס צייט — האט קיינער ניט אָנגעווענדעט אזוי פיעל מיה און ארבייט אום גליקליך צו מאכען זיין פאמיליע, וויפיעל ראָבערט אָווען האט אָנגעווענדעט, אום אויסצובעסערען די לאגע פון זיינע דארף־מענשען."

ביסלעכווייז, שריט פאר שריט פאנגען די ארבייטער אָן זיך צו

איבערצייגען אין דעם אמת'ן גוטען ווילען פון זייער אונטערנעהמער, און הערען אויף צו שטערען אָוועןע'ען אין זיין שטרעבען צו בעזייטיגען די שרעקליכע בעדינגונגען, אום צו פערבעסערען די לאַגע פון זיי און זייערע קינדער. א פאַקט, וואס איז פאָרגעקומען מיט איניגע יאָהר שפּעטער, ווען אָוועןע האט אָנגעהויבען זיין רעפאָרם־ארבייט, האט ענדליך פערטריעבען ביי די ניו־לאַנארקער ארבייטער דעם לעצטען שאָטען פון חשד. דורך א גרויסע מאָס אמעריקאַנישע בוימוואָהל, מיט וועלכער דער אמעריקאַנער מאַרק איז געווען איבערפילט, איז ראָבערט אָוועןע געצוואונגען אָבצושטעלען די פאַבריק אויף פיער חדשים. פאַר דיעזע גאַנצע צייט האט ער זיינע ארבייטער די פולע שכירות געצאָהלט. אזא אויסערגעוועהנליכע, פיר יענער צייט, גוטהערציגקייט, האט בעזייטיגט ביי די ארבייטער די לעצטע געדאַנקען פון מיסטרויען צו זייער בעל הבית.

ניט בעגעגענענדיג קיין ווידערשטאַנד פון די ארבייטערס זייט, פאַנגט אָוועןע אָן דורכצופיהרען זיינע פּלענער. ער פערקירצט דעם אר־בייטס־טאָג, העכערט די שכירות, פערקלענערט די קינדער־ארבייט, פיהרט איין שוהלען, וואו צו לערנען לעזען און שרייבען, לעגט אָן גרויסע ביבליאָטהעקען, ריכטעט איין קהל'שע קיכען, פיהרט איין קאָ־אָפּעראַטיווע געשעפטען, וואו די ארבייטער זאָלען בעקומען נאָה־רונגס־מיטעל פּריש, גוט און וואָלוועל, אָרדענט איין מעדיציניש שע הילף פיר קראַנקע, אלטער־פערזיכערונג, אונטערשטיצונגס־חברות, בעזיי־טיגט די פערשיעדענע שטראָפען, פיהרט א גאַנצע רייהע פאָרלעזונגען איבער זיטען־לעהרע, מאָראַל, א. ז. וו.

דער פּועל יוצא פון די נייע רעפאָרמען און איינפיהרונגען איז געווען, אז די ארבייטער זיינען עפּעס ווי ניי געבוירען געוואָרען. דער פריהער אזוי פערווילדעטער און צובושעוועטער ווינקעל ניו־לאַנארק, פון וועלכען מען איז געלאָפען ווי פון א פעסט, האט זיך אָנגעפאַנגען אויסצוצייכענען מיט דער קערפּערליכער און גייסטיגער ענטוויקלונג פון זיינע איינוואוינער, דורך זייער פריעדליכען און זיטליכען לעבען, דורך זייערע אידעאַלע שטרעבונגען און נייגונגען. ניו־לאַנארק איז געוואָרען א ביישפּיעל, א מוסטער פאַר אלע אנדערע פאַבריק־אָרטען. די ארבייטער, וועלכע זיינען פריהער געווען בעוואוסט אלס אויס־וואורפען פון דער געזעלשאַפט, האבען געקראָגען א נאָמען דורך זייערע

מערקווירדיגע רוהיגע און פריעדליכע מנהגים. אָוועןס נאָמען האט אָנ־געפאנגען צו קלינגען איבער דער גאַנצער וועלט. צוויי טויזענד געסט, דארונטער ניט ווענינ געקרוינטע און געזאלבטע הערשער, פלעגען יעהרליך בעזוכען ניו־לאַנארק און פלעגען מיט גרויס התפעלות בעוואונדערען דעם מוסטערהאפטען סדר אויף דער פאבריק און דאס געמיטהליכע לעבען פון די ארבייטער. פון ארבע פינות העולם פלעגט מען קומען צום „בעל שם" אָוועןס, וועלכער פלעגט אזוי ווי מיט כשוף אויסוואורצלען די שלעכטע און פערדאָרבענע מידות פון מענשען און פערוואַנדלען זיי אין מאָראַליש־ און פיזיש־געזונדע.

מערקווירדיג איז געווען דאס, וואס דיעזע אלע רעפאָרמען האבען ניט נור ניט געשעדיגט דעם געשעפטליכען ערפאָלג פון פאבריק, עס איז ניט בלויז ניט פערקלענערט געוואָרען דער ריוח, נור, פערקעהרט, די רעפאָרמען האבען מיטגעווירקט, דאס די הכנסות זאָלען אונגעהייער הויך שטייגען. אין 1798 האט אָוועןס די פאבריק געקויפט פאר 60 טויזענד פונט שטערלינג, אין 1812 איז זי ווערטה געווען 200 טוי־זענד פונט שטערלינג, מיט א רייגעם יעהרליכען ריוח פון 24 טויזענד פונט שטערלינג.

די גרויסע, אונגלויבליכע רעזולטאטען, וועלכע זיינען דערגרייכט געוואָרען אין ניו־לאַנארק, האט נאָך מעהר פערפעסטיגט אין אָוועןס די איבערצייגונג, דאס דורך סאָציאַלע רעפאָרמען איז מעגליך פון אָנ־פאַנג ביז׳ן סוף איבערצוענדערען דעם כאראקטער פון מענשען, און ער נעהמט זיך מיט אן אונערמיעדליכער ענערגיע דיעזע איבערצייגונג צו פערשפרייטען דורך וואָרט און שריפט.

אויך אין פראקטישער הינזיכט האט אָוועןס, דורך זיין רעפאָרם־ארבייט, געווירקט ניט בלויז אין ניו־לאַנארק, נור וזייט איבער די גרענצען פון דער קליין־שטעדטעל. אין ענגלאַנד האט זיך אָנגעהוי־בען א גרויסע בעוועגונג פאר ארבייטער געזעצגעבונג. אלס א בעוויז פון דער דורכפיהרבארקייט און פרוכטבארקייט פון ארבייטס־רעפאָר־מען, האבען די אָנהענגער פון דיעזער בעוועגונג שטענדיג אָנגעוויעזען אויף ניו־לאַנארק. אָוועןס אליין איז געווען איינער פון די פיהרער אין דיעזער בעוועגונג. א דאנק זיין אָפטען ארויסטרעטען אין עפענטליכען לעבען, איז אין 1818 דורכגעפיהרט געוואָרען דאס געזעץ, וואס רעגו־לירט די קינדער־ארבייט אויף די פאבריקען. מיט דיעזען געזעץ פאַנגט

זיך אַן די ארבייטער־געזעצגעבונג אין ענגלאַנד, וועלכער האט זיך גע־צויגען איינינע צעהנדליג יאָהר און האט זיך נאָך א האַרטנעקיגען און ענערגישען ווידערשטאַנד פון די הערשענדע קלאַסען, געענדיגט מיט דעם נצחון פון די ארבייטער, דורך דעם בעוואוסטען ביל פון 1847, איינצופיהרען דעם 10־שעה'דיגען ארבייטס־טאָג.

פון דער צייט, ווען אָוועז האט איבערגענומען די געשעפטען אין ניו־לאַנארק, איז ער געוואָרען דער מיטעלפונקט פון אלע נייע שטרע־בונגען. „עס זיינען געווען סאָציאַלע אידעען נאָך פאר אָווען'ען — זאָגט איינער א פאָרשער — ער איז אבער געווען דער ערשטער, וועל־כער האט דאס צוגעפאַסט צום לעבען.״ ער האט דיעזע נייע פערלאַנ־גען און אידעען צוגעגעבען א געוויסע פאָרמע, בעצויגען מיט הויט און ביין, און אריינגעבלאָזען א רוח חיים. א האַלבען יאָהרהונדערט נאָך דעם, ווען אָווען'ס אָנזעהען צווישען די גרעסטע און שטאַרקסטע איז פערדונקעלט געוואָרען, האט ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די פאַרלאַמענטען און אין דער עפענטליכקייט, ווי א לעגענדע, דער אמאָ־ליגער גלאַנץ פון ניו־לאַנארק.

---

## 2. ראָבערט אָווען אלס סאָציאַליסט.

---

אין דעם לאַנג־יעהריגען ניו־לאַנארקער פעריאָד איז אָווען געווען ניט מעהר ווי א סאָציאַל־רעפאָרמער, א פילאַנטראָפּ, וועלכער האט געוואָלט איבערצייגען, אז איבערבלייבענדיג אין די גרענעצען פון דער הערשענדער אָרדנונג, וואס איז געגרינדעט אויף פּריוואַט אייגענטהום, קען מען דורך רעפאָרמען עררייכען זעהר גרויסע נוצען פאר די ארביי־טער, אָהן שום היזק פאר די פאַבריקאַנטען. אין זיין קהל'שער און ליטעראַרישער טהעטיגקייט האט ער זיך דאריבער געסטאַרעט צוצו־ציהען אויף זיין זייט געזעצגעבער און קאַפּיטאַליסטען, צו בעווייזען די נויטהווענדיגקייט פון רעפאָרמען אין ארבייטער־בעדינגונגען, וועל־כע קענען די אייגענע עסקים פון'ם קאַפּיטאַליסט נור נוציג זיין. פון סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען — פון דער אַנשויאונג, אז אונזער

געזעלשאַפט מוז איבערגעבויט ווערען אויף אַנדערע יסודות, אז דאס פריוואט אייגענטהום מוז פערביטען ווערען אויף קהל'שע, הערען מיר דאס ערשטע מאָל ביי אָווען'ען אין יאָהר 1817, אין זיין גערענק־שריפט (ראַקלאַד), וואס ער האט צוגעשטעלט דעם „קאָמיטעט צו אויספאָרשען די מיטלען, ווי צו פערבעסערען די לאַגע פון דער אָרימער בעפעלקערונג אין ענגלאַנד."

דיעזער קאָמיטעט איז געווען ארויסגערופען דורך דעם שווערען אינדוסטריעלען קריזיס, וואס האט ארומגעכאַפט גאַנץ ענגלאַנד. די אונמיטעלבארע רעזולטאַטען פון א קריזיס: ארבייטסלאָזיגקייט מיט אלע איהרע בעגלייטער: הונגער, נויטה און עפידעמיע האבען אָנגע־פאַנגען אכזריות'דיג צו הערשען. גרויסע הונגעריגע ארבייטער־מאַסען האבען אָנגעפאַנגען צו בונטעווען אין אלע גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען. פון הונגער, ערגערנים און שנאה האבען די ארבייטער אָנ־געפאַנגען חרוב צו מאכען די פאַבריקען, ברעכען די מאַשינעס, אונ־מערצינגדען די סקלאַדען פון די סחורות. עס האבען אויך ניט געפעהלט גרויסע דעמאָנסטראַציעס, וואו עס פלעגען פאָרקומען צוזאמענשטוי־סען מיט דער פּאָליציי און מיליטער, וועלכע פלעגט זיך ניט אָבזאָגען אָנצוואווענדען אלע מעגליכע קאַלטע און הייסע געוועהר „אום איינ־צושטילען די אונרוהען." אזא מין „איינשטילען" האט אבער, ווי בע־וואוסט, די מאסען זעהר ווענינ בערוהיגט, פערקעהרט, דער האס געגען דער הערשענדער אָרדנונג איז געוואקסען אלץ שטארקער און שטאר־קער. די בעזיצענדע קלאסען האבען אָנגעפאַנגען שטארק צו ציטערען איבער זייער האָב און גוטס פאר דעם צובונטעוועטען, צובושעוועטען המון, און זיינען נעווען געצוואונגען אָנצופאַנגען עפּעס וואס טהאָן פאר די מאַסען. נאָך א גאַנצע שקליא וטריא איז בעשלאָסען געוואָרען: צו בילדען א קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויספאָרשען און זוכען מיטלען, ווי צו בעקעמפפען דעם גרויסען דלות און צוזאמען מיט דעם אויך איינצושטילען דעם כעס פון'ם צורייצטען הונגעריגען המון.

אָווען, אלס מיטגליעד פון קאָמיטעט, וועלכעס איז בעשטאַנען פון די בעקאַנטעסטע און אָנגעזעהענסטע מענשען אין ענגלאַנד, איז דאָ צום ערשטען מאָל ארויסגעטרעטען מיט א פּראָיעקט ארויסצוריי־סען מיט'ן וואָרצעל די גאַנצע הערשענדעווירטהשאַפטליכע אָרדנונג און איהר אָוועקשטעלען אויף אַנדערע יסודות.

מיט רעפאָרמען און איינציגע אויסבעסערונגען — האט זיך אָוועז איבערצייגט — קען מען פערלייכטערען נור ביז א געוויסען גראד די נויטה און דעם עלענד, מען קען אבער ניט דורך זיי בעזייטיגען, אויסוואורצלען די ארמוטה און די איבעריגע אונגליקען. ווען דער יסוד פון א בנין איז פערפוילט, פעראַלטעט, ווען לאַטעם וועניג וואס העלפען. וויל איך האבען א שעהנעם בנין, מוז איך קודם כל זיך נעהמען פאר׳ן פונדאַמענט, אז ניט וועט מיין ארבייט וועניג וואס נוצען בריינגען.... אונזער ביז־איצטיגער רעפאָרמער ווערט א סאָציאַליסט. ער לעגט פאָר איינצופיהרען אזא מין אָרדנונג, אין וועלכער עס זאָלען ניט זיין פאַבריקאַנטען און ארבייטער, הערען און דיענער, רייכע און אָרימע. די אַלטע אָרדנונג מיט דער סיסטעם פון פּריוואַט־ווירטהשאַפט, וואו עס הערשט די אונאויפהערליכע קאָנקורענץ צווישען די אונטערנעהמער ; די אָרדנונג, וואס איז געגרינדעט אויף געדונגענע, געקויפטע ארבייטס־קראפט, וואו מענשליכע ענערגיע, כח, האָרעוואַניע ווערט פערקויפט, ווי א סחורה — די אָרדנונג מוז בטל ווערען און מוז פערביטען ווערען אויף אַ סאָציאַליסטישע. דאס רעכט פון פּריוואַט אייגענטהום אויף פּראָדוקציאָנס־מיטעל מוז פערביטען ווערען אויף קהל׳שע אייגענטהום, די פרייע קאָנקורענץ, וואס פיהרט צום קאַמפּף פון אלע געגען אלע — אויף אַן אָרגאַניזירטע, פּלאַנמעסיגע, געאָרדנעטע ווירטהשאַפטס־סיסטעם, די געדונגענע ארבייט — אויף די ארבייט פאר זיך און די נוצען פון׳ם גאַנצען כלל.

„אנשטאט אויסצוגעבען גרויסע סומען געלד פאר ארבייטסלאָזע — איבערצייגט אָוועז זיינע קאָמיסיאָנס־חברים — איז פיעל צוועקמעסיגער די ארבייט אזוי צו אָרגאַניזירען, עס זאָל ארבייטסלאָזיגקייט איבערהויפּט ניט קענען פאָרקומען.” ווייטער לעגט אָוועז פאָר, א פּראַקטיש־סאָציאַליסטישע, אדער בעסער, קאָמוניסטישע *) אָרדנונג צו פערווירקליכען.

„יעדער שטאַאט — זאָגט דער פּראָיעקט — מוז איינריכטען

---

*) אין אָוועז׳ס סאָציאַליזמוס, ווי אויך אין דעם סאָציאַליזמוס פון די איבעריגע אוטאָפּיסטען, זיינען געווען ניט וועניג קאָמוניסטיש־אַנאַרכיסטישע עלעמענטען. דער סאָציאַליזמוס שטרעבט נור צו פערגעזעלשאַפטליכען, איבערצוגעבען דעם קהל די פּראָדוקציאָן, דאס

לאַנדווירטהשאַפטליכע און אינדוסטריעלע געמיינדען. די בעפעלקערונג פון יעדער געמיינדע דאַרף ניט דערגרייכען העכער ווי 1,500 מענשען. די מיטגליעדער דאַרפען וואוינען אין איין בנין און מיט אייגענע קרעפטען בעארבייטען די געמיינדע לאַנד, אַן ערך פון 1000—1200 אַקער. די ווירטהשאַפטליכע ארבייט מוז אויסגעפיהרט ווערען בחברותא אויפ'ן חשבון הקהל, אין וועמעס רשות עס געהען איבער די פארטיג־אויסגעארבייטע פראָדוקטען. יעדע פאַמיליע האט איהר פריוואַט־דירה אין קהל־שטוב. די קינדער,עלטער פון דריי יאָהר, ווערען אויפגעהאָדעוועט דורך די געמיינדע, וועלכע האט אויך אַן אַלגעמיינע קהל'שע קיך, וואו יעדער בעקומט זיין מיטאָג. די געמיינדע איז מחויב אויסצוהאַלטען אַלע איהרע מיטגליעדער, פאָדערענדיג פון יעדען מיטגליעד צו ארבייטען לויט זיינע כחות און פעהיגקייטען.״ די נוצען פון אזא אָרדנונג וועלען זיין אונגעהייער גרויס: „אזוי ווי די גאַנצע פראָדוקציאָן וועט זיין גרויס אָרגאַניזירט, וועט מען איינשפּאָרען זעהר פיעל ארבייט, און די נויטהווענדיגע ארבייט אליין וועט ווערען שפּאָרעוודיגער, פראָדוקטיווער. אויף דעם אופן וועלען די געמיינדעס בעקומען די מעגליכקייט צוזושטעלען זייערע מיטגליעדער כל טוב, אַלע מיני תענוגים און בעקוועמליכקייטען, וועלכע זיינען ביי איצטיגער אָרדנונג אונמעגליך.״ דורך דיעזע געמיינדעס — מיינט אָוועז — וועט ביסלעכוויז, אָהן געוואַלט־טהאַטען און אָהן, פאר וועמען עס איז, שאַדען, די געדונגענע ארבייט אויפהערען און „קאָאָפּעראַטיווע געמיינדעס״ (אזוי רופט זיי אָוועז) וועלען פערנעהמען זייער אָרט. די לעצטע וועלען ווערען די איינציגע פאָרמען פון די ווירטהשאַפטליכע אונטערנעהמונגען. די קאַפּיטאַלען, וועלכע ליעגען אָהן נוצען ;די ארבייטער, וועלכע זיצען אָהן ארבייט, און די ניט בעארבייטע חלקים לאַנד, וועלען דורך דיעזע געמיינדעס קענען גוט אויסגענוצט ווערען. דער דלות וועט פערשוואונדען, ווייל די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע ווערען איצט ניט גוט פערוועגדעט דורך דעם, וואס די ווירטהשאַפט איז ניט גוט אָרגאַני־

---

שאַפען פראָדוקטען, אין דער צייט ווען דער קאָמוניזמוס פערלאַנגט דאס זעלבע אויך פאר דעם געברויך. דיעזע בעגריפען זיינען אין יענע צייטען גאָר ניט געווען אָבגעטהיילט.

זירט, וועלען קענען איינגעאָרדענט ווערען לויט א בעשטימטען פּלאַן אין די נוצען פון'ם כלל."

וואס פאר אן „הסכמה" די מיטגליעדער פון „קאָמיטעט" האבען געגעבען צו אָווען'ס פּראָיעקט איז איבעריג צו ריידען. דער חוזק־מאכען פון די קאָמיטעט־מיטגליעדער האבען איהם אבער ווייניג וואס געקימערט. אָווען ווענדעט זיך מיט זיין פערוואָרפענעם פּראָיעקט די־רעקט צו דער געזעלשאפט גופא. און פון יענער צייט האט זיך אָווען אין גאנצען אָבגעגעבען דעם סאָציאַליזמוס. ער ווערט א היציגער און אונערמיעדליכער אַגיטאַטאָר פאר זיינע אידעען, ער שרייבט אן אונ־געהייערע צאָהל פּאַמפלעטען, ארטיקלען, בראָשורען, מאכט איבעראַל מיטינגען, האלט לאַנגע און הייסע רעדעס, דיסקוטירט פייעריג מיט זיינע געגנער און אָרגאַניזירט אלע מעגליכע פעראיינען און חברות, אום צו פערווירקליכען זיינע פּלענער.

די הערשענדע קלאסען, די „אויבערשטע פון דער געזעלשאַפט," וועלכע האבען אָווען'ען אין אָנפאנג נור גלייכגילטיג אויסגעלאכט, פאנגען אָהן אלץ מעהר און מעהר זיך פיינדליכער צו פערהאַלטען צו זיין טהעטיגקייט. דער רייכער פאַבריקאַנט און פילאַנטראָפּ, וועלכער האט פריהער אזוי גע'שם'ט אין דער וועלט, פערליערט אלץ מעהר זיין אָנזעהן, יא, מען האט זאָגאַר אָנגעפאנגען אויף איהם צו קוקען, ווי אויף א געפעהרליכען און שעדליכען משוגענעם פאַנטאַזיאָר. א תהום, וואס איז געוואָרען אלץ טיעפער און ברייטער, האט זיך געבילדעט צווישען אונזער סאָציאַליסט און די „געבילדעטע" געזעלשאַפט. זיין גוטען און שעהנעם נאָמען, וואס ער האט זיך ערוואָרבען אלס פאַב־ריקאַנט אין ניו־לאַנארק, ווערט בעשמוצט, דורך שמוציגע לשון הרע און רכילות. די גוטע פריינד קעהרען זיך אָב, פיעלע פון זיי זיינען איהם געוואָרען די ערגסטע שונאים.

אבער דאס אלעס האט דעם אַפּאָסטאָל פון דער נייער אמונה ווייניג וואס אָבגעשראָקען. די גרויסע שנאה, וואס די רייכע און בע־מיטעלטע האבען געגען איהם ארויסגעוויעזען, פיהרט איהם צום געדאנק פון דער מאָדערנער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אז די ארבייטער זיינען די איינציגע, וועלכע זיינען פעהיג זיינע אידעען און פּלענער צו פערווירקליכען.

אין יאָהר 1819 ווענדעט זיך אָווען צום ערשטען מאָל צו די

ארבייטענדע קלאסען מיט אן אויפרוף, וואו ער ווייזט אויסדריקליך און בפירוש, דאס נור די ארבייטער אליין, דורך זייער קלאסען־לאגע, זיינען אימשטאנד דאס „נייע סיסטעם” — די סאָציאליסטישע געזעלשאפט צו בויען.

דיעזער אויפרוף איז ניט געווען קיין קול קורא במדבר. וואס מעהר די רייכע קעהרען זיך אב מיט פעראכטונג פון אונזער סאָציא־ליסט, אלץ מעהר אָנהעגגער געפינט ער צווישען די אָרימע. די סאָ־ציאליסטישע אידעען, וועלכע זיינען געבליעבען אָהן אן ערפאָלג, ווען דער ערהאבענער אידעאליסט האט זיך געווענדעט צו מלכים, הער־שער און פאבריקאנטען, האבען געפונען א דאנקבארען באָדען, ווען ער האט זיך מיט זיי געווענדעט צו די ארבייטענדע מאסען. צעהנדליגע טויזענדער ענגלישע ארבייטער ווערען דורכגעדרונגען מיט אָווען׳ס אנשויאונגען און ווערען זיינע בעגייסטערטע אָנהעגגער. די ענגלישע פּראָלעטאריער הערען מיט גרויס התלהבות די דרשות פון׳ם רייכען פאבריקאנט, וועלכער האט זיך אָבגעזאָגט פון זיין קלאס און זיינע פּריווילעגיעס, אום צו בעשיצען און פערטהיידיגען די שוואכע און אונטערדריקטע. וואס גרעסער עס וואקסט די שנאה, וואס טיעפער עס ווערט דער אָבגרונד צווישען אָווען׳ען און די הערשענדע קלאסען, אלץ פעסטער ווערט דער בונד, אלץ וואַרימער ווערט די ליעבע צווישען איהם און די ברייטע ליידענדע מאסען אָרימע און פערמוטשעטע, וועלכע האבען געזוכט אן אויסוועג פון דער ביטערער לאגע.

אבער ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם, איז ,ווי שוין געזאָגט, די טהעאָריע פון׳ם קלאסענקאמפף אונזער אוטאָפּיסט געבליעבען פרעמד. ער האט תמיד בעהויפּטעט און איבערצייגט, אז זיינע פּלענער וועלען די רייכע קיין שאָדען ניט ברייגגען. „ביי א קאָאָפּעראטיווער סיסטעם — פּרעדיגט אונזער העלד מיט היץ — געווינען אלע, אלע־מען וועט ווערען בעסער. די ארבייטער וועלען, פערשטעהט זיך, געווי־נען מעהר אלס די בעלי בתים, ווייל די לאגע פון אלעמען וועט אויס־געגליכען ווערען. אבער אויך די קאפּיטאליסטען וועלען גאָר ניט אָנ־ווערען. דאס לעבען אין דער נייער וועלט, וואו עס וועט הערשען פריי־הייט, ברידערליכע ליעבע, גליק אוין וואוילטאָג, וואו דאס פאָלקס־רייכטהום וועט, א דאנק דער אָרגאניזירטער ארבייט, זעהר פיעל וואק־סען, וואו די מענשען וועלען זיין אזוי שעהן און גוט ערצויגען — דיע־

זעם לעבען וועט זיין אזוי פיעל גליקליכער, שעהנער און ערהאבענער פאר דעם לעבען אין דער געגענוועררטיגער געזעלשאפט, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט עלענד, פערברעכען און אויסגעלאסענהייט, אז אויך די רייכע דארפען שטרעבען דערצו.״

אָוועןִ'ס א תלמיד בעהויפטעט, אז זיין רבי איז אלע מאָל געווען פעסט איבערצייגט, דאס די קאָאָפּעראַציע איז א געזעלשאפט, וואו עס פערדיענען ניט בלויז די ארבייטער, נור אויך די פאבריקאנטען. „די, וועלכע ווילען דורכפיהרען די נייע אידעען אין לעבען — האט געזאָגט אָווען אויף א קאָנגרעס — מיינען ניט וועמען־עס־איז בייזעס צו טהון, זיי פערלאנגען ניט, מען זאָל עטוואס אָבנעהמען ביי די רייכע שוין דערפאר, וואס זיי האבען די מעגליכקייט צו בעשאפען א סך מעהר רייכטהום, וויפיעל מען קען פערברויכען.״

דאס גלויבען אין מענשענס גוטען ווילען איז געווען כאראקטע־ריסטיש פיר די אוטאָפּיסטען בכלל און אָווען בפרט. די ליעבע צו יעדען, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם נאָמען מענש, האט אָווען'ען אויך ניט דערלאָזען צו פלאנצען א שנאה אין איין קלאס געגען צוויי־טען. די מלאכים, וועלכע זיינען ארויס פון זיין שופר, האבען געהייסען „שלום,״ „ליעבע״ צווישען אַלע מענשען, אבער ניט „קאמפף.״ ניט זייענדיג איבערהויפט קיין פריינד פון צאנקערייען און שטרייטיגקיי־טען צווישען מענשענקינדער, איז אונזער אוטאָפּיסט אויך געווען א קליינער בעלן פון סטרייקען צווישען ארבייט און קאפיטאל. ביים אגי־טירען פאר די גרינדונג פון ארבייטער־פעראיינען, וואו ער איז לע־בענסלאנג געווען א פיהרער, האט אָווען אין דער זעלבער צייט אי־בערצייגט, אז די אויפגאבע פון דיעזע טרייד־יוניאָנס דארף בע־שטעהן ניט אין פיהרען א קאמפף מיט די אונטערנעהמער, נור אין אונטערהאלטען פערשיעדענע הילפס־חברות און אין קלייבען מיטלען צו גרינדען אייגענע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען. אויך אין די קאָנזום־פעראיינען, פאר וועלכע אָווען האט אזוי פיעל געארבייט, דאס ער האט געפונען פאר נויטהיג ארויסצוגעבען פאר דיעזען צוועק אַן אָפיציעלען אָרגאן: „דער עקאָנאָמיסט,״ האט אונזער מענשענפריינד ניט געזעהן א קאמפפס־מיטעל, נור א פריעדליכע וואפע, ווי אויס־צובעסערען די לאגע פון די מיטגליעדער, זיי זאָלען מיט איינענע מיט־

לען שפּעטער קענען בויען די צוקונפט, אָהן א שום שאָדען פאר די קאַפּיטאַליסטען.

כאראַקטעריסטיש פאר די אוטאָפּיסטען - סאָציאַליסטען, און ממילא אויך פאר אָווען, איז די גלייכגילטיגקייט צום דעמאָקראַטיזם — צו דער פאָדערונג, אז די פּאָליטישע מאַכט זאָל איבערגעהן צום גאַנ־צען פאָלק. אין די צוואַנציגער יאָהרען איז אין ענגלאַנד געווען א בע־וועגונג אויסצובעסערען די וואַהל־סיסטעם. געגען דיזער בעוועגונג, ווי אויך געגען דער פּאָליטישער בעוועגונג פון די 30ער און 40ער יאָהרען — געגען טשאַרטיזם, איז אָווען ארויסגעטרעטען אלס געג־נער. לויט אָווען'ס מיינונג האט די פאָרמע פון דער פּאָליטישער מאַכט זעהר א קליינע בעדייטונג בנוגע דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די פאָלקסמאַסען אום צו פערווירקליכען סאָציאַליסטישע אידעען. „בנוגע דער קאָאָפּעראַטיווער סיסטעם — זאָגט אָווען אויפ'ן קאָנגרעס פון זיינע אָנהענגער, 1832 — איז א קליינע נפקא מינה, צי די רעגיערונג איז דעספּאָטיש אדער דעמאָקראַטיש."

אלץ די אייגענע צרה, ניט פערשטאַנען די אמת'ע געזעצען פון דער היסטאָריע — דעם קלאַסענקאַמפּף!

וואָלט אונזער אידעאַליסט געוואוסט די טהעאָריע פון'ם קלאַ־סענקאַמפּף, וואָלט ער, פערשטעהט זיך, אויך געוואוסט דעם פּשוט'ען אמת, אז יעדע רעגיערונג אין דער איצטיגער אָרדנונג דריקט נור אויס די אינטערעסען פון א געוויסען הערשענדען קלאַס, און קען ממילא זעהר ווייניג גוטעס טהון די אונטערדריקטע ארבייטער־מאַסען, ער וואָלט אויך דאַן געוואוסט, אז איינצופיהרען סאָציאַליסטישע רע־פאָרמען איז נור מעגליך, ווען די פּאָליטישע מאַכט געפינט זיך אין די הענד פון'ם פּראָלעטאַריאַט, און די ערשטע בעדינגונג דער פּראָלעטאַ־ריאַט זאָל בעקומען די פּאָליטישע מאַכט איז א דעמאָקראַטישע סיסטעם, ווען די רעגיערונג ווערט געוועהלט פון'ם גאַנצען פאָלק.

## XXI.

# די סאציאליסטישע קאלאניע „ניו הארמאניע"

די עקאנאמישע אונגלייכהייט, די אורזאכע פון אלערליי קרענק און כל המיני חולאת'ן, וועלכע בעלאסטען און שוואכען אב אונזער געזעלשאפטליכען ארגאניזם — האט זיך פון אייביג אן געווארפען און געשטאכען ווי א דארן אין די אויגען פון די אמת'ע, ניט פער'צבוע'צעוועטע פאלקס־פריינד. עס איז אויך פאר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אז שולדיג אין דעם איז דאס רעכט פון פריוואט־אייגענטהום אויף די פראדוקציאנס־מיטעל. שוין דער גריכישער פילאזאף פלאטא האט איינגעזעהן, אז אום צו בעשאפען א הארמאנישעס, גליקליכעס לעבען צווישען מענשען, מוז מען קודם כל פטור ווערען פון'ם „מיין" און „דיין," וואס שמיעדען צו די מענשען און לאזען זיי ניט ארויס פון די ד' אמות פון די קליינינקע, עגאאיסטישע, וואכעדיגע אינטערעסען. אויך אין דעם פערפינסטערטען, פערכמארעטען מיטעלאלטער איז ניט זעלטען אויפגעקומען דער געדאנק, אז דאס מענשליכע עלענד וועט נור דאן פערשווינדען, ווען די געזעלשאפט וועט נור זיין געבויט אויף קהל'שע אייגענטהום, אויף סאציאליסטישע יסודות. עס האבען אויך ניט געפעהלט פובליציסטישע, ווי אויך קינסטלערישע טאלענטפאלע שילדערונגען, וואס זייער צוועק איז געווען צו בעווייזען, אז אין א סאציאליסטישער ארדנונג וועט אונזער צרה'דיגע וועלט קענען פערוואנדעלט ווערען אין אן אמת'ן גן עדן, און די פער'חושך'טע, פערארעמטע מענשען — אין פרייע, גליקליכע בירגער. קיינער אבער האט ניט פרובירט דורכצופיהרען פראקטיש דעם סאציאליזמוס אין לעבען. די פערשיעדענע קריטיקער פון הייטיגער געזעל־

שאפט, וועלכע האבען מיט אזא גרויסע התלהבות געפרעדיגט פאר „א סאָציאַליסטישע סיסטעם" האבען אין אמת'ן אליין זעהר ווענינ אמונה געהאט אין דעם. אויף דעם סאָציאַליזמוס האבען זיי אליין געקוקט, ווי אויף אן „אוטאָפּיע," וואס קען אין פּראַקטישען לעבען ניט פער־ווירקליכט ווערען.

דער ערשטער, וועלכער האט זיך ניט בענוגענד בלויז מיט עצות געבען און אויפשטעלען סאָציאַליסטישע פּלענער, נור צו רעאליזירען און פערקערפּערען דעם סאָציאַליזם איז געווען ראָבערט אָווען.

אָווען האט ניט נור געגלויבט, ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אז די גאולה פון אלע מענשליכע צרות קען לייכט קומען, ווען נור די מענשען אליין זאָלען דאס וועלען. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיינע פּראָיעקטען צו פערניכטען דאס פּריוואט־אייגענטהום האבען ביי זיינע חברים אויסער שפּאָט און געלעכטער ניט ארויסגערופען, האט ער זיך בעשלאָסען אליין צו ווייזען דעם ערשטען ביישפּיעל, און זיך נעהמען צו דער ארבייט. אין די צוואַנציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט נעהמט זיך אָט דער בעגייסטערטער סאָציאַליסט דורכ־צופיהרען זיין פּלאַן מכוח אל הפועל. ער ברענגט איבער זיין טהעטיג־קייט, וואס איז געווען געווידמעט די ארבייטער־ און קאָנזום־פעראיי־נען, פערלאָזט זיין היימאט, גיט איבער די געשעפטען פון ניו־לאַנארק זיין עלטסטען זוהן, און פאָהרט קיין אמעריקא, צו לעגען מיט אייגענע הענד דעם ערשטען שטיין פאר די „מלוכה פון שלום און ליעבע."

אין אמעריקא, אין שטאאט אינדיאַנאַ (מעקסיקא) קויפט אָווען פיר 150,000 דאָלאר 30,000 אַקער לאַנד אין א פערוואָרפענעם, ווע־ניג בעזעצטען ווינקעל, וועלכער האט געהערט א רעליגיעזער געמיינדע „הארמאָניע." משנה־השם זייענדיג אויף ניו־הארמאָניע, איז אָווען צוגעטרעטען צו דער אָרגאַניזאציע פון דער נייער, שוין לאַנג־ערוואַר־טעטער געזעלשאפט. דער הויפּט פּרינציפּ פון דער נייער געזעלשאפט איז געווען: „גלייכע רעכטע פאר אלע ערוואַקסענע, אָהן אונטער־שיעד פון געשלעכט און שטאנד, און גלייכע פפליכטען, לויט די גייסטיגע און קערפּערליכע פעהיגקייטען."

אויספיהרליך האט א תלמיד פון אָווען פאָרמולירט דעם פּראָ־גראַם פון דער סאָציאַליסטישער געמיינדע „ניו הארמאָניע," דורך פאָלגענדע גרונד־זעצע (תקנות):

1) דער צוועק פון דער אסאָסיאַציאָן איז ניט ארונטערצוברענגען די רייכע אויף דער מדרגה פון די אָרעמע, זאָנדערן אַלעמען צו פער־זאָרגען זעהר פיעל גליק, פיזישע און גייסטיגע רייכטהום.

2) די קאָאָפּעראַטיווע געמיינדע מוז זיין געבויט אויף די יסודות פון דער אונבעגרענצטער פרייהייט. קיינעם טאָר מען ניט נויטהען אריין־ אדער ארויסצוטרעטען פון איהר.

3) אַלע ארבייט מוז זיין פרייוויליג; מען מוז זוכען מיטלען, אום די ארבייט אין דער געמיינדע זאָל קיינעם ניט זיין דערוויעדער; פאר די אונגעזונדע, ניט אנגענעהמע פּריקרע ארבייט, זאָל, ווי ווייט מעגליך, אָנגעווענדעט ווערען מעכאַנישע מיטלען.

4) די פּראָדוקטען צו בעפריעדיגען די פיזיאָלאָגישע און גייסטי־גע בעדערפנישע, מוזען פּראָדוצירט ווערען דורך די גאַנצע געמיינדע; יעדער דארף טהון די ארבייט, צו וועלכע ער האט מעהר נייגונג און פעהיגקייטען אין הסכם מיט דעם כלל'ס אינטערעסען.

5) עס מוז זיין קהל'שע אייגענטהום אויפ'ן באָדען, הייזער און אנדערע אונבעוועגליכע גיטער, ווי אויך אויף די אינסטרומענטען, רויהע מאַטעריאַל, וואס איז בעשטימט פאר די פּראָדוקציאָן, אזוי אויף אַלע אַנדערע זאַכען, בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „קאַפּיטאַל" אין ברייטסטען זינן פון וואָרט, ד. ה., אַלעס, וואס איז גור ניט בע־שטימט צום אונמיטעלבאַרען געברויך.

6) די פּראָדוקטען, וועלכע זיינען בעשטימט צום אונמיטעלבארען געברויך, וועט מען בעקומען אין קהל'שע מאַגאַזינען און זיי געהען איבער אין פּריוואַט־אייגענטהום אין'ם מאָמענט פון געברויך. בנוגע די זאַכען, וועלכע ווערען ניט אויף אַ מאָל פערברויכט, ווי די דירות, מעבעל, קענען זיי אימיצען געהערען בלויז אין דער צייט פון בע־נוצונג.

7) די אינטערעסען פון דער געמיינדע ווערען אויפגעפּאַסט און רעגיערט דורך כל הקהל דירעקט אדער דורך די יעניגע, וועלכע קהל וועהלט אויס, בעפּאָלמעכטיגט. די רעכטע און פּפליכטען פון אַלע ערוואַקסענע מיטגליעדער זיינען גלייך. די פרויען האבען די זעלבע רעכטע, ווי די מענער.

8) מחלוקת, האַמפּערייען צווישען די מיטגליעדער פון דער גע־מיינדע ווערען אויסגעגליכען צווישען זיך מיט'ן הסכם פון ביידע

פּעראינטערעסירטע צדדים. שטראָפען ווערען ניט אָנגעווענדעט. ווען אימיצער א מיטגליעד האט געטהאָן אזא פערברעכען, וואס מאכט זיין ווייטערדיגעס פערבלייבען אין דער געמיינדע אונמעגליך, ווערט ער פון דער לעצטער אויסגעשלאָסען — די איינציגע שטראָף וואס קען אָנגעווענדעט ווערען.

9) די קינדער ווערען ערצויגען דורך קהל פון יענער צייט אָן, ווען דער מוטער'ס אויפּפּאסען איז שוין ניט נויטהיג, דערביי הערען די עלטערע קיין מאָל ניט אויף צו האבען די מעגליכקייט אכטונג צו געבען און צו לאַסטשען זייערע קינדער.

ניטאָ וואס צו ריידען, שעהן און פּראַכטפאָל איז געוועזן די פּאָר־מע, וועלכע ראָבערט אָווען האט געוואָלט צוגעבען זיין קאָלאָניע! מען האט אבער געמוזט בעזיצען דעם נאאיוועז גלויבען און די רייכע פאנ־טאזיע פון אָווען, אום צו מיינען, אז אזא צארטע, הערליכע געזעל־שאפט קען ווערען אויפגעשטעלט דורך די שמוציגע הענד פון די אונ־פערפאָלקאָמטע, אונאויפגעקלערטע מענשען פון אונזערע דורות.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דיעזע טהעאָרעטיש אזוי שעהן אויפגעצייכענטע „קאָמוניסטישע קאָלאָניע פון גלייכהייט" האט פּראַק־טיש אין גיכען געמוזט בטל ווערען.

אויסער א קליינער צאָהל ענטהוזיאסטען, בעגייסטערט מיט'ן אמת'ן ווילען מיטצוהעלפען אָווען'ען דורכצופיהרען זיין אידעע אין לעבען, זיינען די מיטגליעדער פון דער קאָלאָניע בעשטאנען פון א מין ערב רב, וואס האט געשטרעבט בלויז צופריעדענצושטעלען די קליינע פּערזענליכע אינטערעסען, אָהן שום התלהבות פאר דער גרויסער זאך. אלערליי ספּעקולאנטען, שטרעבער, פוילענצער, בלאָפערס, אייגענננו־ציגע, וועלכע זיינען, ווי מען האט געקענט פאָראויסזעהן, געווען ניט ווענויג אין ניו־הארמאָניע, האבען זיך ניט געקענט אונטערוואַרפען דעם סדר און דער דיסציפּלין, וואס איז די ערשטע בעדינגונג פאר אזא מין צוזאמענלעבען. נאָך א קורצער צייט האבען זיך אָנגעפאנגען אין קאָ־לאָניע פערשיעדענע, רכילות און מחלוקת צווישען די מיטגליעדער. יעדער האט געוואָלט זיין דער אויבען־אָן און האט געוואָלט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט דורכפיהרען זיין אינדיווידועלען ווילען, ניט קוקענדיג צי דאס איז פאר'ן כלל גוט אדער ניט.

מענשען, וועלכע האבען בעקומען זייער יניקה אין אזא סביבה,

וואס איז דורכגעוויקט מיט אַלע קליינליכע תאוות און געפיהלען, וואו די מדות, געוואָהנהייטען, כאַראַקטערען און נייגונגען האבען זיך ענט־וויקעלט אויפ'ן סמך פון'ם קאַמפּף פון מענשען צווישען זיך, וואו די אונבעגרענצטע קאָנקורענץ ענטוויקעלט קנאה, שנאה צווישען די מענ־שען, וואו איינער קען דעם אַנדערן ניט אָנזעהן און וואָלט איהם וועלען לעבעדיגערהייט פערשלינגען — אזוינע מענשען זיינען ניט פעהיג צו זיין די עשרה ראשונים פון אזא געזעלשאפט, וואו די טובת הכלל דאַרף זיין דער תוך, דער קערן פון אַלע פערלאַנגען און שטרעבונגען. דאס מאַטעריאַל איז נאָך צו פערווילדעט, אונרייף און קען ניט בע־נוצט ווערען אַלס יסוד פון אזא פּראַכטפאָלער, ערהאבענער געביידע, אין וועלכער עס דאַרף הערשען שלום, ליעבע און אחדות. די בעגיי־סטערונג און אמת'ע התלהבות פון איינציגע מענשען איז ניט אימ־שטאַנד ארייננצובלאָזען א רוח חיים און אויפלעבען די אויסגעטרי־קענטע צורייצטע דורך די דאגות חיונה מענשען, און ניט געפינענדיג קיין אָבקלאַנג מוז יעדע בעגייסטערונג אָבגעקיהלט און אויסגעלאָשען ווערען. א בלומען־גאַרטען אין א פינסטערען, טרוקענעם, פון האַרטען פעלזען בעשטעהענדען מדבר, קען זיין פרישקייט לאַנג ניט אָנהאַלטען און מוז גיך וועלקען.

די נייע סאָציאַליסטישע אָרדנונג פאָדערט אויך א נייעם מענשען, א מענש וועלכער זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע גע־פיהלען, ביי וועמען די אייגענליעבע זאָל בעשטעהען אין דער ברידערליעבע, ביי וועמען דאס גליק פון דעם צווייטען זאָל אין דער אייגענער צייט זיך רעכענען פאר דאס אייגענע גליק. אזא סאָציאַ־ליסטישער מענש קען אבער ניט בעשאפען ווערען מיט א מאָל, ער מוז זיין א רעזולטאט פון א גאַנצע רייהע מאַטעריעלע בעדינגונגען. ברידערליכקייט, כלל־ליעבע און סאָציאַליסטישע געפיהלען קענען זיך ביים מענשען ענטוויקלען און איינוואָרצלען נור דאן, ווען די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען, מיט וועלכע די געזעלשאפט פיהרט דעם קאַמפּף אום'ס דאזיין, פיהרען דערצו. ראָבערט אָווען איז געווען גאַנץ גע־רעכט, ווען ער בעהויפּטעט, אז דער כאַראַקטער פון מענשען ווערט אויסגעבילדעט דורך דער אויסערליכער מאַטעריעלער סביבה, ער האט אבער געהאט א גרויסען טעות, ווען ער האט געמיינט, אז יעדע שלעכ־טע סביבה קען מען דורך שעהנע, בעגייסטערטע רעדעס גוט מאַכען.

די סביבה ווערט בעשאַפען נור דורך די פאָרמע פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען און ניט דורך שעהנע דרשות. א סאָציאַליסטישער מענש קען זיך נור דאַן ענטוויקלען, ווען די סביבה איז דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע געפיהלען, און א סאָציאַליסטישע סביבה קען נור דאַן בעשאפען ווערען, ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען זיינען סאָציאַליזירט. ראָבערט אָווען'ס פערזוך איינצופיהרען א סאָציאַליסטישע סביבה אין דער צייט, ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען זיינען נאָך ניט געווען אזוי סאָציאַליזירט, איז דעריבער געווען ניט אַנדערש, ווי אַן אונאויספיהרליכע אוטאָפּיע. דער נייער טיפּ „סאָציאַליסטישער מענש" קען ניט בן־לילה בעשאַפען ווערען, נור אויפגעהאָדעוועט, ערצויגען ווערען דורך די סאָציאַליזירטע פּראָדוקטיווע קרעפטען. און אז דיעזער „נייער מענש" איז ניט א מין לופטיגע, אויסגעטראַכטע בעשעפענים, וואס האט מיט דער גרויער ווירקליכקייט ניט צו טהון, זאָגדערן שוין א געבוירענעם קינד, וואס האַלט אין וואקסען, ווייזען אונז קלאָר די מיטגליעדער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער־בעוועגונג, ביי וועמען די ברידערליכע געפיהלען צו אלע יענע, וועלכע פערקויפען זייער ארבייטס־קראַפט, זיינען פיעל שטאַרקער, ווי די קליינע שמאָלע נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע תאוות. מיט דער סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציאָן ענטוויקעלט זיך און וואקסט דער סאָציאַליסטישער „צוקונפט" מענש. די סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציאָן איז א היסטאָרישע נויטהווענדיגקייט, א פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און ממילא וועט אויך דער נייער מענש דורך די היסטאָרישע נויטהווענדיגקייט פריהער אדער שפּעטער קומען. דוחה זיין דעם קץ קען מען ניט. אין דער נאַטור, ווי אין דער געשיכטע געהט און וואקסט אלעס לאַנגזאַם, שריט ביי שריט. אָרגאַניש ענטוויקעלט זיך איין פּעריאָד פון צווייטען, איין אָרדנונג פון דער צווייטער. דער בוים פון סאָציאַליזמוס קען ניט ווילקירליך אין יעדער צייט און אויף יעדען אָרט געשטעלט ווערען. ער מוז פּאַמעלעך אויסוואַקסען פון א קליינעם זאָמען, וועלכער ענטוויקעלט זיך הגם לאַנגזאַם, אבער זיכער. אזוי ווי אלעס, וואס וויל ברענגען משיח'ן פאר דער צייט, האט אויך אָווען'ס „סאָציאַליסטישע ניו־האַרמאָניע" געמוזט זיך ענדיגען מיט א שווערער ענטוישונג פאר די בעגייסטערטע אידעאַליסטען.

„איך האב געפרובט — זאגט אָווען אין זיין אבשיעדס־רעדע, ווען ער האט אין יוני, 1827, „ניו־הארמאָניע" פערלאָזען — איך האב געפרובט דאָ א נייעם דרך איינצופיהרען, ווייל איך האב געמיינט, אז אמעריקא איז דורך איהרע פּאָליטישע פרייהייט גענוג פּאָרבערייטעט דערצו. די ערפאהרונג האט געוויעזען, אז די פראָבע איז נאָך צו פריה געמאכט געוואָרען. די געוואָהנהייטען פון דער אינדיווידואַליסטישער סיסטעם זיינען נאָך צו מעכטיג איינגעוואָרצעלט אין אמעריקא, זי זאָל טויגען אפילו פאר קליינע קאָמוניסטישע גרופּעס."

די ענטטוישונג אין דעם מענשענס קאָמוניסטישע און חבר'שע געפיהלען איז ביי אָווען'ען ניט געקומען מיט א מאָל. ניט וועלען אויפ־געבען די איבערצייגונג פון'ם מענשענס גוטען ווילען און פערלאַנגען, האט ער פריהער צוגעשריעבען די ניט געראָטענע פּראָבע אין ניו־הארמאָניע ריין אויסערליכע סבות: דער אָרגאַניזאַציאָן און דער פּאָר־מע פון צוזאַמענארבייטען. אָווען צוטהיילט „די געזעלשאפט פון גלייכהייט" אין 20 ביז 30 קלענערע אסאָסיאַציאָנען, וואו די מיט־גליעדער פון יעדער אסאָסיאַציאָן זאָלען זיין בלויז מענשען פון איין בערוף, אום עס זאָלען מעהר און בעסער געשאצט ווערען די פעהיג־קייטען און נייגונגען פון יעדען איינציגען.

דיעזער מיטעל האט אין אָנפאנג אויסגעוויעזען צו זיין זעהר א גוטער. אָווען'ס האָפנונגען האבען געשיינט זיך צו פערווירקליכען. איין אויגענבליק האט זיך אויסגעדוכט, אז דער אידעאַל פון אָווען און זיינע בעגייסטערטע תלמידים ווערט בעצויגען מיט הויט און ביין און בעקומט א ריכטיגע לעבענס־געשטאַלט. אָט אין וועלכע אָנציהענדע פּארבען איינער א מיטגליעד פון אזא אסאָסיאַציאָן בעשרייבט און שילדערט דעם דאָרטיגען לעבען: „נאָך דער ארבייט האבען מיר כמעט אלע אבענד בעלער, קאָנצערטען און וויסענשאַפטליכע שמועסען. ביי אונז איז פאראַן א מערקווירדיגער אָרקעסטער, אזוי ווי אויך אַנדערע איינריכטונגען אום דאס לעבען צו פערזיסען. אונזערע וויסענשאַפט־ליכע און ליטעראַרישע פערזאַמלונגען זיינען אמת ניט אזוינע גרויסע, אבער דורך די הארמאָניע און איינשטימיגקייט, וואס עס הערשט דאָר־טען, זיינען זיי פיעל אנגענעהמער, אלס די פערזאַמלונגען אין די גרויסע שטעדט. דאס פערברענגען די צייט אין אזוינע פערגניגענדען איז א גוטע בעלוינונג פאר די ארבייט. די פּוילענצער קענען פון אזא

זיסע בעלוינונג קיין השגה ניט האבען. פון קלאַוויר געהען אונזערע יונגע פרויען די קיה מעלקען, אדער צו דער בעשעפטיגונג מיט קיך־ארבייט.״

„עס קען זיין, אז אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל וועט מען ניט געפינען אזא גרויסע צאָהל מענשען אויף איין אָרט, וועלכע זיינען אלע פריי פון פערשיעדענע פאָראורטהיילע און אבערגלויבעריי, פון אלערליי פעהלער פאָליטישע און רעליגיעזע. מיר האבען פון פינף ביז זעקס טויזענד בענדער פון די בעסטע ווערק און גענוג צייט אויף צו לעזען און פיהרען וויסענשאַפטליכע און ליטעראַרישע וכוחים. פון דעם נייעם דור האפען מיר צו בעשאפען אזא מענשליכע ראַסע, וואס וועט זיין מעהר פערפאָלקאָמט ווי יענע, וועלכע האבען עקזיסטירט ביז איצט, און אויף די חורבות פון דער אלטער געזעלשאַפט האָפען מיר צו בעשאפען א נייע, וועלכע וועט זיין געבויט אין׳ם הסכם מיט דער נאַטור און די בעדערפנישע פון מענשען.״

צום בעדויערן אבער זיינען די אויפפיהרונגען און דאס לעבען, ווי דאָ ווערט געשילדערט, געווען בלויז איינציגע שטראהלען און נור אויגענבליקליכע, ניט דויערענדע. אויך דאָ האבען זיך אָנגעפאַנגען פערשיעדענע סכסוכים און האמפערייען, דאס מען האט ניט געקענט ווערען אייניג צווישען זיך. אלע מיטלען צו בעזייטיגען די מחלוקת האבען ניט געהאָלפען. דער קערפער איז געווען, ווי שוין געזאָגט, פון אָנפאַנג ביז ענדע פערפוילט, דאס אפילו אזא גרויסער גייסט, ווי אָווען, איז ניט געווען אימשטאַנד אויף לאַנג לעבעדיג צו האַלטען.

XXII.

# אָווען׳ס געגענוואַרטס-ארבייט

די ענטטוישונגען אין „ניו-האַרמאָניע" האבען אין אָווען'ען ניט אונטערבראָכען דאס גלויבען אין סאָציאַליזם, און האבען אין איהם ניט אָבגעקיהלט די פלאמיגע ליעבע צו די ארבייטענדע מאסען. וואס מעהר די ערשטע פּראָבעס זיינען ניט געלונגען, אלץ מיט מעהר היץ נעהמט ער זיך צו נייע מיטלען, צו נייע פערזוכען, אום אויסצובעסע-רען די לאַגע פון דער מענשהייט. אויב די געביידעס פון דער צוקונפט, פון דער „נייער וועלט" זיינען חרוב געוואָרען, איז פאר אונזער העלד נאָך איבערגעבליעבען א ברייטע פעלד פאר געגענוואַרטס-ארבייט, אויסצובעסערען די „אַלטע וועלט"; אויב עס האט זיך ניט איינגעגע-בען פון גרונד אָן אויפצושטעלען די נייע „סאָציאַליסטישע סיסטעם," האט זיך אָווען דערפאר מיט מעהר חשק און מעהר ענערגיע גענומען אונטערשטוקעווען, אונטערבויען די אַלטע, שוין פערפוילטע וועלט אויף אזא אופן, דאס מיט דער צייט זאָל דער געווינשטער בנין פון זיך אליין אויפגעשטעלט ווערען.

צוריקקעהרענדיג זיך פון ניו-האַרמאָניע, דערוויסט אָווען א גרוי-סע צאָהל קאָנזום-פעראיינען פערשפּרייט איבער ענגלאַנד. דער געגנאָסענשאַפטליכער זאַמען, וואס ער האט געזייעט פאר זיין נסיעה קיין אמעריקא, איז אין דער צייט פון זיין אויסן-זיין אויפגעגאנגען און אויסגעוואקסען אין א שטארקען מעכטיגען בוים מיט צווייגען און צוויינעלעך, און דער שוין בעדעקט מיט גרויע האָאר „פערליעב-טער אין דער מענשהייט" נעהמט זיך מיט יוגענדליך-בעגייסטערטער ענערגיע צו דער ארבייט.

מיט וואס פאר א קראפט און ריהרעוודיגקייט אָווען האט אין

יענער צייט געארבייט, קען מען זיך פאָרשטעלען פון'ם פאָלגענדען חשבון, וואס איינער אַן אויטאָר האט געמאכט. אין דער צייט 1837—1826 האט אָוועץ געהאלטען אַן ערך פון טויזענד עפענטליכע רעדעס, האט זיך געווענדעט מיט איבער 500 אדרעסען צו פערשיעדענע קלאסען פון דער געזעלשאפט, האט אָנגעשריעבען און פערעפענטליכט איבער 2,000 ארטיקלען און האט געמאכט פון צוויי ביז דריי הונדערט נסיעות.

דורך דיעזער אונערמיעדליכער פּראָפּאגאנדע און אַגיטאציע איז געלונגען צונויפזאמלען און צו פעראייניגען הונדערטע טויזענדע ענגלישע ארבייטער אונטער דער פאָהן פון דער נייער סאָציאַליסטישער אמונה. אבער איינציג אליין מיט'ן „גלויבען" אין דער „סאָציאַליסטישער צוקונפט" האט אזא פראקטישער גייסט ווי אָוועץ ניט געקענט זיך בעפריעדיגען. מען האט געמוזט אויסזוכען פראקטישע מיטעל, וועגען, דורך וועלכע מען זאָל קענען אריינקומען אין די „נייע וועלט." דיעזע פראקטישע מיטעל זיינען די קאָנזום-פעראייניגען, צו וועלכע אָוועץ האט זיך איבערגעגעבען נאָך דעם ניט-געלונגענעם פערזוך אין ניו-הארמאָניע מיט לייב און לעבען. אָוועץ האט ניט אויפגעהערט צו ערקלערען די ארבייטער-מאסען, ווי ווייט די עקאָנאָמישע קראפט פון פערשיעדענע מענשען וואקסט, ווען זיי זיינען פעראייניגט צוזאמען. אויך קבצנים קענען דורך א שפּאָרעוודיגע און אָרגאניזירטע טהעטיגקייט ניט ווייניג רייכטהום אויפטהאָן.

אויב דער ארבייטער האט ניט א גראָשען ביי דער נשמה, איז ער דאָך פון דעסטוועגען א עקאָנאָמישע מאכט אלס קונה, קאָנזומענט. די קרעמער, וועלכע פערקויפען דעם ארבייטער ברויט, גרויפּען, פוטער בעקומען א ריוח. דיעזע רוחים, ווי קליין זיי זאָלען ביי יעדען איינציגען קרעמער ניט זיין, בילדען דאָך אין סך-הכל ניט קיין קליינע סומען. פאר וואס זאָלען — פרעגט זיך — די ארבייטער זיך ניט פעראייניגען צוזאמען, עפענען סטאָרס אויפ'ן אייגענעם חשבון, אום זיך אליין צו בענוצען מיט די רוחים?

אבער ניט דאס פערבילליגען דעם פרייז פון די סחורות פאר די ארבייטער-קונים, איז געווען די הויפּט-כונה פון אָוועץ'ען, נור די מעגליכקייט צו בילדען א קרן קימת, וואס וועט מיט דער צייט זיין אימ-

שטאנד אויף קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציאָנס - געזעלשאַפטען צו גרינדען.

פאר אָוועןʼען זיינען די קאָנזום-געזעלשאַפטען ניט געווען א ציעל אן און פיר זיך, ניט אָבצוזעהמען דעם ריוח פון'ם פערמיטלער, פון קרעמער און אָבצוגעבען דעם ארבייטער איז ער אויסען געווען. די קאָנזום־געזעלשאַפטען האט אָוועז בעטראַכט בלויז אלס א מיטעל, אלס א אינסטרומענט פאר די סאָציאַליסטישע צוקונפט. די קאָנזום־געזעלשאַפטען, אויסער וואס זיי געוועהנען צו דעם ארבייטער צו סאָציאַליסטישע חברותא'דיגע אונטערנעהמונגען, פלאַנצען איין סאָציאַליסטישע געפיהלען, וועלען מיט דער צייט צושטעלען דאס נויטהיגע געלד פאר פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען, און די פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען פון זייער זייט — מיינט אָוועז — וועלען מיט דער צייט ארויסשטופּען די פּריוואט־אונטערנעהמונגען און דער סאָציאַליזם וועט אויף דעם אופן פערווירקליכט ווערען. *)

די אידעע צו בילדען קאָנזום־געזעלשאַפטען האט אין א קורצער צייט געפונען א גרויסע צאָהל אָנהענגער און האָט אָנגעפאַנגען אין לעבען פערווירקליכט צו ווערען. אין יאָהר 1832 האבען זיך אזוינע געזעלשאַפטען געהעכנט אין ענגלאַנד איבער 500, פיעלע פון וועלכע עס האבען געהאט אפילו אייגענע אָרגאַנען. אלע דיעזע געזעלשאַפטען זיינען געווען דורכגענומען מיט אָוועז'ם גייסט און האבען בעטראַכט דיעזע פעראייניגונגען מיט די קאָנזומענטען בלויז אלס אונטערנעהמונג, וואס וועט געבען די מעגליכקייט צו גרינדען פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען. דיווידענדען זיינען ניט פערטהיילט געוואָרען, אלעס איז צוגערונען צום פאָנד פיר די צוקינפטיגע קהל'שע פּראָדוקציאָן.

אמת, לאַנג האט דער גרויסער און שטאַרקער וואוקס פון די אָנפאַנגס געגרינדעטע געזעלשאַפטען ניט געדויערט. א גרויסע צאָהל פון זיי זיינען בטל געוואָרען, צי דורך דעם, וואס מען האט ניט פער־

---

*) אזוי ווי מיר וועלען אין די שפּעטערדיגע ארבייטען געבען אן אויספיהרליכען קאַפּיטעל איבער די פערשיעדענע געזעלשאַפטען, ציהען מיר דיעזע אָוועז'ם מיינונג ניט ארונטער אונטער אונזער קריטיק. — א. ש. ז.

שטאַנען ווי צו פיהרען, ציֵ דורך דעם וואס די ארבייטער אליין זיינען נאָך ניט געווען פּאָרבערייט. דערצו אויך דורך פיעלע אנדערע אורזאַ־כען. עס איז אבער פארביי א צעהנדליג יאָהרען, און דיעזע בעוועגונג האט זיך אָנגעפאַנגען מיט מעהר פרישקייט און מיט א פיעל שטאַר־קערער מאַכט. דער יסוד פון דער אָבגעפרישטער בעוועגונג איז געלייגט געוואָרען אין 1844 אין א קליינע שטעדטעל ראָטשדעל, וואו 28 אר־בייטער האבען געגרינדעט א קליינע קאָנזום־געזעלשאַפט מיט א קאַפּיטאַל פון אייניגע פונט. פון דעם קליינעם אָנפאַנג איז ארויסגע־וואַקסען די מאָדערנע מעכטיגע קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג אין ענג־לאַנד מיט איבער 1½ מיליאָנען מיטגליעדער, צעהנדליגע מיליאָנען פונטען אומזאַטץ און מיליאָנען פונטען ריוח.

מען מוז אמת מודה זיין, אז דיעזע בעוועגונג האט ניט בערעכ־טיגט די האָפנונגען פון אונזער אידעאַליסט. זי האט ניט געדיענט אלס „איבערגאַנגס־שטופע צו דער נייער וועלט,״ פון א מיטעל איז זי גע־וואָרען א ציעל אַן און פיר זיך. דער יוגענדליכער ענטהוזיאַזם, די גרויסע בעגייסטערונג פאר׳ן סאָציאַליזמוס, מיט וועלכער די ערשטע ענגלישע גענאָסענשאַפטען זיינען געווען דורכגעדרונגען, איז ביסלעכ־ווייז אָבגעקיהלט געוואָרען און פעהלט איצט אין גאַנצען ביי די פּראַק־טישע מיטגליעדער פון דיעזע ריעזיגע גענאָסענשאַפטען. מען קען דאָך אבער ניט אָבלייקענען די גרויסע ראָלע, וואס דיעזע גענאָסענשאַפטען שפּיעלען אין דער ארבייטער בעוועגונג. האבען דאָך דיעזע גענאָסענ־שאַפטען ניט ווייניג מיטגעבראַכט צו די זעלבסטשטענדיגע ארויסטרע־טונגען פון דעם ארבייטער־קלאַס און צום בעוואוסטזיין, אז נור דורך די פעראייניגונג פון ארבייטער, קען דער פּראָלעטאַריאַט ביל־דען א מאַכט, פאר וועלכע די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט וועט ציטערען. און דער בעוואוסטזיין, אז נור די ארבייטער אליין זיינען אימשטאַנד זייער לאַגע אויסצובעסערען, וועט געוויס פריהער אדער שפּעטער פיהרען צום כלל פון׳ם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, „דאס די פּאָלקאָמע בעפרייאונג פון ארבייטער־קלאַס איז די זאַך פון די ארבייטער אליין.״

צוזאַמען מיט די קאָנזום־פעראיינען האט אויך די געווערקשאַפט־בעוועגונג אָנגעפאַנגען מיט ריעזענשריט צו וואַקסען. אויך דאָ האט אָווען געשפּיעלט די ערשטע פיעדעל. איבערהויפּט האט ער פיעל גע־

ארבייט פאר די אידעע צו פעראייניגען אַלע געווערקשאַפטען דורך איין צענטער. דיעזעס שטרעבען האט געפונען אָן אָבקלאַנג ביי די אַנדערע געווערקשאַפטס-פיהרער און אין א קורצער צייט זעהען מיר, ווי אלע געווערקשאַפטליכע קרעפטען זיינען צענטראַליזירט אין די „גרויסע נאַציאָנאַלען.“ (אזוי האט מען גערופען דעם צענטער פון די געווערקשאַפטען).

די סאָציאַליסטישע ארבייטער, אונטערשטיצט פון די געווערקשאַפטען, האבען אָנגעפאַנגען צו פיהרען א האַרטנעקיגען קאַמפף מיט'ן קאַפּיטאַל. דיעזער קאַמפף האט אָנגענומען א שאַרפע פאָרמע דורך די פאָדערונג פון א מאַקסימאַל-ארבייטסטאָג און א מינימאַל-ארבייטסלוין, פאר וועלכע די „גרויסע נאַציאָנאַלען“ האבען מתרה געווען אין פאַל, אז די אונטערנעהמער וועלען ניט בעוויליגען, מיט א גענעראַל-סטרייק. אָווען האט דיעזע פאָדערונג ניט נאָר אונטערשטיצט, נור ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האט מיט זיין גאַנצען טעמפּעראַמענט אָנגעפאַנגען צו אַגיטירען פאר אַן 8-שעה'דיגען ארבייטסטאָג. דיעזע העזה'דיגע פאָדערונגען און התראות האבען די ארבייטסגעבער און רעגיערונג שטאַרק בעאונרוהיגט. די רעגיערונג פאַנגט אָן מיט אלע מיטלען צו פערפאָלגען די געווערקשאַפטליכע בעוועגונג. דאס „קאָאַליציאָנס-רעכט“ ווערט דורך משונה'דיגע פשטים אזוי אויסגעטייטשט, דאס די ארבייטער האבען וועניג וואס זיך געקענט דערמיט בענוצען. אָנפאַנגס 1834 איז די רעגיערונג געגאַנגען אזוי ווייט, דאס זי האט ארעסטירט און פערפיהרט א פּראָצעס געגען 6 גאַנץ אונשולדיגע ארבייטער. דאס האט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג צווישען די ארבייטער. די „גרויסע נאַציאָנאַלען“ האבען איינגעאָרדענט א ריעזיגע דעמאָנסטראַציאָן פון אלע טרייד-יוניאָנס, אלס פּראָטעסט געגען אזא מין פּאָליטיק. און אין דער שפּיצע פון דיעזער ארבייטער-פּראָצעסיאָן, די גרעסטע, וועלכע לאָנדאָן האט ווען עס איז געזעהן, בעגעגענען מיר דעם גרויסען אונטערנעהמער פון ניו-לאַנאַרק, דעם רייכסטען שפּינער פון ענגלאַנד ראָבערט אָווען! אין א בעגייסטערטער רעדע האט אָווען געבעטען די דעמאָנסטראַנטען אָבצוהיטען די אָרדנונג און ניט צו בעפלעקען די הייליגע ארבייטער-זאַך, מיט וועלכער עס איז רוהע-שטערונג. דיעזע ווערטער זיינען מיט התלהבות אויפגענומען געוואָרען און די מיילען-לאַנגע פּראָצע-

סיאָן האט מאַרשירט אין א מוסטערהאַפטער אָרדנונג איבער די גאַסען
פון לאָנדאָן.

אויסער דיעזער דעמאָנסטראַציאָן האבען די ארבייטער אויסגע־
דריקט זייער אויפרעגונג אין א גאַנצער רייהע סטרייקס, וועלכע האַ־
בען, צום בעדויערן, צוליעב די מחלוקות און האמפּערייען אין די
אייגענע רייהען ניט געענדיגט זיך מיט א זיעג פאר די ארבייטער.
די געלדמיטעל פון די „גרויסע נאַציאָנאַלען" זיינען דורך דיעזע ניט
געלונגענע סטרייקס אויסגעשעפּט געוואָרען, די קרעפטען אָבגע־
שוואַכט, די מיטגליעדער פערמאַטערט און אָבהענדיג.

צוזאַמען מיט דעם בטל ווערען פון די „גרויסע נאַציאָנאַלען"
איז אויך צו־נישט געוואָרען נאָך א פערזוך, דורך וועלכען אָווען האט
געהאָפּט צו פערלייכטערן די לאַגע פון די ליידענדע — מיר מיינען
די אַרבייטער בערזע.

XXIII.

# די אַרבּייטער בּערזע

די אידעע פון דער ארבייטער־בערזע האט זיך ביי אָווען'ען ענטוויקעלט אין דער צייט, ווען ענגלאַנד האט איבערגעלעבט א שווערען אינדוסטריעלען קריזיס, וועלכער האט, ווי געוועהנליך, פעראורזאַכט די גרעסטע שמערצען דעם ארבייטער־קלאַס. כאַראַקטעריסטיש פאר די פעריאָדישע קריזיסען איז די איבערפראָדוקציאָן. דער מאַרק איז איבערפילט מיט אלערליי סחורות, אויף וועלכע עס זיינען ניט פאראַן קיין קונים, אין דער צייט ווען פיעלע ארבייטער געהען ארום הונגעריג, באַרפוס און נאַקעט און וואָלטען קענען דיעזע סחורות גאַנץ גוט געברויכען. אין די קריזיס־יאָהרען זעהט מען בפירוש די סתירה, דעם וויעדערשפרוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטהשאַפט: **אן אונגעהייערע דלות, ארויסגערופען דורך צו גרויסע עשירות.** אין די מאַגאַזינען און סקלאַדען פוילען אלערליי פּראָדוקטען און אויפ'ן גאַס ווערען מענשען פער'חושך'ט, ווייל זיי קענען דיעזע פּראָדוקטען ניט בעקומען. פון אן אַבסאָלוטער איבערפּראָדוקציאָן, ד. ה., פון א פּאַראַנדען זיין מעהר סחורות, וויפיעל די געזעלשאַפט האט לחלוטין נויטהיג, קען אפילו קיין רייד ניט זיין, דען אין א צייט פון א קריזיס זיינען די בעדערפנישע פון דער בעפעלקערונג ווייט ניט בעפריעדיגט. עס איז לייכט צו פערשטעהן, דאס די סחורות געפינען ניט קיין בעלנים, ווייל גראַד די יעניגע, וועלכע נויטהיגען זיך אין זיי, האבען ניט קיין מיטעל, ווי צו קויפען. אום דיעזע צרה צו בעזייטיגען מוז מען קודם כל פערגרעסערען די מיטעל, די קויפקראַפט פון דער בעפעלקערונג. ווי קען מען דאס אבער צו שטאַנד ברענגען? אָווען קומט צו דעם געדאַנק, אז ווען מען זאָל בעזייטיגען פון מסחר דאס געלד, וואָלט אלעם ריכטיג ווערען, ווען מען זאָל אנשטאַט געלד פערווענדען

פאַפּירענע צייכענס, וואָלט קיין דוחק אין קויפמיטעל — די אורזאַכע פון קריזיס — ניט זיין. צוזאַמען מיט ריקאַרדאָ האַלט אָוועןֿ, אז דער ווערטה פון די סחורות איז די מאָס ארבייט, וויפיעל אין זיי איז פערקערפּערט; אויסגעדריקט ווערט דאס דורך געלד, וואס פעראורזאַכט אלע צרות. אום פון די שלעכטע פאָלגען, וועלכע דאס געלד ברענגט מיט זיך, זיך צו בעוואָרענען איז נויטהיג צו בעשאַפען אזא איינריכטונג, דורך וועלכע געלד וועט זיין איבעריג; דער ווערטה פון די סחורות וועט ווערען אויסגעדריקט אין פאַפּירענע צייכענס, אין וועלכע עס קען קיין מאַנגעל ניט זיין. דיעזע איינריכטונג האט אָוועןֿ א נאָמען געגעבען „ארבייטער־בערזע.”

יעדער האט דאס רעכט צוצושטעלען אויף דער בערזע צום פערקויף וועלכען עס איז פּראָדוקט. עקספּערטען, מבינים בעשטימען, ווי גרויס עס איז די מאָס ארבייט, וויפיעל עס איז פערוועגדעט געוואָרען אויף יעדען פּראָדוקט און געבען דעם אייגענטהימער ארויס דארויף א בלאַנק, א קוויטונג. דיעזער בלאַנק קען אויסגעביטען ווערען אויף אלע מעגליכע פּראָדוקטען, וועלכע געפינען זיך אויף דער בערזע. אויף דעם אופן וועלען די סחורות טאַקע פערקויפט ווערען לויט זייער ווערטה, לויט דער מאָס ארבייט, אָהן דער פערמיטלונג פון געלד. „די ארבייטער־בערזע — האָפט אָוועןֿ — וועט מאַכען א גאַנצע איבערקעהרעניש אין די בעדינגונגען פון מאַרק, וועט פערמיידען די קריזיסען, וועט בעזייטיגען די אָבהענגיגקייט פון די פּראָדוצענטען אָן דעם געלד־קאַפּיטאַל און וועט ממילא געבען יעדער ארבייטער די מעגליכקייט זיך צו בענוצען מיט די פּראָדוקטען פון זיין ארבייט.”

היינט איז דער טעות, וואס אָוועןֿ האט געהאט, זעהר קלאָר. די אונמעגליכקייט צו פערוועגדען פערשיעדענע סחורות, וואס רופט ארויס די קריזיסען, קומט ניט דערפון, וואס עס איז פאַראַן וועניג געלד, וועניג קויפקראַפט, נור פון דעם, וואס די פּראָדוקציאָן אין אונזער היינטיגער אָרדנונג איז ניט גוט און פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירט. *) אָוועןֿ האט געוואָלט אָרגאַניזירען, איינפיהרען א געוויר־

*) מיט די טהעאָריען איבער די קריזיסען וועלען מיר אין א בעזונדערען קאַפּיטעל זיך בעשעפטיגען. דאָ ווילען מיר עס נור אויבערפלעכליך בעריהרען. — א. ש. ז.

סען סדר אינ'ם טויש; און אין אמת'ן ליעגט די גאנצע צרה פון די קריזיסען אין דעם, וואס די פראָדוקציאָן איז ניט אָרגאניזירט. אין היינטיגער אינדיווידואליסטישער געזעלשאפט איז ניט פאראן אַן אָרגאניזאטאָר, א געוויסער משגיח, וועלכער זאָל אויפפאסען אויף דעם מעכאניזם פון'ם שאפען פראָדוקטען, אויף די פראָדוקציאָן. דער איינציגער רעגולאטאָר אין דער פראָדוקציאָן איז דער מארק. דער מארק איז אבער א בלינדע, סטיכינע קראפט און האט ניט בכח איינצואָרדנען די פראָדוקציאָנס־מאשינע אזוי, דאס יעדער זאָל שאפען בלויז דאס, וואס דער געזעלשאפט איז נויטהיג, און בלויז אזוי פיעל, וויפיעל עס איז דער געזעלשאפט נויטהיג. פון צייט צו צייט מוזען פאָרקומען געוויסע שטערונגען אין דער פראָדוקציאָן, אין איין צווייג ווערט אויסגעארבייט מעהר ווי עס איז נויטהיג און אין אן אנדער צווייג — וועניגער. און ווי אין יעדער גרויסער מאשינע, וואו אלע רעדער און שרויבען זיינען צווישען זיך פערבונדען, אָבהענגיג איינע פון דער אנדערער, מוז אויך די גאנצע פראָדוקציאָן זיך אָבשטעלען, ווען אפילו נור איין טהייל, איין צווייג פונקציאָנירט ניט רעגעלמעסיג. **די שלעכטע אָרגאניזאציע אין דער פראָדוקציאָן, אָט איז די אורזאכע פון די קריזיסען און ניט דער דוחק אין קויפקראפט.** ווען איין זאָרט פראָדוקטען איז אויסגעארבייט געוואָרען מעהר וויפעל עס איז נויטהיג, וועלען קיין קונים זיך ניט געפינען, אפילו ווען דער טויש איז אָרגאניזירט.

די ארבייטער־בערזע האט געמוזט טהון איינס פון די ביידע: אדער אויפנעהמען בלויז יענע סחורות, וועלכע ווערען געפאָדערט און פאר אזא פרייז, וועלכען די קונים זיינען מסכים צו צאָהלען — דאן אבער וואָלט די בערזע גאר ניט אויפגעטהאָן, דען די ניט־געפאָדערטע סחורות וואָלטען סיי ווי סיי ניט געקענט פערקויפט ווערען לויט זייער ארבייטס־ווערטה; אדער די בערזע, אויב זי וואָלט נור געוואָלט ערפילען איהר אויפגאבע ניט איבערצולאָזען קיין אונפער־

קויפטע סחורות, האט בעדארפט אָננעהמען אלע סחורות אָהן אויס־נאַהם, לויט דער מאָס ארבייט, וויפיעל אין זיי איז פערקערפּערט, ניט קוקענדיג צי ווערען זיי געפאָדערט, צי ניט — דאן וואָלט זי איבערגעפילט געוואָרען מיט ניט־נויטהיגע סחורות.

די „ארבייטער־בערזע" האט אָנגעהאַלטען צוויי יאָהר, א דאַנק די גרויסע געלד־אונטערשטיצונגען פון פערשיעדענע זייטען, ביז זי איז סוף כל סוף אונטערגעגאַנגען, אזוי ווי די איבעריגע גרויסע אונ־טערנעהמונגען, דורך וועלכע אָווען האט געוואָלט ראטעווען די מענש־הייט.



# שלום

אזוי זיינען איינס פאר איינס חרוב געוואָרען די שעהנע צו־קונפטס־געביידען, וואס דער גרויסער מענשענפריינד האט אויפגע־שטעלט.

און וואס איז דער וואונדער?

די צוקונפט מוז, ווי געזאָגט, ביסלעכווייז, שריט ביי שריט, אָרגאַניש אויסוואַקסען פון דער געגענוואַרט און קען ניט מיט א מאָל איינגעפיהרט ווערען. צו גרויס איז דער ים פון אינדיווידואַליזמוס, צו גרויזאַם זיינען זיינע כוואַליעס פון שנאה, האס און קליינליכען איי־גענגוטץ, עס זאָלען זיך קענען האַלטען קליינע גרינע אינזלען פון סאָ־ציאַליזמוס. אין א גרויסען שטורמדיגען ים פון אייגענליעבע מוז א קליין שיפעל פון ברודערליעבע צו גרונד געהן; זי מוז אונטערגעהן אפילו ווען זי האט אזא גוטען קאַפּיטאַן, ווי ראָבערט אָווען. ווען דער באָדען איז פעלזענדיג און ניט געאַקערט קענען אפילו גוטע זאָמען קיין אָנהאַלט ניט געפינען. אין א געזעלשאַפט, וואס איז דורכגעזויגט און דורכגעוויקט מיט שקר, איז פאר'ן אמת קיין פּלאַץ פאַראַן. אום די קערנער פון סאָציאַליזמוס זאָלען אויפגעהען, מוז מען האבען א פאָרבערייטעטען באָדען. דיעזער באָדען קען אבער ניט ווירקיליך דורך איין אדער איניגע פילאַנטראָפּען פאָרבערייטעט ווערען. צו דיעזער ארבייט קען זיך נור דער פּראָלעטאַריאַט נעהמען. דאס באָדען־מאַטעריאַל צום סאָציאַליזמוס ליעפערט דער קאַפּיטאַליזמוס; בעאר־בייט, געזייעט און איינגעוואָרצעלט קענען די סאָציאַליסטישע קער־נער ווערען בלויז דורך דעם ארבייטער קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט און ניט קיין אַנדערער קען און וועט ערפילען דיעזע הייליגע

היסטאָרישע שליחות. דיעזע וואהרהייטען זיינען ראָבערט אָוועןʼען, אזוי ווי די איבעריגע אוטאָפּיסטען, געבליעבען אונבעקאַנט, און דער־ריבער זיינען אלע זייערע געביידעס געוועזן ניט מעהר, ווי לופט־שלע־סער, וועלכע האבען זיך אין געגענווערטיגער ווירקליכקייט ניט גע־קענט האלטען, אלע זייערע פּלענער, ווי איבערצואַנדערשען די מענשהייט, זיינען געוועזן ניט מעהר ווי אונערדרייכבאַרע אוּ־טאָפּיען.

אבער ניט אלע זאָמען, וועלכע דער אַפּאָסטאָל פון היילינען גייסט האט געזייעט, זיינען געפאַלען אויף א פעלזען־באָדען; פיעלע פון זיי זיינען אויפגעגאַנגען און אויסגעוואַקסען אין א גרויסען און מעכטיגען בוים, מיט גרינע, פּראַכטפאָלע בלעטער, וועלכע בעדעקען מיט זייער שאָטען מיליאָנען פערʼחושךʼטע און אויסגעמוטשעטע אר־בייטער. דיעזע אויפגעגאַנגענע זאָמען זיינען געוועזן, ווי מיר האבען געזעהען, אָוועןʼס פּראַקטישע רעפאָרם־ארבייט.

די ראַהמען פון אונזער ארבייט ערלויבען אונז לײדער ניט אויס־פיהרליך זיך אָבצושטעלען אויף דאס גאַנצע לעבענסווערק פון דיעזען גרויסען ענגלענדער. מיר האבען זיך געמוזט בעגרענצען מיט ווייניגע אויסגעקליעבענע קאַפּיטלעך פון דיעזער קינסטלערישער און הויך־בע־גייסטערטער ווערק. עס איז גענוג ווען מיר ווײלען זאָגען, אז עס איז ניט אויסען געבליעבען איין שלעכטע זייט פון היינטיגער אינדיווידו־אַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע אָוועו זאָל ניט האבען בעריהרט מיט זיין שאַרפער בייסענדער קריטיק; און עס איז ניט פאָרגעקומען איין רעפאָרמע, סיי אין די קינדער־ און פרויען־ארבייט, סיי אין דער אלגעמיינער פאָלקס־בילדונג, אזוי אין די אויסבעסערונגען פון די ארבייטס־בעדינגונגען בכלל, ווי אויך אינʼם בעזייטיגען פון די שענד־ליכע שטראָפען, אין וועלכע ראָבערט אָוועו זאָל ניט האבען געשפּיעלט די פיהרענדע ראָלע. איבער א יובל יאָהרען האט אָוועו געארבייט אונערמיעדליך אויף דעם ברייטען פעלד פון סאָציאַלע רעפאָרמען, די פאָהן פון וועלכע ער האט ניט ארויסגעלאָזען פון האַנד ביז דעם לעצ־טען אָטהעם־צוג — און אין דעם ליעגט זיין גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג פאר די מענשהייט.

איין טאָג פאר זיין טויט האט מען אָוועןע'ן געפרעגט, אויב ער בעדויערט ניט די גרויסע ענערגיע, וואס ער האט פערשווענדעט אין זיין לעבען אויף די אונפּרוכטבארע אונטערנעהמונגען, ווי די מענש־הייט צו פערבעסערען. דער גרייז־גרויער בן־מות ווערט בעגייסטערט מיט א בליק פון א נביא, און ענטפערט: „מיין לעבען איז ניט געווען אומנוציג. איך האב דער וועלט געבראכט זעהר פיעל וואהרהייטען, און ווען זי האט זיי ניט געאכטעט, איז עס נור דערפאר, ווייל זי האט זיי ניט פערשטאנען. — איך בין געקומען פאר דער צייט."

יא, פאר דער צייט! צו פריה איז אָוועןע געבוירען געוואָרען. ער האט געלעבט אין דער צייט, ווען דער קאפּיטאליזם האט נאָך ניט אויף אזוי פיעל דיפערענצירט און צושפּאָלטען די מענשהייט אויף קלאסען, ווען אין'ם גרויסען מדבר פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען זיינען נאָך ניט געווען קענטיג די ריכטיגע וועגען, וועלכע פיהרען אין די „נייע וועלט." דיעזע וועגען האבען ערשט געקענט ענטדעקט און מעהר אויסגעטרעטען ווערען דורך די גאונים פון'ם צווייטען דור — די טהעאָרעטיקער פון'ם וויסענשאפטליכען סאָציאליזם מאַרקס און ענגעלס, און דעריבער איז די ארבייט פון די וויסענשאפטליכע סאָציאליסטען געווען פרוכטבארער, ווי פון די אוטאָפּיסטען.

* * *

די גרויסע שטיק אמת, וואס האט זיך פערקערפּערט אין דער געשטאלט פון ראָבערט אָוועןע, האט פערלאָזען דעם עולם השקר דעם 17טען נאָוועמבער, 1858. ביז דער לעצטער רגע פון זיין יציאת נשמה, האט דיעזער גרייז ניט אויפגעהערט מיט א יוגענדליכע בעגייסטערונג צו טרוימען פון דער מענשליכען סאָציאליסטישער צוקונפט.

# סען סימאָן



סען סימאָן.

1760–1825

1825 - 1760

# XXIV.
# סען סימאָן

דער גרויסער אוטאָפּיסט ראָבערט אָווען איז, ווי מיר האבען געזעהן, געווען אין דער אייגענער צייט א פּראַקטישער טהוער, א גרויסער בעל מעשה, ניט בלויז א געפיהל־מענש, נור אויך א קאָפּ־מענש. איבערפילט מיט אן אונבעגרענצטער האָפנונג צו בעגליקען די מענשהייט און בעגייסטערט מיט א גליהענדער פאַנטאַזיע „ארויסצוראטעווען די מענשהייט פון׳ם „דול־הויז,“ איז דאָך אבער אָווען געווען דורך און דורך אן ענגלענדער, ביי וועמען די רוהיגע איבערלעגונג און דער קאַלטער ישוב הדעת זיינען די אָנפיהרער און די עצה־געבער ביי אלע אונטערנעהמונגען. די סאָציאַלע און ווירטהשאַפטליכע בעדינגונגען, וועלכע זיינען ארויסגערופען געוואָרען דורך די אייגענאַרטיגע נאַטירליכע לאַגע, האט געמאַכט ענגלאַנד פאר די וויגעלע פון׳ם קאַפּיטאַליזמוס און די ענגלענדער פאר קאַלטע, פאַרזיכטיגע, מיושב׳דיגע אונטערנעהמער. דיעזער קאַלטער ישוב־הדעת און דער פּראַקטישער בליק, וואס האט זיך מדור דורות אויסגעארבייט אין ענגלאַנד, האבען אויך געלעגט זייער שטעמפּעל אויף די אנשויאונגען און טהעטיגקייט פון אָווען, און ווי גרויס די פליעגלען פון זיין פאַנטאַזיע זיינען ניט געווען, האט זי דאָך אבער פאָרט ניט געקענט זיך פיעל ערווייטערען פון דער ערד מיט איהר געגענווערטיגער גרויער ווירקליכקייט און זיך בענוגענען מיט דעם שוועבען אין די הימלען. בעגייסטערט פאר דעם צוקונפטס־אידעאַל, האט אָווען ניט געקענט גלייכגילטיג צוקוקען די ליידען פון דער געגענוואַרט און האט מיט לייב און לעבען געארבייט פאר רעפאָרמען, פאר דערווייליגע אויסבעסערונגען אין׳ם אלטעגליכען לעבען. יאָ, די גאַנצע היסטאָרישע בעדייטונג פון אָווען ליעגט ניט

אין זיינע אוטאָפּיסטישע טהעאָריען, נור אין זיין פּראַקטישער רעפאָר־מאַטאָרישער טהעטיגקייט.

גאַנץ אַנדערש אין פראַנקרייך.

דער קאַלטער ישוב הדעת פון די ענגלענדער איז פרעמד די פראַנ־צויזען, דערפאַר איז אבער ביי די לעצטע זעהר שטאַרק ענטוויקעלט דער כח היצירה, די שאַפונגס־קראַפט. איז דאָך פראַנקרייך געווען דאס לאַנד, וואו די אַלע הויכע מענשליכע אידעאַלען זיינען ענטשטאַנען און געפונען זייער פּאַסענדע בעגייסטערונג; האט דאָך פראַנקרייך גע־ליפערט דעם פרוכטבארען באָדען, וואו די זאָמען פון פרייהייט, ברי־דערליכקייט און גלייכהייט זיינען צום ערשטען געפלאַנצט געוואָרען און ביז א געוויסען גרענעץ זיך ענטוויקעלט. אויב ענגלאַנד, צוליעב דער פריהערדיגער ענטוויקלונג פון׳ם קאַפּיטאַליזמוס, צוליעב אינדו־סטריעלער, און שפּעטער אויך, גייסטיגער רעוואָלוציאָן, בילדעט דעם פאָדערשטען חיל פון דער סאָציאַלער, רעפאָרמאַטאָרישער בעוועגונג — די בעוועגונג, וועלכע האט דעם צוועק די אַלטעגליכע לאַגע פון די ארבייטענדע מאַסען צו פערגרינגערען, איז דערפאַר פראַנקרייך פיעל העכער מיט דער ענטוויקלונג פון׳ם טהעאָרעטישען געדאַנק און מיט דעם גרויסען ענטהוזיאַזם פאר די וויטע צוקונפט. פאר די ענגלענדער איז כאַראַקטעריסטיש די רוהיגע איבערלעגונג, די פעהיג־קייט שכל׳דיג און מיושב׳דיג דורכצונעהמען די אַלטעגליכע ער־שיינונגען, — פאר די פראַנצויזען די פייערדיגע התלהבות פאר דאס שעהנסטע און ערהאבענסטע. אין פראַנקרייך ווערען די צוקונפט אידע־אַלען בעשאַפען; ענגלאַנד ווייזט וועגען און מעטהאָדען, ווי דיעזע אי־דעאַלען צו פערקערפּערען און דורכצופיהרען אין לעבען.

עס איז דעריבער קיין וואונדער, אז איינע און די זעלבע אידעען, איינע און די זעלבע שטרעבונגען טראָגען אין ענגלאַנד א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווי אין פראַנקרייך. איין און דער זעלבער אינהאַלט קריסטאַליזירט זיך אוים אין דיעזע צוויי גאַנץ פערשיעדענע לענדער אויך אין גאַנץ פערשיעדענע פאָרמען.

אזוי ווי אין דער גאַנצער אידעען־וועלט, אזוי אויך בנוגע דעם אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם.

אין ענגלאַנד איז געווען דער פאָרשטעהער פון׳ם אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם דער פּראַקטישער סוחר, דער פיעלפאַכער מיליאָנער ראָ־

בערט אָוועןָ; אין פראנקרייך—דער טיעפדענקענדער און גאונ׳ישער פילאָזאָף סען סימאָן פון איין זייט און דער גרויסער בעל דמיון, דער אונבעשרענקטער פאנטאזיאר פוריע פון דער צווייטער זייט — אזוינע מענשען, וועלכע האבען פון פּראקטישען לעבען און די קליינצינקע וואָכעדיגע מענשעלעך קיין שום השגה ניט געהאט.

* * *

אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג איז שווער צו געפינען אזא הערליכע, העל־שטראהלענדע געשטאלט, וואו אזוינע פערשיעדענארטיגע קאָלירען, פארבען און כאראקטערשטריכען זאָלען זיך אזוי הארמאָניש צוזאמענגיסען און פאָרשטעלען אזא פראכטפאָלעס געטליכעס בילד, ווי אין דער פּערזאָן פון סען סימאָן, וועלכער וועט ווי א טהייערער בריליאנט אייביג לייכטען צווישען דער קליינער צאָהל גייסטיגע פיהרער, אמת׳ע וועגווייזער פון דער מענשליכער געזעלשאפט. עפּעס דוכט זיך, אז אין סען סימאָן האט די נאטור געשיקט דער מענשהייט א מתנה, אין וועלכען זי האט פערשטאנען צו פערקערפּערען די טהייערסטע און זעלטענסטע אייגענשאפטען, וועלכע געפינען זיך אין איהר פערבארגענעם אוצר, אין איהר קדשי קדשים, צו וועלכען א פשוט׳ער בשר ודם האט קיין צוטריט ניט. א מעכטיגע דורכברעכענדע פאנטאזיע, ווי א פייער־שפייענדיגער וואולקאן, פערקניפּט מיט א טיעפען ניכטערן וויסענשאפטליכען פאָרשען, אן עכט־אריסטאָקראטישע, גרויס־אדעליגע ערציהונג מיט ערנסטע דעמאָקראטישע איבערצייגונגען, אן אונבעגרענצטער ריטערליכער שטאָלץ און העלדענמוטה מיט דער פעהיגקייט זיך צו ערניעדריגען און בעטען נדבות, אויב נור זיין לעבענס־אידעאל האט אזא זאָרט קרבן געפאָדערט, א שטענדיגעס פּארוועס־שטרעבען צו רוהם, צו כבוד און א כח צו ענטזאגען זיך פון דער גרעסטער געזעלשאפטליכער שטעלונג, אן אונערשראָקענער אונטערנעהמער־גייסט אין דער טהעאָריע און שלים־מזל, א לא יוצלח אין פראקטישען, אלטעגליכען לעבען — אלעס האט זיך צונויפגעגאָסען און פערשמאָלצען אין דער פּערזאָן פון סען סימאָן, וועלכער האט אלע זיינע פעהיגקייטען און כחות, זיין רייכטהום און געזעלשאפטליכע לאגע אָהן שום חרטה גע־

ווידמעט דער מענשהייט. „אין סען סימאָן — זאָגט איינער פון זיינע ביאָגראפען — איז אויפגעשטאַנען תחית המתים א מיטעל־עלטער־דיגער גבור מיט זיין שטאָלץ, אונערשראָקענהייט, עהרענגעפיהל, ליעבע צו כבוד און רוהם און טרייהייט צו זיין דאַמע. אבער ניט מיט'ן שווערד האט ער געוואָלט זיין רוהם עררייכען; דעם העלדענמוטהיגען קאַמפף, וואס ער האט געפיהרט, איז ניט געווען בעגלייט מיט בלוט־פערגיסונגען; די פרויענצימער, וועלכע ער האט זיין גאַנצעס לעבען געדיענט, האט פון איהם קיין מענשליכע קרבנות ניט געפאָדערט, ווייל סען סימאָן איז געווען אַ ריטער פון היילינען גייסט, אַ משיח ד', און דער אמת'ער אמת איז געווען די פרויענצימער, וועלכע ער האט מיט אזא מסירת נפש געליעבט. א נביא און א ריטער — אַט ווי מען קען כאַראַקטעריזירען אונזער גערזאַנקען־העלד."

סען סימאָן געהערט צו יענע יחידי סגולה, וועלכע זיינען זוכה געווען דער גרויסער אידעע פון סאָציאַליזם גראַד אין פנים צו קוקען און אייביג בעצויבערט צו ווערען פון איהרע פינקעלדיגע און קנאַלענ־דע שטראַהלען; און וואס פאַר א וואונדער, דאס ער האט זיין גאַנצעס לעבען, קראַפט און האָפנונגען, זיין האָב און גוטס איהר א קרבן גע־בראַכט? הערשט דאָך די אידעע שטענדיג איבער איהרע איבערגע־בענע אָנהענגער דעספּאָטיש אָהן א שום רחמנות און איינזעהעניש, שרייטעט דאָך שטענדיג די אידעע שטאָלץ און מעכטיג צו איהר ציעל איבער טויטע און לעבעדיגע און קימערט זיך ניט, וואס אויפ'ן וועג ווערען צוטרעטען און צוריבען איינצעלנע אדער צעהנדליגע עקזיס־טענצען! מערקווירדיג איז אבער דאס, וואס סען סימאָן איז ניט געפאַלען א קרבן, נור ער האט זיך אליין, מיט'ן פרייען ווילען גע־בראַכט. דערוויסענדיג זיך, אז אויסער די גרויע, אלטעגליכע בעל הבית'ישע אינטערעסען מיט זייער קלייגליכען מענשליכען גליק איז נאָך פאַראַן אן אנדער זאָרט לעבען, א לעבען פון הוילע רוחניות, א אידעען־לעבען, האט זיך סען סימאָן אָהן א שום ישוב הדעת אָפּגע־זאָגט פון אלע זיינע גליקען און זיך אוועקגעלאָזען אין'ם גרויסען מדבר פון די פערשיעדענע אונקלאָרע וויסענשאַפטליכע סיסטעמען און אנ־שויאונגען זוכען א נייעם וועג, אום צו קומען צו יענעם ציעל, צו וועלכען זיין הארץ האט איהם אונבעוואוסט געצויגען; און ענטדעקען צווישען דעם גרויסען מיש־מאַש פון די הערשענדע אונקלאָרע בעגרי־

פען און טהעאָריען דעם ריכטיגען וועג פון'ם ריינעם וויסענשאַפטלי־כען אמת, האט ער איהם, דעם ניי־ענטדעקטען אמת, אָנגעפאַנגען צו דיענען מיט לייב און לעבען, ער איז געוואָרען ניט בלויז א גייסטיגער אָנהענגער, נור זיין אַפּאָסטאָל, זיין שליח, וועלכער האט זיין גאַנצען לעבען אונאונטערבראָכען ניט אויפגעהערט זיך ארומצוטראָגען מיט זיין נייער ענטדעקונג ביי פערשיעדענע מענשען פון פערשיעדענע קלאַסען און איבערצייגונגען אום צו געפינען אָנהענגער. קיין זאַך איז ניט געווען אימשטאַנד זיין גלויבען און צוטרויען צו זיין אמת'ן גאָט אָבצושוואַכען; ניט די פערפאָלגונגען פון די הערשער, ניט דאס חוזק־מאַכען פון די געלעהרטע, ניט דער אונפערשטאַנד פון די אונטערדריק־טע. ער איז געווען זיכער, אז ער איז גערעכט, אז זיין תורה איז די אמת'ע און דיעזע איבערצייגונג האט איהם ארייננגעגעבען קראפט און מוטה אריבערצוטראָגען די פערשיעדענע קלעפּ, וואס ער האט בע־קומען פון דער גרוי זאמער ווירקליכקייט.

ווי קליינליך זעהען אויס די פשוט'ע מענשעלעך אין פערגלייך מיט אזא הויכען גייסט, ווי סען סימאָן!

* * *

געבוירען אין פאַריז דעם 17טען אָקטאָבער, 1760, האט גראף קלוידע היינריך דע סען סימאָן בעקומען א עכט אריסטאָקראַטישע ערציהונג. זיין פאָטער האט זיך גערעכענט צו די גרעסטע מיוחסים פון פראַנקרייך (דער יחוס האט זיך געצויגען ביז קאַרל דעם גרויסען). זיין זיידע, הערצאָג סען סימאָן, איינער פון לואי דעם פיערצעהנטענס ערשטע מקורבים און ראטה־געבער, איז געווען א גרויסער טאַלענט־פולער ליטעראַט און האט געשפּיעלט זעהר א גרויסע ראָלע אין פראַנק־רייך'ס פּאָליטישען לעבען. זיינע זכרונות, ערינערונגען, דיענען נאָך היינט פאַר איינע פון די בעסטע קוועלען צו ערפאָרשען די פראַנצוי־זישע געשיכטע פון יענער צייט.

אונזער יונגער העברי איז געווען דער איינציגער יורש פון די אַלע טיטולען, כבודים, אויסצייכנונגען און די אונגעהייערע גרויסע נחלאות, וואס האבען געהערט דיעזער מיוחס'דיגער פאַמיליע. די עשירות פון דיעזער פאַמיליע איז געווען אזוי גרויס, אז די יעהרליכע

רייגע הכנסה האט אויסגעמאכט ניט ווענינער ווי 500,000 פראנק. אלס לעהרער און ערציהער פאר דעם יונגען גראף זיינען געווען גע־לאדען די גרעסטע מענשען פון פראנקרייך, צווישען וועלכע דער בע־ריהמטער פילאזאף פון יענער צייט ד'אלעמבערט האט, ווי עס ווייזט אויס, געשפיעלט א בעזאנדערע ראלע אין זיין ערציהונג. ער האט איינגעפלאנצט אין יונגען מח אן אונערשעפפליכע ליעבע און בעגיי־סטערונג פיר העכערע מענשליכע אידעאלען און ערוועקט א בעזונ־דערען אינטערעס פאר דאס ריינע וויסענשאפטליכע פארשען.

מיט אפענע אויגען האט מען אכטונג געגעבען אויף די אנלאגען, פעהיגקייטען און נייגונגען פון'ם יונגען אריסטאקראט. עס זיינען געווען יוצר ואשר משרתים, וועלכע האבען געזארגט, אז יעדע קלענסטע בעדערפניש זאל אויפ'ן בעסטען אופן בעפריעדיגט ווערען. די אויפציהער און לעהרער האבען אלעס געלעהרט אין דער צייט און מיט מאס, קיין זאך איז ניט געפאלען שווער פאר'ן בן יחיד.

די גרויסע זעלבסטשטענדיגקייט און ענטשלאסענהייט האט זיך שוין גאנץ פריה ארויסגעוויזען ביי סען סימאן. קוים 13 יאהר איז ער קליפ און קלאר מודיע זיין פאטער, אז ער איז געווארען א כופר בעיקר, האלט ניט פון די „אני מאמין'ס" און וועט דעריבער פאר קיין פאל מעהר ניט דאווענען און ודוי זאגען. דער פאטער האט איהם פאר דיעזע אונערהערטע חוצפה ארייגעזעצט אין טורמע, פון וואנען דער יונגער אפיקורוס האט געמאכט פליטה, נאך דעם ווי ער האט דעם טורמע־נאדזיראטעל ארייגעלאזען א מעסער אין זייט.

אויך דאס שטרעבען צו ווערען בעריהמט, די ליעבע צו כבוד און די איבערצייגונג, אז אויף זיין גורל וועט אויספאלען צו ערפילען א גרויסע היסטארישע אויפגאבע, האט אין סען סימאן ערוואכט, ווען ער איז נאך געווען גאנץ יונג. מען דערצעהלט, אז דער דיענער איז איהם געווען מחויב יעדען מארגען צו וועקען מיט אזא מין פזמון: „שטעהט אויף, הערר גראף, איהר זייט מחויב גרויסע זאכען אויפצוטהון." און אין אמת'ן איז נור ווענינען אין פראנקרייך געווען בעשערט אזא גלענ־צענדע צוקונפט, ווי אונזער יונגען גראף. אבער דיעזע גליקליכע צו־קונפט מיט די רייכע אידעאלען זיינען ניט אזוי גיך געקומען. זיי האבען געלאזען אויף זיך לאנג ווארטען. דעם שטאלצען גראף איז גע־ווען בעשערט אריבערצוטראגען א שווערעס, פול מיט גויטה און

דחקות, לעבען; און נור צום סוף, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון'ם עולם האמת, האבען זיך דורך די שווערע כמארעס, וועל־כע האבען בעדעקט זיין הימעל, אַנגעפאַנגען דורכצולייכטען שטראַה־לען פון גליק, און דעמאָלט ערשט האט ער עררייכט דעם וועג, וועלכער פיהרט צום טעמפעל פון רוהם.

17 יאהר אלט איז סען סימאָן אין גאַנצען ארויס פון די לעה־רערם השגחה און אריין אין עפענטליכען לעבען.

אזוי ווי אלע אדעליגע קינדער פון יענער צייט, האט זיך אויך דער יונגער גראף צום ערשטען געווידמעט דעם מיליטערישען דיענסט. ער רייזט קיין אמעריקא, אלס אָפיציער פון פראנצויזישען קאָרפוס, וואס איז געשיקט געוואָרען צו העלפען די אויפגעשטאַנענע ענגלישע קאָלאָניען אונטער די קאָמאַנדע פון וואַשינגטאָן, אום פאר די פריי־הייט פון דעם נייעם לאַנד צו קעמפפען. פינף יאָהר נאָכאַנאַנד האט דער יונגער אָפיציער מיט גרויס גבורה מלחמה געהאַלטען געגען די ענגלענדער. ווען דער שלום איז געשלאָסען געוואָרען, האט זיך דער 23־יעהריגער העלד אומגעקעהרט קיין פראנקרייך מיט דעם טיטעל פאָלקאָווניק און בעוואפענט מיט די העכסטע אָרדענס. א גלענצענדע מיליטער־קאריערע איז איהם פאָרגעשטאַנען. עס דויערט ניט לאַנג און סען סימאָן איז בעשטימט געוואָרען אלס קאָמאַנדאַנט פון א זעהר וויכטיגער פעסטונג. זיין שם און כבוד איז געוואקסען אלץ גרעסער און גרעסער. אלט און יונג האבען מקנא געווען דעם גליקליכען גראף. דער איינציגער, וועלכער האט אָנגעפאַנגען צו זיין אונצופריעדען פון אזעלכע כבודים און אָרדענס, איז געווען סען סימאָן אליין. די אויס־צייכנונגען אין מיליטער זיינען איהם געוואָרען גאַנץ איבערדריסיג. אָרדענס און טיטולען האבען איהם אויפגעהערט צו בעפריעדיגען. ער פיהלט, אז זיין אָרט איז ניט אין פערשיעדענע גאַרניזאָנען און אז זיין לעבענס־אויפגאַבע בעשטעהט ניט אין געבען און נעהמען טרו־קענע ראַפּאָרטען. דער ניט־אינטערעסאַנטער מיליטער־ראַק איז געוואָ־רען צו ענג. זיין הארץ זאָגט איהם, אז ער איז עפּעס צו גאַנץ אנדערס בעשאפען. „דער קריעג אַן און פיר זיך, שרייבט סען סימאָן נאָך אין דער צייט פון אמעריקאנער קריעג, אינטערעסירט מיך ניט, אבער דער רעזולטאַט, דער פּועל יוצא פון איהם האט א גרויסע בע־דייטונג און נור צוליעב דעם בין איך גרייט, אָהן שום חרטה, די אר־

בייט צו טראָגען. מיין בערוף, מיין אויפגאבע אבער, איז ניט א סאָל־דאט צו זיין; איך פיהל, אז איך בין צו א גאנץ אנדערער, יא, גאנץ ענטגעגענגעזעצטער טהעטיגקייט, געבוירען. דעם גאנג און די ענט־וויקלונג פון'ם מענשליכען גייסט צו בעגרייפען, אום שפעטער פיר די פערפאָלקאָמונג דער ציוויליזאַציאָן צו ארבייטען — אָט איז דער צוועק, וועלכען איך מוז דיענען."

צו וואס אבער? צו וועלכער טהעטיגקייט איז זיין לעבען בע־שטימט? אויף וואס פאר א וואפען זאָל ער זיין שווערד, וועלכער איז איהם געוואָרען צו לאַסט, אויסבייטען? — דערפון האט אונזער העלד אליין א קנאַפע השגה געהאט. ער זוכט דעם וועג צו זיין לעבענס־ציעל, אבער ער געפינט איהם ניט אזוי לייכט. אן אינערליכער אונבע־וואוסטער אינסטינקט טרייבט איהם מיט אן אונגעהייערער קראפט און דרענגט איהם צו גרויסע טהאטען, אבער עס קומט איהם אוים צו טאפּען אין דער פינסטער און ווייס אליין ניט אין וואס דיעזע „גרוי־סע טהאטען" בעשטעהען. די ענערגיע און ארבייטס־לוסט זוכען אן אָרט, וואו פערווענדעט צו ווערען, נור געפינען עס ניט. קיין אנדער ברירה האט ער ניט, ווי אויסצופּרובירען פּראקטיש פערשיעדענע מלאכות און בעשעפטיגונגען. צום ערשטען האט ער זיך א וואָרף געטהאָן צו גרויסע מסחרים און אונטערנעהמונגען.

1785 מאכט סען סימאָן א נסיעה קיין האָלאנד, וואו ער האט אויסגעארבייט א פּראָיעקט, ווי אזוי פראנקרייך און האָלאנד זאָלען מאכען יד אחת, אום די קאָלאָניען אין אינדיען פון ענגלאנד אָבצו־נעהמען. דער פּלאָן האט אפילו אויסגענומען, אבער דורך א געוויסע סבה איז ער ניט ארוים מן הכח אל הפועל און סען סימאָן איז גע־צוואונגען צו זוכען אנדערע גרויסע אונטערנעהמונגען, אום זיין בע־דערפניש צו קאָפּ־ברעכענדע געשעפטען צו בעפריעדיגען. א נייער פּלאָן האט זיך גיך ענטוויקעלט ביי איהם אין מח. ער געהט קיין שפּאַ־ניען און שלאָגט פאָר דאָרטען דער רעגיערונג דורכצופיהרען א קאנאַל פון מאַדריד ביז'ן ים. די רעגיערונג איז דערצו מסכים געווען און האט שוין געוואָלט צוטרעטען צו דער ארבייט. מיט אמאָל אבער האט אויס־געבראָכען די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האט צוטרייסעלט דאָס גאנצע דאמאָלסדיגע לעבען אין אייראָפּא, און דער רעגיערונג איז ווענים וואס געקראָכען אין קאָפּ אזוינע עסקים.

דיעזען היזק, וואס סען סימאָן האט געליטען פון דער פראנצוי־זישער רעוואָלוציאָן איז ניט געווען דער איינציגער און דער שווער־סטער. אלס איינער פון די גרעסטע אדעליגע מיוחסים פון פראנקרייך, האט סען סימאָן געמוזט טהיילען דעם גורל פון זיין גאנצען קלאַס. זיין גאַנצעס פערמעגען איז געגאַנגען לאיבוד; זיינע טיטולען, כבודים און יחוס זיינען פערזונקען און געוואָרען א תל צוזאמען מיט דער אלטער אָבגעלעבטער אָרדנונג. אבער גיט קוקענדיג, וואס די רעוואָ־לוציאָן האט איהם געמאַכט פאר אזא יורד איז ער פון דעסטוועגען ניט אויפגערעגט און צובייזערט געוואָרען. אלעס, וואס איהם איז גע־שעהן, האט ער מקבל באהבה געווען און האט זיך אפילו ניט גע־קלאָגט אויף זיין מזל. „די רעוואָלוציאָן האט אָנגעפאנגען — שרייבט ער גאַנץ קאַלטבלוטיג — ווען איך האב זיך צוריקגעקעהרט קיין פראנקרייך. איך האב קיין אנטהייל אין איהר ניט געוואָלט נעהמען, ווייל פון איין זייט האב איך געהאט די איבערצייגונג, דאס די אַלטע אָרדנונג איז שוין פערפוילט און קען זיך ניט לאַנג האַלטען, פון דער אנדערער זייט אבער האט מיך אָבגעשטויסען דאס שטרעבען אלעס צו פערניכטען און חרוב מאַכען.״

ווי ווייט געפעהרליך סען סימאָן האט געהאַלטען די פעאָדאַלע הערשונג און ווי טיעף איבערצייגט ער איז שוין דעמאָלט געווען, אז דאס פאָלק מוז אליין רעגיערען און פערוואַלטען מיט זיינע ענינים, ווייזט אונז דער פאָלגענדער פאַקט: איין געמיינדע האט איהם, סען סימאָן, אויסגעקליעבען פאר א ראש הקהל. דער געוועזענער גראף האט זיך פון דעם כבוד ענטזאגט אויף דעם סמך, וואס „דאס פאָלק דאַרף ניט צו טרויען זיינע אינטערעסען אפילו געוועזענע פעאָ־דאַלען.״

זיצען רוהיג מיט צוזאמענגעלעגטע הענד און קאַלטבלוטיג צו־צוקוקען צו אלעס, וואס עס קומט פאָר איז ניט געווען פאר אזא הי־ציגען טעמפעראמענט, ווי סען סימאָן׳ס, וועלכער האט אָהן א לעבע־דיגער, קאָכעדיגער בעשעפטיגונג ניט געקענט אויסקומען, און אונזער פערבאָרעמטער גראף נעהמט זיך נאָך דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן ווייעדער צו גרויסע מסחרים און ספּעקולאַציאָנען.

דיעזע מסחרים זיינען געפיהרט געוואָרען מיט גרויס הצלחה און סען סימאָן וואָלט דורך זיי געקענט צוריק ערווערבען א גרויסען פער־

מעגען, ווען ניט זיין שותף, א געוויסער גראף רעדערן, וואלט איהם ניט אבגענארט. זיין שותף האט בעקומען פון עסק אייניגע מיליאן און סען סימאָן האט זיך געמוז בענוגענען מיט אזא, נאך'ן ערך נאך, קליינע סומע ווי 150,000 פראנק.

דיעזע אונגעהייערע גרויסע עולה האט סען סימאָנען ווייניג וואס געקימערט. פערקעהרט, דאס האט איהם געדיענט פאר א גוטען בעווייז, אז עס איז פאראן א גרויסער אונטערשיעד צווישען איהם און אנדערע מענשען. „די וועגען, אויף וועלכע מיר זיינען געגאנגען, האט ער שפעטער געשריעבען, זיינען גאנץ פערשיעדענע. ער (זיין שותף גראף רעדערן הייסט עס) האט זיך א קעהר געטהאן צו די שמוציגע זומפען, וואו מאמאָן („ממון”), דער גאָט פון רייכטהום בויט זיין טעמפעל, אין דער צייט ווען איך האָב זיך אויפגעהויבען אויף א טרוקענעם פעלזיגען בארג, אויפ'ן גיפפעל פון וועלכען עס געפינט זיך דער מזבח פון בעריהמטהייט.”

שוין אין דיעזער עפאכע פון זיין לעבען האבען וויסענשאפטליכע ארבייטען איהם אנגעפאנגען שטארק צו אינטערעסירען. אין גאנצען אריינגעטהאָן אין זיינע עסקים, האט איהם דאך אויף יעדען שריט און טריט ניט אבגעלאָזט דער געדאנק פון העכערע לעבענסצוועקען. ער האט אפילו מיט גרויס חשק געשטרעבט זיך צו בעשאפען עשירות, וואס די רעוואָלוציאָן האט פון איהם אבגענומען, אבער ניט ווייל רייכטהום אליין איז געווען זיין ציעל. „איך האב געשטרעבט צו א פערמעגען, ניט ווייל דאס איז געווען מיין לעבענס-ציעל. א וויסענשאפטליכע שוהלע צו גרינדען, מיטצואווירקען דעם פארטשריט פון דער וויסענשאפט און צו פערלייכטערען דעם גורל פון דער מענשהייט — אָט וואס זיינען געווען די אמת'ע אויפגאבען פון מיין ארבייט, מיין עהרגייץ.”

דאס וויסענשאפטליכע פארשען אייגענט זיך אבער ניט מיט פראקטישע אינטערעסען. פיהרען גרויסע מסחרים און אין דער אייגענער צייט אויסארבייטען א נייע וויסענשאפטליכע ריכטונג איז אונמעגליך. סען סימאָן האט דאָ נור געהאט איין ברירה: ענטוועדער רוחניות, אדער גשמיות, ענטוועדער פיעל געלד פערדיענען, אדער צו שטילען דעם גליהענדען דורשט נאך דער ריינער וויסענשאפט. סען סימאָן בעשליסט זיך פאר דאס צווייטע. ער זאגט זיך אָב פון די

מסחרים, וועלכע זיינען פאר איהם געווען צו פראקטיש און ער פאר זיי צו טהעאָרעטיש, און בייט אוים די קאָנטאָר מיט אלע גרויסע רוחים אויף דאס רוהיגע צימער פון פילאָזאָפישען פאָרשען. נאָך דיע־זען שריט האט סען סימאָן אויפגעהערט צו בעלאַנגען זיך אליין, נור דער גאַנצער מענשהייט.

---

ווען מיר דרינגען אריין אינווענינ אין׳ם תוך פון דער מענשלי־כער נשמה און שפירען נאָך די פאָרגעננע, וועלכע קומען דאָרט פאָר, זעהען מיר, אז עס איז שטענדיג פאראן א געוויסע פרוזינע, א געוויסע טרייב־קראפט, וועלכע פעראורזאכט אונזער טהון אוןווירקען. דיעזע טרייב־קראפט איז טהיילמאָל די קלאָרע ניכטערע איבערצייגונג, טהיילמאָל אן אונבעוואוסטעס, אונקלאָרעס פערלאַנגען, וועלכע ענט־וויקעלט זיך ביי אונז דורך די אדער אַנדערע אורזאכען און בעדינגונ־גען. דאס אינערליכע פערלאַנגען זוכט מיט אלע כחות זיך צו פער־קערפערען, איבערצויגען צו ווערען מיט הויט און ביין, בעקומען א געוויסע פאָרם און אָננעהמען א געוויסע אויסערליכע ממשות׳דיגע געשטאַלט. פון דיעזע איבערלעגטע געדאַנקען אדער אינסטינקטיווע געפיהלען ווערען מיר געדרענגט, געטריעבען און אונזער גאַנצעס לע־בען און טהעטיגקייט איז ניט אַנדערש, ווי א פערווירקליכונג פון דיעזע אינערליכע טרייב־קרעפטען. אויך סען סימאָן איז געווען געטריעבען פון אן אונגעהייערען, מעכטיגען אבער אונקלאָרען געדאַנקען צו שאַ־פען עפּעם וואס נייעס, גרויסעס, וואס זאָל איבערקעהרען די גאַנצע הערשענדע וויסענשאפט און זי שטעלען אויף גאַנץ אַנדערע יסודות. אן אינערליכע שטימע האט איהם ניט אָבגעלאָזט און איהם געשיקט „איבערצובילדען די מענשליכע קענטניסע, פעראייניגען אלע אָבגע־זונדערטע, אָבגעריסענע פערשיעדענע צווייגען פון׳ם מענשליכען ווי־סען אין איין איינהייטליכע הארמאָנישע גאַנצע.” ווי אבער נעהמט מען זיך אזא שליחות אויסצופיהרען? אין וואס איז בעשטאַנען די נייע סיסטעם, וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו בעגרינדען? דאס איז סען סימאָנען אליין נאָך געווען אין גאַנצען אונקלאָר. עפּעס האט ער געפיהלט, דאס הארץ האט איהם געזאָגט, אז איהם וועט אויסקו־מען נייע וועגען אין מענשליכען דענקען צו געפינען, איהם איז אבער

געווען אונבעוואוסט ווי און וועלכע. קיין אנדער מיטעל און אויסוועג איז ניט געווען, ווי זיך צו נעהמען און זוכען. און אזוי זעהען מיר, ווי סען סימאָן, שוין נאָהענט פון פערציג יאָהר, געטריעבען און געדרענגט פון אן אונבעוואוסטען שטרעבען וויכטיגעס צו שאפען, לאָזט זיך אוועק מיט זיין לעבענס־שיף אין די פערשיעדענארטיגע כוואליעס פון'ם אונענדליכען ים פון דער וויסענשאפט.

דאס איז איהם געוועהנליך ניט אזוי לייכט אָנגעקומען. די פעהיגקייטען זיינען שוין אביסעל אָבגעשוואכט געוואָרען, דער זכרון האט אָנגעפאנגען צו פערלאָזען און אָנהויבען אין אזא עלטער צו לערנען דעם אלף בית פון די נאטור־וויסענשאפטען, פון וועלכע ער האט נאָך קיין שום ידיעה ניט געהאט, איז שוין געווען צו שפעט. „מיר איז אויסגעקומען גרויסע שוועריגקייטען צו בעזייטיגען — זאָגט סען סימאָן אליין עדות — מיין קאָפּ האט שוין זיין בית קיבול אָנגעפאנגען צו פערליערען. איך בין שוין ניט געווען מעהר יונג. פון דער אַנדערער זייט אבער האבען מיר די וויטע נסיעות און מיין ענגער פערקעהר מיט בעלעהרענדע מענשען גרויסע ידיעות און נוצען געבראכט. ניט ווייניג האָב איך צו פערדאנקען מיין ערציהער ד'אלעמבערט, וועלכער האט מיך מיט א געדיכטע נעץ ארומגעוועבט, אז קיין איין וויכטיגער פאקט האט ניט געקענט ארויספאלען."

אזוי זעהען מיר איהם נעבען זיין קלאָרען בעוואוסטזיין אין דער שוועריגקייט פון זיין אויפגאבע דאס גלויבען און פערטרויען אין זיין אייגענער קראפט. ער האט געוואוסט, אז ערגעץ־וואו ליעגט א נייער ברעג, א נייער אָנהאלט פאר די וויסענשאפט און האט זיך אוועקגעלאָזט זוכען ניט וויסענדיג וואו ער בעדארף זוכען, אבער אין דער טיעפער איבערצייגונג, דאס ערגעץ־וואו ליעגט א טהייערער אוצר פערבאָרגען, וועלכער דארף נור ענטדעקט ווערען, אום דעם שליסעל פון דער נייער סיסטעם צו בעקומען. „איך האב געמוזט אָנפאנגען — שרייבט ער — די פיזישע וויסענשאפטען צו שטודירען, כדי איהר געגענווערטיגען שטאנד צו בעשטימען און גענוי בעקאנט צו ווערען מיט דעם סדר, ווי די ענטדעקונגען ווערען געמאכט."

די וויסענשאפטען האט סען סימאָן אָנגעפאנגען צו שטודירען אויף א משונה־מאָדנעם שטייגער. צו זעצען זיך לעזען דיקע ביכער איז געווען ווייניג געדולד און נאָך ווייניגער צייט. ער בעשליסט זיך

בעקאַנט צו ווערען מיט די פערשיעדענע צווייגען, וועלכע האבען איהם אינטערעסירט, ניט דורך ביכער, נור דורך די אויטאָרען, וועלכע האבען די ביכער געשריעבען. ער דינגט א דירה ניט ווייט פון פּאָליטעכני־קום, ווערט בעקאַנט מיט די פּראָפעסאָרען, לאַדעט זיי איין אָפט צו זיך אין גאסט, איז זיי מכבד מיט די טהייערסטע מאכלים און משקאות און אין דער צייט פון איין געריכט ביז'ן צווייטען, בין סעודה לסעודה, פערפיהרט ער מיט זיינע געלעהרטע געסט וויסענשאפטליכע שמועסען איבער די פערשיעדענע ערשיינונגען און געזעצען פון דער טויטער און לעבעדיגער נאַטור. זעלבסטפערשטענדליך האט אונזער פילאָזאָף דורך אזא שטייגער גרינדליך מיט די וויסענשאַפטען ניט געקענט בע־קאַנט ווערען, אבער זיך זעצען און לערנען פון דאס ניי, ווי אַן איינ־פאַכער שילער איז שוין געווען צו שפּעט און דיעזער וועג איז געווען דער קירצעסטער, ווי זיינע בעדערפנישע צו בעפריעדיגען.

בעקאַנט ווערענדיג מיט די וויסענשאַפטען, וועלכע ערפאָרשען די אונאָרגאַנישע, טויטע נאַטור, ציהט ער איבער אין א דירה ניט ווייט פון מעדיצינישען פאַקולטעט און ווערט בעקאַנט מיט די פיזי־אָלאָגען, ביי וועלכע ער האט געלערענט די געזעצע פון די לעבענס־ערשיינונגען. נאָך דעם, ווי ער האט שוין בעקומען א געוויסע ידיעה אין די פערשיעדענע געביעטען פון די נאַטור־וויסענשאַפטען, האט ער זיך פאַרבערייטעט צו די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען.

אום דיעזע צווייגען פון דער וויסענשאַפט צו פערשטעהן, מוז מען בערייכערן די לעבענס־ערפאהרונג, מען מוז גוט קענען דאס מאַטע־ריאַל, דעם אָביעקט, וועלכעס ווערט אין דיעזע וויסענשאַפטען בע־האַנדעלט, מען מוז גענוי בעקאַנט ווערען מיט דעם מין „מענש," מיט זיינע ליידען און פריידען, מיט זיין פערלאַנגען, וועלען און שטרעבען, מיט זיינע נייגונגען, תאוות און מדות, מיט איין וואָרט, מען מוז בע־קאַנט ווערען מיט די שטאַרקע, ווי מיט די שוואַכע זייטען פון מענש־ליכען כאַראַקטער. דאס בעסטע מיטעל דערצו, פערשטעהט זיך, איז בעקאַנט צו ווערען מיט די מענשען פנים אל פנים, פּערזענליך. צו דיעזען צוועק מאַכט ער זיין הויז פיר דעם מיטעלפּונקט פון אַלערליי מענשען: אריסטאָקראַטען, וועלטליכע לייט, קינסטלער, ארטיסטען און סתם מענשען. עס האט אויך ניט געפעהלט פון דעם מין היפה און סתם מענשעלעך מיט קליינליכע בעגעהרען און פערלאַנגען.

אום אבער צו פיהרען א גרויסע בעלי־הבתיש'קייט מוז זיין א בעל הבית'טע און אונזער העלד האט צוליעב דיעזען צוועק חתונה מיט א געוויסער פריילין פאָן שאמפּגראונד. „מיין חתונה האבען — זאָגט ער — איז נור געווען א מיטעל, אום צו בעקומען ביי די געלעהרטע דאס, וואס מיר איז געווען נויטהיג, איך זאָל קענען מיינע ציעלען דורכפיהרען.‟

אין דיעזער צייט האט זיך אונזער פילאָזאָף אבגעגעבען אויך צו פערשיעדענע תענוגי בשרים, צו קערפּערליכע פערגניגען: בעלער, געזעלשאפטען זיינען געווען ניט קיין זעלטענע ערשיינונג ביי איהם אין הויז. אויך דיעזע זייטען פון'ם מענשען'ס לעבען האט ער געהאַל־טען פאר וויכטיג צו ערלערנען. א מענשען, וועלכער גיט זיך איבער צו אזא סאָרט לעבען אָהן א העכערען ציעל פאר די אויגען, נור איינ־פאך צוליעב דעם פערגניגען אליין, האט סען סימאָן זעהר פעראור־טהיילט און ניט געאכטעט. „ווען איך זעה א מענשען, וועלכער פער־שטעהט ניט דעם וועג, וואס פיהרט צום טעמפּעל פון דער מענשליכער וויסענשאפט און בעזוכט פון דעסטוועגען די פערשיעדענע פרעהליכע ערטער, וואו די מענשליכע תאוות טרעטען נאקעט, אונפערדעקט ארויס, די ערטער, וואו אונמאָראלישע מענשען פלעכטען זייער נעסט אום צו ציהען זייער חיונה — דעמאָלט וועל איך זאָגען: דיעזער מענש געהט צו גרונד, ער געהט ארויס לתרבות רעה, ער איז ניט אין א גליקליכער שעה אויף דער וועלט געקומען. אבער ווען דיעזער מענש איז דורכ־געדרונגען מיט א טהעאָריע, זיין מח איז איבערפילט מיט פילאָזאָ־פישע געדאנקען, ווען ער פיהרט אזא ארט לעבען ניט צו בעפריעדיגען די קליינליכע תאות, נור צו וויסען ווי מענשען לעבען, צו אונטערזוכען און צו אונטערשיידען גוט פון שלעכט — דעמאָלט זאָג איך: דיעזער מענש מאכט דורך דעם וועג פון די קליינליכע תענוגים, אום צו גע־פינען דעם פונקט, וועלכער פיהרט צום מענשליכען גליק.‟

לאנג האט אזא שווינדערישעס, ניט אויסגערעכענטעס לעבען ניט געקענט דויערן. עס איז פארביי ניט מעהר ווי איין איינציגעס יאָהר און פון דעם גאנצען פערמעגען, וואס איהם איז געבליעבען נאָך'ן אבטהיילען זיך מיט זיין שותף, גראף רעדערן, איז אפילו קיין איין פּרוטה ניט געבליעבען. סען סימאָן ווערט א גרויסער קבצן און

גט זיך אב מיט זיין ווייב, מיט וועלכער ער האט אנפאנגס צור חתונה געהאט כדי צו פיהרען „א הויז."

דא פאנגט זיך אן פאר סען סימאנען א לעבען פול נויטה, דחקות און ערניעדערונגען. אלט איבער 40 יאהר, מאטעריעל אין גאנצען רואינירט, איז אויך פון זיין האפנונג צו בעקומען אן אנהאלט אין דער וויסענשאפטליכער וועלט גאר ניט געווארען.

אונזער פילאזאף, וועלכער האט געוואלט אלעם אליין דורכמאכען און אויף זיין אייגענע פערזאן אלעם אויספרובירען, איז בעשערט געווען צו מאכען עקספערימענטען ניט בלויז איבער די מענשליכע ליידענשאפטען, תאוות און אנדערע נייגונגען, נור אויך, אפשר ניט ווילענדיג, איבער די מאטערנים, איבער דעם ביטערען קאמפף פיר די אלטעגליכע חיונה, וואס קומט אוים דעם ארימען מענשען צו פיהרען.

די צווייטע העלפט פון זיין לעבען איז געווען דער היפך פון דער ערשטער העלפט. דער פריהערדיגער הויכמוטהיגער נדיב, וועלכער האט אזוי מקרב געווען געלעהרטע, קינסטלער, ארטיסטען און סתם משכילים, איז געווארען א שרעקליכער יורד, וועלכער האט פשוט ניט געהאט מיט וואס א טאג איבערצולעבען.

אין זיין היציגען מח ענטוויקלען זיך פערשיעדענע פלענער, אייגער גרעסער פאר דעם אנדערן, ער האט אבער קיין מיטעל ניט, ווי אזוי זיי צו פערווירקליכען און דורכצופיהרען אין לעבען. ער ארבייט מיט גרוים התמדה איבער זיינע אידעען און איבער די ענטוויקלונג פון זיין וועלט-אנשויאונג, אבער די הצלחה האט זיך פון איהם אין גאנצען אבגעקעהרט. אלע זיינע בעמיהונגען און טרחות צו אינטערעסירען מיט זיינע ניי-ענטדעקטע טהעאריען די געלעהרטע וועלט, האבען קיין גליק ניט געהאט. די אייגענע גרויסע התפעלות און ענטציקונג פאר זיינע אידעאלען האט אויסער א געלעכטער ביי קיינעם גאר ניט ארויסגערופען, זיינע וויסענשאפטליכע ראיות און בעווייזע האבען קיינעם ניט גריהרט. אין בעסטען פאל האבען זיינע ערנסטע און תמימות'דיגע איבערצייגונגען ערוועקט א מיטליידס-געפיהל אדער רחמנות-געלעכטער. פריהער האט אונזער פילאזאף געמאכט עקספערימענטען איבער'ן לעבען, איצט נעהמט דאס לעבען נקמה און מאכט עקספערימענטען, נסיונות איבער'ן הונגעריגען, פערארעמטען פילאזאף.

אבער אונזער העלד איז מוטהיג אלע נסיונות אויסגעשטאַנען און איז ניט געוואָרען ביי זיך אראָבגעפאַלען. ער איז איבערצייגט, אז ער איז געבוירען אום גרויסע זאַכען פאר די מענשהייט צו שאפען, נייע וועגען אין דער וויסענשאַפט צו ענטדעקען און ארמוטה, קוועלעניש און דחקות טהוען איהם אפילו וועה, אבער פערצווייפלען איהם ניט. ער איז זיך ניט נור ניט מיאש פון זיינע אויפגאבען, נור ווערט אלץ מעהר און מעהר בעגייסטערט פאר זיי. אויב געלד און די געוועהנליכע טעגליכע בעקוועמליכקייטען האט ער אָנגעוואָרען, האט ער דאָך אבער אונטער דער צייט ערוואָרבען אנדערע רייכטהימער — א גייסטיגעם פערמעגען, פון וועלכען זיין צוקונפט איז אָבהענגיג. סען סימאָן פרובירט צום ערשטען מאָל אלע זיינע ידיעות, קענטניסע און נייע געדאנקען צו סיסטעמאטיזירען און אונטער איין אלגעמיינעם מיטעלפונקט צו ברענגען.

אין'ם עלטער פון 42 יאָהר האט סען סימאָן זיין ערשטע ווערק ארויסגעגעבען.

דאס ווערק איז געשריעבען מיט א פלאמענדער בעגייסטערונג, מיט א שפראך פון א נביא, אָהן שום ליטעראַרישער פאָרם און סיסטעם, און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז עס האט ניט בלויז קיין רושם ניט געמאכט, נור עס איז אין גאנצען אונבעמערקט פארביי.

„איך בין נאָך יונג — אזוי הויבט אָן סען סימאָן זיין אויפרוף צו זיינע מיטמענשען — איך האב פיעל געהערט, געזעהן און איבערגעקלערט אין פערלויף פון מיין לעבען און דער צוועק פון מיינע ארבייטען איז געווען אייער גליק. איך האב אויסגעטראכט א פלאן, וועלכער וועט, ווי מיר דוכט זיך, זיין ניצליך פאר אייך און איך לעג איהם דאָ פאָר." נאָך דעם, ווי ער האט פאָרגעלעגט זיין פלאן, וועלכער האט געמוזט צוליעב דעם קבלה־לשון און אונקלאָרע רמזים בלייבען אונפערשטענדליך זיינע לעזער, קומט אונזער אויטאָר אריין אין א מאָדנע התפעלות און פאנגט אָן גאָר אין מיטען־דערינען, אָהן א שום שייכות צו די פריהערדיגע, צו רעדען מיט א לשון און נוסח פון א פרעדיגער, וועלכען גאָט האט אריינגעבלאָזען א רוח הקודש און געשיקט צו די ערד־מענשען. ער זאָגט אונגעפעהר פאָלגענדעס: איז דאס אויפ'ן וואָהר, אדער מעהר ניט, ווי א חלום? איך ווייס אליין ניט; אבער איך בין זיכער, אז איך האב ערפאהרען די געפיהלען, פון

וועלכעס איך וויל א דין וחשבון אָבגעבען.״ די נייע וועלט־אָרדנונג איז איהם ביי־נאַכט ענטפּלעקט געוואָרען. א שטימע — שרייבט ער — האט זיך געלאָזט הערען צו איהם אין מיטען דער נאַכט, און האט געזאָגט: „רוים וועט אויפהערען צו האבען א פּרעטענזיע די הויפּשטאָדט פון מיין קירך צו זיין; דער פּאַבסט, די קאַרדינאַלען, די בישאָפען, די גלחים וועלען אויפהערען אין מיין נאָמען צו רעדען... אלע יענע, וועלכע האבען איינגעפיהרט נייע רעליגיאָנען, האבען דערצו בעקומען די מאַכט, אבער זיי האבען מיינע מצות און געבאָטען ניט גוט פערשטאַנען. פערנעהם, אז איך האב ניוטאָן׳ען צו מיין זייט געזעצט און האב איהם די ממשלה און השגחה איבער די איינוואוינער פון אלע פּלאַנעטען פערטרויט. ער וועט די מענשהייט אין 4 אבטהיילונגען טהיילען. יעדער מענש וועט פיר ניוטאָן׳ס העכסטען ראטה אונטערשרייבען. די פרויען וועט מען דערלאָזען אונטערצושרייבען און וועלען אויך אליין קענען געוועהלט ווערען.״

דיעזע אונקלאָרע, מטושטש׳ע געדאַנקען, איבערגעגעבען דורך אזוינע אונפערדרייליכע, קרייטישע מליצות, געשריעבען אין א צייט פון א הויכער אונגעוועהנליכער התלהבות, ענטהאַלטען שוין אין זיך די זאָמען פון דער נייער אנשויאונג, וואס האט שפּעטער בעשאפען א נייע עפּאָכע אין מענשליכען דענקען.

וועגען סען סימאָן׳ס אנשויאונגען שפּעטער.

דערווייל וועלען מיר נור בעמערקען, אז דאס ווערק, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, האט סען סימאָן׳ען ניט געגעבען ניט קיין געלד, ניט קיין כבוד.

אבער געלד האט ער נויטהיג געהאַט צום לעבען. ארומטראָגענ־דיג זיך מיט דער נייער רעליגיאָן און די נייע פּלענער, האט אונזער ניט־אנערקענטער זשעניע ניט געהאַט ביי זיך א פּרוטה, מיט וואס דעם טאָג דורכצוקומען. נאָך א לאַנגען זוכען האט זיך קוים מיט צרות געמאַכט א שטעלע אין א לאָמבארד אלס קאָפּירער. זיין געהאַלט איז געווען 1,000 פראַנק א יאָהר פאר א 9־שעה׳דיגען ארבייטס־טאָג.

וואס פאר א קאַטאָוועס דאס לעבען קען א מאָל טרייבען!

דער אייניקעל פון׳ם גרעסטען קרוב למלכות ביי לואי דעם 14טען, דער איינציגער יורש פון א הערצאָג־קרוין און אן אונגעהייער רייכ־

טהום, איז געצוואונגען אין׳ם עלטער פון 50 יאָהר צו ארבייטען 9 שעה טעגליך פאר אזא שפּאָטישען הונגערלוין.

אונזער העלד איז אבער אויפ׳ן לעבען ניט ברוגז געוואָרען און האט אלעס מקבל באהבה געווען. זיין גרויסער אריסטאָקראטישער שטאָלץ האט איהם אפילו ניט ערלויבט זיך אויף זיין מזל צו בעקלאָגען. עס וואָלט איהם זעלבסטפערשטענדליך זיך איינגעגעבען א בעסערע שטעלע צו עררייכען, אבער ער איז בעסער צופריעדען געווען אבי־ווי אָבצוקומען, דעם טאָג אָבצושטופּען מיט כל־בל, אום ניט אויפצוגעבען זיינע פּלענער, וועלכע האבען איהם אזוי בעגייסטערט און אריינגעגעבען מוטה אָהן שום רוגזה אלעס צו ערטראָגען.

ביי טאָג פערנומען אין לאָמבארד מיט׳ן קאָפּירען פערשיעדענע טרוקענע חשבונות און אונאינטערעסאַנטע ציפער, האט סען סימאָן ביינאכט געארבייט, געלערענט מיט גרויס התמדה, סיסטעמאטיזירט און געבראכט אין אָרדנונג זיין גייסטיגעס פערמעגען. לאַנג צו פיהרען אזא זאָרט געמאַטערטעס לעבען איז אבער געווען אונמעגליך. נאָך 9 שעה שווערער, ניט אינטערעסאַנטער, פיזישער אָנשטרענגונג, ביי קנאַפּע, אונגעניגענדע נאַהרונג איז א 50־יעהריגען מענשען ניט לייכט זיך צו בעשעפטיגען אין דער רוהע־צייט מיט טיעפע און חריפות׳דיגע געדאַנקען. זיין געזונד ווערט שוואכער פון טאָג צו טאָג, דער קערפּער זאָגט זיך אָב צו טראָגען אזא שווערעס לעבען. ער פאַנגט אָן צו שפּייען מיט בלוט און פיהלט, אז זיינע יאָהרען ענדיגען זיך. ווער ווייס, וואס עס וואָלט מיט אונזער נביא געוואָרען, ווען דער צופאַל וואָלט איהם ניט צוזאמענגעפיהרט מיט זיין אמאָליגען משרת דיאַרד, וועלכער האט אויף איהם רחמנות געקראָגען און איהם געקומען צו הילף אין דיעזער שווערער צייט. דיאַרד האט געדיענט ביי סען סימאָנען, ווען ער איז געווען בשותפות מיט דעם גראף רעדערן. פון דעמאָלט אָן האט דיאַרד פון איהם ניט געהערט און ניט געזעהן, און אָט טרעפט ער אונפערהאָפט זיין אמאָליגען עדעלען, געבילדעטען הערין אין אזא אונערטרעגליכע לאַגע. דער צושטאַנד פון זיין אמאָליגען גראף האט איהם פאר׳ן הארץ גענומען און דיאַרד רופט זיך אויס צו געבען זיין הערין א בכבוד׳ע דירה, קעסט און אויף אלע אַנדערע הצטרכות, אום סען סימאָן זאָל האבען די מעגליכקייט רוהיג און אונגעשטערט צו ארבייטען איבער זיינע ווערק.

„איך האב — זאָגט אונזער פילאָזאָף אין יענער צייט — דעם פאָרשלאַג פון דיעזען בראַווען מענשען אָנגענומען; איך בין ביי איהם. איך וואוין שוין דאָרטען צוויי יאָהר, און אין דער גאַנצער צייט האט ער ניט בלויז געזאָרגט מיר זאָל קיין זאַך ניט פעהלען, נור ער האט אויך גענומען אויף זיך אַלע הוצאות פון מיינע ווערקע, וועלכע איך האב געלאָזט דרוקען.“ אין אַן אַנדער אָרט: „ער איז דער איינציגער מענש געוועזען, וועלכען איך קען מיין פריינד רופען.“ וואס פאר א טרויעריגער טיעפער אינהאַלט ליעגט אין דיעזע אייניגע סען סימאָן'ס ווערטער פערבאָרגען?!

אז ער האט זיך ניט געפיהלט ניעדערגעשלאָגען פון די לחם חסד, וואס ער האט איצט בעקומען פון זיין אמאָליגען דיענער, דערוויסען מיר זיך פון איהם אליין: „מיין געגענווערטיגע לאַגע — ערצעהלט ער אונז — איז אייגענטהימליך. זי איז צוגלייך טרויעריג און זעהר גליקליך. מיינע ראַטהגעבער האבען דעם צוועק דורך זייערע עצות פון מיר דעם מוטה אַוועקצונעהמען. אבער אין דיעזער לאַגע פרעה איך מיך, איך פיהל מיך גליקליך; איך האב דאס געפיהל, אז עס איז פאַראַן ביי מיר א סך קראַפט, און דיעזעס בעוואוסטזיין איז פיעל אַנגענעהמער פאר מיר, ווי אַלע אַנדערע, וועלכע איך האָב אין מיין לעבען געהאַט. איך קוק גאַנץ רוהיג אויף די שוועריגקייטען, וועלכע איך האב דורכצומאַכען און לאַך איבער אַלע מניעות, וועלכע קענען נאָך קומען.“ אזוי האט איהם די שטאַלצע איבערצייגונג פון זיין גרויסער אויפגאַבע ניט געלאָזען זיך מיאש זיין און אָבהענגיג ווערען.

דער גוטמוטהיגער ברויטגעבער דיאַרד איז אבער אין א קורצער צייט אַרום געשטאָרבען און צוזאַמען מיט איהם איז אויך פערשוואונדען סען סימאָן'ס לעצטע שטיצע.

וואס ער האט דעמאָלט געטראַכט און געטהאָן, ווייסען מיר ניט. פון א קליינעם בריעף פון יענער צייט, געשריעבען מיט סען סימאָן'ס אייגענער האַנד, קענען מיר זיך פאָרשטעלען, ווי איהם איז אויסגעקומען זיך צו קווילען נאָך דיאַרד'ס טויט. זייט 14 טעג — שרייבט ער — עס איך ברויט און טרינק וואַסער; איך אַרבייט אָהן פייער, און האָב אפילו מיינע קליידער פערקויפט.

נאָך מעהר ווי הונגער און קעלט האט אונזער פילאָזאָף געפּלאָגט דאָס, וואס ער האט ניט די מעגליכקייט געהאַט אַרויסצוגעבען זיינע

ווערקע. די פערלעגער און ארויסגעבער האבען געקוקט אויף זיין אר־בייט, ווי אויף צוקאליעטשעטע געדאנקען, צומישטע מחשבות פון א ניט־געזונדען מח און האבען ניט געוואלט וויסען פון זיי. ער אליין, ווי מיר זעהען, האט אפילו ניט געהאט מיט וואס זיין הונגער צו שטי־לען. די לאגע איז ביטער. ווי גיט מען זיך אן עצה? אונזער גרויסער אידעאליסט מאכט קיין שיהות ניט און בעשליסט זיך בעקאנט צו מאכען די וועלט מיט זיינע ווערק דורך אן איינפאכען מיטעל. ער שרייבט איבער מיט'ן האנד איניגע עקזעמפלארען און צושיקט זיי צו פערשיעדענע געלעהרטע און אנדערע אנגעזעהענע פערזענליכקיי־טען. דערביי האט אונזער מחבר צוגעלעגט פאלגענדען בריעף:

„גנעדיגער הערר! זייט מיין רעטער, פיין מלאך מושיע. איך שטארב פון הונגער. מיין לאגע גיט מיר ניט די מעגליכקייט אויסצו־לעגען און איבערצוגעבען מיינע אידעען אויף א פאסענדען שטייגער; אבער די בעדייטונג פון מיין ענטדעקונג הענגט ניט אב פון דעם אופן און דער פארם, ווי איך גיב זיי איבער. צי האט מיר אבגעגאלטען א נייעם וועג אין דער פילאזאפיע דורכצוטרעטען? אט דאס איז די פראגע. ווען איהר וועט זיך מטריח זיין און איבערלייענען מיין ווערק, בין איך געראטעוועט. אבגעבענדיג זיך אין פערלויף פון פיעלע יאהרען צו דער ארבייט אויפצוזוכען א נייעם וועג אין דער געדאנקען־וועלט, בין איך געוועזן געצוואונגען זיך צו דערווייטערען פון דער שוהלע און דער געזעלשאפט. איך האב געמאכט אן ענטדעקונג פון אן אונ־געהייערער וויכטיגקייט.... ארבייטענדיג לטובת הכלל, האב איך זיך ניט געקימערט מיט מיינע אייגענע עסקים און איך בין דעריבער גע־קומען צו אזא שרעקליכער לאגע. איך האב ניט וואס צו עסען. איך ארבייט אהן פייער. איך האב אפילו פערקויפט מיינע בגדים, אום צו האבען די מעגליכקייט איבערצושרייבען מיינע ווערק. דאס שטרעבען צו וויסענשאפט און צום גליק פון'ם כלל, דער ווואנש צו געפינען מיטלען, ווי צו ראטעווען די אייראפעאישע געזעלשאפט פון'ם שרעק־ליכען קריזיס, אין וועלכען זי געפינט זיך, האבען מיר ארייגעבראכט אין אזא אונגליקליכע לאגע און דעריבער איז פאר מיר ניט קיין חרפה צו דערצעהלען פון מיין ארעמקייט און בעטען שטיצע, אום צו קענען מיין ארבייט פארטזעצען."

דיעזע קינדישע אפענהערציגקייט, דאס נאאיווע דערצעהלען

דברים כהוויתן, אָהן שום הינטערגעדאַנקען, זאָגען בתמימות דאַס, וואס ער מיינט דורך קלאָרע דבורים, ניט פערשטעלט, און זיך ניט רע־בענען מיט געוויסע פערשימעלטע כללים פון'ם בעל הבת'ישען שולחן ערוך איבער דרך־ארץ, איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער גרויסען אייגענאַרטיגען פילאָזאָף. ווי ווייט סען סימאָנען איז איבערהויפּט געווען פרעמד די מנהגים און אויפפיהרונג פון די „דורכשניטס־מענ־שען" ווייזט אונז ווייטערדיגער קוריאָז. אין יענער צייט האט איבער דער גאַנצער וועלט גע'שם'ט א געוויסע פרוי סטאַל אין גענף, אלס די קליגסטע און געבילדסטע פרוי אין איירָאָפּאַ. אָב'גט'ענדיג זיך מיט דער ערשטער פרוי, פאָהרט סען סימאָן קיין גענף צו פרוי סטאַל, וועלכע האט געוויס פון אונזער פילאָזאָף קיין שום השגה ניט געהאַט, און ווענדט זיך צו איהר מיט א פאָרשלאַג פון אונגעפעהר פאָלגענדען אינהאַלט: „איהר זייט די מערקווירדיגסטע פרויענצימער פון אונזער צייט; איך — דער מערקווירדיגסטער מאַנספּאַרשוין; פאַר וואס זאָ־לען מיר טאַקע ניט ווערען מאַן און פרוי?" וואס פאַר אן ענטפער ער האט געקענט בעקומען פאַר זיין פאָרשלאַג, איז לייכט צו פער־שטעהן.

---

פון דעם בריעף, וואס סען סימאָן האט צוגעלעגט צו זיין ווערק, זעהען מיר, אז דער אייניקעל פון קארל דעם גרויסען שעהמט זיך ניט אויסצושטרעקען די האַנד נאָך א נדבה. דאס איז נאָך ניט אזא גרויסע צרה. דאס אונגליק, וואס קיינער ענטפערט איהם אפילו ניט, נאָך מעהר. ער האט ניט בלויז קיין שטיצע ניט בעקומען, נור זיינע ווי־סענשאַפטליכע ווערק — און דאס איז פאַר איהם ערגער, ווי אלץ — ווערען פון קיינעם ניט געלעזען און געהען אין גאַנצען אונבעמערקט פאַרביי. דאַכט זיך, אז אלעס האט זיך צוזאַמענגעקליעבען אום צו פערניכטען די איינבילדונג, דעם גרויסען צוטרויען צו זיך, וואס איז געווען אין אזא גרויסער מאָס ענטוויקעלט ביי אונזער העלד. אבער עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! דאָ האט זיך בעזונדערס ארויסגעוויזען אין דער פולער מאַכט און קראַפט די גרויסקייט און ערהאבענהייט פון זיין גייסט. קיין זאַך אין דער וועלט: ניט די גרויסע נויטה און עלענד, ניט די קאַלטע גלייכגילטיגקייט צו זיינע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונ־

גען, ניט די עלטער — קיין זאך איז ניט געווען אימשטאנד צו ער־וועקען כאָטש א צווייפעל אין זיין הויכער אויפגאבע און היסטאָרישער שליחות צו בעגליקען די מענשהייט מיט נייע וועגען, וועלכע פיהרען צום אייביגען גליק.

בעטענדיג שטיצע און הילף, ערצעהלענדיג פון זיין גרויסער נויטה און דלות, הערט סען סימאָן פון דעסטוועגען ניט אויף זיך צו האַלטען פאר גאָט'ס שליח, בעשטימט פאר א וועגווייזער פאר דער מענשהייט.

זיינעם א פּלימעניק וויקטאָר דערצעהלט ער מיט גרויס התפעלות פון די גרויסע אויפגאבען און פליכטע, וועלכע זייער גרויסע מיוחס־דיגע פאַמיליע איז מחויב צו ערפילען.

„איך האב אוועקגעוואָרפען דעם שווערד — שרייבט סען סימאָן זיין פּלימעניק — אום זיך צו נעהמען פאר'ן פעדער, ווייל איך האב געשפּירט, אז די נאַטור ציהט מיך צו גרויסע ציעלען אין דער וויסענ־שאַפטליכער וועלט. די געשיכטע ווייזט אויף, אז אלע גרויסע טהאטען זיינען געטהאָן און דורכגעפיהרט געוואָרען דורך די מענשען מיט א גרויסען יחוס. יענע, וועלכע טראָגען אויף זיך דעם נאָמען „סען סי־מאָן," דארפען זיין ביי זיך שטאָלץ דערמיט, וואס דער מזל האט זיי ארונטערגעפיהרט פון'ם הויכען טהראָן ביז אויף דער מדרגה פון פּראָסטע איינפאכע מענשען."

ווען סען סימאָן איז אין דער צייט פון טעררער געזעסען אין טורמע, האט זיך ביינאַכט צו איהם בעוויזען קארל דער גרויסער — אזוי דערצעהלט ער — און זאָגט איהם: „זייט די וועלט שטעהט, איז נאָך ניט איין פאַמיליע אויסגעפאַלען דאס גליק צו בעשאפען א העלד און פילאָזאָף פון דער ערשטער מדרגה; אויפ'ן חלק פון מיין פאַמיליע איז דיעזער כבוד יא אויסגעפאלען. מיין קינד, דיינע ער־פאָלגע, אלס פילאָזאָף, וועלען זיין גלייך צו יענע, וועלכע איך האב ערדייכט, אלס העלד אין דער פּאָליטיק."

די אונגעהייערע בעגייסטערונג, וועלכע איז אריבער די געוועהנ־ליכע גרענעצען, פאר וואס דאס רוב מענשען האבען איהם געהאַלטען פאר א האַלבען משוגענעם, האט סען סימאָן ניט געהאַלטען פאר א חסרון, נור פערקעהרט, דאס האט איהם נאָך מעהר איבערצייגט, אז

ער איז אין דער אמת'ן אן אויסערגעוועהנליכער מענש, א בחיר ד'. אן אנדער בריעף צו דעם זעלבען פלימעניק וויקטאָר שרייבט אונזער פילאָזאָף: „משוגעת, מיין טהייערער וויקטאָר, איז ניט אַנדערס, ווי א העכערער גראד פון גרויסער בעגייסטערונג, און דיעזע גרויסע בע־גייסטערונג איז נויטהיג, אום גרויסע, גבורות'דיגע טהאטען דורכצו־מאַכען.... אין'ם טעמפעל פון רוהם קומען אריין בלויז קאנדידאטען אויף א דול־הויז, אבער ניט אלע קאנדידאטען אויף א דול־הויז קומען אריין אין'ם טעמפעל פון רוהם. פון מיליאָנען מענשען גיט זיך נור איין אן איינציגען אריינצוקומען — די איבעריגע ברעכען דעם גע־ניק..." יעדער גאַנצער עלוי איז א האלבער משוגענער, אבער ניט יע־דער גאַנצער משוגענער איז א האלבער עלוי — איז אונזער אידיש גלייכוועדטעל אין גאנצען איינשטימיג מיט סען סימאָן.

מיט פערשיעדענע בקשות איהם צו שטיצען און געבען די מעג־ליכקייט זיינע ווערק ארויסצוגעבען, האט זיך אונזער נאאיווער פילאָ־זאָף געווענדעט ניט בלויז צו די געלעהרטע און זיינע קרובים, נור אויך צו מענשען, וועלכע האבען קיין מגע ומשא ניט געהאט מיט וויסענ־שאפטליכע ענינים. אזוי ווענדעט זיך סען סימאָן אום שטיצע צו זיין אמאָליגען שותף גראף רעדערן, וועלכען ער האט אליין געהאלטען פאר א מענשען מיט א געמיינעם כאראקטער; אויך צו נאפּאָלעאָן האט ער געשיקט זיין ווערק און געבעטען הילף. כאראקטעריסטיש איז דאס, וואס אלע דיעזע בקשות, צו וועמען זיי זאָלען ניט זיין אדרע־סירט, האבען געהאט איין און דעם זעלבען אינהאלט און פאָרם. מיט אלעמען האט אונזער פילאָזאָף גערעדט אויף איין און דער זעלבער שפּראך — מיט זיין געוועזענעם משרת דיאַרד, ווי מיט נאפּאָ־לעאָן. צו אלעמען האט ער זיך געווענדעט אלס אן אויסגעוועהלטער, אלס אן אייניקעל און יורש פון קארל דעם גרויסען, וועלכען קיין זאך אין דער וועלט איז ניט אימשטאנד צו ערניעדריגען.

צו נאפּאָלעאָן האט סען סימאָן אויך געשיקט עצות און אָנגע־וויעזען מיטלען, ווי אָבצושוואכען ענגלאנד'ס מאכט אויפ'ן ים. אונ־זער תמים האט אבער ניט בעגניגענד זיך מיט עצות אליין, נור ער האט נאפּאָלעאָנען איינפאך מתרה געווען, אז אויב ער וועט ניט טהון, ווי ער, דער אתה בחרתנו'ניק, הייסט איהם, וועט פראנקרייך זיין אונגליקליך. דער סוף פון אזעלכע עצות איז געווען א צירקולאר פון

נאָפּאָלעאָנען צו דער געהיים פּאָליציי, מען זאָל אכטונג געבען און נאָכשפּירען נאָך סען סימאָנען.

די גרויסע תמימות און דאס צוטרויען צו מענשען, דאס גלויבען, אז יעדער מענש, ווער ער זאָל ניט זיין, קען בעגייסטערט ווערען מיט זיינע פּלענער, געפיהלען און אידעען, וועט אונז זיין בעגרייפליך, ווען מען שטעלט זיך פאָר, ווי רייך און שטארק די אינערליכע וועלט, די נשמה־וועלט סען סימאָן'ס איז געווען. אין זיין מח האבען זיך שטענ־דיג געמאָהלען ערהאבענע, שעהנע פּלענער פון דער צוקונפט, וועלכע האט איהם אריינגעבראכט אין א שטענדיגע, הייליגע התפּעלות, וואס האט איהם אויפגעהויבען העכער, א סך העכער איבער די גרויע קליינליכע ווירקליכקייט. סען סימאָן'ס בליק האט געקוקט זעהר ווייט און האט די נאָהענטע זאכען, זיינע מיטמענשען, ניט בעמערקט. דאס איז די אורזאכע, וואס אונזער גרויסער אוטאָפּיסט איז אויסגעקומען ביי זיינע צייט־גענאָסען זעהר לעכערליך און אונבעהאָלפען, ווען איהם איז אויסגעקומען זיך צו בעריהרען מיט דער אלטעגליכער פּראקטישער וועלט.

---

די צייט פליסט, די יאָהרען לויפען און די עלטער האט אָנגע־פאנגען פון זיך צו לאָזען הערען אפילו ביי דעם שטענדיג יונגען סען סימאָן. דאס לעבען דורך נדבות פון רייכע בעלי צדקות איז איהם סוף כל סוף איבערדריסיג געוואָרען; דאס גנאדען־ברויט איז אונזער אל־טען, קערפּערליך־צובראָכענעם, פיזיש־אָבגעשוואכטען פילאָזאָף מאוס ומאוס געוואָרען. שוין איז ער אלט 60 יאָהר און עס פעהלט איהם די נויטהיגע רוה און הרחבה און איבערהויפּט אלעס, וואס עס איז נוי־טהיג פאר א מענשען אין אזא עלטער. די וויסענשאפטליכע וועלט, וועלכע ער האט געמיינט מיט זיינע לעהרען איינצונעהמען, איז נאָך ווי פריהער געבליעבען גאנץ קאַלט און ווייניג געריהרט. די כחות פאנ־גען איהם אָן צו פערלאָזען. זיין יוגענדליכער מוטה און בעגייסטערונג איז שוין ניט געווען אימשטאנד צו דערטראָגען דעם שווערען יאָך פון די אלטע, מיט נויטה און דחקות דורכגעזויגטע, יאָהרען. דער יונגער נשמה מיט דער שטענדיג פרישער התלהבות איז אויסגעקומען אָבצוטרעטען פאר'ן אלטען קערפּער. א קאַלטער יאוש האט אָנגע־

פאַנגען צו נאָגען זיין הארץ. דאס לעבען איז געוואָרען אונערטרעגליך. און אום פון דיעזער פערצווייפלונג ארויסצוקומען, בעשליסט זיך סען סימאָן אין גאַנצען פון דיעזער וועלט ערלייזט צו ווערען און צו מאכען אן ענדע מיט זיין געקוועלטען לעבען.

אין מערץ, 1823, איז אנגעקומען די בשורה, אז סען סימאָן האט זיך בייגאַכט געשאָסען. דיעזע אונערוואַרטעטע ידיעה האט אַנגעמאַכט א גרויסע מהומה צווישען יענע, וועלכע האבען איהם מעהר אדער ווייניגער געקענט. די אייניגע אַנהענגער האבען זיך געוואָרפען ראַ־טעווען זייער רבי'ן; זיי האבען געטהאָן אלעס, וואס עס איז געווען ביי זיי אין רשות און מאכט, אום דעם אלטען פילאָזאָף פון טויט ארויסצורייסען. דיעזע צייטיגע הילף האט געווירקט. סען סימאָן איז געקומען צו זיך. דער פערזוך איבערצורייסען זיין געמאַטערטעס לע־בען האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער איז בלויז אָבגעקומען מיט פערליערען אן אויג דורך דער קויל.

אומקעהרענדיג זיך צוריק צום לעבען, האט סען סימאָן מיט א נאָך גרעסערער יוגענדליכער התלהבות זיך גענומען צו זיין ארבייט. אבער דאס מאָל מיט א גרעסערען ערפאָלג. קערפערליך אין גאַנצען אָבגעשוואַכט, בלינד אויף אן אויג, איז דעם גרויסען אידעאַליסט ערשט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען בעשערט געווען צו האבען אביסעל נחמה און זיך איבערצייגען, אז זיין גאַנץ געקוועלטעס לעבען איז פאַרט ניט פארביי אומזיסט. זיינע בעגייסטערטע אויפרופען און פרע־דיגען פאַנגען אָן צו געפינען ביסלעכווייז אן אָבקלאַנג. עס הויבען זיך אָן צו בעווייזען אַנהענגער פון זיין לעהרע, אמת, די צאָהל תלמידים איז זעהר קליין אין כמות, דערפאַר זיינען זיי גרויס אין איכות. צוויי־שען זיינע תלמידים געפינען זיך שפּעטער אזוי שטארק בעריהמט גע־וואָרענע מענשען, ווי דער פילאָזאָף אויגוסט קאָמט און דער היסטאָ־ריקער אויגוסטען טיערי. שטראַהלען פון האָפנונגען האבען אָנגע־פאַנגען זיין לעבען צו בעלייכטען און ער נעהמט זיך מיט א וואונ־דערבאַרער בעגייסטערונג און אָבגעפרישטע כחות פאר זיין לעבענס־ווערק. דער ניט־געלונגענער פערזוך זיך דאס לעבען צו נעהמען האט איהם די פריהערדיגע יוגענדליכע ענערגיע צוריקגעגעבען. דאס הויפּט־ווערק פון זיין לעבען, די גרונד־געדאַנקען פון זיין שיטה, איז נאָך ניט געווען געענדיגט און אזא מענש ווי סען סימאָן שטארבט ניט, איידער

זיין אויפגאבע איז ערפילט. צוויי יאָהר איז איהם נאָך אויסגעקומען צו לעבען און אין דיעזער צייט האט ער דער מענשהייט מעהר געגעבען, ווי אין דער גאנצער צייט פון זיין לעבען. אין דיעזער צייט האט סען סימאָן צוזאמענגענומען די איינציגע צוואוואָרפענע פעדים, וועלכע ער האט פריהער געשפונען און פון זיי אויסגעוועבט א פראכטפאָלע, סיסטעמאטישע, הארמאָנישע וועלט־אנשויאונג, וואס ווערט גערעכענט פאר איינע פון די טהייערסטע קאָסטבארקייטען אינ׳ם טעמפעל פון מענשליכען דענקען. דיעזע געאָרדנעטע פילאָזאָפישע סיסטעם האט סען סימאָן ענטוויקעלט אין זיין בעריהמטעם ווערק: „דאס נייע כריסטענטהום,״ וואס איז טאקע ערשיענען אין דיעזע לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען.

ווען דיעזעס גרעסטע אונפערענדיגטע ווערק איז ערשיענען, האט זיך דער גרויסער אוטאָפיסט־פילאָזאָף אויף אייביג אָבגעשיידעט פון דער וועלט, פאר וועלכע ער האט זיין לעבען מקריב געווען און פון די מענשען, וועלכע זיינען נאָך געווען אזוי אונרייף, אונענטוויקעלט, אזוי קליין און זיינען ניט געווען אימשטאנד צו פערשטעהען און אָבצושאַצען די גרויסע טובות, וואס דער פעראָרעמטער, מאָדנער, „האלב־משוגענער״ גראף האט מיט זיינע לעהרען געבראכט.

סען סימאָן׳ס טויט איז געווען אן אמת׳ע מיתת נשיקה, אָהן שום מאטערנים, ווי אן אמת׳ער צדיק האט ער ביז זיין לעצטען לעבענס־אָטהעם ניט אויפגעהערט צו גלויבען אין דער פערווירקליכונג פון זיינע אידעאלען.

דעם 19טען מאי, 1825, איז סען סימאָן געשטאָרבען אויף די הענד פון זיינע תלמידים, וועלכע האבען ארומגערינגעלט מיט גרויס ליעבע זייער גרויסען רבי׳ן ביז דער לעצטער רגע פון זיין יציאת נשמה.

---

ווען סען סימאָן האט געשפירט, אז זיין סוף איז נאָהענט — ערצעהלט איינער פון זיינע אָנהענגער — האט ער צוגערופען זיינע תלמידים פאר זיין בעט און געזאָגט: „אייך איז בעשערט צו לעבען אין אזא צייט, ווען גוט־אָנגעשטרענגטע כחות מוזען פיהרען צו אונגעהייערע רעזולטאטען; די פרוכט איז רייף, איהר וועט זי ארונטער־

רייסען. דער לעצטער טהייל פון מיינע ארבייטען, „דאס נייע כריסטענטהום," וועט ניט גלייך פערשטאַנען ווערען. מען האט געמיינט, אז די רעליגיאָן מוז פערשווינדען, ווייל דער קאַטאָליציזמוס איז פעראַלטעט. דאס איז א גרויסער טעות. די רעליגיאָן קען ניט פערשווינדען פון דער וועלט; זי מוז נור איבערגעאַנדערשט ווערען..." און ווענדענדיג זיך צו זיין ליעבסטען תלמיד ראָדריג: „פערגעס דאס ניט, און געדענק, אז אום צו טהון גרויסע טהאַטען מוז מען זיין בעגייסטערט... מיין גאַנצעס לעבען איז געוועזן דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק: „אלע מענשען צו פערזיכערען און ארויסגעבען אן ערבות פיר די פרייע ענטוויקלונג פון זייערע פעהיגקייטען..." עס איז געוואָרען זעהר שטיל און דער בן מות, שוין אין מיטען דער גסיסה זאָגט ווייטער: „צוויי מעת לעת נאָך אונזער צווייטער פּובליקאַציאָן, וועט זיך די פּאַרטיי פון די ארבייטער בילדען.... די צוקונפט געהרט אונז..." ווי ער האט דאס געזאָגט, האט ער ארויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן קאָפּ און איז געשטאָרבען.

אזוי לעבען און שטאַרבען די גרויסע נביאים פון דער מענשהייט!

## XXV.

# סען סימאָן און קאַרל מאַרקס

די לעבענס־אויפגאבע, וועלכע סען סימאָן האט זיך פון דער יוגענד אָן געשטעלט, איז געווען: „צו בעגרייפען דעם גאנג און די ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען גייסט.” דארונטער איז צו פערשטעהן: די אורזאכען, דורך וועלכע עס ענטוויקלען זיך פערשיעדענע גייסטיגע בעוועגונגען און שטרעבונגען. סען סימאָן האט געוואָלט געפינען דאס מאַטעריאַל, פון וועלכען עס וועבען זיך די פעדעם פון די פּאָליטישע, ווי אויך רעכטליכע פאָרמען; ווי די לעצטע ענטשטעהען און פערגעהען. מיט איין וואָרט, די אויפגאבע פון אונזער בעגייסטערטען פילאָזאָף איז געווען, צו ענטדעקען די רעדער און אויסצוגעפינען די טרייב־קראַפט, פון וועלכער דיעזע רעדער פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג ווערען בעוועגט און געטריעבען.

איז איהם דאס געלונגען?

נור ביז צו א געוויסער מדרגה!

סען סימאָן’ען האט זיך איינגעגעבען צו ענטדעקען די רעדער, וועלכע בעוועגען די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט, איהם האט זיך אבער ניט איינגעגעבען צו געפינען די טרייב־קראפט, דורך וועלכער די רעדער ווערען אין גאַנג געלאָזען. צו ווענִיג ענטוויקעלט זיינען נאָך געווען די טעכנישע וויסענשאפטען, צו לאַנגזאם האבען זיך געביטען און געענדערט די פערשיעדע פאָרמען פון דעם קאמפף מיט דער נאַטור און אפילו אזא שאַרפער און חריפות’דיגער מח מיט אזא דורכדרינגענדען טיעפען בליק ווי סען סימאָן, איז נאָך אויך ניט געווען אימשטאַנד ארייננצודרינגען אין קדשי קדשים פון דער געשיכטע, וואו דער פערוויקעלטער און פערדרעהטער קניפּעל

פון די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען איז אויפגעפלאָנטערט. די זאָמען פון'ם קאפיטאליזם זיינען שוין הגם געווען געזייעט, אבער זיי זיינען נאָך ניט געווען אויפגעגאנגען און דורכגעריסען דורך דעם באָדען, וועלכער האט זיי פערדעקט מיט א טיעפען שיכט. דער גרויס־בעטריעב איז נאָך געווען אין עמבריאָ־צושטאנד, וועלכער האט אקאָרסט אָנגעפאנגען צו וואקסען און זיינע שלעכטע און שענדליכע פריכטע זיינען נאָך געווען איינגעטוליעט און פערבאָרגען צווישען די בלעטער פון דעמאָלט נאָך הערשענדע פראָדוקציאָנס־צווייגען פון'ם קליין־בעטריעב. די אמת'ע טרייב־קראפט פון דער געשיכטע איז ענטדעקט געוואָרען מיט א דור שפעטער דורך א ניט־קלענערען גאון און פילאָזאָף קאַרל מאַרקס, וועלכער האט געלעבט אין אזא צייט און אין אזא לאנד, וואו דער קאפיטאליזמוס מיט אלע זיינע גוטע און שלעכטע זייטען, ווי אויך זיין אָבהענגיגקייט פון די טעכנישע ערפינדונגען, איז געווען מעהר ענטוויקעלט און קענטיג.

אבער אויב סען סימאָן'ען איז ניט געלונגען צו ענטדעקען די עכטע סודות פון דער מענשליכער געשיכטע, וועט דאָך זיין נאָמען ווערען פעראייביגט און אויסגעקריצט אין דעם אויבען־אָן, אויפ'ן מזרח־וואנד אין'ם טעמפעל פון דער וויסענשאפט, ווייל איהם האט זיך צום ערשטען מאָל איינגעגעבען אנאטאָמיש פונאנדערצוגליעדערען, אויסצוגעפינען די סבה און דעם יוצא, די אורזאכע און די פאָלגע פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען. סען סימאָן האט געמאכט די אונגעהייער וויכטיגע ענטדעקונג, דאס די געזעלשאפט איז צוטהיילט אויף קלאסען מיט בעזונדערע אינטערעסען און אז די פאָליטישע מאכט געפינט זיך אין די הענד פון דעם עקאָנאָמיש־שטארקסטען קלאס, וועלכער בענוצט זיך מיט זיין מאכט איינצואָרדנען אלע איינריכטונגען, אינסטיטוטען און געזעצען לויט די פאָדערונגען פון זיינע אינטערעסען. ווען איין געזעלשאפטליכע אָרדנונג, איין רעזשים איז אנדערש, ווי אן אנדער אָרדנונג, איז דאס ניט דעריבער, ווייל די השגחה פרטית וויל אזוי, ווי די מאמינים האבען זיך פאָרגעשטעלט, אויך ניט דורך דעם גליקליכען אדער אונגליקליכען צופאל, אדער דורך דעם גוטען אדער שלעכטען ווילען פון וועלכען־עס־איז הערשער אדער סתם איינפלוסרייכע מענשען — דאס איז בלויז דעריבער, ווייל די עקאָנאָמישע פערהעלטניסען, די פאָרמע פון דער פראָדוקציאָן, די

מיטלען, ווי צו דעקען די לעבענס־בעדערפנישע זיינען געוואָרען אנדערע. די פּאָליטישע פּערהעלטניסע זיינען שטענדיג צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע, וועלכע ענדערען זיך — אָט איז דער וויכטיגער אמת, וואס סען סימאָן האט אונז מגלה געווען. דיעזע ענטדעקונג האט געוואָרפען א קלאָרען ליכט אויף די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, ווי אויך אויף אלע אנדערע גרויסע פּאסירונגען, וועלכע זיינען פריהער בעטראכט געוואָרען אלס צופעליגע אונפערהאָפטע ערשיינונגען, וועלכע האבען געקענט זיין און געקענט ניט־זיין. סען סימאָן האט מיט זיין ענטדעקונג אונז קלאָר געמאכט, אז די גרויסע פּאסירונגען זיינען א רעזולטאט פון דער היסטאָרישער נויטהווענדיגקייט און האבען זייער וואָרצעל אין די אופנים פון לעבען, אין די פאָרמען, ווי די געזעלשאפט פיהרט איהר קאמפף מיט דער נאטור פאר איהר חיונה. יעדע רעוואָלוציאָן איז ניט אנדערש, ווי אן איבערגאנג פון דער פּאָליטישער מאכט פון איין קלאס צום צווייטען, וועלכע איז ביז איצט געווען אונטערדריקט פּאָליטיש, אבער שוין שטארק ענטוויקעלט עקאָנאָמיש.

אין מיטעלאלטער זיינען די הערשענדע קלאסען אין אייראָפּא, ד. ה. די, וועלכע האבען געהאט די פּאָליטישע מאכט ביי זיך אין די הענד, געווען די פעאָדאלען — די מיליטער־אריסטאָקראטיע און די גייסטליכע. פאר וואס איז דאס אזוי געווען? דאס איז דעריבער, ענטפערט סען סימאָן, ווייל דיעזע קלאסען זיינען געווען די וויכטיגסטע, די פּראָדוקטיווסטע און פון זיי איז אָבגעהאנגען די נאציאָנאלע און געזעלשאפטליכע קראפט פון יענער צייט.

די אריסטאָקראטיע און די גייסטליכע זיינען געווען די נויטהווענדיגסטע קלאסען פון דער געזעלשאפט, ווייל אויף זיי איז געלעגען די וויכטיגסטע פליכט פון יענער צייט — די פליכט מיליטעריש צו שטיצען דאס לאנד פון שונאים. די מיטעלאלטערדיגע ריטער זיינען ניט געווען פוסט־און־פּאסניקעס, וועלכע האבען גאָר ניט געטהאָן און ווי כלי קודש גלעבט אויפ'ן חשבון הקהל, נור זעהר וויכטיגע, קאסטבארע מיטגליעדער, אָהן וועלכע די געזעלשאפט וואלט ניט געקענט אויסקומען. זיי האבען פערטהיידיגט די ארבייטענדע קלאסען, וועלכע זיינען שטענדיג געלעגען אין שרעק און מורא ניט בעפאלען צו ווערען

פון א שונא, וועלכער וואָלט געבראָכען, געשטאָכען און געמאַכט א תל פון זייער האָב און גוטס.

וואס איז ווייעדער נוגע די גייסטליכקייט, טאָ איז אין איהרע הענד געלעגען דער אנדערער קוואַל פון דער געזעלשאַפטליכער מאַכט די וויסענשאַפט. אין איהר רשות איז געלעגען דער אוצר פון דעם גייסטיגען פערמעגען, די קענטנים פון מיטעלאַלטער. די פּאָליטישע פעאָדאַלע אָרדנונג האט זיך געהאַלטען אין פערלויף פון איינינע יאָהר־הונדערטע, ווייל זי איז געוועזן אקוראט צוגעפּאַסט צו דעם שטאַנד פון די געזעלשאַפטליכע עקאָנאָמישע קרעפטען.

עס איז קיין וואונדער ניט, אז ביי אזוינע בעדינגונגען האבען די יונקער, די אגראַריער, געהאַט די אויבערהאַנד אין דער געזעלשאַפט, אז אין זייער רשות האט זיך קאָנצענטרירט דער גרונד און באָדען, און אז די פּאָליטישע און רעכטליכע אָרדנונג איז געוועזן צוגעשניטען אויף זייער מוסטער. די אינדוסטריעלע און בורזשואזע קלאַסען זיינען נאָך עקאָנאָמיש געוועזן שוואַך, ניט ענטוויקעלט און ממילא פּאָליטיש אונטערדריקט. מיט זייערע אינטערעסען האט מען זיך זעהר וועניג גערעכענט. אין געזעלשאַפטליכען לעבען האבען זיי געשפּיעלט אן אונבעדייטענדע ראָלע.

מיט דער ענטדעקונג פון אמעריקא, וואס האט ארויסגערופען א גרויסע ענטוויקלונג אין׳ם מסחר, איז די בורזשואזיע געוואָרען אין גאַנצען אונאָבהענגיג פון די פעאָדאַלען, און זייער עקאָנאָמישע מאַכט און כח איז געוואָרען אַלץ גרעסער און שטאַרקער. אין דער מלחמה־קונסט פון די פעאָדאַלען האט זיך די געזעלשאַפט אויך אויפגעהערט צו נויטהיגען. אין דיעזען פּרט האט דאס גאַנצע ריטערטהום בעקומען א פערניכטענדען טויט־קלאַפּ ניט אויף דעם מלחמה־פעלד, נור אין דער לאַבאָראַטאָריע פון א מאָנאַך (אונגעפעהר, ווי ביי אונז א פּרוש). דאָרט איז ענטדעקט געוואָרען שיס־פּולווער, וואס האט ארויסגערופען א גאַנצע איבערקעהרעניש אין דער מיליטער־אָרגאַניזאַציאָן. די מיליטער־קונסט האט אויפגעהערט צו זיין א חכמה, וואס איז געוועזן בלויז צוגענגליך דוקא צו יענע, וועלכע האבען זייער לעבען דערצו פערברויכט, אום עס צו ערלערנען — צו די פעאָדאַלען. יעדער איינציגער פּשוט׳ער בשר ודם האט אין א קורצער צייט דיעזע חכמה געקענט בעקומען און ניט זיין אן ערגערער סאָלדאַט, ווי די מיוחסים פעאָ־

דאלען. די פעאָדאלען זיינען אין געזעלשאפטליכען לעבען געוואָרען איבעריג, ווי אַן אַלטע אָבגעשלאָגענע הושענא, און האבען געמוזט אָבטרעטען פאר די וואקסענדע אינדוסטריע. ניט מענשען פון א גרויסער משפחה, ניט יחוס, נור געלד פאנגט אָן צו ווערען דער הויפט-פונדאמענט פון געזעלשאפטליכען לעבען. די ראָלע און בעדייטונג פון דער בורזשואזיע וואקסט אַלץ מעהר און מעהר און די פעאָדאלען געהען אַלץ ניעדריגער און ניעדריגער. די קוועלע פון מאכט איז שוין ניט געלעגען ביי די פעאָדאלען, נור ביי די בורזשואזיע. און וויבאלד, אז די עקאָנאָמישע מאַכט איז איבערגעגאַנגען פון די פעאָדאַלען צו די אינדוסטריעלער, האט, זעלבסטפערשטענדליך, פריהער אדער שפעטער, אויך די פאָליטישע מאַכט געמוזט איבערגעהן צו זיי. דאס איז טאקע געשעהן דורך די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, ענדע דעם 18טען יאָהרהונדערט, וועלכע איז געווען ניט אנדערש, ווי א קאמפף פון דער עקאָנאָמיש אויסוואקסענדער בורזשואזיע געגען די אָבגעלעבטע, איבריג-געוואָרענע פעאָדאלען, אום ארויסצורייסען פון זייערע הענד די פאָליטישע מאכט. די פעאָדאלען האבען געמוזט פערשפיעלען אין דיעזען קאמפף, ווייל זיי האבען אין לעבען פון דער נאציאָן אָבגע'בעל-הבית'עוועט און די עקאָנאָמישע מאַכט איז איצט געלעגען ביי דעם „פאָלק" (אזוי רופט אָן סען סימאָן דעם דריטען קלאַס, די בורזשואזיע, צוזאמען מיט אַלע אַנדערע עלעמענטען, וועלכע האבען דאַן געקעמפפט געגען דעם פעאָדאליזמוס).

אויסער דעם, מיינט ווייטער סען סימאָן, האבען אין דיעזער צייט זיך אויך ענטוויקעלט די ריינע פאָזיטיווע וויסענשאפטען, וועלכע האבען צוטריעבען די כמארעס און די שווארצע וואָלקענס, מיט וועלכע די קאטאָלישע גלחים און די איבעריגע כאָליאסטרע האבען בעצויגען דעם הימעל, אז מען האט ניט געקענט זעהן די ליכטיגע שיין. אנשטאט די גלחים זיינען די גייסטיגע פיהרער פון דער געזעלשאפט געוואָרען די געלעהרטע, די פאָרשטעהער פון דער פאָזיטיווער וויסענשאפט. אָט דיעזע טיעפע עקאָנאָמישע און גייסטיגע פערענדערונג, וואס איז פאָרגעקומען אזוי שטילערהייט אָהן ליארעם און געפילדער אין פערלויף פון אייניגע הונדערט יאָהר, האט געפונען איהר אויסדרוק אין דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועלכע איז געווען א היסטאָרישע נויטהווענדיגקייט, אבער ניט א רעזולטאט פון דעם אדער

יענעם שלעכטען מיניסטער אדער פאָלקס־פיהרער. די פּאָליטישע אָרדנונג, צוגעשניטען צו די מאָס פון די פעאָדאלען, האט, ווען די בורזשואזיע האט זיך ענטוויקעלט און בעקומען די עקאָנאָמישע מאכט, אויפגעהערט צו בעפריעדיגען. און אזוי ווי די פעאָדאלען האבען זיך סומך געווען אויף דער אלטער חזקה און ניט געוואָלט ארויסלאָזען מיט'ן גוטען ווילען אזא פעטען ביסען, ווי די פּאָליטישע מאכט, פון זייערע הענד, איז קיין אנדער מיטעל ניט געבליעבען, ווי ארויסצו־רייסען מיט געוואַלט, דורך א רעוואָלוציאָן.

יעדע קאָנסטיטוציאָן—ענטוויקעלט ווייטער סען סימאָן זיין גע־דאנק — איז נור שטארק דאַן, ווען זי דריקט אויס דעם אינערליכען שטאנד פון דער געזעלשאפט. א נייע פּאָליטישע מאכט קען מען ניט בעשאפען, מען דארף זי נור ענטדעקען, אנערקענען, ווען זי איז פאקטיש שוין פאראַן. יעדע קאָנסטיטוציאָן, וואס דריקט ניט אויס און פערקערפּערט ניט מיט זיך די עקאָנאָמישע קרעפטען, וועלכע וויר־קען אין דער געזעלשאפט, האט קיין ממשות ניט און בלייבט ניט מעהר, ווי א געביידע, אויפגעשטעלט אויף זאמד.

די פּאַלאַטע פון די לאָרדען אין ענגלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר א ממשות'דיגע פּאָליטישע מאכט, ווייל די ענגלישע לאָרדען פער־קערפּערען אין זיך א געוויסע עקאָנאָמישע מאכט אין'ם סאָציאַלען לעבען פון ענגלישען פאָלק. די בעדייטונג פון דיעזער לאָרדען־קאַמער שטיצט זיך ניט אויף געוויסע טהעאָריען און פּאָליטישע קונסט־שטיק פון די אריסטאָקראטען, נור פשוט אויף א געוויסען רעאַלען עקאָנאָ־מישען פונדאמענט. אין די וועניגע הענד פון די ענגלישע לאָרדען איז קאָנצענטרירט דער גאַנצער גרונד און באָדען, וועלכער איז א גרויסער עקאָנאָמישער פאקטאָר אין לאַנד.

אין פראנקרייך איז גאַנץ אנדערש.

די פּאַלאַטע פון די פּער'ן האט זיך ניט געשטיצט אויף א געווי־סע עקאָנאָמישע מאכט, זי איז גערופען געוואָרען אין לעבען צוליעב געוויסע פּאָליטישע חשבונות און דיפּלאָמאטישע שמד־שטיק, און זי האט דעריבער געמוזט שפּיעלען זעהר א קליינע ראָלע. די קאָנסטי־טוציאָן אין פראנקרייך דארף זיין א גאַנץ אנדערע, ווי די קאָנסטי־טוציאָן אין ענגלאַנד.ביידע שניידען אויף איין מוסטער איז אַן

אונזין. די קעניגליכע מאכט *) מוז זיך אין פראנקרייך שטיצען אויף די געזעלשאפטליכע קלאסען, וועלכע זיינען א ממשות'דיגע רעאלע מאכט, — אויף די אינדוסטריעלער און געלעהרטע.

א מערקווירדיגען מיטעל, ווי אבצומעסטען און צו בעאורטהיילען פערשיעדענע סאציאלע ערשיינונגען, האט אונז דא סען סימאן געגעבען. וויל איך וויסען, אויב די אדער יענע איינריכטונג, די אדער יענע בעוועגונג, די אדער יענע פאדערונג האט א ממשות און איז לעבענספעהיג, דארף איך דאס ניט בעטראכטען אבסטראקט, לויט געוויסע כללים פון שכל, לאגיק, אויך דארפען מיר זיך ניט רעכענען מיט סוביעקטיווע געפיהלען און נייגונגען, נור מען דארף חוקר ודורש זיין, אונטערזוכען די עקאנאמישע כחות פון דער געזעלשאפט. אויב דיעזע בעוועגונג שטיצט זיך אויף אן עקאנאמישען יסוד, דריקט אויס א געוויסע עקאנאמישע רעאלע מאכט — דאן איז זי לעבענספעהיג, געזונד און וועט מוזען פריהער אדער שפעטער זיעגען, איז דאס ניט דער פאל, דאן איז אזא בעוועגונג אבגע'משפט צום טויט, אזוי ווי אלע אנדערע פלענער, וואס דער אדער יענער פאנטאזיאר בילדעט זיך איין אין זיין אייגענעם מח. ניט אין די מחות פון מענשען דארף מען זוכען אן אנהאלט פאר א געוויסע שטרעבונג, נור אין די עקאנאמישע פערהעלטניסע פון דער צייט. און אויך די עקזיסטענץ פון א געוויסער בעוועגונג איז אבהענגיג פון די עקאנאמישע אינטערעסען, פון'ם עקאנאמישען יסוד, אויף וועלכע זי שטיצט זיך.

דאכט זיך אזוי פשוט און איינפאך, און דאך איז דיעזער אלף-בית, וואס איז שוין ענטדעקט געווארען מיט הונדערט יאהר צוריק דורך דעם פראנצויזישען פילאזאף און איז דורך די גאנצע היסטאריע בעשטעטיגט געווארען, נאך עד היום געבליעבען אונפערשטענדליך ביי פיעלע פון אונזערע, איבערהויפט אידישע קהל-פיהרער, וועלכע פערדרעהען און פערפלאנטערען דעם מח פון אונזערע מאסען מיט

---

*) מיר דארפען ניט פערגעסען, אז סען סימאן האט דאס געשריעבען, ווען אין פראנקרייך איז געווארען, נאך דער רעוואלוציאן, צוריק א קעניגטהום.

פערשיעדענע אוטאָפּיסטישע פּלענער און האָפנונגען, וועלכע האבען קיין באָדען ניט אונטער זיך.

נור ניט דאס בין איך אויסען.

די פּראָדוקציאָן, אדער, ווי מיר וואָלטען דאס איצט בעסער זאָגען, דער קאמפף אום'ס דאזיין — מיינט וויטער סען סימאָן — איז דער תכלית, דער צוועק פון'ם מענשליכען צוזאמענלעבען און דעריבער זיינען די יעניגע, וועלכע פיהרען די פּראָדוקציאָן, שטענדיג געשטאַנען און וועלען שטעהען אָן דער שפּיצע פון די געזעלשאפטליכע איינריכטונגען. ביז דעם 15טען יאָהרהונדערט איז די ממשלה געלעגען אין די הענד פון די אדעליגע פעאָדאלען, דאס האט געמוזט אזוי זיין, ווייל די אדעליגע האבען געפיהרט דאן דאס לאַנד און די פעלד־ארבייט, וואס איז געווען די הויפּט, אויב ניט די איינציגע קוועלע פון חיונה, אום ניט אונטערצוגעהן אין'ם קאמפף אום'ס דאזיין. ביסלעכווייז, אין פעריאָד פון ערשטען קרייצצוג ביז לויט דעם 11טען, איז געבוירען און זיך ענטוויקעלט א נייער געזעלשאפטליכער קלאַס (דער קלאַס אינדוסטריעלער בורזשואזיע), וועלכער איז נאָך שטארקער אויסגעוואקסען אין דער עפּאָכע צווישען לויט דעם 11טען און לויט דעם 15טען. אין פערלויף פון דיעזער צייט האט דער ניי־געבוירענער און אויסגעוואקסענער בורזשואזנער קלאַס ניט אויפגעהערט צו קעמפּפען מיט די פעאָדאלען און אָבנעהמען ביי זיי איין פּאָזיציאָן נאָך דער צווייטער. אזוי ווי די בורזשואזיע איז נאָך פאָרט אין יענע צייטען ניט געווען אזוי מעכטיג, זי זאָל קענען אליין מיט אייגענע כחות בעזיעגען די פעאָדאלע הערשונג און האט זיך גענויטהיגט אין א שטארקע אונטערשטיצונג, האט זי, די בורזשואזיע, הייסט עס, געשלאָסען אָן אָבמאַך און געמאַכט יד אחת מיט דער קעניגליכער רעגיערונג. די רעגיערונג האט אבער געלאָזט זיך גוט בעצאָהלען פאר איהרע הנחות, וואס זי האט געגעבען דער בורזשואזיע אויפ'ן חשבון פון די פעאָדאלען. דער קעניג האט געוואָלט, דאס די בורזשואזיע זאָל איהם אויסהעלפען אין זיין שטרעבונג צו פערקלענערען און צו־נישט־צומאַכען די מאַכט, מיט וועלכער יעדער איינציגער פעאָדאל האט זיך בענוצט, אום אריינצוכאפּען און צו קאָנצענטרירען די גאַנצע הערשונג ביי זיך אין די הענד. האנד וואשט האנד. דער קעניג האט מיטגעווירקט דער ענטוויקלונג פון די שטעדט — די פעסטונגען פון דער

בורזשואזיע, אונטערשטיצט דעם האנדעל, געגעבען אלערליי הנחות און פריווילעגיען די אינדוסטריעלער און סוחרים, און די בורזשואזיע ווידער פון איהר זייט איז אויך ניט געווען כפוי טובה. זי האט בעפעסטיגט די קעניגליכע מאכט איבער די פעאדאלען און גייסטליכע, האט געגעבען געלד אויף א שטארקען פלאט און מיליטער, וועלכע איז געווארען די שטיצע פון דעם קעניגליכען אבסאלוטיזמוס. אזוי זעהען מיר, אז אין דער דערמאהנטער עפאכע איז דער קעניג געגאנגען האנד אין האנד מיט דער בורזשואזיע, וועלכע איז עקאנאמיש שוין געווען קרעפטיגער, ווי די אדעליגע. וואלט די רעגיערונג אויך ווייטער שכל געהאט און פערשטאנען, ווי נאכצוגעבען דעם עקאנאמיש שטארקסטען קלאס און ענטגעגענגעקומען זיינע פאדערונגען, דאן איז קיין ספק ניט, אז די ענטוויקלונג פון פראנקרייך וואלט געגאנגען רעגעלמעסיג אהן גרויסע שטירמישע פאסירונגען און רעוואלוציאנען. לואי דעם 15טען האט זיך אבער געוואלט צוריק אויפשטעלען די מיטעלאלטערליכע הערשונג פון די פעאדאלען. ער האט פערראטהען זיין בונדעס-גענאסע, די בורזשואזיע, און האט זיך געשטעלט צוריק אויף דער זייט פון דער אבגעלעבטער אדעל-אריסטאקראטיע. די געשיכטע געהט אבער ניט צוריק און ווערט ניט געמאכט לויט דעם ווילען פון די הערשער. די בורזשואזיע איז געווארען א שטארקער עקאנאמישער פאקטאר אין דעם לעבען פון דער נאציאן און די פאליטישע מאכט האט זיך געקענט נור שטיצען אויף דער בורזשואזיע. לואי דער 15טער האט דאס אבער ניט פערשטאנען. ער האט געמיינט, אז מיט פערשיעדענע אוקאזען און פאפירענע געזעצען קען מען אוועקנעהמען די ממשלה פון איין קלאס און זי אוועקגעבען דעם צווייטען. דיעזער פעהלער, וואס לואי דער 15טער האט געמאכט, האט געקאסט זעהר טהייער די בורבאנען, וועלכע האבען ניט געקענט אבהאלטען די ענטוויקלונג פון דער בורזשואזיע. די פראנצויזישע רעוואלוציאן און די איבעריגע שפעטערדיגע פאסירונגען זיינען געווען ארויסגערופען דורך דעם קאמפף פון דער נייער אינדוסטריעלער ארדנונג מיט דער אלטער אבגעלעבטער פעאדאלער סיסטעם, אין וועלכע לואי דער 15טער האט געוואלט אריינבלאזען א נייעם רוח חיים. די בעזיעגטע און בעקעמפפטע אריסטאקראטיע האט אין

דער צייט פון דער רעסטאוראציאָן *) ווידער געפּרופט אויפצושטעלען און וויעדערקעהרען זייער אלטע ווירקונג און בעדייטונג. דיעזער פער־צווייפעלטער פערזוך האט אבער קיין ערפאָלג ניט געהאט. די ראָלע פון די פעאָדאלען אין פראנקרייך איז אויף אימער פערלוירען געוואָ־רען. אין פערלויף פון 15טען יאָהרהונדערט האט זיך די פעאָדאלע סיסטעם דעזאָרגאניזירט, געגאנגען אלץ ריקווערטס, געוואָרען אלץ עלטער און שוואכער און די אינדוסטריעלער, פערקעהרט, זיינען אלץ געוואקסען, זיך אָרגאניזירט און געוואָרען מעכטיגער און פרישער. עס איז געווען גענוג א טאקטישע, פלאנמעסיגע פיהרונג פון די פּאַר־שטעהער פון דער אינדוסטריע, צו מאכען אן ענטשיעדענעם שריט אום אין גאנצען אויפצושטעלען די אינדוסטריעלע סיסטעם און אָב־צורייניגען די געזעלשאפט פון יענע חורבות, וועלכע זיינען נאָך איי־בערגעבליעבען פון יענעם פעאָדאלען בנין, אין וועלכען אונזערע זיי־דעס האבען פארצייטען געוואוינט. דיעזער שריט, פון וועלכען סען סימאָן שמועסט, איז געווען די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן.

---

מיר האבען דא אבזיכטליך זיך אויספיהרליך אָבגעשטעלט אויף סען סימאָן׳ס גרונדגעדאנקען־גאנג, אום צו ווייזען, ווי ווייט פאלש עס איז די פערשפרייטע מיינונג אין דער ליטעראטור, ווי אויך צווישען גע־לעהרטע, אז די טהעאָריע פון קלאסענקאמפף, וועלכע בעהויפּטעט 1) אז אונזער געזעלשאפט איז צוטהיילט אויף קלאסען מיט פערשיע־דענע פאָדערונגען, בעדערפנישע און שטרעבונגען ; 2) אז אין דער גאנצער געשיכטע קומט פאָר א קאמפף צווישען פערשיעדענע קלאסען איבער די אויבערהאנד אין דער געזעלשאפט ; 3) אז זיעגען מוז שטענדיג דער יעניגער קלאס, וועלכער איז עקאָנאָמיש שטארקער און שפּיעלט די גרעסטע ראָלע אין עקאָנאָמישען לעבען פון דער געזעל־שאפט ; 4) דיעזער זיעג דריקט זיך אויס אין דעם, וואס די אלע גע־זעלשאפטליכע איינריכטונגען און אנשטאלטען : די געזעצען, די פּאָלי־טישע און יוריסטישע פאָרמען ווערען צוגעפּאסט לויט די פאָדערונגען

---

*) אין 1815, ווען די קעניגליכע רעגיערונג איז ווידער געגרינ־דעט געוואָרען אין פראנקרייך.

און בעדערפנישע פון'ם קלאַס, וועלכער זיעגט און קריעגט די אויבער־האנד — אז דיזע טהעאָריע איז ענטדעקט געוואָרען דורך קאַרל מאַרקס. דאס איז ניט ריכטיג. דער ענטדעקער פון דיעזער עפּאָכע־מאַכענדער טהעאָריע איז ניט מאַרקס, זאָנדערן דער סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט — גראַף סען סימאָן.

דער אונטערשיעד צווישען סען סימאָן און מאַרקס'ן בעשטעהט בלויז דאַרין, וואס סען סימאָן לעבענדיג אין דער צייט, ווען דער גרויס־בעטריעב איז נאָך ניט געווען ענטוויקעלט און דער פּראָלעטאַריאַט, אלס קינד פון דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, איז נאָך געווען אין די קינדער־יאָהרען און עס איז נאָך ניט געווען קענטיג זיין מאַכט און די גרויסע היסטאָרישע שליחות — לעבענדיג אין אזא צייט, זאָגען מיר, האט ער ניט געזעהן דעם גרויסען קאַמפּף, וואס עס מוז פאָרקומען אין „פאָלק" גופא צווישען אינדוסטריעלער און ארבייטער, צווישען ארבייט־נעהמער און ארבייט־געבער. דיעזער קאַמפּף צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל אין דער אינדוסטריע גופא איז געווען אין סען סימאָן'ס צייטען פערשטעלט און פערמאַסקירט דורך דעם שטאַרקערען קאַמפּף צווישען די בורזשואזיע און פעאָדאַלען, און איז אונזער העלד געבליעבען אונבעקאַנט. אין יענער צייט איז דער עקאָנאָמיש שטאַרקסטער קלאַס געווען די אינדוסטריעלער און צו זיי האט בעדאַרפט איבערגעהן איצט די פּאָליטישע מאַכט, און צווישען זיי טאַקע, צווישען די בורזשואזיע און געבוירענע אריסטאָקראַטיע האט זיך דער גאַנצער קאַמפּף אָבגעשפּיעלט. דער גענענזאַץ צווישען פּראָלעטאַריאַט און בורזשואזיע איז נאָך ניט געווען אזוי קענטיג און עס האט נאָך פון דעם קיין רייד ניט געקענט זיין. סען סימאָן, אלס א קינד פון זיין דור האט זעלבסטפערשטענדליך בלויז געקענט אויסדריקען די אינטערעסען פון דער אינדוסטריע, וואס ער האט דאס בעצייכענט מיט'ן נאָמען „פאָלק." ער איז געוואָרען איהר אידעאָלאָג — דער אידעאָלאָג פון'ם דריטען קלאַס. „אין אלע סען סימאָן'ס ווערקע רעדט זיך נור וועגען דעם קאַמפּף צווישען די אינדוסטריעלער און די פעאָדאַלען, אבער ניט וועגען דעם קאַמפּף צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און בורזשואזיע אינוועניג אין דער אינדוסטריע. פאר סען סימאָן האט דער פּראָלעטאַריאַט, אלס קלאַס, וואס קען שפּיעלען א געוויסע ראָלע אין דער געשיכטע, ניט עקזיסטירט."

„די שפּעטער פון'ם אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם — זאָגט מאַרקס — האבען שוין געזעהען דעם קלאַסענקאַמפּף און האבען שוין אויך בעמערקט די עלעמענטען, וועלכע וועלען צושטערען און חרוב מאכען די הערשענדע געזעלשאַפט. זיי האבען אבער אין'ם פּראָלעטאריאַט ניט געזעהען א היסטאָרישע זעלבסטשטענדיגקייט, זיי האבען פערזעהען די גרויסע אויפגאבע, וואס וועט אויספאלען אויף'ן פּראָלעטאריאַט צו ערפילען.״ פּרינציפּיעל אלזאָ, אין דער טהעאָריע אויף דעם סדר און גאנג פון דער געשיכטע איז צווישען סען סימאָנען און מאַרקס'ן קיין נפקא מינה ניטאָ. דער הויפּט־אונטערשיעד איז, וואס סען סימאָן איז געשטאנען אויף'ן שטאנדפּונקט פון'ם דריטען קלאַס פון דער בורזשואזיע, וואס איז דעמאָלט נאָך געווען רעוואָלוציאָנער, און האט דעריבער בכלל ניט אונטערשיידעט צווישען די בורזשואזיע און פּראָלעטאריאַט, און מאַרקס איז געווען דער אידעאָלאָג פון'ם פיערטען קלאַס, און דאס ווידער געפינט די ערקלערונג אין דעם, וואס זיי, דאס הייסט סען סימאָן און מאַרקס האבען געלעבט אין פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע לענדער.

עס איז אבער נאָך פאלשער די מיינונג פון מאַרקס קריטיקער, וועלכע בעמיהען זיך מיט אלע מעגליכקייטען קלענער צו מאכען די אונגעהייערע נאָך פיעל גרעסערע בעדייטונג פון קאַרל מאַרקס, און הערען ניט אויף צו שרייען מאי קא משמע לן. סטייטש, דאס האט דאָך שוין א צייט פריהער סען סימאָן און זיינע תלמידים געזאָגט. נור אויבערפלעכליכע פּראָפעסאָרען און ניט ערנסטע געלעהרטע קענען מיינען, אז דער היסטאָרישער מאטעריאליזמוס — די ענטדעקונג פון מאַרקס — ווערט אויסגעשעפּט מיט דער טהעאָריע פון קלאַסענ־קאמפּף.

אמת, די טהעאָריע פון קלאַסענקאמפּף ווערט דורך דעם היסטאָרישען מאטעריאליזמוס פילאָזאָפיש אויפגעקלערט און וויסענשאפטליך בעגרינדעט, זי בעקומט דורך דעם א פעלזען־שטארקען פונדאמענט, אבער דער היסטאָרישער מאטעריאליזמוס איז ניט איינס און דאס זעלבע מיט דער טהעאָריע פון קלאַסענקאמפּף, אזוי ווי זי האט ווניג צו טהון מיט דעם פאקט, דאס די פּאָליטישע איינריכטונגען מוזען זיין צוגעפּאסט צו די אינטערעסען פון דעם קלאַס, וועלכער איז

עקאָנאָמיש דער שטאַרקסטער. מען קען האַלטען פון'ם קלאַסענקאַמפף און ניט זיין קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט.

אום דיעזע טהעאָריע פון קלאַסענקאַמפף אויפצושטעלען איז ניט נויטהיג צו זיין א מאַטעריאַליסט אין פילאָזאָפישען זינן *) און ווי מיר וועלען טאקע גלייך זעהען איז סען סימאָן, דער פאָטער פון דער קלאַסענקאַמפף טהעאָריע, ניט געווען אַ מאַטעריאַליסט, נור א אידעאַליסט. מאַרקס האט זיין אויפפאַסונג איבער דער ענט־וויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט אויפגעשטעלט אויף א מאַטעריעלען באָדען; ער האט אלס פונדאַמענט גענומען די מאַטע־ריאַליסטישע, מעכאַניסטישע אנשויאונגען אין דער פילאָזאָפיע און נור דאַדורך איז די גאַנצע טהעאָריע איבער די געזעצען פון דער מענשלכער ענטוויקלונג פערפעסטיגט געוואָרען. דאס אָנווענדען דעם פילאָזאָפישען מאַטעריאַליזמוס צו ערפאָרשען די היסטאָרישע ערשיי־נונגען — דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזמוס איז א פּראָדוקט פון מאַרקס'ם טיעפזיניגען געדאַנקען־גאַנג און מיט רעכט איז דאס פער־בונדען בלויז מיט זיין נאָמען.

מיר וועלען דאס ערקלערען אויספיהרליכער.

די ענטדעקונג, וואס סען סימאָן האט געמאַכט, אז די געזעלשאַפט

---

*) די אנשויאונג, וועלכע זאָגט אונז, אז עס זיינען ניט פאַראַן כחות איבערנאַטירליכע, אזוינע, וועלכע שטעהען אויסער אדער איבער די נאַטור און רעגיערען מיט דער גשמיות, מיט דער מאַטעריע. דער מאַטעריאַליזמוס האלט ניט פון ספּעציעלע לעבענסקרעפטען, וועלכע האבען א גאַנץ אַנדער אורשפּרונג, ווי די פיזישע און כימישע געזעצען פון דער אונבעלעבטער ניט אָרגאַנישער נאַטור. די מאַטעריאַליסטישע, ווי אויך די מאַניסטישע אנשויאונגען בעהויפּטען, אז אין דער נאַטור, סיי אין דער לעבענדיגער, ווי אין דער אונלעבענדיגער, הערשען איינע און די זעלבע כחות, איינע און די זעלבע געזעצען. די אידעען, די גייסטיגע ערשיינונגען, זיינען ניט אנדערש, ווי מעהר פערפלאָנטערטע, פערוויקעלטע ערשיינונגען פון די פיזישע און כימישע געזעצען דער אונבעלעבטער נאַטור.

אויספיהרליך וועגען דעם — אין מיין ווערק „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזמוס.” פערלאַג, „די וועלט,” ווילנאַ, 1907.

איז צושפּאָלטען אויף קלאַסען, וועלכע פיהרען צווישען זיך א קאמפּף איבער די פּאָליטישע מאכט און אז דאס פּאָליטישע לעבען איז שטענ־דיג צוגעשניטען לויט די אינטערעסען פון׳ם עקאָנאָמיש־שטארקסטען קלאַס — דיעזע ענטדעקונג, ווי אונגעהייער וויכטיג זי זאָל ניט זיין און ווי גרויס איהר פערדיענסט איז אין דער פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע בכלל, האט דאָך אַלץ ניט בעזייטיגט אַלע רעטעניסען, אַלע סודות פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג. אמת, טאקע, די גע־זעלשאפט איז צוטהיילט אויף קלאַסען און אין יעדער עפּאָכע ליעגט די פּאָליטישע מאכט אין די הענד פון דעם עקאָנאָמיש־שטארקסטען קלאַס, וועלכע דריקט אוים די פאָרמען פון פּראָדוקציאָן, עס בלייבט דאָך אבער אַלץ קשה: פאר וואס ענדערט זיך דער מזל פון די קלאַ־סען? ווי קומט עס, אז אין איין דור איז דער עקאָנאָמיש־שטארק־סטער אַן אַנדערער ווי אין אנדערע דורות? דורך וועלכע אורזאכען ענדערט זיך די עקאָנאָמישע מאכט פון די פערשיעדענע קלאַסען? אויף דיעזע פראגען האבען סען סימאָן׳ס תלמידים, די בעריהמטע היסטאָריקער פון יענער צייט — אויגוסטיען טעררי, גיזאָ און מיניע געענטפערט: אז די עקאָנאָמישע מאכט, די אויבערהאַנד אין דער פּראָדוקציאָן איז א פּועל יוצא פון די מלחמות און עראָבערונגען. צוליעב וואס ווערען אבער געפיהרט די מלחמות? פרעגען מיר ווייַ־טער. די מלחמות ווערען געפיהרט צוליעב עקאָנאָמישע אינטערעסען פון דעם שטארקסטען קלאַס — ענטפערען די היסטאָריקער. עס איז לייכט דאָ צו זעהן דעם גרויסען ווידערשפּרוך. די מלחמות און עראָ־בערונגען זיינען א פּועל יוצא פון די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע און די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע וויעדער זיינען א רעזולטאַט, א פּועל יוצא פון די עראָבערונגען. ווי שיקט זיך דאס?

דיעזער פער׳כשוף׳טער קרייז איז ניט בעזייטיגט געוואָרען אפילו נאָך דעם, ווען די היסטאָריקער האבען זיך געווענדעט, אום צו בע־זייטיגען דיעזען ווידערשפּרוך, צו דעם מענשען׳ס נאַטור. די מענש־ליכע נאַטור — זאָגען זיי — איז די אורזאכע פאר וואס איין קלאַס ווערט עקאָנאָמיש שטארקער פאר׳ן צווייטען. אבער איינס פון די ביידע: אדער די מענשליכע נאַטור בלייבט אונפערענדערט אין פער־לויף פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג, אדער זי ענדערט זיך יא. אין ערשטען פאַל בלייבט אונז אונבעגרייפליך די היסטאָריע, די

ענטוויקלונג, וואס איז ניט אנדערש ווי א קייט פון פערענדערונגען, דען אויב די סבה איז שטענדיג אונפערענדערליך, טא מוז דאך דער יוצא אויך אלע מאל בלייבען אויף איין ארט און שטאנד און זיך ניט פערענדערען. ענדערט זיך די מענשליכע נאטור יא, טא וואס פאר א תירוץ איז, דאס די אורזאכען פון די עקאנאמישע פערהעלטניסע ליע־גען אין דעם מענשען׳ס נאטור. מיר קענען דאך ווייטער פרעגען איבער די אורזאכען, וואס רופען ארויס פערענדערונגען אין דער מענשליכער נאטור.

אזוי ווי ראבערט אווען האט ניט געקענט פערענטפערן איבער די אורזאכען, פאר וואס די סביבה ענדערט זיך, אזוי איז סען סימאן מיט זיינע תלמידים ניט געווען אימשטאנד צו ענטפערן איבער די אורזאכען, וועלכע רופען ארויס די צושפליטערונג אויף קלאסען און די עקאנאמישע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט. און ניט קענענדיג ארויסקריכען פון דיעזען פער׳כשוף׳טען קרייז איז סען סימאן ווי זיינע תלמידים אריינגעפאלען אין טעותים, וועלכע האבען פערפלאנ־טערט און פערדעקט מיט א דיקען שלייער פון וויעדערשפריכע און סתירות דעם אמת׳ן וויכטיגען קערן פון זיין אנשויאונג. אנשטאט צו זיין קאנזעקווענט און אויסגעהאלטען מכח דער ווירקונג פון די עקא־נאמישע אורזאכען אויף דעם גאנצען בנין און געבוי פון דער געזעל־שאפט, האבען זיי געמאכט פליטה צום אידעאליזם און געוואלט זוכען א תירוץ אין „מענשענגייסט,״ אין דעם גייסטיגען זייט פון׳ם מענש־ליכען לעבען.

סען סימאן איז ניט געווען א מאניסט, וועלכער האט בעטראכט די מענשליכע געשיכטע פון איין שטאנדפונקט, פון׳ם מאטעריעלען, זאנדערן א דואליסט און האט אנערקענט דאס ווירקען פון צוויי פאק־טארען, פון צוויי כחות, פון גייסט און מאטעריע, וועלכע ענטוויקלען זיך זעלבסטשטענדיג און געהען זייט ביי זייט צוזאמען. זיין גאנצע סיסטעם איז געגרינדעט אויף דיעזער צווייזייטיגקייט. מיר האבען געזעהען, אז סען סימאן זוכט צו ערקלערען די געשיכטע פון מיטעל־אלטער ניט בלויז דורך די מאכט פון די פעאדאלען, אלס אן עקאנא־מישער פאקטאר, נור אויך דורך די הערשונג און די אויבערהאנד פון

די קאטאָלישע גייסטליכע, אַלס א גייסטיגער פאַקטאָר. ער ער־קלערט ניט די מאכט פון די גייסטליכע אלס א פּועל יוצא פון דער עקאָנאָמישער מאכט פון די פעאָדאַלען, ווי א מאַניסט דארף טהון, זאָנדערן ער בעטראכט די מאכט פון די גייסטיגע אלס א זעלבסט־שטענדיגע ערשיינונג, וועלכע איז דורך אייגענע, אונאבהענגיגע פון די עקאָנאָמישע אורזאכען, ענטשטאַנען.

און ווייטער, אלס פאַרשטעהער פון דער בורזשואזיע, וואס איז נאָך דעמאָלט געווען אונטערדריקט און דעריבער אָפּאָזיציאָנעל און רעוואָלוציאָנער געזאָנען, פערלאַנגט ניט סען סימאָן דאס די פּאָלי־טישע מאכט זאָל איבערגעהן איינציג צו די אינדוסטריעלער אליין, ווי עס האט בעדארפט זיין פון זיין שטאנדפּונקט, זאָנדערן ער האט פערלאַנגט, דאס די פּאָליטישע מאכט זאָל צוטהיילט ווערען צווישען די אינדוסטריעלער, אלס די פאַרשטעהער פון די גשמיות, פון די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע און צווישען די געלעהרטע, אלס פאַר־שטעהער פון די רוחניות, פון׳ם גייסט, וועלכער ווירקט לויט סען סימאָן גאַנץ זעלבסטשטענדיג, ניט אָבהענגיג פון די עקאָנאָמישע פער־העלטניסע. דיעזער דואליזם, דאס אנערקענען פון זעלבסטשטענדיגע גייסטיגע און מאַטעריעלע פאַקטאָרען, איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאר סען סימאָן. דאס געהט דורך ווי א רויטער פאָדים דורך אלע זיינע ווערק. אלע זיינע פאָדערונגען זיינען געבויט דארויף. מיר דער־מאָנען זיך, אז שוין אין זיין ערשטעם ווערק האט ער געפאָדערט, אז דאס צוזאמענגעקליעבענע געלד זאָל צוטהיילט ווערען צווישען די גע־לעהרטע און אינדוסטריעלער. די כונה דערפון איז, אז די מאכט איבער דער געזעלשאַפט דארף זיין צוטהיילט צווישען די פאַרשטעהער פון די עקאָנאָמישע אינטערעסען און די פאַרשטעהער פון דער וויסענ־שאַפט. מיט דעם גאַנצען פערהעררליכען און פערגעטערען ניוטאָנ׳ען איז סען סימאָן נור אויסען געווען אונטערצושטרייכען די בעדייטונג פון גייסט, וועלכער ווירקט זעלבסטשטענדיג אין דער מענשליכער גע־שיכטע.

דיעזע אנערקענונג פון א זעלבסטשטענדיגע אידעען־וועלט, פון אן אונאבהענגיגען גייסט, האט אבער די גאַנצע טהעאָריע פון סען סימאָן, וואס ענטהאַלט אין זיך אזוי פיעל בריליאַנטענע, שאַרפזיניגע

געדאַנקען, געמאַכט צו גאַרניט. דען אויב עס עקזיסטירט א זעלבסט־שטענדיגער, אונאבהענגיגער גייסט, א אידעען־וועלט, וועלכע האט קיין שייכות ניט מיט די עקאָנאָמישע אומשטענדען, טאָ ווי קומט עס, אז די פּאָליטישע פאָרמען זיינען צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע אומ־שטענדען? אום צו פערלאַנגען א פערענדערונג אין פּאָליטישען לע־בען, מוזען דאָך די מענשען קודם כל ווערען איבערצייגט, אז דאס איז נויטהווענדיג. דער אינהאַלט פון זייער אידעען־וועלט מוז דאָך ווע־רען אנדערש, ווי פריהער, זיי מוזען דאָך אָנפאַנגען אנדערש צו דענ־קען, אנדערש צו קלערען. איז אבער דער מענשליכער גייסט א זעלבסט־שטענדיגער פאַקטאָר, וועלכער ענטוויקעלט זיך לויט זיינע אייגענע געזעצען, טאָ וואס פאר א שייכות האט ער מיט די עקאָנאָמישע אומ־שטענדען? פאר וואס מוז די פּאָליטישע פאָרם פון לעבען, וואס איז אייגענטליך ניט מעהר, ווי א פאָדערונג, א פועל יוצא פון מענשליכען גייסט, פון זיין איבערצייגונג, פון זיין אידעען־וועלט זיין צוגעפּאַסט דוקא צו די עקאָנאָמישע אומשטענדען?

אומזיסט וואָלטען מיר זוכען א תירוץ אויף דיעזע פראגע ביי סען סימאָן און זיינע אָנהענגער.

קאַרל מאַרקס און קיין אנדערער האט דיעזען פּלאָנטער פונאַנ־דערגעדרעהט און האט ענטוויקעלט די טהעאָריע — אָנגעפאַנגען פון סען סימאָנען — אין א שטאַרקע, פעלזען־שטאַרקע וויסענשאַפטליכע געביידע, וואס האט אונז אזוי קלאָר און דייטליך בעלייכטעט דעם גאַנג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג.

אלס א מאַטעריאַליסט אין פילאָזאָפישען זינן האט מאַרקס נור אנערקענט דאס ווירקען פון איין פּרינציפּ, פון איין סובסטאַנץ, פון איין כח, פון וועלכען דער גייסט איז ניט אַנדערש, ווי א טהייל, א פאָרמע פון דיעזער סובסטאַנץ, אבער ניט א בעזונדערער זעלבסט־שטענדיגער כח. אלע ערשיינונגען פון גייסט האבען זייער וואורצעל אין דער פערענדערונג פון דער מאַטעריעלער סובסטאַנץ. אין געגענ־זאַץ צו סען סימאָנען בעטראַכט מאַרקס די אידעען־וועלט, די אלע גייסטיגע שטרעבונגען בלויז אלס אן אָבשפּיעגלונג, אלס א רעזולטאַט פון דער מאַטעריעלער זייט פון אונזער לעבען. האט זיך ענטוויקעלט א נייע גייסטיגע שטרעמונג, זיינען אויפגעקומען נייע פאָדערונגען,

איז א סימן, אז עס זיינען פאָרגעקומען פערענדערונגען אין דער אויסערליכער וועלט, אין דער גשמיות. א גייסט אָהן מאַטעריע, א אידעען־וועלט אונאבהענגיג פון דער ממשות'דיגער וועלט איז איבערהויפּט ניט פאַראַן. דיעזע אנשויאונג ערקלערט אונז גאַנץ גוט סען סימאָן'ס כלל, אז די פּאָליטישע מאַכט, וואס איז א רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפט איבערצייגונגען און פּאָדערונגען, מוז זיין צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע אומשטענדען, וועלכע בעשאַפען די סביבה, וואו די איבערצייגונגען און פערלאנגען ווערען אויסגעארבייט. אויף די פראגען: פון וואנען דיעזע עקאָנאָמישע אומשטענדען נעהמען זיך, פאר וואס ווערען זיי פערענדערט, וואו ליעגט די אורזאַכע פון זייער ענטשטעהען און פערגעהען, פאר וואס ענדערט זיך די עקאָנאָמישע מאַכט און געהט איבער פון איין קלאַס צום צווייטען? אויף דיעזע פראגען ענטפערט מארקס: ווייל די מאַטעריעלע כלי־זין, די פּראָדוקטיווע קרעפטען, דורך וועלכע די מענשהייט פיהרט א קאַמפּף מיט דער נאַטור, ענדערען זיך. דיעזע מאַטעריעלע פּראָדוקטיווע קרעפטען ענטוויקלען זיך דורך אייגענע, אין זיי גופא פערבאָרגענע קרעפטען. און זיי, די פּראָדוקטיווע קרעפטען הייסט עס, זיינען די בעוועגער פון דער ענטוויקלונג. דורך די פערענדערונגען אין די פּראָדוקטיווע קרעפטען, קומען אויך פאָר פערענדערונגען אין די עקאָנאָמישע אומשטענדען, און אין די שייכות צווישען מענשען, און דורך זיי ווערט אויך בעשטימט די עקאָנאָמישע מאַכט. די אויבערהאַנד אין'ם קאַמפּף אום'ס דאַזיין פון דעם אדער יענעם קלאַס.

נור דורך דיעזע ענטדעקונג, דורך דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזמוס, וועלכע בעשטעהט אין דעם פערוועגדען דעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט אין דער פילאָזאָפיע צו די ערשיינונגען אין'ם געזעלשאַפטליכען לעבען, בעשטעהט דאס גרויסע פערדיענסט פון דעם פאָטער פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס.

בקיצור:

סען סימאָן איז געוועזן א דואַליסט אין דער פילאָזאָפיע און א מאַטעריאַליסט־מאָניסט אין דער געשיכטע. דאס איז א ווידערשפּרוך, שני הפכים בנושא אחד. צום אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט האט ער געמוזט אָנקומען, ווייל ער האט ניט געוואוסט ווי צו פערענטפערן די

פראגע: פון וואנען עס ענטשטעהט די עקאָנאָמישע מאַכט. דיעזער אידעאַליזם האט אבער אין גאַנצען כליא געמאַכט זיין מאַטעריעלען בליק אויף די געשיכטע. מאַרקס, וועמען עס האט זיך איינגעגעבען צו ענטדעקען די בעוועגער פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען, איז געוועזען אן אויסגעהאַלטענער מאָניסט־מאַטעריאַליסט אין דער פילאָזאָפיע און אין דער געשיכטע.

## XXVI.

# די סען סימאָניסטישע בעוועגונג

### באזארד.

סען סימאָן האט איבערגעלאָזען זעהר א קליינע צאָהל תלמידים און גאנץ ווייניג בעגייסטערטע אָנהענגער. דאס ארבייטענדע פאָלק, די ברייטע מאסען, וועמעס אינטערעסען ער האט פערטהיידיגט און פאָרמולירט, זיינען געבליעבען גאנץ קאַלט און פרעמד צו די אונקלאָרע פרעדיגען און לעהרען פון זייער אידעאָלאָג און באַנערטרעגער.

צווישען דער קליינער צאָהל טרייע אָנהענגער איז אויך געווען אָלענדע ראָדריג, א שפּאַניער, וועמען סען סימאָן האט די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען איבערגעגעבען די צואה זיין לעהרע ווייטער צו פערברייטען. דיעזער סען סימאָן'ס גייסטיגער יורש האט נאָך'ן טויט פון זיין רבי'ן אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען א צייטשריפט, אום דעם סען־סימאָניזמוס צו פערשפּרייטען. דיעזע אונטערנעהמונג האט א קליינעם וויעדער־קול און ווייניג אָבקלאַנג געפונען. די מיטארבייטער זיינען טהיילוויז געוועזען טרוימער, בעלי חלומות, וועלכע האבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך אונערריכבארע ציעלען, און טהיילוויז האבען זיי איבערהויפּט ניט געוואוסט, וואס זיי ווילען. עס האט געדויערט נאָך ווייניגער, ווי א יאָהר און די צייטשריפט האט אויפגעהערט צו ערשיינען. מענשען מיט פלאַכע בעל־הבת'ישע קעפּ און קליינינקע השגות, וועלכע האבען גאנץ ווייניג פערשטאַנען סען סימאָן'ס פרעדיגען און האבען דעריבער חוזק געמאַכט פון די „משוגעת'ן,‟ וואס זיינע תלמידים האבען פערשפּרייט, האבען איצט שוין טריאומפירט, מיינענדיג, אז זיי זיינען שוין פארטיג מיט'ן סען־סימאָניזמוס. איין אוי־

גענבליק האט טאַקע אין אמת'ן אויסגעוויזען, אז סען סימאָן מיט אַלע זיינע אידעען און לעהרען זיינען פערגעסען אויף אייביג און קיינער וועט זיך מיט זיי שוין ניט קימערן.

דאס איז אבער געווען א גרויסער טעות!

„די איינמאָל ארויסגעזאָגטע ווערטער און געדאנקען — זאָגט גאַנץ ריכטיג איינער פון סען סימאָן'ס גייסטיגע תלמידים — האבען דעם זעלבען מזל, ווי די זאָמען, וועלכע ווערען דורך'ן ווינד פערטראָגען פון איין אָרט אויף'ן צווייטען. זיי פליהען און וואנדערען איבער ימים און מדבריות, וואָרצלען זיך איין און פאנגען אָן צו וואקסען ווייט פון דעם בוים, וועלכער האט זיי געבוירען." די פונקען פון בעגייסטערונג פאר סען סימאָן'ס תורה זיינען ניט אויסגעלאָשען געוואָרען. זיי האבען שטיל, פערבאָרגענערהייט ניט אויפגעהערט צו גליהען.

אויב די איינגעגאנגענע צייטשריפט האט ניט געהאט קיין גרויסען לעזע־פובליקום, האט זי לכל הפחות אויפגעטהאָן דאס, וואס זי האט פערבונדען און פעראייניגט אלע עדעלע נשמות און פיהלענדע הערצער, וועלכע האבען געפיהלט צווישען זיך א גייסטיגע קרובה'שאפט. סען סימאָן'ס לעהרע איז געווען א פּראָדוקט פון דער אונצופריעדענהייט, וואס האט עקזיסטירט צווישען „פאָלק"; דאס איז געווען די אידעאָלאָגיע פון'ם אונטערדריקטען קלאס און האט נאָך ניט בעקומען די הערשאפט. דער אונצוטרוי פון די מאסען געגען די רעגיערונג, וואס האט אלץ מעהר געשטיגען, די אונערפילטע, אָבגענאַרטע פּאָליטישע האָפנונגען און ערוואַרטונגען האבען בעשאפען א נייען באָדען פאר די זאָמען פון סען סימאָן'ס לעהרע.

אייניגע יאָהר נאָך סען סימאָן'ס טויט, אין יאָהר 1828, האט זיך פאר'ן סען־סימאָניזמוס בעגייסטערט די עדעלסטע און געבילדעטסטע פאריזער יוגענד. „דיעזע יוגענד — זאָגט געאָרג בראנדעס — האט אין איהר קינדהייט געהערט פון די געוואַלדיגע פּאַסירונגען פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, האט איבערגעלעבט דאס קייזערטהום און איז בעשטאנען פון די קינדער פון די העלדען אדער די געפאַלענע קרבנות. זייערע מוטערס האבען זיי צווישען צוויי שלאכטען געבוירען, דער דונער פון די קאַנאָנען האט זייער אריינטריט אין די וועלט בעגלייט."

דיעזע גייסטיג־אריסטאָקראַטישע יוגענד, וועמען דער אכזריות'־

דיגער עגאָאיזמוס פון דער הערשענדער כּאָליאַסטרע האָט אויפגע־רעגט, ווען די קליין־קעפּיגע וואָכעדיגע פּראָזאַ פון די צופריעדענע בעלי הבתים האָט אָבגעעקעלט, — דיעזע יוגענד האָט געזוכט אין די לאָקאַלען, אויפ'ן גאַס, אויף פערזאַמלונגען די סען־סימאָניסטען, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו פיהרען אַ מלחמה געגען דער חניפה און פאַלשקייט, וואָס האָט געהערשט אין דאַמאָלסדיגער געזעלשאַפט. אַזוי איז עס געקומען, דאָס אַ גרויסע מענגע בעגייסטערטע, עדעלע נשמות, פעהיגע, זאָגאַר גאון'ישע קעפּ, ווען די נאַטור האָט בעשאָנקען מיט דער מתנה, וואָס סען סימאָן האָט זעהר הויך געשעצט, מיט „דער הייליגער בעגייסטערונג," האָבען זיך צוזאַמענגעזאַמעלט אונטער די פאָהנען פון די סען־סימאָניסטען און האָבען די קאַרגע, אונקלאָרע, פערוואָלקענדע געדאַנקען פון זייער גרויסען רבי'ן אויסגעאַרבייט אין אַ גרויסע סאָציאַליסטישע סיסטעם.

אום דיעזע סיסטעם דורכצופיהרען האָבען די סען־סימאָניסטען געגרינדעט אַ שוהלע, אויף דער שפּיצע פון וועלכע עס זיינען געשטאַנען צוויי פּערזאָן באַזאַרד און אַפאַנטען.

געבוירען אין פּאַריז דעם 19טען סעפּטעמבער, 1791, האָט באַזאַרד אין די יונגע יאָהרען גענומען אַ גרויסען אנטהייל אין די קאַר־באָנאַרישע טעררעריסטישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונגען, וואו ער איז אויף אַ לאַנגע צייט געוואָרען דער אָנפיהרער. פאַר דיעזע רעוואָלו־ציאָנערע טהעטיגקייט איז באַזאַרד פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט, פון וועלכען ער איז דורך אַ סבה ניצול געוואָרען. באַזאַרד האָט בעזע־סען אַן אייזערנעם שטאַרקען ווילען און האָט פעראייניגט אין זיך אַ גלענצענדען רעדנער־טאַלענט מיט אַ טיעפען און שאַרפען שכל. אַ הייליגער פייער פון בעגייסטערונג האָט אין איהם שטענדיג געברענט און ניעדריגע, קליינציגקע תאוות זיינען געלעגען ווייט פון איהם. אַרי־בערגעהענדיג צום סען־סימאָניזמוס איז ער אינערליך געבליעבען דער פריהערדיגער רעוואָלוציאָנער און האָט ניט געקענט גלייכגילטיג צו־זעהן די דאַמאָלסדיגע פּאָליטישע פּאַראַנדקעס און געמיינהייטען.

באַזאַרד איז געווען אַ מערקווירדיגע ערנסטע פערזענליכקייט. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין כּאַראַקטער, ווי מיט זיינע פעה־היגקייטען. באַזאַרד האָט אריינגעבלאָזען אַ נייעם רוח חיים אין סען־סימאָניזמוס, ער איז געוואָרען זיין אַפּאָסטעל, ער האָט צוזאַמענגע־

קליעבען די צוואווארפענע, צושלאגענע געדאנקען פון סען סימאן און האט זיי אויסגעארבייט אין א הארמאנישע וויסענשאפטליכע סיס־טעם. אהן באזארד וואלט דער סען־סימאניזמוס אין גאנצען געבליע־בען פרעמד אפילו פאר די געלעהרטע און וואלט קיין בעדייטונג ניט געהאט.

דער צווייטער פיהרער פון דער סען ־ סימאניסטישער שוהלע, אנפאנטען, איז אין אלע פרטים געשטאנען א סך ניעדריגער פון זיין חבר. דאס פאליטישע לעבען איז איהם געווען אין גאנצען פרעמד. דעם סען־סימאניזמוס האט ער בעטראכט אלס א נייע לעהרע פון זיט־ליכקייט, אלס א רעליגיאן.

אין 1830, איינינע טעג שפעטער, ווי די בורבאנען האבען בע־קומען זייער מפלה און ארונטערגעשליידערט געווארען פון טהראן, האט מען אויף די פאריזער גאסען געפונען אנגעקלעבט א גרויסע פראָ־קלאמאציאן פון א ביז־איצט אונבעקאנטער סעקטע, אונטערגעשריע־בען: „באזארד, אפאנטען — די פיהרער פון סען סימאן׳ס לעהרע.”

אין דיעזען מאניפעסט זיינען געווען ארויסגעשטעלט פאלגענדע פאָדערונגען: 1) עס זאלען אבגעשאפט ווערען אלע פאמיליען־פריווי־לעגיען; 2) איינענטהום זאל ניט איבערגעגעבען ווערען בירושה; 3) די רייכטהום זאל ווערען פונאנדערגעטהיילט צווישען די מיט־גליעדער פון דער געזעלשאפט לויט דעם פרינציפּ: יעדען נאך זיינע פעהיגקייטען און יעדען נאך זיינע פערדיענסטען.

די גאנצע פראקלאמאציאן און איהר נוסח, וואס איז געווען געשריעבען אין א טאן פון א נביא, האט ארויסגערופען אין איין טהייל פון דער בעפעלקערונג א גרויסע ערשטוינונג און אין דעם צווייטען טהייל א גרוים געלעכטער. די גאנצע עפענטליכע מיינונג האט זיך יעדענפאלס אנגעפאנגען שטארק צו אינטערעסירען מיט דער נייער סעקטע, עס איז געקומען אזוי וויים, דאס אין פארלאמענט האט מען שוין גערעדט, אז מען דארף אנגעהמען מיטלען געגען דיעזע „גע־פעהרליכע” סען־סימאניסטען.

פון יענער צייט הויבט זיך אן פאר׳ן סען־סימאניזם א נייע עפּאָ־כע. די שעהנע פרעדיגען, די דרייסטע און נייע געדאנקען איינגעפאסט און איבערגעגעבען אין א גלענצענדער, מערקווירדיגער פארם, דורכ־געדרונגען מיט א שטארקען און טיעפען גלויבען, האט צוגעצויגען צו

זיך ניט בלויז די אינטעליגענץ פון פּאַריז נור אויך אין פיעל שטעדט אויף דער פּראָווינץ. אומעטום זיינען געוואָרען אָרגאַניזירט סען־סימאָ־ניסטישע זאַגענאַנטע „פאַמיליען" אדער שוהלען, אום צו פיהרען פּראָ־פּאַגאַנדאַ פאר דיעזע לעהרען.

„וועקלענגדיג אָן א זייט די בעשעפטיגונג — זאָגט לואי בלאָן — זיינען מעדיצינער, אינזשענירען, ארטיסטען, אדוואָקאַטען און פּאָעטען געקומען צו די סען־סימאָניסטישע פאַמיליען, וואו זיי האבען געדענקט צו געפינען א בעפריעדיגונג אויף זייערע ערדעלע און ערהאבענע האָפנונגען.... דאס איז געווען א פּראָבע, ווי אויפצובויען א רעליגיאָן פון ברידערליכקייט.... עס האבען זיך אוועקגעלאָזען שלוחים, מיסיאָנערען אין אלע עקען לאנד איינצופלאַנצען די ווערטער פון סען סימאָן אין גאַנץ פראַנקרייך. איבעראל האבען דיעזע שלוחים איבערגעלאָזען שפּורען — אין אכסניות, האָטעלען און סתם וואוי־נונגען. פון אנדערע זיינען די פּרעדיגער פון דער נייער לעהרע בעגע־גענט געוואָרען מיט ענטהוזיאַזמוס און עהרעפּורכט, פון אנדערע וויע־דער מיט שפּאָט, ליצנות און פון א טהייל מיט א מיטלייד־שמייכעל... אָבער די מיסיאָנערען זיינען געווען אונערמיעדליך אין זייער טהע־טיגקייט."

... אינזשענירען, מעדיצינער, אדוואָקאַטען, פּאָעטען... — און ארבייטער? פרעגט גאַנץ ריכטיג א פאָרשער. די ארבייטער, דער פונ־דאַמענט פון דער געזעלשאַפט, דער בעסטער און זיכערסטער עלעמענט דורכצופיהרען אן אידעע אין לעבען, וואו זיינען זיי אהינגעקומען? פארוואס דערמאָנט ניט פון זיי לואי בלאָן? פארוואס האבען זיי זיך ניט צוזאמענגעקליעבען אונטער די פאָהן פון סען־סימאָניזם? — צי איז מקוים געוואָרען די נבואה פון'ם גרויסען רבי'ן, א צוויי טעג נאָך זיין טויט וועט זיך גרינדען אן ארבייטער פּארטיי?

ניין!

אין געגענזאַץ צום אָוועניזמוס איז דער סען־סימאָניזמוס גע־בליעבען פרעמד דעם ארבייטער קלאַס. ראָבערט אָווען האט זיך בע־שעפטיגט מיט געגענווארטס־ארבייט, געזוכט מיטלען ווי צו פערלייכ־טערען דאס טעגליכע עלענד פון די ברייטע מאַסען; סען סימאָן אבער האט געבויט טהורעמס אָהן א פונדאַמענט, לופט־שלעסער, וועלכע האבען מיט זייער שעהנקייט צוגעצויגען ערדעלע און ערהאבענע מענ־

שען, ער האט אבער ניט געקענט פעראינטערעסירען די אונטערשטע טהיילען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע ווערען פער׳חושך׳ט און פער־שווארצט אונטער דעם שווערען יאָך פון דאגות חיונה. א פער׳דאגה׳־טער, צורייצטער און צוּבראָכענער, קען דער ארבייטער ניט אָבגעבען פיעל צייט צו בעוואונדערען שעהנע בילדער. מיט „צוקונפט־מוזיק" קען ער ניט זאט ווערען. דער סען־סימאָניזמוס איז געווען און האט געמוזט זיין א בעוועגונג פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האט אונטער איהר פאָהן פעראייניגט פיעלע אויסגעצייכענטע מענשען פון פערשיע־דענע קלאסען, איז אבער ניט געווען און ניט געקענט זיין א מאסען־בעוועגונג. דער געבוירענער אריסטאָקראט און אדעלמאַן סען סימאָן האט אויך בעשאפען אן אריסטאָקראטישע בעוועגונג. אָבלייקענענדיג יחוס־אבות, געבוירענע אריסטאָקראטיע, האט סען סימאָן צופיעל זיך געבוקט פאר אייגענע יחוס, יחוס עצמו, פאר די אריסטאָקראטען פון גייסט, פערשטאנד און טאלאנט.

צו וועניג פּראקטיש אין אלטעגליכען לעבען איז געווען סען סי־מאָן, צו פיעל נאאיוויטעט איז געלעגען אין זיין פּערזענליכען כא־ראקטער, און אויך זיין גייסטיג קינד, זיין לעהרע, וואס ער האט געשאַ־פען, האט אין פראקטישען לעבען קיין טיעפע וואָרצלען ניט געקענט שלאָגען. דער סען־סימאָניזמוס האט ענטדעקט א שעהנעם, הערליכען שטערען אויפ׳ן הימעל, דיעזער שטערען האט אבער ניט געקענט בע־לייכטען און ווייזען דעם וועג אויף דער ערד. סען סימאָן האט דערי־בער נור צוגעצויגען שטערען־זעהער, די יעניגע, וועלכע האלטען דעם קאָפּ אויפגעהויבען אין דער הויך, קלעטערען שטענדיג אויף די שפּי־צען פון די בערג און קימערען זיך ניט מיט דעם שווארצען גרויען טהאָל פון וואָכעדיגען לעבען.

---

אבער אויב דער סען־סימאָניזמוס האט ניט געשלאָגען טיעפע וואָרצלען; צווישען די ברייטע ארבייטער־מאסען בלייבט ער דאָך אלס א הערליכער דענקמאָל אין דער געשיכטע פון׳ם מענשליכען דענקען, ניט בלויז דורך דעם סאָציאַליסטישען אידעאל, וועלכען ער האט אזוי פערגעטערט, נור אויך דורך די בריליאַנטענע פילאָזאָפישע געדאנקען איבער די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג און דער שניידענדער קריטיק

איבער דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. ניט אָנווייזענדיג מיטלען און וועגען ווי צו קומען צו דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, האט דאָך דער סען־סימאָניזם אָבגעטהאָן א האַלבע ארבייט מיט דעם, וואס ער האט געוויעזען, אז די אַלטע אָרדנונג האט אָבגעלעבט און מוז צו־שטערט ווערען.

און איינער פון די שאַרפזיניגע, שניידענדע קריטיקער, וועלכע האבען אָפען, אָהן א שום נשיאת פנים אויפגעוויעזען די חסרונות און די סבות פון אלערליי ניט נאָרמאַלע, קראַנקהאַפטע ערשיינונגען פון אונזער איצטיגער אָרדנונג, איז געווען דער טיעפזיניגער בע־גרינדער פון דער סען־סימאָניסטישער שוהלע, באַזאַרד.

„פאר אונזער צייט — זאָגט באַזאַרד — איז כאַראַקטעריסטיש דער מיש־מאַש, די אַנאַרכיע, וואס הערשט אין אלע צווייגען פון לע־בען. דער לאָזונג, די אישו פון דער איצטיגער צייט איז דער בעוואוס־טער זאַץ פון די פיזיאָקראַטען: „לאָז געהן"...

די עקאָנאָמיסטען־קלאַסיקער האבען געמיינט, אז די פערזענליכע אינדיווידועלע נוצען פון יעדען יחיד פאַלט צוזאַמען מיט די אינטע־רעסען פון כלל, ווייל דער כלל איז ניט אַנדערש, ווי דער סך הכל פון פערשיעדענע יחידים. מיר קענען מיט דעם בשום ענין ואופן ניט מסכים זיין. די מאַשינעס, צום ביישפיעל, ברענגען זעהר פיעל נוצען די אונטערנעהמער, אבער צי זיינען זיי נִיצליך ד' ארבייטער? צי ווערען דען דורך זיי ארבייטער ניט ארויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס? די עקאָנאָמיסטען ענטפערען דערויף, אז דורך די איינפיהרונג פון מאַשינעס ווערט די אינדוסטריע מעהר ענטוויקעלט, עס עפענען זיך נייע פעקטאָרים, נייע שעפער, עס ווערט גערסער די נאָכפראגע נאָך ארבייטס־קראַפט און נייע קוועלען פון פרנסה קומען צו. אויב אפילו דאס זאָל זיין ריכטיג, טאָ פרעגט זיך, פון וואַנען וועלען לעבען די ארבייטער אין דער איבערגאַנגס־פעריאָדע? איידער עס וועט קומען די נחמה וועט ארויס די נשמה. איידער די גוטע צייט וועט קומען, וועלען די ארבייטער דערווייל אויסגעהען פון הונגער.

די פיהרער פון דער היינטיגער געזעלשאפט האבען אויסגערופען, אז יעדער זאָל זאָרגען פאר זיך. ווער עס קען, דער זאָל זיך ראַטעווען, דאס אייגענע העמד איז צום לייב נעהנטער! די גרויסע מענשליכע פאַמיליעס זיינען פונאַנדערגעפאַלען אויף איינצעלנע מענשען, וועלכע

קאָנקורירען צווישען זיך, ווערגען איינער דעם אַנדערען, זיי יאָגען, לויפען, האָווען פאר די אייגענע פערזענליכע אינטערעסען. די קאָנ־קורענץ אין דער היינטיגער אָרדנונג איז גלייך צו א מערדערישען קאַמפף אויף לעבען און טויט. די גרויסע מאַסען ארבייטער זיינען די בעזיעגטע, זיי פאַלען אין קאַמפף, און נור איינציגע גליקט עס אָב צו זיעגען אין דיעזען קאַמפף. דער דעוויז איז איצט: „יעדערער פאר זיך — גאָט פאר קיינעם." די ליעבע האט דעם מענשען פערלאָזען און דער גראָבער עגאָאיזמוס האט אויפגעשטעלט זיין טעמפעל אין דער איצטיגער געזעלשאַפט. די אמונה, דאס רעליגיעזע געפיהל איז פער־לאָזען און צוזאַמען מיט איהר איז אויך פערשוואונדען די איבערגע־בענהייט צו דעם כלל."

די היסטאָריקער ערקלערען געוועהנליך די גרויסע פּאַסירונגען, אלס צופעליגע ערשיינונגען. זיי שטיצען זיך שטענדיג אויף א געווי־סען גאון, א געוויסען געלעהרטען, וועלכער האט געמאַכט א גרויסע ענטדעקונג און האט ארויסגערופען א נייע עפּאָכע אין מענשליכען דענקען. די היסטאָריקער זעהען ניט אין דיעזע נייע ערשיינונגען, אין דיעזער נייער עפּאָכע א רעזולטאַט פון א געוויסען געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, וועלכער האט דיעזע פּאַסירונגען ארויסגערופען, זיי זעהען ניט איין, אז יעדע עוואָלוציאָן, יעדע ענטוויקלונג איז ניט סתם אין דער וועלט אריין, נור א רעזולטאַט פון די פריהערדיגע עוואָלוציאָנען, אז יעדער נייער שריט איז בעדינגט און ארויסגערופען דורך די פריי־הערדיגע. דער שטאַנדפּונקט פון די היסטאָריקער איז, אז די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציאָן איז געווען ארויסגערופען דורך די פערשווענדע־ריי און דעם לייכטזינן פון דער הויפישער קליקע, דאס הייסט, אז דער אדער יענער טשינאָווניק אדער באַראָן איז געווען די סבה פון אזא וועלט־איבערקעהרענדע פּאַסירונג. דיעזער בליק אויף די אורזאַ־כען פון דער היסטאָריע האט ארויסגערופען דעם געוויסען שפּריכ־וואָרט: „גרויסע פּאַסירונגען זיינען א רעזולטאַט פון קליינע אורזאַ־כען." אבער די געשיכטע, וואס ווערט געלערענט אויף אונזער שטיי־גער, לויט אונזער מעטהאָדע איז עפּעס אַנדערש, ווי א אינטערעסאַנטע מעשה איבער פערשיעדענע דראַמאַטישע פאַקטען און סצענען פון דער פערגאַנגענהייט, וועלכע קיצלען די נערוועןן. פאר אונז איז די היסטאָריע א סך הכל פון פערענדערונגען, וועלכע קומען פאָר מיט א

געוויסען סדר לויט געוויסע געזעצען, דאס איז אן איבערבליק איבער פערשיעדענע פיזיאָלאָגישע צושטאנדען פון דעם מין מענש, ווי ער לעבט און ווירקט, ווען ער איז צוזאמען מיט זיינע מיטמענשען. דורך אזא ארט ווערט די געשיכטע א אמת׳ע וויסענשאפט.

„דיעזע היסטאָריע לערענט אונז, אז דער יסוד פון אלע געזעלשאפטליכע אָרגאניזאציאָנען איז געווען און איז נאָך עד היום די עקספּלאָאטאציאָן פון איין קלאַס דורך׳ן צווייטען. אויפ׳ן באָדען פון דיעזער עקספּלאָאטאציאָן וואקסט אויס דער קלאסען־געגענזאץ, וועלכער האט דורכגעדרונגען דאס געזעלשאפטליכע לעבען אין אלע צייטען און דורות. די אויפגאבע פון דער צוקונפט איז צו פערבייטען די עקספּלואַטאציאָן פון איין מענשען דורך׳ן צווייטען אויף די עקספּלואַטאציאָן פון דער נאטור דורך׳ן מענשען. דער קלאסען־געגענזאץ מוז פערדרענגט ווערען דורך׳ן פריינדליכען צוזאמענארבייטען — דורך די אסאָסיאציאָן. אז דיעזע אויפגאבע מוז ערפילט ווערען, ווייזט אונז בעשיינפערליך די היסטאָריע גופא. איבעראל זעהען מיר, אז דער קאמפף, דער אַנטאגאָניזם ווערט וואס ווייטער אלץ מעהר בעשרענקט און די אסאָסיאציאָן, פערקעהרט, פערגרעסערט זיך. ווי שלעכט עס זאָל זיך איצט ניט לעבען דעם ארבייטער קלאס, איז פריהער זיין לאגע געווען נאָך פיעל ערגער. די איצטיגע בעציהונגען צווישען ארבייטער און אונטערנעהמער בילדען א ווייטערדיגען רינג פון דער ענטוויקלונגס־קייט, א העכערען שטאפעל אין דעם עוואָלוציאָנס־לייטער.

„דער ערשטער סאמע ניעדריגסטער שטאפעל איז געווען די שקלאפעריי. שפעטער איז די לאגע פון שקלאף אויסגעבעסערט געוואָרען — ער איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א „לייב־אייגענעם״ (קרעפּאָסטנאָי), וועלכער איז מחויב צו ארבייטען פאר׳ן פּעאָדאל, אבער ער געהערט איהם ניט — ווענינגסטענס געזעצליך — מיט זיין קערפער. די בעפרייאונג פון׳ם לייב־אייגענעם און זיין איבערגאנג צום ארבייטער, וועלכער פערקויפט בלויז זיין ארבייטסקראפט, איז ווייטער א שריט פאָרווערטס. א פערבעסערונג אין׳ם קאמפף צווישען די הערשענדע און אונטערדריקטע קלאסען. פון דער היסטאָריע זעהען מיר בכן, אז הגם די עקספּלואַטאציאָן פון איין מענשען דורך׳ן צווייטען איז ניט גענצליך פערשוואונדען, ווערט זי דאָך לכל הפחות וואס

וויטער אלץ שוואכער. דעם מאָדערנעם מענש בלייבט איבער צו מאַ־כען דעם לעצטען שריט — אין גאַנצען צו מאַכען א סוף פון דער עקספּלואַטאַציאָן. דער געזעלשאַפטליכער אַנטאַגאַניזמוס מוז פער־שווינדען און די אַסאַסיאַציאָן מוז בלייבען דער איינציגער יסוד פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.”

„וואו ליעגט די אורזאַכע פון עקספּלואַטאַציאָן? ווי קומט עס, אז איין מענש האט די מעגליכקייט צו עקספּלואַטירען דעם צווייטען?” — די סבה ליעגט אין געזעץ פון פּריוואַט אייגענטהום, וואס הערשט אין דער געזעלשאַפט. אַלע צרות שטאַמען דערפון, וואס מען מאַכט א חלוק צווישען „מיינס” און „דיינס” — ענטפערט באַזארד דרייסט קליפּ און קלאָר. געוועהנליך מיינט מען, אז פּריוואַט אייגענטהום איז אַלע מאָל געווען און וועט אייביג בלייבען, אז דאס איז א חק עולם, וואס ענדערט זיך ניט. דאס איז ניט ריכטיג. דאס פּריוואַט אייגענ־טהום, ווי אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען, איז אונטער־וואָרפען דעם געזעץ פון ענטוויקלונג. דאס איז ניט אן אַבסאָלוטער געזעץ, נור פון דער היסטאָרישער קאַטעגאָריע. דער שטאַאַט האט אין אַלע צייטען רעגולירט דאס געזעץ פון אייגענטהום, ער האט בע־שטימט די זאַכען, וועלכע קענען איבערגעהן אין רשות היחיד און ווערען פּריוואַט אייגענטהום. דאס איז ניט א נאַטור־זאַך, א נאַטור־רעכט, ווי צום ביישפּיעל דאס רעכט צו רעגיערען מיט די אייגענע אברים און אָרגאַנען, זאָנדערן א געוויסער זכות, א געוויסע פּריווילע־גיע, וואס דער שטאַאַט גיט דעם אדער יענעם. ווען דער שטאַאַט גע־פינט פאר נויטהיג, אז דאס פּריוואַט אייגענטהום אויף די אדער יענע זאַכען ברענגט שאָדען דעם כלל, האט ער דאס רעכט עס אָבצונעה־מען. פאַרצייטען האט אויך א מענש געקענט זיין אן אייגענטהום־אָביעקט, ער האט געקענט געהערען קערפּערליך דעם אדער יענעם. איצט קען דער מענש נאָר זיין אן אָביעקט צו ווערען א טהייל פון וועמען. עס איז ניט אייגענטהום. גאָר אין די ערשטע צייטען האט דער פאָטער געקענט איבערגעבען זיין פערמעגען בירושה וועמען ער האט געוועלט, שפּעטער איז געוואָרען א געזעץ, אז דער בכור מוז בעקומען צוויי חלקים און די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האט אויך דאס מבטל געווען און האט בעשטימט, אז אַלע קינדער מוזען בעקו־מען גלייכע חלקים אין דער ירושה. און אין דער היינטיגער געזעל־

שאַפט איז דאס רעכט אויף פּריוואַט אייגענטהום, אייגענטליך, ניט אַנדערש ווי א פּריווילעגיע, א זכות צו בעקומען א הכנסה אָהן שום האַרעוואַניע. דערפון איז קלאָר צו זעהן, אז דאס אייגענטהומס־רעכט איז ניט א חק פון ששת ימי בראשית, א פערגליווערטעס, אייביג אונ־פערענדערליכעס געזעץ. אין געוויסע צייטען און געוויסע דורות זיי־נען אויך די געזעצען אַנדערע. דער היינטיגער געזעלשאַפט בלייבט איבעריג צו מאַכען אן עכט ענטשלאָסענע רעפאָרם אין דעם אייגענ־טהומס־רעכט, דהיינו, אין גאַנצען מבטל זיין דאס ירושה־רעכט; דאס „מיינס״ און „דיינס״ מוז אין גאַנצען אויסגעוואָרצעלט ווערען. דער איינציגער יורש דאַרף זיין בלויז דער שטאַאט.

די היינטיגע אָרדנונג שטיצט זיך אויף דעם פּרינציפּ פון פרייער קאָנקורענץ. אבער די פרייע קאָנקורענץ פיהרט צו דער אכזריות'דיי־גער מלחמה פון „אַלע קעגען אַלע.״ איהר אונבעגרענעצטע הערשאַפט פיהרט דערצו, דאס די שוואַכע ווערען אונטערדריקט און אונטעריאָכט פון די שטאַרקערע. דער גרויסער מיש־מאַש, די גרויסע אַנאַרכיע, וואס הערשט אין דער פּראָדוקציאָן, די גרויסע יאָגעניש צו בעקומען די אויבערהאַנד אויפ'ן מאַרק, פיהרט צו איבערפּראָדוקציאָן און צו קריזיסען, פון וועלכע די ארבייטער ליידען א סך מעהר, ווי אַלע אַנ־דערע טהיילען פון דער בעפעלקערונג. דער שטאַאט מוז מאַכען א סוף צו אַזאַ מין סדר און פערבייטען דעם הערשענדען מיש־מאַש אין דער פּראָדוקציאָן דורך א געאָרדענטע פּלאַנמעסיגע אָרגאַניזאַציאָן פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען. דער שטאַאט איז דאס מחויב צו טהאָן, ווייל אַזוי פאָדערען די אינטערעסען פון גרעסטען און אָרעמסטען קלאַס פון דער געזעלשאַפט — די אינטערעסען פון די ארבייטער. ווען א געוויסע אָרדנונג איז ניט גוט פאר דעם רוב פון כלל מוז די אָרדנונג בטל ווערען. דיעזע אויפגאַבע וועט ווערען פערווירקליכט, ווען אין די הענד פון'ם שטאַאט — דער איינציגער יורש — וועלען קאָנצענטרירט ווערען אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטעל פון לאַנד. דער שטאַאט וועט דאַן בעקומען די מעגליכקייט פונאַנדערצוטהיילען *) די פּראָדוקציאָנס־

---

*) דאָ איז צו זעהן, אז די מאָדערנע סאָציאַליסטישע אידעע איז נאָך ניט געווען קלאָר אין מח פון באַזאַרד, זיין סאָציאַליזמוס איז אין אמת'ן בעשטאַנען פון קאָמוניסטישע שטרע־

מיטעל צווישען די פערשיעדענע גרופען פון פּראָדוצענטען לויט די פעהיגקייטען און בעדערפנישע פון יעדער גרופּע. די פונאנדערטהיילונג וועט פּאָרקומען לויט דעם פּרינציפּ: „פון יעדען לויט זיינע פעהיגקייטען, יעדער פעהיגקייט לויט איהרע לייסטונגען און פערדיענסטען.״ די מעהר פעהיגערע און ניצליכערע ארבייטער — מוזען בעקומען מעהר ווי די ווענייגער פעהיגע״ **).

דעם תוך פון דיזער טהעאָריע האט באזארד איבערגעגעבען בקיצור אין דער פאָרם פון אן אויפרוף, וואס זיי האבען געדרוקט אין זייער סען־סימאָניסטישען אָרגאן: „מיר שטרעבען צו פערניכטען און מבטל צו זיין — לויטעט דער אויפרוף — אלע זכותים, וועלכע בערו־

בונגען. דער סאָציאַליזמוס פערלאַנגט ניט די פערנאנדערטהיילונג, נור די קאָנצענטרירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטעל. דער קאָמוניזמוס וויל פערנאנדערטהיילען די פּראָדוקציאָנס־מיטעל צווישען גרופּעס פּראָדוצענטען. באזארד׳ס קאָמוניסטישע פאָדערונגען זיינען צו ערקלערען דורך דעם, וואס ער האט געלעבט אין א קליין־בירגערליכער געזעלשאַפט. די פּראָדוקציאָן איז נאָך ניט געווען אזוי גרויס ענטוויקעלט און ביי א קליין אינדוסטריע איז פיעל בעסער, ווען די פּראָדוקציאָן ווערט דורכגעפיהרט ניט פון גאַנצען שטאַאט, נור פון בעזונדערע, אונאבהענגיגע גרופּען. — א. ש. ז.

**) אגב אורחא לוינט דאָ אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף דעם אונטערשיעד צווישען דיזעם פּראָגראַם און דעם פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּראָגראַם, וואס איז געגרינדעט אויף דעם וויסענשאַפטליכען דיאַלעקטישען סאָציאַליזמוס, איז אזא פּונקט אין גאַנצען איבעריג, ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, זיינען איבערצייגט, אז דער סאָציאַליזמוס איז נור מעגליך אין א גרויס בעטריעב, וואו אינדיווידועלע פעהיגקייטען און לייסטונגען האבען קיין איינפלוס ניט אויף דער פּראָדוקציאָן, ווייל אלעס ווערט פּראָדוצירט אויפ׳ן מעכאַנישען אופן דורך די מאַשינעס און די פערזענליכקייט פון ארבייטער שפּיעלט איבערהויפּט קיין ראָלע ניט אין׳ם שאַפען פון די פּראָדוקטען. זי דאַרף דעריבער אויך ניט בעריקזיכטיגט ווערען. אויב דער פּראָדוקט איז א רעזולטאַט

הען אויף ירושה. קיין יוצא מן הכלל דארף ניט זיין. מיר שטרעבען צו בעפרייען די ארבייטער און מאכען א סוף פון די לעדיגגעהער, וועלכע לעבען אויף דעם חשבון פון די ארבייטער; מיר שטרעבען דערצו, אז אכטונג, כבוד און וואוילטאָג זאָלען בעקומען יענע, וועלכע ערנעהרען די געזעלשאפט, בילדען און בעגייסטערען זי — מיט אַנ־דערע ווערטער — די פּראָדוצענטען, געלעהרטע און ארטיסטען; מיר ווילען, אז שניידען זאָלען דוקא יענע, וועלכע זעען; אז מיט דער פרוכט פון דעם ארבייטער׳ם ארבייט זאָלען זיך ניט בענוצען פּוסט־און־פּאסטניקעס, לעדיגגעהער, וועלכע טהוען גאָרנישט, ווייסען גאָר־נישט און ליעבען קיינעם אויסער זיך אליין; מיר פערלאנגען, אז עס זאָלען בטל ווערען אלע שטייערען און לאסטען, וואס די ארבייטער צאָהלען די לעדיגגעהער אונטער פערשיעדענע נעמען: רענט, טעק־סעס, פּראָצענט פאר קאפּיטאל, א. ז. וו.״

אין אן אנדער אָרט האבען די סען־סימאָניסטען נאָך קירצער און איינפאכער פאָרמולירט זייערע שטרעבונגען: „די געזעלשאפט בע־שטעהט פון לעדיגגעהער און ארבייטער; די פּאָליטיק מוז שטרעבען דעם גורל פון די לעצטע צו פערבעסערען און דעם זכות פון די ער־שטע מבטל צו זיין.״ אויף אזוי פיעל איז דער אידעאָלאָג פון די סען־סימאָניסטען, באזארד.

באזארד האט ניט נאָר געמאכט א פּירוש אויף סען סימאָן׳ס טהעאָריע, נאָר ער האט אויך אויסגעברייטערט די תורה פון זיין רבי׳ן.

---

פון׳ם גלייכען אנטהייל פון אלע אינדיווידואומען, מוזען אלע אינדי־ווידואומען זיך אויך גלייך בעטהייליגען אין דער פּארנאנדערטהיי־לונג. באזארד, אלס מעטאפיזיק־אוטאָפּיסט, וועלכער האט געמיינט, אז אויך אין געזעלשאפט, וואו עס הערשט דער קליין־בעטריעב, איז מעגליך איינצופיהרען דעם סאָציאליזמוס, האט געמוזט געבען אין זיין פּראָגראם א געוויסען פּלאַץ די אינדיווידואליטעט פון ארביי־טער, ווייל דער ערפאָלג פון קליין־בעטריעב איז אָבהענגיג פון די אינדיווידועלע אייגענשאפטען. דאס איז די אורזאכע, וואס זיין פּראָ־גראם טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון א קליין־בעטריעב.

— א. ש. ז.

סען סימאָן האט אַנאַטאָמיזירט, אַנאַליזירט די געשיכטע איבערהויפּט, ער האט אויפגעוויעזען אויף די שייכות צווישען די פּאָליטישע פאָרמען און די עקאָנאָמישע אומשטענדען, אז די לעצטע רופען ארויס די ערשטע. באַזארד האט דיעזע טהעאָריע אָנגעווענדעט צו דער הערשענדער אָרדנונג. ער האט געוויעזען, אז די הערשענדע פּאָליטישע פאָרמע איז שוין אָבגעלעבט און מוז פערביטען ווערען אויף א נייע. סען סימאָן האט פאָרבערייטעט די אינסטרומענטען, די געצייג צו אונטערזוכען. באַזארד האט זיך מיט זיי בענוצט און האט מיט זיי געמאַכט דעם פּלאַן פון דער נייער סאָציאַליסטישער געביידע. געוועהנליך איז דיעזער פּלאַן ניט געווען אין גאַנצין קלאָר, א ביסעל מטושטש, אבער דאס איז דערפאר, ווייל באַזארד האט נאָך ניט געקענט וויסען פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס.

בכלל זיינען די סען־סימאָניסטען אונטער דער פיהרונג פון באַזארד און זייער קריטיק אויף די בעשטעהענדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, ווי אין זייער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם, געשטאַנען זעהר נאָהענט צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. זיי איז אבער, ווי געזאָגט, נאָך געווען אונבעקאַנט די דיאַלעקטישע מעטהאָדע פון פאָרשען, און דעריבער האבען זיי געמיינט, אז אין יעדע צייט און ביי יעדע אומשטענדען, אויך אין א געזעלשאַפט וואו די הערשענדע פאָרמע פון דער פּראָדוקציאָן, איז דער קליין־בעטריעב, קען דער סאָציאַליזם פערווירקליכט ווערען. זיי איז אויך געווען אונבעקאַנט דאס געזעץ, אז די בעוועגער פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג זיינען די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע צושפּאַלטען די געזעלשאַפט אויף פערשיעדענע קלאַסען, וועלכע לעבען אין בעזונדערע סביבות און בעקומען גאַנץ אַנדערע איבערצייגונגען. זיי האבען דעריבער געמיינט, אז דער סאָציאַליזמוס קען פערווירקליכט ווערען דורך יעדען, ניט דוקא דורך דעם פּראָלעטאַריאַט.

די איבערצייגונג פון די סאָציאַל - דעמאָקראַטען, וועלכע בעגרינדען זייער אנשויאונג אויף דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס, אז ניט אין יעדער צייט און ניט יעדער קלאַס איז אימשטאַנד דעם סאָציאַליזמוס דורכצופיהרען — אָט וואס אונטערשיידעט זיי פון די אוטאָפּיסטען סען־סימאָניסטען.

די סען־סימאָניסטען האבען געוואוסט, אז די איצטיגע אָרדנונג

איז אלט, אָבגעלעבט, פערפוילט און אז דער געזעלשאַפטליכער קערפער, וועלכער איז צובײלט, צושלאָגען, צוקריפּעלט, קען נור דאן אויסגעהיילט ווערען, ווען די אָרדנונג וועט ווערען אַן אַנדערע — אַזאַ אָרדנונג, וואו עס וועט זיין קהל'שע אייגענטהום. זיי האבען אבער ניט געפונען די נויטהיגע בוימייסטער פון דער נייער אָרדנונג און האבען ניט געקענט בעשטימען די צייט, ווען אַזאַ אָרדנונג קען און וועט אויפגעשטעלט ווערען. עס האט זיי געפעהלט דער איבערגאַנג, דער בריק, ווי צוצוקומען פון דער געגענוואַרט צו דער צוקונפט און דעריבער האט דער צוקונפטס־אידעאַל נור געקענט בעגייסטערען, ארויסרופען א פייער פון ענטהוזיאַזמוס בלויז ביי איינציגע מענשען, ער האט אבער ניט געקענט ווערען א רעאַלע ממשות'דיגע מאַכט, א וועג־ווייזער פאר די ברייטע ארבייטענדע מאַסען. דער סען־סימאָניזמוס האט ניט געקענט זיך איינוואָרצלען אין די מוחות פון מענשען, נור אין די הערצער. ער איז געוואָרען ניט א קאָפּ־זאַך — נור א געפיהל־זאַך, ניט א איבערצייגונג, נור א אמונה־זאַך. און ניט האָבענדיג אונטער זיך א געוויסע עקאָנאָמישע מאַכט, האט דער סען־סימאָניזם לויט זיין אייגענער לעהרע געמוזט אונטערגעהן, אזוי ווי אלע אַנדערע בעוועגונגען און שטרעבונגען, וועלכע שוועבען אין דער לופט און האבען ניט א רעאַלען יסוד אונטער זיך.

דער סען־סימאָניזמוס האט ניט געקענט זיין א מאַסען־בעוועגונג און האט זיך נור געשטיצט אויף א סעקטע, וועלכע האט די גאון'ישע לעהרע פון רבי'ן איינגעהילט אין אַזאַ דיקע ניט־פּאַסענדע פאָרמע אזוי, אז דער געזונדער קערן איז אין גאַנצען פערלעגט געוואָרען מיט א רעליגיעזען טומאַן.

# טשאַרלס פוריע



טשאַרלס פוריע.

XXVII.

1837 - 1772

# טשארלס פוריע

## זיין לעבען און זיינע טהעאריען.

דעם מענשען׳ס לעבען איז געגליכען צו א פייער — האט געזאגט אן אלטער גריכישער פילאזאף. דאס גאנצע דענקען און טהון זיינען ניט אנדערש, ווי פערשיעדענע בעוועגונגען פון מארך, אזוי ווי דאס ציטערען און פלאטערען פון א ברענענדיגער ליכט.

אבער אויב דאס לעבען פון א געוועהנליכען מיטעל מענשען, פון די, וועלכע געהען צוועלף אין א דוצענט, קען מען פערגלייכען צו די נארמאלע, רעגעלמעסיגע פלאם־בעוועגונגען פון א ליכט, איז די געדאנקען־וועלט פון א זשעניע, פון א גאון גלייך צו א פייער־שפייענדיגען וואולקאן. די געוועהנליכע מיטעלמעסיגע בעל־הבת׳ישע נאטורען און אייגענשאפטען פעהלען די זשעניען. די געדאנקען פון די לעצטע בעוועגען זיך ניט אין געוויסע גרענעצען, שטיל, רוהיג און געלאסען, ווי ביי איינפאכע מענשען, וועלכע זיינען ניט בעשאנקען פון דער נאטור מיט׳ן הייליגען, הימלישען פייער פון בעגייסטערונג. די געדאנקען־בעוועגונגען ביי די זשעניען זיינען שטורעמדיג, זיי רייסען בערג און גלייכען טהאלען, זייערע אידעאלען לייכטען ניט רעגעלמעסיג, נור הויבען זיך טהיילמאל אויף אונגעהייער הויך און לאזען זיך טהיילמאל אראב זעהר נידעריג, א סך נידעריגער, ווי ביי דעם דורכשניטס־מענשען. דא פלאקערען זיי אויף און בעלייכטען מיט זייער פערבלענדענדער ליכט די גאנצע וועלט און דא ווערען זיי אויסגעלאשען און פערשטיקט אין רויך; דא ווערען זיי די איינציגע הערשער

איבער אלע גרויסע גייסטער פון דער צייט און דאָ ווערען זיי פער׳־חוזק׳ט און פערשפּאָטעט פון יעדען לעהרען־אינגעל. קיין מיטעל־גרע־נעץ איז דאָ ניט פאַראַן, אדער זיי ווערען געליעבט, אדער געהאַסט, אדער פערגעטערט, אדער בעשפּיגען. די זשעניען זיינען אונגעהייער דרייסט מיט זייערע געדאַנקען און דיעזע העלדישע דרייסטקייט, וועל־כע שטעלט זיך פיר קיין זאַך ניט אָב, עפענט אָפטמאָל פאַר דעם גאָון׳־שען מח די גרעסטע וועלט סודות; דערפאַר אבער קען דער זשעניע שטאַרק ווערען מיטגעריסען און פערקריכען העט וויים, וואוהין דער געוועהנליכער מענש מיט „אַ געזונטען מענשען פערשטאַנד" וועט קיין מאָל ניט פערבלאָנדזשען.... דער מיטעל־מענש געהט אינ׳ם אויסגעטרעטענעם וועג, דער זשעניע ענטדעקט נייע וועגען און דערי־בער קומען גאַנץ אָפט אויס די פּלענער פון די זשעניען לעכערליך און קאָמיש פאַר די קליין־קעפּעלדיגע מענשען מיט די קליינע השגה׳לעך, וועלכע קענען זיך ניט אויפהויבען הויך און פליהען צוזאַמען מיט זיי.

און אזא זשעניע, איבער וועלכען פערשיעדענע פיליסטער, מיט דעם „געזונטען מענשען פערשטאַנד," האבען זיך שטאַרק לוסטיג גע־מאַכט, איז געווען טשאַרלס פוריע.

---

פראַנסיז מאַריע טשאַרלס פוריע איז געבוירען געוואָרען דעם 7טען פעברואַר, 1772, אין אַ קליין שטעדטעל, אין פראַנקרייך (בע־זאַנקאָן), ביי וואָהלהאבענדע עלטערען. זיין פאָטער איז געווען אַ חשוב׳ר בעל הבית אין שטאָדט און האט געפיהרט פאַר יענער צייט גרויסע מסחרים. 1781 איז דער פאָטער געשטאָרבען און האט אין זיין צוואה איבערגעלאָזען צוויי־פינפטלאַך פון זיין פערמעגען, 80,000 ליווּרעס, פאַר דעם 9־יאָהריגען טשאַרלס.

פוריע האט ניט ליעב געהאַט צו ריידען איבער זיינע פּערזענליכע פערהעלטניסע. ווען ער פלעגט דאס יאָ אַמאָל טהון, איז דאס נור גע־ווען אום אונטערצושטיצען און צו בעפעסטיגען זיינע אַ טהעאָריע. זיינע תלמידים און אפילו זיינע אינטימסטע פריינד האבען זיך ערשט נאָך זיין טויט דערוואוסט, אַז אין 1793, ווען ליאָן איז געווען בעלאַ־גערט, האט ער זיין גאַנצען פערמעגען פערלוירען.

ער אליין האט קיין מאָל ניט דערצעהלט איבער די אורזאַכען,

וועלכע האבען פאר איהם פארבעריייטעט א לעבען פול דחקות און פיין.

נאך אין די קינדער־יאהרען איז ביי פוריע געוועזן צו בעמערקען א שטארקעס שטרעבען נאך יושר און גערעכטיגקייט. צום האנדעל, צו וועלכען זיין פאטער האט איהם געהאט געווידמעט, האט ער גע־פיהלט א גרויסע פעראכטונג און האט זיך פאר קיין פאל ניט געקענט צוגעוואהנען צו איהם. אין׳ם אלטער פון 6 יאהר האט ער שוין געזעהן דעם אונטערשיעד צווישען האנדעל און וואהרהייט. אין קאטעכיזמוס און אין דער שוהל — דערצעהלט שפעטער פוריע אין איינע פון זיינע ווערק — האט מען איהם געלערנט ניט צו זאגען ליגענס און אין לעבען האט מען איהם אין אזא פריהצייטיגען עלטער שוין אנגעפאנגען צו לערנען די מלאכה פון שקר, אדער די קונסט ווי צו פערקויפען. ניט קענענדיג אריבערטראגען די בעטריגערייען פון האנדעל, פלעגט דער קליינער פריקאזטשיק, פוריע, מגלה זיין די קויפער די סודות פון גע־שעפט. ער פלעגט זיי אוועקרופען אן א זייט און זיי אויסזאגען דעם גאנצען אמת, וואס ער האט געוואוסט איבער דער פערקויפטער סחורה און זיי געראטהען זיך ניט צו לאזען אבנארען. איינער פון דיעזע קוי־פער האט איהם פערראטהען און האט דאס דערצעהלט די בעלי הבתים פון געשעפט. דער קליינער פוריע האט פאר אזא פערברעכען געקראגען גוט אריינגעשמיסען און זיינע עלטערען, ווי אנדערע סוחרים, האבען צווישען זיך אבגע׳פסק׳נט, אז „טשארלס וועט צום האנדעל קיין מאל ניט טויגען." און אין אמת׳ן האט טאקע פוריע פיינט געהאט דעם מסחר תכלית שנאה און „פונקט ווי האניבאל אין׳ם אלטער פון 9 יאהר האט געשווארען קעגען רוים, האט אויך פוריע אין׳ם עלטער פון 7 יאהר געשווארען א אייביגען האס דעם האנדעל."

פוריע׳ס האס קעגען אונגערעכטיגקייט איז אויך געוועזן די אור־זאכע, וואס ער פלעגט זיך שטענדיג אננעהמען פאר זיינע שוואכערע און געקריוודעטע חברים אין אירגענד וועלכען שפיעל. קערפערליך א שוואכער, אבער מיט שטארקען געפיהל פון יושר און עהרליכקייט, פלעגען די חברים ציטערן פאר איהם ציטערען, דען ער איז געווען א איבערגעגעבענער קאמעראד. אין שוהל האט טשארלס געלערענט זעהר גוט און פלעגט זאגאר בעקומען די ערשטע פרייזען, נעמליך אין לא־טיינישער פאעזיע. ווען ער איז געווארען עלטער, האט ער געוואלט

געהן קיין פאַריז, אום דאָרט צו שטודירען לאָגיק און פהיזיק, אבער זיין מוטער׳ס א קרוב, וועלכער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף זיינע עלטערען, האט אבגעראטהען איהם צו שיקען אין א גרויסע שטאָדט, אגב טאַקע זיינען וויסענשאַפטען פאר א סוחר ניט אזא וויכ־טיגער אַרטיקעל. אנשטאט אין א לעהר־אַנשטאַלט אין פאַריז האבען די עלטערען בעסער איהם אוועקגעשיקט קיין ליאָן צו א באַנקיער, אבער קומענדיג צום באַנק געשעפט האט דער קליינער פוריע געמאַכט א ויברח און האט מיט עקשנות ערקלעהרט, אז ער וועט קיין מאָל ניט זיין א קויפמאַן. מען האט דאַן משנה מקום געווען און איהם געשיקט אין אַן אנדער שטאָדט, אבער אויך פון דאָרטען האט פוריע געמאַכט פליטה. סוף כל סוף אבער האט ער זיך געמוזט אונטערגעבען און האט ארויפגענומען אויף זיך דעם יאָך פון האנדעל. ער איז אָנגעקומען אין א געשעפט אין ליאָן אויף דער לעהרע. און אזוי האט ער, ווי ער אליין פלעגט אָפט וויעדערהאָלען, די שעהנסטע יאָהרען פון זיין לעבען פער־בראַכט אין ווערקשטאטען פון שקר און פאַלשקייט, הערענדיג איבע־ראָל דעם פאָרוואורף: „אזוי א גאַנץ וואוילער יונגערמאַן, אבער ער טויג ניט פאַר׳ן האנדעל.״

א בעזונדערע נייגונג האט פוריע געהאט פאר געאָגראַפיע. זיין טאַשען־געלד, וואס ער פלעגט בעקומען, פלעגט ער אויסגעבען אויף לאַנדקאַרטען. ער האט אויך שטאַרק ליעב געהאט בלומען און האט אליין קולטיווירט פיעלערליי מינים און אַרטען. ווייטער האט ער געהאט א גרויסען „געהער״ און מוזיקאַלישע פעהיגקייטען. ער האט זיך אָהן א לעהרער אויסגעלערענט שפיעלען אויף פערשיעדענע אינ־סטרומענטען.

א גאַנץ שעהנער כאַראַקטעריסטישער טהאַט איז געוואָרען בע־קאַנט פון פוריע׳ס שוהל־יאָהרען. אָבוואָהל ער איז ניט געווען א שטאַר־קער עסער, פלעגט ער יעדען מאָרגען מיטנעהמען אין שוהל א שטיק ברויט, בעדעקט מיט קאַלטע פלייש. איינמאָל, ווען ער איז געווען אָב־געפאָהרען פון שטאָדט, האט זיך אוועקגעשטעלט א קליינער אָרעמער אינגעל קעגען זיינע עלטערען׳ס געשעפט, און געפרעגט, אויב דער קליינער הערר איז קראַנק. ווען מען האט דעם אינגעל דערצעהלט, אז דער קליינער פוריע געפינט זיך אויף א רייזע, האט ער אויסגעבראָ־כען אין א גרויסען געוויין. ווען מען האט איהם געפרעגט, פאַרוואס ער

האט זיך אזוי צואוויינט, האט דער אינגעל געענטפערט, אז מיט טשארלס אָברייזע האט ער אויך אָנגעוואָרען זיין פריהשטיק, וועלכען דער קליינער הערר פלעגט איהם יעדען טאָג ברייננגען. דער אָרעמער הונגעריגער איז, זעלבסטפערשטענדליך, געטרייסט געוואָרען און האט אָנגעפאַנגען צו בעקומען זיין מאָהלצייט, ווי פריהער.

איידער פוריע האט נאָכגעגעבען דעם פערלאַנג פון זיין מוטער צו ווערען א סוחר האט ער נאָך פרובירט אָנצוקומען אין א מיליטער־רישע אינזשיניער שוהל. אבער מען האט איהם צוריקגעוויזען אויף דעם סמך, וואס ער שטאַמט ניט פון אדעליגע עלטערען. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האט פוריע זעהר געדאַנקט דעם צופאַל, וואס מען האט איהם ניט אָנגענומען אין שוהל. דען ווער וויים, אויב ער וואָלט דאָרט געקענט בעקאַנט ווערען מיט די לעהרען איבער'ן סאָציאַלען מע־כאַניזמוס, וועלכע ער האט שפּעטער געווידמעט זיין גאַנצען לעבען? אזוי ענטשיידעט אָם מייסטען דער בלינדער צופאַל דעם גורל פון מענשען! און דאָך רעדט מען שטענדיג פון פערזענליכע פערדיענ־סטען? וויפיעל בעדייטענדע און בעריהמטע מענער האבען צו פער־דאַנקען זייער בעריהמטהייט בלויז א גליקליכען אדער ניט גליקליכען צופאַל?

נאָך דעם, ווי פוריע האט געענדיגט זיין לעהרצייט אין ליאָן, האט ער אין 1790 בעקומען א שטעלע אלס רייזענדער, וואס האט גע־פאָדערט אין יענער צייט א גרויסען צוטרוי פון די בעלי הבתים. אלס רייזענדער האט ער דאַן צום ערשטען מאָל בעזוכט פאַריז, וואס איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען. די שכירות זיינע זיינען געווען זעהר קליין, אבער ער האט גענומען געלד פון זיין קאַפּיטאַל, וואס ער האט בעקומען בירושה פון זיין פאָטער און האט בעזוכט פיעלע אַנדערע איי־ראָפּאָאישע לענדער: דייטשלאַנד, בעלגיען און האָלאַנד. איבעראַל האט ער שטודירט און זיך בעקאַנט מיט די פערהעלטניסע, וועלכע האבען דאָרט געהערשט. עס איז ניט אויסען געבליעבען זאָגאר א גרויסע געביידע אין אירגענד וועלכער שטאָדט, וואס איז ניט געווען בעקאַנט פוריע'ן. צו שפּראַכען האָט ער דערפאַר ניט געהאַט קיין פעהיג־קייטען. אויסער זיין מוטער־שפּראַך, פראַנצויזיש, האט ער אַן אַנדער שפּראַך בשום אופן ניט געקענט ערלערנען און עס קען מעגליך זיין, אז דאס איז אויך די אורזאַכע, וואס ער האט אין זיינע לעהרען גע־

פּרעדיגט, אז אין דער גאַנצער וועלט זאָל זיין נור איין שפּראַך, ווייל די פיעלע שפּראַכען צושטערען „די אוניווערזעלע איינהייט" און מוזען פריהער פון אַלץ בעזייטיגט ווערען.

אזוי ווי פוריע איז א גאַנצען טאָג געווען פערנומען אין'ם געשעפט, פלעגט ער נור קענען בענוצען די נעכט פאר זיין שטודיום און אויסבילדונג. הויפּטזעכליך האט ער געלערענט אַנאַטאָמיע, פהיזיק, כימיע, אַסטראָנאָמיע און נאַטור געשיכטע. זיין האַס קעגען דעם האַנדעל איז געוואַקסען צוזאַמען מיט זיינע יאָהרען. וואס מעהר ער איז געוואָרען עלטער, אַלץ ווייניגער האט ער געקענט פערטראָגען די סוחר'ישע שטיק און דריידלעך. אין 1799 האט געמאַכט אויף איהם א ערשמעטערענדען איינדרוק א סוחר'ישער מאַנעוור פון זיין בעל הבית: אין איין שעהנעם פריהמאָרגען קריגט פוריע א בעפעהל פון זיין שעף צו פערזינקען אין ים א גאַנצע שיפסלאַדונג רייז, אום דער פרייז פון די, וואס איז געבליעבען אין מארקעט, זאָל שטייגען. און דאס איז געטהון געוואָרען אין אזא צייט, ווען הונדערטע מענשען האבען געהונגערט און ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו ערנעהרען זייערע פאַמיליען. די מעטהאָדען פון די איצטיגע אַמעריקאַנער טראַסטס זיינען אַלזאָ שוין דעם דעמאָלדיגען קאַפּיטאַליזמוס ניט געווען פרעמד!

מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האט פוריע ניט סימפּאַטיזירט.

נאָך זיין מיינונג האבען די ברייטע פאָלקס־מאַסען זעהר ווייניג געוואונען פון דער רעוואָלוציאָן; דערפאַר אבער האט פּראָפיטירט דער קלאַס, וועמען פוריע האט פיינט געהאַט, ווי דעם טויט — דעם האַנדעלס־קלאַס. און נאָך מעהר פלעגען איהם אויפרעגען די לויבגעזאַנגען, וועלכע די שריפטשטעלער און אלע אַנדערע אָנהענגער פון דער נייער אָרדנונג, פלעגען ווידמענען דעם פרייגעוואָרענעם האַנדעל, וואס זיי האבען בעטראַכט אַלס די איי פון דער נייער געזעלשאַפט, אַלס דעם פונדאַמענט פון פאָלקס־גליק און וואָהלזיין. אויסער דעם, האבען איהם אָבגעשטויסען די געוואַלד טהאַטען אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן, די נויטהווענדיגקייט פון וועלכע ער האט ניט פערשטאַנען; הויפּטזעכליך האט ער געהאַסט די יאַקאָבינער, אַלס די פערטרעטער פון טעררָאָר און די פילאָזאָפיע פון רוססאָ, די טהעאָרעטישע בעגרינדונג פון דער רעוואָלוציאָן.

קיין זאך פלעגט איהם ניט אזוי אריינבריינגען אין כעס און אויפ־רעגונג, ווי דער פאָרוואורף פון זיינע געגנער, אז זיינע סאָציאַלע טהעאָריען „קענען נור פערווירקליכט ווערען אויף דעם וועג, וועלכען די יאַקאָבינער האבען אויסגעטרעטען.״ „ניין און טויזענד מאָל ניין — פלעגט ער מיט כעס ענטפערן — מיין טהעאָריע האט ניט צו טהון מיט יענע לייטע און מיט זייערע אומשטורץ פראָיעקטען.״ ער האט מיט זיין קריטישען בליק ערקענט, אז די רעוואָלוציאָן, טראָטץ די גרויסע מסירת נפש און אָפּפערווילינקייט פון׳ם פאָלק, טראָטץ איהרע אידעאַלע גרונדלאַגען, טראָטץ די שלאַגווערטער: פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערליכקייט — טראָטץ דעם אַלעם זיינען די אויסבייטונג פון די גרויסע פאָלקס־מאַסען, ליגען, שקר, חניפה און צביעות ניט נור געבליעבען, נור זיינען טהיילוויז נאָך געשטיגען. ער האט געזעהן, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די רעוואָלוציאָנערען בעמיהען זיך צו בעזייטיגען מיט בלוטיגער געוואַלד אַלעס, וואס איז ניט איינשטימיג מיט זיי אין בעצוג צום גליק פון׳ם פאָלק, הערשט דער קאַפּיטאַל מיט זיינע מעטאַלענע פויסטען אונבעשרענקט.

דער גרויסער עלענד, די אונגעהייערע אויסבייטונג, וואס האט גע־הערשט נאָך דער רעוואָלוציאָן, האט פוריע׳ן געפיהרט צום געדאַנק, אז די געזעלשאַפט איז איצט זעהר שלעכט אָרגאַניזירט און אז עס מוז געשאַפען ווערען אַן אַנדער אָרדנונג, געבויט אויף אַנדערע יסודות, וואו דיעזע אויסבייטונג זאָל זיין אונמעגליך. פוריע האט פיר קיין פאַל זיך ניט געקענט בעפריינדען מיט די רעוואָלוציאָנערע טהאַטען און מיט די דעמאָלדיגע אָרדנונגס מענער, וועלכע האבען געשפּיעלט מיט מענשען־קעפּ, ווי מיט די קוגלען פון די ביקסען, ער האט ניט גע־קענט בעגרייפען, ווי אזוי מען קען גרינדען דאס מענשליכע גליק אויף די געוואַלדזאַמע פערניכטונג פון די געגנערישע פּאַרטייען. ער האט ניט פערשטאַנען, אז דיעזע אַלע פערניכטענדע ברודער־קעמפּפע זיינען פאָרגעקומען נור צוליעב דעם, ווייל מען האט דעמאָלט ניט געקענט אויסגעפינען די אמת׳ע טרייבענדע קראַפט, יענע געהיימניספולע מאַכט פון׳ם אונפערזענליכען קאַפּיטאַל, וואס האט דאַן רעגיערט הינ־טער די קוליסען פון די פּאַסירונגען. דיעזען רעטהזעל האט ערשט גע־לייזט דער מאָדערנער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזמוס, וועלכער וועט אויך דעם פּירכטערליכען ספינקס שטירצען אין תהום פון דער גע־

שיכטע. פוריע האט נאָך אבער דאָן ניט געקענט האבען א בעגריף פון'ם מאָדערנעם סאָציאַליזמוס און האט געזוכט אנדערע מיטעל, ווי צו בעזייטיגען יענע בלוטיגע קעמפּפע, וואס זיינען אייגענטליך געווען ניט אנדערש ווי קלאַסען־קעמפּפע — די בעוועגער פון דער גאנצער מענשליכער געזעלשאפט.

פוריע, וועלכער האט ניט געהאט א נייגונג צו פּאָליטישע קעמ־פּפע, ביי וועמען די פאָרגענגע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן האט נאָך דיעזע אבנייגונג פערשטארקט, איז געקומען צו דער מיי־נונג, אז די פּאָליטישע פאָרמע פון דער געזעלשאפט האט מיט דער סאָציאַלער לאגע ניט צו טהון, אז די פּאָליטישע פערהעלטניסע און די סאָציאַלע בעציהונגען צווישען די מענשען זיינען ניט אָבהענגיג איינע פון די אנדערע און אז די הויפּטזאָך איז צו פערבעסערען די סאָציאַלע לאגע און מיט פּאָליטישע פראגען דארף מען זיך איבערהויפּט ניט קימערען.

עס איז כאראקטעריסטיש פיר אַלע אוטאָפּיסטען די גלייכגילטיג־קייט צו פּאָליטישע בעדינגונגען. זיי האבען געמיינט, אז מען קען דורכפיהרען ראדיקאַלע, סאָציאַלע און זאָגאר סאָציאַליסטישע רעפאָר־מען אין דער צייט, ווען די פּאָליטישע פאָרמע פון שטאאט בלייבט אונפערענדערט. אין דיעזען הינזיכט זיינען די אוטאָפּיסטען געשטאנען אין עכטען געגענזאץ צו די אידעאָלאָגען פון'ם ליבעראַליזמוס. די לעצטע האבען געמיינט, אז די גאנצע גאולה וועט קומען, ווען מען וועט ענדערן די פּאָליטישע פאָרמע, ווען מען וועט זיך בעפרייען פון'ם מיטעלאַלטערדיגען אבסאָלוטיזמוס, ווען אנשטאט א קעניגטהום וועט איינגעפיהרט ווערען א רעפּובליק — וועט אַלעס ווערען עררייכט און אַלע איבלען פון דער מענשהייט וועלען בעזייטיגט ווערען. די אוטאָפּי־סטען ווידער האבען געמיינט פונקט פערקעהרט: די מענשליכע ליידען האבען ניט צו טהון מיט דער פּאָליטיק און זייער בעזייטיגונג ליגט בלויז אין דער פערענדערונג פון די סאָציאַלע פערהעלטניסע. די ערשטע, ווי די צווייטע, האבען זיך אבער שטארק טועה געווען. די פּאָליטישע פער־העלטניסע ענטשטעהען ניט זעלבסטשטענדיג, זיי זיינען א רעזולטאט פון די סאָציאַלע בעדינגונגען און מוזען זיין שטענדיג צוגעפּאסט צו די לעצטע. מעג די רעגירונגס פאָרמע זיין עכט דעמאָקראטיש, קוים זיינען די סאָציאַלע פערהעלטניסע געגרינדעט אויף אונגלייכהייט, וועט

די גאַנצע פּאָליטישע מאַשין מוזען אויסגענוצטצט ווערען אין די אינ־טערעסען פון די הערשענדע קלאַסען; און, פערקעהרט, ביי אַלטע אָב־געלעבטע רעגירונגס פאָרמען קענען זיך אויף די סאָציאַלע פערהעלט־ניסע ניט ענטוויקלען. פון דעם סוד האבען די אוטאָפּיסטען פון איין זייט, ווי די פאָרשטעהער פון׳ם ליבעראַליזמוס פון צווייטען זייט, ניט געוואוסט און זייערע פּרעדיגען האבען דעריבער ניט געפונען אן אָב־קלאַנג צווישען די ברייטע פאָלקס־מאסען, וועלכע האבען ניט געזעהען קיין ערלייזונג אין די אידעען פון די ערשטע, ווי פון די צווייטע.

פוריע האט ניט געזעהן דעם צוזאַמענהאַנג, דעם שייכות, צווי־שען דער פּאָליטיק פון לאַנד און די סאָציאַלע פערהעלטניסע, אזוי ווי ער האט איבערהויפּט ניט געזעהן די אורזאַכען, וועלכע רופען זיי ארויס. ער האט געמיינט, אז די פּאָליטישע פאָרמע איז ווילקירליך, פון קיין זאַך ניט אָבהענגיג און אז אויף די סאָציאַלע פערהעלטניסע ווערען ארויסגערופען ניט דורך געוויסע געזעצען, נור אזוי אז זיי קענען ווילקירליך איבערגעאַנדערשט ווערען, עס דאַרף זיך נור געפינען דער פּאַסענדער מאַן, וועלכער זאָל זיך נעהמען דערצו. אזא מאַן האט ביז איצט געפעהלט.

ניוטאָן האט אמת אויפגעטהון זעהר פיעל, — מיינט פוריע — ער האט ענטדעקט דאס געזעץ פון דער צוציהונגס־קראַפט צווישען די וועלט קערפּער, אָבער ער איז נור געשטאַנען נעבען ריכטיגען וועג, אָבער ניט אויפ׳ן ריכטיגען וועג. ניוטאָן האָט בלויז ענטדעקט דאָס בעוועגונגס געזעץ אין דער מאַטעריעלער, אונלעבענדיגער וועלט. דיעזע ענטדעקונג, ווי וויכטיג זי זאָל ניט זיין, האט פאַר דאס גליק פון דער מענשהייט געשפּיעלט א קליינע ראָלע. די הויפּט אויפגאַבע דאַרף איצט זיין צו ענטדעקען די געזעצען פון דער סאָציאַלער צוציהונגס־קראַפט, די בעציהונגען צווישען די פערשיעדענע נאַטור רייכען און דעם מענשען, צווישען דעם מענשען און דער ענטוויקלונג פון׳ם ערד באָל און דעם גאַנצען פּלאַנעטען און וועלט סיסטעם, — די שייכות צווישען זיי און דעם בורא, דעם שעפּפער פון די וועלטען. דאס האט ניוטאָן ניט געטהון. דאָס איז געבליעבען פיר איהם, פיר פוריע׳ן. ער מוז דאס ענטדעקען די געזעצען פון דער אוניווערזעלער איינהייט, די האַרמאָניע פון׳ם גאַנצען וועלטאַל. דורך דער ענטדעקונג פון דיעזע געזעצען וועט שוין במילא אויף קלאַר ווערען די אמת׳ע בעשטימונג

פון'ם מענשען, די וועגען, וועלכע פיהרען צו זיין גליק. פוריע איז גע־וועזן איבערצייגט, אז ער האט אויסגעפונען די ריכטיגע מיטעל, ווי צו בעפרייען די מענשהייט פון נויטה, עלענד, אונטערדריקונג, דעגע־נעראַציאָן און לאַנגווייליגקייט, די ריכטיגע וועגען פון אייביגער האר־מאָניע צווישען די מענשען און גאָט. דיעזע מיטעל בעשטעהען אין דער ענטדעקונג פון די צוציהונגס־געזעצען פון די מענשליכע בעגעה־רען און טריעבען אין בעצוג צו אלע מענשליכע ארבייטען און בעשעפ־טיגונגען.

דאס, וואס איז אויסגעפאלען דוקא אויף זיין חלק — מיינט פוריע — צו ענטדעקען די וועגען, וועלכע פיהרען צום מענשליכען גליק און ניט אויפ'ן חלק פון אנדערע, איז בלויז א ריינער צופאל. אלע אנדערע פאר איהם, נעמליך די פילאָזאָפען, וועלכע האבען זיך שוין איבער 2,500 יאָהר בעמיהעט צו לעזען די וועלט־רעטעניש און צו זוכען דאס מענשליכע גליק, האבען שוין דאס געקענט טהון. זיי האבען אבער שטענדיג נור זיך בעגניגט מיט דעם, וואס זיי האבען געזונגען לויב־געזאנגען צו דעם הערשענדען אָרדנונג און האבען בעקעמפפט אלעס, וואס איז געווען ניי, קוים האט דאס נייע זיי אויסגעוויעזען געפעהרליך פיר זייערע לעהרען. דיעזע פילאָזאָפען — איז פוריע געווען ביי זיך זיכער — האבען געמאכט יד אחת, א פעסטען אָבמאך, צווישען זיך, צו שטערן דער פערווירקליכונג פון זיינע אידעען. פוריע'ן האט זיך גע־דוכט, אז זיי שטעהען איהם איבעראל אין וועג און זוכען מיט אלע מעגליכקייטען צו פערשוויינגען און צו אונטערדריקען זיינע שריפטען. אויף דיעזע לאָזט פוריע אוים כל חמתו און מאכט פון זיי חוזק אויף א וויטציגען, סאטירישען ארט.

ניט קוקענדיג אויף זיין שארפע חריפות, האט פוריע ניט פער־שטאנען, אז ניט די פילאָזאָפען זיינען שולדיג, וואס ער ווערט איגנאָ־רירט, נור די קלאסען־הערשאפט אין אונזער היינטיגער אָרדנונג. זיין סיסטעם פון דער נייער אָרדנונג, וואס פוריע האט געוואָלט דורכפיה־רען, איז פיינדליך צו די בעזיצענדע קלאסען, און די לעצטע זיינען געוועזן די יעניגע, וועלכע האבען בעוואוסט אדער אונבעוואוסט זיך פערהאלטען גאנץ קאלט, זאגאר פיינדליך, צו זיינע פלענער. פוריע, ווי די אנדערע אוטאָפּיסטען, האט, אין געגענטהייל, געמיינט, אז די פערשיעדענע קלאסען קענען לעבען צווישען זיך בשלום, און אז די

בעשטעהענדע רעגירונגען וועלען קענען בלייבען אויף אין זיין „נייער סיסטעם" אויף די זעלבע פּאָליטישע יסודות ווי איצטער.

מיר האבען שוין אין די פריהערדיגע קאפּיטלעך אָנגעוויעזען, אז דאס כאַראַקטעריסטישע ביי די אוטאָפּיסטען איז, וואס זיי האבען זיך בלויז אינטערעסירט מיט די סאָציאַלע פערהעלטניסע און ניט מיט די פּאָליטישע. זיי האבען געמיינט, אז מען קען איבעראַנדערשען די סאָציאַלע יסודות פון היינטיגער אָרדנונג, וועהרענד די גאַנצע היינטיגע פּאָליטישע סיסטעם זאָל בלייבען אויף ווייטער. פוריע איז אין דיעזען פּרט ניט געווען אן אויסנאהם. פערקעהרט. פוריע איז ניט געווען צופריעדען מיט די עקזיסטירענדע שטאאטען, נור ער האט זיי נאָך געוואָלט פערגרעסערען. ער איז געווען ביי זיך איבערצייגט, אז גלייך, ווי די וועלט וועט אָננעהמען זיין סיסטעם, וועט דער גאַנצער ערד באַל ווערען בעדעקט מיט א גרויסער צאָהל שטאאַטען און מלוכות,— אפילו דאָרטען, וואו איצט וואוינען ווילדע און בארבארען. ביי פוריע איז יעדע פאלאנגא — די געגאָסענשאפט, וואו זיין סיסטעם ווערט דורכגעפיהרט — א קליינער שטאאט פאר זיך. און אזוי גוט, ווי פוריע האט געהאָפט, אז גלייך, ווי עס וועט געגרינדעט ווערען די ערשטע פאלאנגא, וועט זיך די גאַנצע וועלט איבערצייגען אין דער וויכטיגקייט פון אזא סיסטעם און וועט איהר אָננעהמען, טאָ וועלען די פאַלאנגאס, און ממילא אויך די שטאאטען ווערען זעהר צאָהלרייך.

אין 1793, ווען פוריע איז אלט געווען 21 יאָהר, זיינען פאָרגעקומען פּאסירונגען אין זיין לעבען, וועלכע האבען געהאט א געוויסע ווירקונג אויף זיין ארט דענקען, אויף די ענטוויקלונג פון זיינע אידעען, וועלכע זיינען אין יענער צייט געלעגען ביי איהם אין מח בעהאַלטען אלס אונענטוויקעלטע, נאָך ניט פערנאנדערגעוואקסענע זאָמען. אין יענעם יאָהר האט דער קאָנוועט בעלאַגערט די שטאָדט ליאָן, וואו פוריע האט געלעבט, ווייל זי איז געווען אָפּאָזיציאָנעל צום קאָנווענט. ווען די טרופּען פון'ם קאָנווענט האבען די שטאָדט ערָאבערט און איי־

ניגע איהרע טהיילען צושטערט, האט אויך פוריע דאָרטען אָנגעוואָרען זיין גאַנצעס פערמעגען און האט דורך א צופאל גערעטעוועט זיין לע־בען. אין א קורצער צייט שפּעטער האט ער געמוזט אויף דעם בעפעהל פון קאָנווענט געהן פערטהיידיגען די גרענעצען פון פראַנקרייך און אלס אונפערהייראטהעטער האט פוריע געמוזט געהן אין ערשטען פייער. ער איז אָנפאַנג געווען בעשטימט צו דעם יעגער באטאליאָן. שפּע־טער אבער איז ער פון סאָלדאטען דיענסט בעפרייט געוואָרען. זייענ־דיג קליין אין וואוקס און שוואך אין קערפּער איז ער אנערקענט גע־וואָרען פאַר אונטויגבאַר צום „דיענסט.” דיעזע אלע פּאסירונגען האבען ניט געקענט ניט האבען א טיעפע ווירקונג אויף זיין גאַנצען געדאַנקען גאַנג, וואו עס האט ווי א העלישער פייער געברענט א האס צו דער היינטיגער אָרדנונג.

אין די נעכסטע יאָהרען האט זיך פוריע בעשעפטיגט מיט אלער־ליי סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע פּאָרשלעגע. אבער זיינע פּראָיעקטען האבען ביי קיינעם — ניט ביי דער רעגירונג, ניט ביי אַנדערע וויר־קענדע מענער — קיין אָבקלאַנג ניט געפונען. אום צו מאכען א לעבען איז פוריע אין אָנפאַנג פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט געוואָרען א מעקלער. ווי ער אליין האט געהאַלטען פון זיין בעשעפטיגונג איז צו זעהן פון דיעזע זיינע ווערטער: „א מעקלער איז א מענש, וועלכער ליגט צו אַנדערע ליגענס נאָך צו זיינע אייגענע.” אויסער זיין מעק־לעריי פלעגט ער אויך פון צייט צו צייט שרייבען ארטיקלען איבער פּאָליטישע ענינים. אין יענער צייט איז נאפּאָלעאָן געווען אין זיין גאנצען גלאַנץ און פּראַכט. ער האט געדאַרפט קירצליך געקרוינט ווערען אלס קייזער פון פראַנקרייך און די פראגע איבער „קריעג און פריע־דען” מיט אלע אַנדערע נאָך ניט איינגענומענע מלוכות איז געווען די הויפּט פראגע אויפ׳ן טאגעס אָרדנונג פונ׳ם פּאָליטישען לעבען. פוריע האָט אויך אנטהייל גענומען אין דיעזע פּאָליטישע דעבאַטען. אינטע־רעסאַנט איז, דאָס פוריע איז געווען געגען פרידען און האָט גע־ראטהען נאפּאָלעאָן׳ען איינצונעהמען פריהער פּרייסען. ווען פּרויי־

סען וועט אונטערגעטעהניגט ווערען — שרייבט פוריע — וועט פאר־
קומען א קאמפף צווישען פראנקרייך און רוסלאנד איבער דעם, ווע־
מען ס'זאל געהערען די העררשאפט איבער אייראפא. אויף ענגלאנד
איז פוריע געווען בעזאנדערס אין כעס און האט געוואלט זעהען איהר
פערניכטונג, ווייל אין ענגלאנד האט פוריע געזעהען דעם אמת'ן
גייסט פון האנדעל און אינדוסטרי, וואס האט דארטען דעמאלט זיך
געהאלטען אין פערנאנדערבליהען. דיעזע ארטיקלען פוריע'ס האבען
געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון נאפאלעאן, וועלכע האט
געהייסען גוט נאכצושפירען דעם פערפאסער. דעם פערלעגער האט
מען געלאזט וויסען ער זאל ווייטער אזוינע ארטיקלען ניט פערע־
פענטליכען.

## XXVIII.

# די גרונד־געדאַנקען פון פוריע׳ס לעהרע

אין יאָהר 1808 האָט פוריע פערעפענטליכט זיין ערשטעס ווערק, וואו עס זיינען שוין געוועזן, אָבוואָהל ניט גאַנץ קלאָר, פאָרמולירט די גרונד שטריכען פון זיינע טעאָריען. דער נאָמען פון ווערק איז: „די לעהרע פון די פיער בעוועגונגען און די אַלגעמיינע בעשטימונגען". דאָס ווערק איז געשריעבען מיט דעם גאַנצען פייער פון בעגייסטערונג, וואָס איז נור צו געפינען ביי אַ מאַן, וועלכער גלויבט אין זיין מיסיאָן און איז איבערצייגט, אַז זיינע איבערצייגונגען זיינען אונבעשטרייטבאַר.

פוריע׳ס אנשויאונג בעשטעהט אין פאָלגענדעס:

די וועלט בעשטעהט פון דריי אייביגע, אונפערענדערליכע פרינציפען:

1) פון גאָט, אדער גייסט — דער הערשענדער אקטיווער און בעוועגענדער פרינציפ;

2) פון דער מאַטעריע — דער פאַסיווער פרינציפ, וואָס ווערט בעוועגט און בעהערשט;

3) פון דער גערעכטיגקייט אָדער פון די מאַטעמאַטישע געזעצען, דער פרינציפ, וועלכער רעגולירט אַלעס.

אזוי ווי די וועלט בעשטעהט אויך דער מענש פון דריי פרינציפען:

1) פון זיינע בעגעהרען, טריעבען — דער אַקטיווער און בעוועגענדער פרינציפ;

2) פון דעם קערפער — דער פאַסיווער פרינציפ, וואָס ווערט בעוועגט און בעהערשט;

3) פון דער אינטעליגענץ — דער נייטראלער פרינציפּ, וואָס רעגולירט די ערשטע צוויי.

גאָט, דער הערדשער פון דער וועלט, קען נור פערלאַנגען איהר איינהייט און האַרמאָניע, א ניט וועט ער אריינקומען מיט זיך אליין אין א ווידערשפּרוך. עס עקזיסטירט א אונאונטערבראָכענע קייט פון בעציהונגען צווישען אַלץ, וואס איז פאַראַן. עס זיינען דאָ בעציהונגען צווישען די דריי רייכען, אָבטהיילונגען פון דער נאַטור: חיות, פּפלאַנצען און מינעראַלען — און דעם מענשען; צווישען דעם מענשען און גאָט; צווישען דעם מענשען און דעם ערד־באַלל און דעם גאַנצען פּלאַנעטען און וועלט סיסטעם. אַלעס אין דער נאַטור שטעהט צווישען זיך אין פערבינדונג.

ווען גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען און איהם אריינגעגעבען די טריעבען, און די ליידענשאַפטען, האָט ער געוואָלט, אז דער מענש זאָל דערמיט זיין גליקליך. די בעגעהרען און ליידענשאַפטען זיינען אַלזאָ ניט שעדליך, אז זיי זאָלען ווערען אונטערדריקט און אונבעפרידיגט. פערקעהרט, די בעפרידיגונג פון די טריבען און ליידענשאַפטען שאַפט די האַרמאָניע פון׳ם מענשען מיט זיך אליין און מיט גאָט. ווען מיר זעהען אָבער, אז דיעזע טריעבען פונ׳ם מענשען ווירקען אדער שעדליך, אדער ווערען אין גאַנצען אונטערדריקט, איז דאס ניט דערפאַר, ווייל די טריעבע זיינען שעדליך און אז גאָט׳ס אָרדנונג טויג ניט, נור דאָס בעווייזט, אז די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָן פון דער געזעלשאַפט איז אַ שלעכטע און זי צווינגט, אז די האַרמאָניע צווישען די טריבען און זייער בעפרידיגונג זאָל געשטערט ווערען.

וואָס פיר אַ צוועק האָט איבערהויפּט די וועלט, אויב זי איז ניט בעשאַפען פאַר׳ן מענשען? — פרעגט פוריע — און דאס איז טאקע דער הויפּט געדאַנק, אויף וועלכער עס איז געגרינדעט זיין וועלט אויפפאַסונג.

די בעשטימונג און דער צוועק פונ׳ם מענשען איז דאָס גליק. און דאָס גליק קען ערדייכט ווערען דורך דער ענטוויקלונג פון אַלע זיינע איינענשאַפטען, אנלאגען און דורך דער בעפרידיגונג פון זיינע טריעבען. דער מענש דאַרף און מוז געניסען פון אַלעס, וואָס זיין האַרץ גלוסט — דאָס איז פוריע׳ס עיקר, זיין הויפּט אני מאַמין.

און צו דעם צוועק — מיינט פוריע — האָט גאָט בעשאַפען דעם מענשען.

ווי עס איז צו זעהען איז פוריע'ס גאָט אַ ריין מאַטעריאַליסטישער און איז דער גענענזאַץ פון'ם גאָט, וועלכען דאָס קריסטענטהום האָט זיך בעשאַפען. דער קריסטליכער גאָט וויל אַסקעטיזמוס, איינגעהאַל־טענקייט, אַ אָבזאַג פון אַלע תענוגים און דאָס פייניגען פון'ם קער־פער.

לויט זיין בעשטימונג אַלזאָ שטרעבט דער מענש נאָך דעם גליק, און רייכקייט און געזונד בילדען זיין גליק. דער מענש וויל זיין געזונד אום ער זאָל קענען געניסען פון דער וועלט, און ער וויל זיין רייך, אום ער זאָל קענען דעם געגוס זיך פערשאַפען. רייך זיינען גאַנץ וועניג און אַם מייסטען די יעניגע, וועלכע פערדיענען עס ניט; געזונד פעהלט כמעט אַלעמען. אַנדערן פעהלט געזונד צוליעב דער נויטה, עלענד און דחקות און פערקעהרט, אַנדערע ליידען דערפון, וואָס זיי געניסען צופיעל, זיינען צו אויסגעלאַסען. דאָס ערשטע ווי דאָס אַנדערע איז אַ רעזולטאַט פון אונזערע סאָציאַלע איינריכטונגען, וועלכע לאָ־זען ניט צו אַ געזונדע, נאָרמאַלע און פערנינפטיגע ענטוויקלונג פון'ם מענשען'ס קרעפטען און פעהיגקייטען. טהעאָרעטיש וויל טאַקע די גע־זעלשאַפט, נעמליך די ציוויליזאַציאָן דאָס אַלגעמיינע גליק, אָבער דאָס, וואָס זי ערדייכט, איז פונקט דער היפך דערפון. מיר שטרעבען צום אמת, צו וואָרהייט און איבעראַל הערשט דער שקר, חניפה, צביעות; מיר פערלאַנגען מאָראַל און עס הערשט גנבה, בעטרוג, אָבנאַרעריי, עהעברוך, פראָסטיטוציאָן. מיר שטרעבען צום אַלגעמיינעם גליק און זיעבען אכטעל ביז אכט ניינטעל פון די מענשען זיינען אונגליק־ליך; דאָס איז דערפאַר ווייל זיי זיינען אַרומגערינגעלט מיט אַזוינע שלעכטע בעדינגונגען, וועלכע זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו בעזיי־טיגען. און אַזוי הערשט אַנשטאָט דער איינהייטליכקייט די צושפּאַל־טונג, די צוויי־דייטיגקייט אין אַלע בעציהונגען. יעדע גוטע זייט האָט איהר שלעכטע און די שלעכטע זייט איז נאָך די שטאַרקערע.

אויב דער מענש וויל, אַז אַלע זיינע בעגעהרען און ליידענשאַפ־טען זאָלען אין דער צייט און אין מאָס בעפרידיגט ווערען, טאָ קען ער דאָס ניט טהאָן אַלס יחיד, אַלס איינצעל וועזען, נור ער מוז האָבען דערצו אַ אָרגאַניזאַציאָן מיט זיין גלייכען. דיעזע אָרגאַניזאַציאָן,

וועלכע פוריע האט ענטדעקט און אין וועלכער ער זעהט א רפואה פיר אלע צרות פון דער היינטיגער געזעלשאפט, איז — די לאנד ווירטה־שאפטליכע און הויז־ווירטהשאפטליכע אססאציאציאן, וועלכע זאל זיין פערבונדען מיט א אינדוסטריעלער אססאציאציאן.

דעם הויפט געוויכט לייגט פוריע אויף אקערבויגענאסענשאפטען. ער זעהט אין זיי דעם הויפט פונדאמענט פון דער מענשליכער עקזים־טענץ. אבער פוריע האט געוואלט, אז אויך די הויז־ארבייט, דער האנ־דעל, די מלאכות, די ערציהונג, די קונסט און די וויסענשאפטען זאלען אויך געמיינשאפטליך זיין. די גרויסע אינדוסטרי האט אין פוריע'ס צייט נאך געהאט ווענינ בעדייטונג אין ענגלאנד. די גרויסע פאבריקען האבען זיך אנגעפאנגען צו ווייזען ערשט אין די לעצטע יאהרען פון פוריע'ס לעבען. דער קליין בעטריב קען זיך מעהר צופאסען צו דער ארגאניזאציאן, אין וועלכע פוריע האט געזעהן די גאולה פאר דער געפלאגטער מענשהייט.

די ארבייט איז לויט פוריע א נויטווענדיגקייט פיר אלע מענשען אהן אונטערשיעד פון עלטער און געשלעכט, אבער די ארבייט טאר ניט זיין א לאסט אזוי ווי איצט, נור א לוסט און פערגעניגען: זי מוז זיין אנציהענד. דאס קען נור זיין דאן, ווען יעדער טהוט דאס, צו וואס ער האט א נייגונג און פעהיגקייט, נור דאן קען די ארבייט פערשאפען פערגעניגען. אויסער דעם מוז די ארבייט זיך וועקסלען, ענדערן, איינער זאל ניט דארפען שטענדיג טהאן איינס און דאסזעל־בע. די ארבייט ווערט דאן איבערדריסיג, לאנגווייליג און אנשטאט לוסט ווערט זי צו לאסט. יעדע בעשעפטיגונג ווי יעדע פערגעניגען, מיינט פוריע, דארף ניט דויערען לענגער פון א שעה, אנדערהאלבען, אז ניט ווערט מען פערמאטערט.

די אססאציאציאן, וועלכע פוריע לעגט פאר, בעשטעהט פון סע־ריען און פון גרופען. אלע, וועלכע האבען איין און די זעלבע נייגונג צו א געוויסער ארבייט בילדען א גרופע פון גלייכגעזינטע. יעדע גרופע דארף בעשטעהן אונגעפעהר פון 9 פערזאנען, יעדענפאלס ניט פון וויניגער, ווי פון זיעבען. עס בילדען זיך אזוי פיעל גרופען, וויפיעל זארטען פון בעשעפטיגונגען עס זיינען פאראן בייא בעשטימטען פרא־דוקציאנס־צווייג. אלע גרופען צוזאמען פון א געוויסער פראדוקציאן בילדען, נאך פוריע, א סעריע (א רייהע). עס זיינען, צ. ב., פאראן

ביי א בעשטימטען פּראָדוקציאָנס־צווייג א סעריע פון די, וועלכע בע־שעפטיגען זיך ארום עפּעל־בוימער, בארנע־בוימער. יעדע סעריע בע־שעפטיגט זיך מיט אלע בוימער פון דער אדער יענער פרוכט. יעדע גרופּע האט נור צו טהון מיט יעדען פערשיעדענעם סאָרט פון דער פרוכט. אזוי אבער ווי צוויי מענשען קענען ניט אין אלע פונקטען האַ־בען דעם זעלבען געשמאַק און די זעלבע נייגונגען, וועלען די זעלבע פּערזאָנען, וועלכע ארבייטען אין איין גרופּע, אויף די נעכסטע זיצונגען, זיך צוטהיילען און איבערגעהן אין אנדערע גרופּען, יעדערער אין דער גרופּע, צו וועלכער ער פיהלט א נייגונג. דיעזער שטענדיגער וועכסעל פון די בעשעפטיגונגען און פון די פּערזאָנען — די אנטהייל נעהמער אין יעדער גרופּע — בילדען, נאָך פוריע, די העכסטע בעפרידיגונג, וויל אלע נייגונגען און טריעבע קומען אין שפּיעל.

אזא פלאנמעסיג אָרגאניזירטע טהעטיגקייט פון הונדערטע פאַ־מיליען אין איין פאלאנגא, וועט, אין געגענזאץ צו איינצעלנע פּריי־וואַט־ווירטהשאפטען און פּריוואַט אונטערנעהמונגען, איינשפּאָרען א סך ענערגיע, צייט, מיטעל, אינסטרומענטען, און פון דער צווייטער זייט וועט די אָרגאניזירטע ארבייט זיין א סך פרוכטבארער און וועט בעשאַפען א סך מעהר רייכטהום. דער אָרעמסטער וועט קענען זיינע בעדערפנישען בעפרידיגען א סך מעהר, ווי דער רייכסטער ביי היינ־טיגער סיסטעם.

„דער אָרעמסטער" — וויל אין פוריער'ס אַססאָציאַציאָנען, אָדער פאלאנגאַס, הערשט דער אונטערשיעד פון אייגענטהום. נאָך פוריע, בערוהט דער גענוס פון לעבען אויף די פערשיעדענהייט אין כאראַקטער און די איבערגענגע פון איין בעשעפטיגונג צו דער צווייטער און דערצו איז אויך נויטיג די פערשיעדענהייט אין בעזיץ. וואס גרעסער עס זיינען די פערשיעדענהייטען און בעזיץ, כאראַקטער אייגענשאַפטען, בעגעהרען און ליידענשאַפטען, אלץ פיעל־פאַכיגער איז דאס לעבען און אלץ בע־סער איז פיר דער אַססאָציאַציאָן.

פוריע וויל זאָגאר צוטהיילען די גאנצע הכנסה פון דער פאלאנגא צווישען דריי פאַקטאָרען : ארבייט, קאפּיטאַל און טאלענט. די ארבייט זאָל בעקומען פינף צוועלפטעל, דאָס קאפּיטאַל פיער צוועלפטעל און דאָס טאלענט דריי צוועלפטעל.

דיביידע געשלעכטער זיינען אויף דער פאלאנגא גלייכבערעכטיגט.

זיי ארבייטען צוזאמען, האבען צוזאמען פערגעניגען לויט דעם פערלאנג פון זייערע נייגונגען. די קינדער ערציהונג איז אויך א געמיינזאמע.

דער קינדער ערציהונג ווידמעט פוריע א גרויסען און הויך אינטע־רעסאנטען פלאטץ אין זיינע ווערק און זיינע פלענער. עס זיינען פא־ראן גאנץ ווייניג מענשען, וועלכע האבען אזוי ווי פוריע שטודירט די געזעלשאפט בכלל און דעם מענשען בפרט אין פערשיעדענעם אלטער. מיט א וואונדערבארער טיעפקייט און גרינדליכקייט האט ער גוט געקענט דעם כאראקטער פון קינד. אויך נאך איצט ווערען געלעזען די קאפיטלעך אין פוריע׳ס ווערק וועגען קינדער ערציהונג מיט גרויס פערגעניגען און אינטערעס פון די פעדאגאגען.

די קינדער ווערען אין פוריע׳ס אססאציאציאן פונ׳ם ערשטען טאג פון זייער געבורט געפפלעגט און ערצויגען געמיינזאם אין גרויסע, פיר דיעזען צוועק איינגעריכטעטע, זאאלען. מיט דער קינדער פפלעגע בע־שעפטיגען זיך ספעציעלע פפלעגערינס פון א פערשיעדענעם לעבענס־אלטער, וועלכע ווידמענען זיך פרייווילליג צו דיעזען צוועק. גלייך ווי עס ענטוויקעלט זיך דער כאראקטער פון די קינדער ווערען זיי דערנאך פערטהיילט אין פערשיעדענע זאאלען. די מוטערס קענען, אויב זיי הא־בען דערצו א נייגונג, זיין צווישען די פפלעגערינס. עס ווערט זעהר פיעל געזארגט די קליינע קינדער זאלען זיך קענען פריי שפיעלען און אונטערהאלטען. פון דריטען לעבענס יאהר ווערען די קינדער קלאסיפי־צירט לויט׳ן עלטער און ווערען ביסלעכווייז צוגעוואהנט צו פערשיע־דענע לייכטע בעשעפטיגונגען ווי צו האנד־ארבייט. קיין מוז איז ניט פאראן. עס ווערען איינגעארדענט שפיעל־זאאלען, קיכען, קליינע ווערקשטאטען מיט קליינע אינסטרומענטען און געצייג, אום צו געבען די קינדער א געלעגענהייט ארויסצואווייזען זייערע נייגונגען און פעהיג־קייטען. דער גייסטיגער אונטערריכט פאנגט ערשט אן פונ׳ם 9טען יאהר, נאך דעם, ווי די קערפערליכע ערציהונג — צו וועלכער עס געהערט אויך געזאנג, טאנץ, מוזיק, קערפערליכע איבונגען — האט שוין בעקומען א פעסטע גרונד־לאגע. די ערציהונג געדויערט ביז וואנעט דער קערפער און גייסט ווערען פאלשטענדיג רייף, אונגעפעהר ביז 16, 18 אדער 20־סטען יאהר.

די בעציהונגען צווישען די געשלעכטער זיינען אין פוריע׳ס סיס־טעם פריי, ווי מען קען זיך נאר דענקען. פוריע׳ס קריטיק אויף דיעזע

בעציהונגען אין אונזער געזעלשאַפט, וואו די חתונות זיינען געבויט אויף אויסרעכנונג, וואו דאָס פאַמיליען־לעבען איז גאַנץ אָפט געבויט ניט אויף דער ריינער ליעבע, וואו מען לעבט צוזאַמען ניט, ווייל עס זיי־נען פאראַן נייגונגען צווישען זיך, נור ווייל מען מוז, געהערט צו דער שאַרפסטער, וועלכע איז ווען עס איז געאיבט געוואָרען.

זיין קריטיק אויף דאָס היינטיגע עהע־לעבען, ווי די קריטיק אויף דעם היינטיגען האַנדעל, וועלכען פוריע האט געקענט מיט אַלע פּי־טשעווקעס, האָבען ארויסגערופען קעגען זיך אַ שטאַרקען כעס פון די יעניגע, וועלכע זעהען אין היינטיגער אָרדנונג די בעסטע געזעלשאַפט. מיט זיין טהעאָריע פון פרייער ליעבע, ווי מיט זיינע ענטפּלעקונגען אי־בער די בעטריגערייען און פאלשקייטען, וועלכע קומען פאָר אינ׳ם האַנ־דעל, האָט ער אויפגערעגט אַלע געפעהרליכע פלעדער־מייז. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַזאַ שטורם געגען איהם, דאָס פוריע אליין איז גע־ווען געצוואונגען צו ערקלעהרען, אַז אַלעס, וואָס ער האָט געשריעבען וועגען די בעציהונגען צווישען די געשלעכטער קען ערשט דורכגעפיהרט ווערען נאָך דריי דורות, ווען זיין סיסטעם וועט שוין זיין איינגעאָרדענט. דערביי האָט ער אָבער ניט אויפגעהערט צו בעווייזען דורך אַ גרויסען היסטאָרישען מאַטעריאַל, אַז די בעציהונגען צווישען די געשלעכטער זיינען ניט אַלע מאָל געווען די זעלבע, ווי איצט. איבערהויפּט האָט ער זיך געשטיצט אויף די ערצעהלונגען אין חומש און תנך, אויף דאָס פאַמיליען־לעבען פון דוד המלך און זיין זוהן שלמה. דערפון האָט ער געבראַכט אַ ראיה, אַז גאָט אליין איז פאר פרייע בעציהונגען צווישען געשלעכטער. דען דיעזע היסטאָרישע העלדען פון ביבעל זיינען נאָך ארויסגעשטעלט געוואָרען אַלס מוסטער פיר דער גאַנצער מענש־הייט.

## XXIX.

# פוריע'ס פאנטאזיען

פוריע'ס לעבען איז, ווי מיר האָבען געזעהן, געוועז א גאנץ איינזאמער, איינאַרטיגער און איז געוועזן אָרעם אין פאַרבען, מיט וועלכע עס האט זיך אזוי אויסגעצייכענט דאס לעבען פון סען־סימאָן. געבוירען אין אַ סוחר'שער פאַמיליע, איז אויך אויף זיין מזל אויסגעקומען צו מאַכען אַ לעבען פון דעם מסחר, וואָס ער האָט געהאַסט, ווי דעם טויט. ער איז געוועזן געצוואונגען זיך צו פערקויפען פאר א משרת אין א פרעמדען געשעפט, וואו ער האָט שווער געאַרבייט פון גאנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט. בעזיצענדיג אבער אַן אונגעהייערע רייכע און דרייסטע פאָרשטעלונגס־קראַפט, האָט פוריע געמאָלען אין זיין פאַנטאַזיע רייכע בילדער פון א צוקונפטיגער סאָציאַלער אָרדנונג, וועלכע איז געוועזן דער געגענזאַץ פון דעם לעבען, וואָס פוריע אליין האָט געפיהרט. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס אינהאַלטלאָזעס פערזענליכעס לעבען איז געוועזן די אורזאכע, וואָס פוריע האָט געמוזט אַנטלויפען פון דער גרויער ווירקליכקייט און די פאַנטאַסטישע קעניגרייך, וואָס האָט מיט דעם געגענווערטיגען לעבען קיין שום שייכות ניט געהאַט. פוריע האט געטרוימט און פאַנטאַזירט פון דעם צוקונפטיגען לעבען אַזוי ווי אַ פערליעבטער. פוריע האָט זיך אין זיין שווערען מאָנאָטאָנעם פערזענליכען קאָמפּף אום'ס דאַזיין אָבגעריסען פון דער ערד און האט אָנגעפאַנגען צו שוועבען צווישען די הימלען. די קעניגרייך פון פאַנטאַזיען האט ניט קיין גרענעץ און פוריע, וועלכער איז פאַקטיש, פיזיש געוועזן צוגעשמידט צו דער ערד, האָט גייסטיג געלעבט אין זיין אייגען וועלט, אין דער וועלט, וואָס ער האָט זיך אליין בעשאַפען. ער האָט זיך געמאָהלען אַזוינע בילדער פון דעם צוקונפטיגען לעבען — נאָכדעם ווי עס וועט איינ־

געפיהרט ווערען זיין פּאַלאַנגאַ סיסטעם — וועלכע רופען, אמת, ארויס א געלעכטער ביי די „קלוגע" „פּראַקטישע" פיליסטער, אָבער וועלכע זיינען גאַנץ פערשטענדליך פיר די, וועלכע האָבען אָבגעשאַצט דעם מעכטיגען גייסט פון אונזער העלד, וועלכער האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיינע ערדישע בעשרענקונגען. ליידענדע מענשען געפינען א רעטונג אין טרוימען, אין פאַנטאַזיען; און פוריע, וועלכער האט געליטען אליין און נאָך מעהר פאַר דער מענשהייט האָט אויך געפונען א ערלייכטערונג אין פאַנטאַסטישע בילדער, וועלכע קענען קיין מאָל ניט פערווירקליכט ווערען.

פוריע האָט געטרוימט, אַז אונטער די נייע לעבענס פערהעלטניסע אויף דער פּאַלאַנגאַ וועלען די מענשען געניסען ניט נור דעם פולען בעכער פון גליק, נור זיי וועלען אין גאַנצען ענדערען זייער נאַטור און דער אָרט פון לעבען וועט אָננעהמען נייע פאָרמען. ביי די נייע לעבענס־בעדינגונגען—האט פוריע געטרוימט—וועט מען דורכשניטליך לעבען א סך מעהר, ווי איצט. 144 יאָהר וועט זיין דער געוועהנליכער אַלטער. ביי אַזאַ לאַנג־יאָהריגען לעבען וועט יעדערער וויינינגסטענס 80 יאָהר קענען געניסען פון ליעבע. אזוי אָבער ווי די מענשען וועלען זיך דאַן א סך מעהר פרוכפּערן און פערמעהרען ווי איצט, וועט ממילא אויסקומען צו קולטיווירען אַלץ מעהר באָדען, אום דאָרט צו קענען קאָלאָניזירען. אבער די קאָלאָניזאַציאָן אין ווענינער בעפעלקערטע ערטער וואָלט אויך זיין ווענינ צו ליוווערען אלעמען לעבענס־מיטעל, ווען עס וואָלט ניט זיין צו האָפען, אַז מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם מענשען געשלעכט דורך די נייע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָן וועלען אויך אונזערע קלימאַטישע פערהעלטניסע זיך ענדערן. פון זיד־פּאָל ביז'ן נאָרד־פּאָל, ווי אויך אויף אַנדערע פּלאַנעטען, וועט פּאַרקומען א פּאָלקאָמענע ענדערונג אין די נאַטור־בעדינגונגען.

דאָ ענטוויקעלט פוריע א קאָסמאָגענעטישע סיסטעם, וואָס געהערט צו דער פאַנטאַסטישסטער פּאָרשטעלונג, וועלכע דער מענש קען זיך נור דענקען. און טאַקע צוליעב דיעזע פאַנטאַזיען, איז פוריע ביי פיעלע אויסגעלאַכט און אָבגע'חוזק'ט געוואָרען. אייניגע שריפטשטעלער ווי צ. ב. דיורינג פון איין זייט און יאָהאַן מאָסט פון דער צווייטער זייט — האָבען איהם פשוט געהאַלטען פאַר א משוגענעם. אגב אורחא ווילען מיר דאָ בעמערקען, אז יאָהאַן מאָסט, וועלכער האט אזוי פיעל לצנות

געטריבען איבער פוריע, האט אליין ניט געוואוסט, אז די גאנצע פא־לאנגא־סיסטעם פוריע'ס האט זעהר פיעל עהנליכקייט מיט דער פאר־שטעלונג פון די אנארכיסטען איבער דער צוקונפטיגער געזעלשאפט.

יעדער פלאנעט — שטעלט זיך פוריע פאר — ווערט געבוי־רען; ער האט אזוי ווי דער מענש זיין אלטער און קינדהייט. אויך די מענשהייט שטארבט, נעמליך נאך דעם, ווי זי עררייכט א עלטער פון 80,000 יאהר. די מענשהייט לעבט אויך איבער די זעלבע עלטער־שטופען, ווי יעדער איינציגער מענש בעזונדער. די קינדהייט פון דער גאנצער מענשהייט דויערט 5000 יאהר. (מיר געפינען זיך נאך צום סוף פון דיעזען עלטער); די ימי עליה, די אויפשטייגענדע ענטוויקלונג דויערט 35,000 יאהר. די ימי ירידה, דער צוריקגאנג דויערט אויך 35,000 יאהר; דארויף קומט די עלטער שוואכע, וואס דויערט 5,000 יאהר, נאך וועלכער עס קומט דער טויט. אין פערלויף פון די 80,000 יאהרען איבערלעבט די מענשהייט 32 ענטוויקלונגס פעריאדען — איצט געפינען מיר זיך אין דעם 5טען פעריאד, אין דער ציוויליזא־צאן — און ביי יעדען פעריאד ווערט פיעלעס געשאפען אויס דער ניי. אויך פלאנצען, חיות, יא זאגאר די קלימאטישע פערהעלטניסע זיי־נען אין יעדען פעריאד אנדערע און זיינען צוגעפאסט לויט דער שטופע פון דער ענטוויקלונג, אויף וועלכער דער מענש שטעהט. מיט דעם אכטען פעריאד, דעם פעריאד הארמאניע, פאנגט זיך אן דאס גליק. עס ווערט געבוירען דער קרוין פונ'ם נארד־פאל, וואס וועט אזוי ווי די זונן, פערשפרייטען ניט בלויז ליכט, נור אויך ווארעמקייט און דערמיט וועט זיך אנפאנגען נייע שעפפונגען. די ווירקונג פונ'ם נארד־פאל קרוין וועט זיין, אז פעטערסבורג און אכאטסק וועלען בעקו־מען איין און דעם זעלבען קלימאט, ווי קאדיקס און קאנסטאנטינא־פאל, אז דער קלימאט פון די סיבירישע אייז־געגענדען וועט זיין גלייך צום קלימאט פון איטאליען און גענוא; די פרוכטבארקייט אין די צפון לענדער וועט זיין אזוי גרויס, ווי אין די טראפישע געגענדען. אויך די ימים וועלען זיך ענדערן. דאס ים וואסער וועט בעקומען א אנגענעהמען לימאנאדען־געשמאק. די ים חיות, וועלכע זיינען איצט שעדליך און געפעהרליך פיר'ן מענשען, ווי דער האי א. ז. וו. וועלען אונטערגעהן און עס וועלען בעשאפען ווערען נייע חיות, ווי אנטי־האי, אנטי וואל פיש, אזוינע בעשעפענישען, וועלכע וועלען ברייננען

נוטצען דעם מענשען, זיי וועלען איהם זאָגאָר העלפען ציהען די שיפען. וועלען טראַטץ דעם, וואס די וואַסערן האבען זיך געענדערט, בלייבען און וועלען זיך נאָך מעהר פרוכפערן און פערמעהרען, ווי איצט. אויך אויף דער יבשה וועט פאַרקומען די זעלבע פערענדערונג. אַלע ווילדע חיות, ווי דער לייב, טיגער, לעאָפּאַרד, וואָלף א. ז. וו., ווי אַלע גיפ־טיגע רעפּטילען: שלאַנגען, עקדעשען, פּונקט אזוי ווי אַלע שעדליכע אינזעקטען און פפלאַנצען וועלען פערביטען ווערען אויף אַנדערע, וועלכע וועלען זיין נוטצליך דעם מענש און איהם שטעהן אין דיענסט. אזוי וועלען מיר האבען דאַן אַנטי־לייבען, אויף וועלכע די מענשען וועלען זאָגאַר קענען רייטען.

קוים וועט דער גאַנצער ערד באָל ווערען בעדעקט מיט פּאַלאַנגען, ווען צאָהל עס דאַרף, נאָך פוריע, דערגרייכען צוויי מיליאָן, וועט זיין פיער מיליאַרדען מענשען. קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועט דאַן זיין די הויפּטשטאָדט פון דער וועלט; דאָרטען וועט וואוינען דער אַמניארך — דער הערשער פון דער וועלט, דער אויסערוועהלטער פון אלע פּאַ־לאַנגען. אין וואס עס וועט בעשטעהן די הערשאַפט פון׳ם אַמניארך —וועגען דעם זאָגט פוריע גאָרנישט.

מיט דער צאָהל פון פיער מיליאַרדען ווערט שוין ערגרייכט דאס מאַקסימום פון דער בעפעלקערונגס ציפער; דען ווען די מענשען פער־מעהרען זיך אין אָנפאַנג זעהר שטאַרק, טאָ פערקלענערט זיך שפּעטער ביסלעכווייז די פרוכטבאַרקייט. וואס מעהר ענטוויקעלטער פיזיש און גייסטיג די מענשען ווערען, אַלץ ווייניגער קינדער ווערען גע־בוירען. אויך שוין איצט — זאָגט פוריע — בעמערקט מען, אַז די שטאַרקע און גרויסע פרויען, וועלכע לעבען ביי זעהר גוטע און רייכע אומשטענדען, געבוירען א קלענערע צאָהל קינדער, ווי די אָרעמע, פיזיש־שוואַכערע פרויען.

עהנליכע פערענדערונגען, ווי אויף אונזער ערד באָל, קומען אויך פאָר אויף אַלע איבעריגע פּלאַנעטען און דאס גיט דעם מענשען א ערבות, אַז אויך נאָך זיין טויט אויף אונזער ערד, וועט ער קענען וואַנדערן אין די עולמות העליונים, פון איין פּלאַנעט צום צווייטען און וועט וואס ווייטער, אַלץ מעהר קענען געניסען . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

אַט אזוי האט דער גרויסער פוריע, וועמען'ס שאַרפע, שניידענדע קריטיק אויף דער היינטיגער אָרדנונג איז אזוי אויסגעהאַלטען און געזונד, געבויט לופטשלעסער, אונעררייכבארע פאַנטאַזיעס! און אינטערעסאַנט איז, וואס אין'ם גרונד פון דיעזע אַלע פאַנטאַזיעס ליגען פונקטליכע, מאַטהעמאַטישע אויסרעכענונגען. אַלעס דריקט זיך ביי פוריע אוים אין צאָהלען.

דיעזע אַלע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען איבער די ענטוויקלונג פון דער וועלט און פון'ם מענשען זיינען געוועזן, ווי געזאָגט, די אורזאכע, פאַר וואס פיעלע האבען זיך ערלויבט פוריע'ן אויסצולאַכען. שפּעטער האט ער זיך אַליין אָבגעזאָגט פון דיעזע אַלע אילוזיאָנען, ער האט זיך פערענטפערט דערמיט, וואס אין דער צייט, ווען ער האט געשריעבען זיין ערשטעס ווערק, איז זיין וויסען געוועזן זעהר בעשרענקט און האט געהאַט א קליינע ידיעה פון די נאַטור וויסענשאַפטען. זיינע לעצטע ווערק זיינען שוין אין גאַנצען ריין פון דיעזע אַלע בילדער, וועלכע האבען זיך געמאָהלען אין די ערשטע יאָהרען ביי פוריע'ן אין מח.

ווער פון די בעריהמטע מענער אבער האט ניט געטרוימט און פאַנטאַזירט? פרעגט גאַנץ ריכטיג אויגוסט בעבעל אין זיין ווערק: „פוריע, זיין לעבען און זיינע טהעאָריען" *). האבען דען שיללער אין זיינע „רויבער," געטהע אין זיין „ווילהעלם מייסטער," פיכטע אין זיין „געשלאָסענעם האנדעלשטאַאט" ניט די וועלט זיך פאָרגעשטעלט אַנדערש, ווי זי קומט אוים אין די מוחות פון די „פערנינפטיגע מענשען"? „געניאַלע מענשען האבען דאס רעכט צו „טרוימען," זיי העלפען מיט זייער „טרוימען" מעהר דער מענשהייט, ווי דער פיליסטער מיט זיין קאַלטען „שכל הישר" און „ישוב הדעת"!

*) מיר ווילען דאָ בעמערקען, אז אונזער ביאָגראַפיע איבער פוריע האבען מיר אויף מייסטענס גענומען פון דיעזען בעבעל'ס אויספיהרליכען ווערק.

## XXX.

# פוריע'ס לעצטע יאהרען.

פוריע'ס ערשטע ווערק: „די טהעאָריע פון פיער בעוועגונגען" האט ניט געפונען אזא גלענצענדע אויפנאהמע. דאס בוך איז ווייניג פערקויפט געוואָרען און פוריע'ס מיטלען האבען זיך געענדיגט. ביז'ן יאָהר 1816 האט פוריע געארבייט אין פערשיעדענע געשעפטען, אום צו קענען עקזיסטירען. שפּעטער האט ער זיך צוריקגעצויגען פון שטאָדטישען לעבען, האט זיך בעזעצט אויפ'ן לאַנד, וואו ער האט פינף יאָהר נאָכאַנאַנד זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו זיינע אַר־בייטען.

אין יאָהר 1822 איז ערשיענען זיין גרעסטע ווערק: „די טהעאָ־ריע פון דער אוניווערזעלען איינהייט" אין צוויי בענדער. ארויסצו־געבען דאס ווערק האט פוריע'ן מאַטעריעל אויסגעהאָלפען זיין פריינד און אָנהענגער, יוסט מויראָן, וועלכער האט געלעבט אַלס א שטאָדט בעאַמטער און האט איבעריגענס אליין בעקומען א קלעגליכען גע־האַלט. צו לעצט, אין יאָהר 1842, זיינען אלע ווערקע זיינע ערשיענען אין איין אויסגאַבע, אין 4 בענדער. די לעצטע האבען געגעבען א קלאָ־רען בעגריף פון די אנשויאונגען און פּלענער פון זייער פערפאַסער. א טהייל פון זיין ווערק איז געווידמעט דער פּאָלעמיק, וואו ער האט אָנגעגריפען די סיסטעמען פון זיינע געגנער און צו נישט געמאַכט מיט פיעל וויטץ און סאַטירע די אָנגריפע קעגען זיין סיסטעם. פוריע איז איבערהויפּט געווען א אויסגעצייכנעטער פּאָלעמיסט און האט אין זיינע ווערק זיך גוט אָבגערעכענט מיט די יעניגע, וועלכע זיינען ארויסגעטרעטען געגען זיין סיסטעם.

דאס בעסטע און קלאָרסטע ווערק, וואס פוריע האט אָנגעשריע־

בען, איז „די אינדוסטריעלע נייע וועלט" (1829). אין דיזען ווערק האט פוריע אויסגעלאָזען זיינע קאָסמאָגאָנעטישע חלומות און בע־שעפטיגט זיך אויספיהרליך מיט אלע פּראַקטישע פראגען פון זיין סיסטעם.

אין אָנפאנג פערשפּאָטעט און אויסגעלאכט, האט ביסלעכווייז פוריע'ס לעהרע אָנגעהויבען צו בעקומען אָנהענגער. נעבען דעם שוין דערמאָנטען מויראָן האט זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו פערשפּרייטען פוריע'ס לעהרע וויקטאָר קאָנסידעראַנט, א תלמיד פון דער אינזשענער שוהל אין מעץ. קאָנסידעראַנט האט מיט גרויס אייפער פּראָפּאַגאַנדירט דעם פוריעריזמוס צווישען זיינע חברים אפילו שפּעטער, ווען ער האט פענומען א הויכען מיליטערישען אמט און איז געוואָרען א פּאָלקס־פּערטרעטער.

קאָנסידעראַנט איז געוואָרען דער הויפּט פון דער שוהל, דער אַפּאָסטאָל פון פוריעריזמוס און האט פיר איהם געארבייט און גע־ווירקט דורך וואָרט און שריפט. מיט דער צייט האבען פיעלע אנדערע שריפטשטעלער זיך אָנגעשלאָסען צום פוריעריזמוס. עס האבען זאָגאָר אָנגעפאנגען צו ערשיינען ספּעציעלע זשורנאלען, וועלכע זיינען געווען געווידמעט דער אידעע. קיין גרויסע בעוועגונג האט אבער דער פו־ריעריזמוס אין פראנקרייך ניט ארויסגערופען. אזוי ווי דער סען־סי־מאָניזמוס האט אויך דער פוריעריזמוס בלויז ארומגענומען די אינ־טעליגענץ און די יוגענד. שריפטשטעלער, אַדוואָקאַטען, אָפיציערען, דאָקטוירים, קינסטלער—אָט וועלכע זיינען געווען די הויפּט שטיצע פון דיזער לעהרע. צו די ברייטע מאסען האבען די פוריעריסטישע אי־דעען ניט אריינגעדרונגען. די ברייטע מאסען נויטהיגען זיך אין באל־דיגע פערבעסערונגען און צוקונפט־פּלענער אליין קענען זיי ניט אינ־טערעסירען.

איבעריגענס האט פוריע אליין צו די ברייטע מאסען זיך גאָר ניט געווענדעט. ווי די איבעריגע אוטאָפּיסטען, איז אויך פוריע ניט געווען בעוואוסט דער קלאסען־קאמפף — די אורזאכע פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג. זיין סאָציאַליזמוס איז געווען בעגרינ־דעט אויף שלום און הארמאָניע פון די פיינדליכע קלאסען, וועלכע פערהאלטען זיך, לויט זיין מיינונג, פיינדליך איינער צום צווייטען בלויז דורך א מיספערשטענדניס. און ניט האָבענדיג א בעגריף פון

קלאַסען־קאַמפּף, ווי איבערהויפּט פון די געזעצען פון דער ענטוויק־לונג, האט פוריע ניט אויפגעהערט צו פערזיכערען, אז זיין סאָציאַ־ליזמוס פּאַסט זיך פאר אלערליי רעגירונגס־פאָרמען און אלע רעליגיאָנס־סיסטעמען. די פּאָליטישע אָרדנונג, ווי די רעליגיעזע אנשויאונגען — האט געמיינט פוריע — האבען מיט זיין סיסטעם לחלוטין ניט וואס צו טהון. דעריבער האט זיך פוריע געווענדעט אין זיינע שריפטען ניט צו די ארבייטער, וועלכע זיינען נאָך אין יענער צייט ניט געווען ענט־וויקעלט אין א בעזונדער קלאס און האבען ממילא נאָך ניט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע, נור צו די „גרויסע" און רייכע. ער האט געמיינט, אז די לעצטע קענען איהם מעהר העלפען דורכצופיהרען זיינע פּלענער ווי די ברייטע מאסען, ווייל זיי קענען געבען דאס געלד, וואס איז נויטהיג איינצואָרדנען די פאלאנגאס, פון וועלכע זיין סיסטעם איז אָב־העננגיג.

פוריע האט זיך דעריבער געווענדעט דירעקט און אונדירעקט צו פערשיעדענע קרייזען און פּערזאָנען, וואו נור ער האט געהאָפט צו בעקומען אונטערשטיצונג. פּונקט ווי ראָבערט אָווען און סען־סימאָן האט אויך פוריע זיך בעמיהט צו איבערצייגען די רייכע, אז זיי אליין וועלען זיך קענען לעבען גליקליכער אין זיין סיסטעם, ווי אין דער איצטיגער אָרדנונג. ער האט זיי געשילדערט מיט פּרעכטיגע פארבען דעם כבוד און דעם רוהם, וואס זיי וועלען זיך ערווערבען פון דער קו־מענדיגער וועלט, ווען זיי וועלען איהם געבען די מעגליכקייט דורכצו־פיהרען און פערווירקליכען זיינע טהעאָריען. ער האט זיך געווענדעט צו נאַפּאָלעאָן, צו די פראַנצויזישע פאָלקס־פערטרעטער, צו די אדע־ליגע, צו די קלעריקאלען, צו די בורבאָנען, צו די ענגלישע רייכע, וועלכע האבען זיך גראַד דעמאָלט אָנגעפאנגען צו אינטערעסירען פאר אָווען'ס אססאָציאציאָנס פּראָיעקטען אין ניו לאַנארק. ער האט זיך אויך געווענדעט צו זיינע געגנער, ווי אויך צו ראָטהשילד, וועמען ער האט פערשפּראָכען דערפאר צו בעקומען פאר אידען ירושלים; צו לאָרד בייראָן, דזשאָרדזש זאנד, צו לאַפּיט און טהיער, די מעכטיגע פּערזאָנען נאָך דער יולי רעוואָלוציאָן און צו די סען־סימאָניסטען.

אבער אלעס איז געווען אומזיסט. איינע האבען זיך געפיהלט גאנץ גוט אין דער הערשענדער געזעלשאפט און האבען פשוט ניט גע־וואָלט זי זאָל איבערגעאנדערשט ווערען, אנדערע האבען זיינע אידעען

ווידער ניט געהאלטען פאר אויספיהרבאר און האבען אויסער שעהנע פאנטאזיען און אילוזיאָנען אין זיי ניט געזעהן, נאָך אנדערע האבען איינפאך איהם געהאלטען פיר א משוגע'נעם. פוריע האט, זעלבסטפערשטענדליך, דיעזען ווידערשטאנד, וואס ער האט בעגעגענט מיט זיינע אויפרופען, ניט געקענט פערשטעהן און האט איהם צוגעשריעבען נור דעם בייזען ווילען. אונז אבער איז די זאך פיעל קלערער. מיר ווייסען אלע היינט, אז די געזעלשאפט קען ניט איבערגעאנדערשט ווערען לויט א רעצעפט פון א געוויסען געלעהרטען אדער פילאָזאָף, מעג דיעזער רעצעפט זיין שארפזיניג און שעהן צוזאמענגעשטעלט. א פערענדערונג אין דער געזעלשאפטליכער סיסטעם קען נור דאן פאָרקומען, ווען עס זיינען שוין רייף די בעדינגונגען דערצו. און ווען די בעדינגונגען פיר א נייער אָרדנונג זיינען שוין געקומען— דאן וועט די אלטע אָרדנונג סיי ווי סיי זיך לאנג ניט קענען האלטען און די נייע סיסטעם וועט שוין ממילא זיך דורכברעכען א וועג. א נייע געזעלשאפטליכע אָרדנונג ווערט ניט בעשאפען, ניט געמאכט א דאנק דעם ווילען און פערלאנג פון איינציגע מענשען, נור זי ענטוויקעלט זיך, וואקסט ביסלעכווייז ארויס פון דער אלטער, אָבגעלעבטער אָרדנונג, וועלכע קען שוין ניט מעהר בעפריעדיגען די פאָדערונגען פון דער צייט און מוז ביסלעכווייז אָבטרעטען און מאכען פלאטץ פיר דער נייער. און ווען דיעזע צייט קומט, ווערט די נייע געזעלשאפטליכע סיסטעם פערווירקליכט אפילו, ווען די „גרויסע" און מעכטיגע ווילען דאס ניט.

אין די צייטשריפטען, וועלכע זיינען געווען געגרינדעט פון זיינע אָנהענגער און תלמידים, האט פוריע אליין גענומען א טיכטיגען אנטהייל. אונערמיעדליך האט ער געאַרבייט פיר דער פערשפרייטונג פון זיין לעהרע. ער איז געווען איבערצייגט, אז אין זיין תורה און זיינע פאָרשלעגע ליעגט דאס מענשליכע גליק און מענשליכע פרייהייט. ער האט זיך בלויז געוויטהיגט אין א געוויסער סומע געלד, אום אָנצופאנגען דורכצופיהרען זיינע פלענער אין לעבען. ווי ווייט זיין גלויבען און האָפנונג, אז זיינע טהעאָריען וועלען פערווירקליכט ווערען, איז געווען שטארק, כאראקטעריזירט פאָלגענדער פאקט. פוריע האט אָנגערופען די יעניגע, וועלכע וועלען געבען די מיטעל פיר'ן ערשטען עקספערימענט, „קאנדידאטען," און ער האט אויסגערעכענט,

אז אזעלכע קאנדידאטען זיינען אין אייראָפּא פאראן 4,000. אין פער־לויף פון די לעצטע צעהן יאָהר פון זיין לעבען, איז ער טאָג פיר טאָג געזעסען מיטאָג צייט אין זיין וואוינונג און געווארט אויף דעם ער־שטען „קאנדידאט," וועלכער וועט ברייגנען די נויטהיגע סומע פיר דער ערשטער פאלאנגא. אבער אומזיסט! דער „קאנדידאט" איז ניט געקומען.

אין יאָהר 1832 האבען זיינע תלמידים יא פערזוכט צו גרינדען א פאלאנגא און איינער האט צו דיעזען צוועק זאָגאר שוין געגעבען 500 אקער לאנד. אבער די ערשטע מיטעל זיינען גלייך אויס־געגאנגען און דער פערזוך האט, זעלבסטפערשטענדליך, קיין ערפאָלג ניט געהאט. פון דיעזען קלעגליכען רעזולטאט האט פוריע געהאט זעהר פיעל עגמת נפש און ביז'ן לעצטען טאָג האט אונזער אוטאָפּיסט דיעזען אונערפאָלג שמערצליך בעדויערט.

פוריע איז געשטאָרבען אין פאריז דעם 9טען אָקטאָבער, 1837.

* * *

פוריע, אזוי ווי דער אוטאָפּיסט סען־סימאָן, איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע געניאלע מענשען, וועלכע די וועלט האט ווען עס איז געזעהן. דער פוריעריזמוס איז איינע פון די גרעסטע שעפּ־פונגען פון'ם מענשליכען גייסט. דער בעריהמטער דייטשער געלעהר־טער — לאָרענץ פאָן שטיין — וועלכער איז געווען א גרויסער געגנער פון סאָציאליזמוס, גיט פאָלגענדע אָבשאצונג איבער די היסטאָרישע בעדייטונג פון פוריע און זיין לעהרע. „אין קיין לאנד — זאָגט שטיין — זיינען ניט ערשיענען אויף איין מאָל אזוינע צוויי מערקווירדיגע מענשען אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט, ווי סען־סימאָן און פוריע אין פראנקרייך. ביידע זיינען ניט געווען פערשטאנען פון זייערע צייטגענאָסען, ביידע האבען געשטרעבט מיט א פעסטען גלויבען צו זייער ציעל, ביידע זיינען געשטאָרבען אָהן שום בעלוינונג פאר די ארבייט פון זייער לעבען, אויסער דער אינערליכער בעפריעדיגונג. זיי ביידען קומט דער כבוד צו שטעהן אויפ'ן שוועל פון דער נייער צייט, דעם תמצית און דעם ווידערשפרוך פון וועלכען זיי אליין האבען גאנץ

קלאָר פערשטאַנען און האבען וועגען דעם מודיע געווען מיט פולער בעשטימטהייט. אין דער געוועהנליכער היסטאָריע איז פאר דיעזעביידע קיין פלאַטץ ניט פאראַן. אבער ווען די געשיכטע פון דער גע־זעלשאַפט וועט ווערען פערשטאַנען, וועלען זיי פערנעהמען אין איהר מעהר, ווי אירגענד ווער א אַנדערער, א זעהר עהרענהאַפטען אָרט.״

## XXXI.

# די ווירקונג פון פוריע'ס לעהרע

ווי מיר האבען שוין געזאָגט אין פאָריגען קאפּיטעל, האבען פוריע'ס בעגייסטערטע אויפרופען אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען דאָך געפונען אן אָבקלאַנג. עס האבען זיך ארום איהם אָנגע־פאנגען צו גרופּירען אָנהענגער און תלמידים. צווישען זיי זיינען געווען אייניגע גאַנץ רייכע, וועלכע האבען אמת ניט געקענט צושטעלען די סומע געלד, וואס פוריע האט ערוואַרטעט צו בעקומען פון זיין „קאַנ־דידאט,‟ אבער האבען דאָך געאָפּפערט פיעלעס, אום צו פערווירקלי־כען די אידעען פון זייער גרויסען לעהרער. אויך אין אמעריקא האבען זיך געגרינדעט פיעלע געזעלשאפטען פון פוריע'ס נאָכפאָלגער. דיעזע אלע פערזוכען האבען אבער געהאט דעם זעלביגען טרויעריגען סוף, ווי די בעוואוסטע „ניו־הארמאָניע‟ פון ראָבערט אָווען.

די קראַפט פון'ם פוריעריזמוס, אלס א געזעלשאפטליכע בעווע־גונג, איז אבער ניט בעשטאַנען בלויז אין דיעזע עהנליכע, ניט ער־פאָלגרייכע פערזוכען. דער פוריעריזמוס האט בעקומען א בעדייטונג אין פּאָליטישען לעבען פון פראַנקרייך ענדע פון די דרייסיגער יאָהרען, נאָך דעם, ווי דער סען־סימאָניזמוס האט אָנגעפאַנגען צו פערשווינדען.

אָן דער שפּיטצע פון דער שוהל איז געשטאַנען דער אויבען שוין דערמאָנטער וויקטאָר קאָנסידעראַנט. זיין ווערק, וואו ער האט פּאָפּו־לאַריזירט פוריע'ס טהעאָריען און פּאָרשלעגע, האבען אויסגעהאלטען דריי אויסגאבען. אין דער עפּאָכע פון דער פעברואַר־רעוואָלוציאָן איז דער פוריעריזמוס געווען די איינפלוסרייכסטע סאָציאַליסטישע ריכ־טונג אין פראַנקרייך, איבערהויפּט אין דער צייט, ווען די פּאַריזער ארבייטער האבען, כּמעט אויף א קורצע צייט, בעקומען די אויבער־

האנד. אין דיעזער צייט האט געזיעגט די פאָדערונג, וואס איז געווען ארויסגעשטעלט פון די פוריערויסטען — די פאָדערונג: דאס רעכט אויף ארבייט. דאס רעכט אויף ארבייט און איהר אָרגאניזאציאָן זיי־נען געווען די פּאָפּולערסטע לאָזונגען אין די 40ער יאָהרען פון פאָרי־גען יאָהרהונדערט. די אידעע פון דאס רעכט אויף ארבייט געהערט אין גאַנצען דער לעהרע פון פוריע. קאָנסידעראַנט האט מיט זיין ווערק זעהר פיעל מיטגעווירקט, אז דיעזע אידעע זאָל ווערען פּאָפּולער צווי־שען די ברייטע מאסען. דער צווייטער לאָזונג: די אָרגאַניזאַציאָן פון ארבייט געהערט די סען־סימאָניסטען און איז אם מייסטען געוואָרען פּאָפּולער א דאַנק לואי בלאַן, א מערקווירדיגער געלעהרטער, היסטאָרי־קער און כלל טהוער — דער ליעבלינג פון די פּאריזער ארבייטער און מיטגליעד פון דער טעמפּאָרערער רעגירונג, צו וועלכע עס איז איבערגע־גאַנגען די מאכט נאָך דעם, ווי דער טהראָן פון לואי פיליפּ איז צו־שטערט געוואָרען.

איינער פון די ערשטע אקטען פון דער צייטווייליגער רעגירונג איז געווען די פייערליכע פּראָקלאַמירונג: דאס רעכט אויף ארבייט.

לואי בלאַן אין זיין „געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלו־ציאָן, 1848“ דערצעהלט די אומשטענדען, וועלכע האבען ארויסגע־רופען די פּראָקלאַמירונג פון דיעזען בעוואוסטען דעקרעט.

דיענסטאג, דעם 25טען פעברואר, ווען מיר (די מיטגליעדער פון דער צייטווייליגער רעגירונג) האבען דעבאַטירט, האט זיך פּלוצלינג דערהערט א שרעקליכע מהומה אין ראטהויז. די טהירען האבען זיך געעפענט מיט גרויס ליארם און מיר האבען דערזעהן פאר אונז א מענשען, וועלכער איז געשטאנען מיט א פלינט אין די הענד.... ווער האט איהם געשיקט? וואס האט ער גויטהיג געהאט? ווייזענדיג מיט דער האנד אויף די גרויסע צוזאַמענגעקליעבענע פאָלקס־מאסע אויפ׳ן פּלאַטץ פון ראטהויז, האט ער מיט א בעפעהלענדען טאָן ער־קלערט, אז איהם האט געשיקט דאס פאָלק, און א קלאַפּ טהוענדיג מיט׳ן פלינט אָן דער פּאָדלאָגע, האט ער געפאָדערט אנצוערקענען דאס רעכט אויף ארבייט... לאַמארטין האט זיך בעמיהט צו בערו־היגען דעם שליח. מיט א זיסער מינע איז ער צוגעגאנגען צו איהם און האט געוואָלט אויף איהם ווירקען מיט זיין שעהנעם רעדען. מארש — אזוי האט מען גערופען דעם ארבייטער, דער שליח פון פאָלק —

האט אויף איהם א קוק געגעבען זעהר אונגעדולדיג. ער האט א צוויי־
טען מאָל א קלאפּ געטהון מיט'ן פלינט די פּאָדלאָגע און האט בייז
אויסגעשריען: „גענוג זאָלען שוין זיין ווערטער!" איך בין גלייך צוגע־
לאָפען צו איהם, האב צוגעפיהרט מארש'ן צום פענסטער און האב דאָ
פאר זיינע אויגען אָנגעשריעבען פאָלגענדען דעקרעט, צו וועלכען
לעדריו ראָללען האט צוגעשטעלט דעם לעצטען פונקט:

„די צייטווייליגע רעגירונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק
פערפליכטעט זיך צו פערזאָרגען דעם ארבייטער זיין עקזיסטענץ דורך
ארבייט.

„זי פערפליכטעט זיך צו פערזאָרגען מיט ארבייט אלע בירגער;
זי אנערקענט, אז די ארבייטער דארפען גרינדען אססאָציאַציאָנען
צווישען זיך, אום זיי זאָלען קענען זיך בענוטצען מיט די פרוכט פון
זייער ארבייט.

„די צייטווייליגע רעגירונג גיט אוועק די ארבייטער דעם מיליאָן,
וואס ס'קומט לויט דעם סיוויל ליסט דעם קעניג."

מיט איינינע טעג שפּעטער איז דיעזער דעקרעט געווען פער־
עפענטליכט אין „מאָניטיאָר." די רעגירונג האט גלייך נאָך דעם אָרגאַ־
ניזירט „נאַציאָנאַלע ווארשטאַטען" און איז צוגעטרעטען צו פערשיע־
דענע קהל'שע אונטערנעהמונגען, אום זי זאָל קענען ערפילען די פליכ־
טע, וועלכע זי האט אויף זיך גענומען. לײדער זיינען דיעזע אונטער־
נעהמונגען ניט געווען ערפאָלגרייך. די מאַיאָריטעט מיטגליעדער פון
דעמאָלדיגער רעגירונג האבען זיך פערהאַלטען פיינדליך צו דיעזע
„נאַציאָנאַלע ווארשטאַטען" און ווען זיי האבען אונטערשריעבען דעם
דעקרעט: „דאס רעכט אויף ארבייט" האבען זיי דאס געטהון אויס
מורא פאר די פּאַריזער ארבייטער. אין דער אמת'ן האט די רעגירונג
געוואָלט מיט אלע מעגליכקייטען, אז דיעזער פערזוך זאָל זיך מיט
גאָרנישט ענדיגען, אום מען זאָל זיך איבערצייגען אין דער אונמעג־
ליכקייט פון אזוינע אונטערנעהמונגען. פאַקטיש זיינען דיעזע אָרגאַ־
ניזאַציאָנען, וועלכע האבען בעדארפט ערפילען אזא הויכען צוועק,
געוואָרען וואָהלטהעטיגע אנשטאַלטען, צדקה איינריכטונגען, וואו דער
פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האט בעקומען מיטלען צום לעבען פון דער
שטאַאט־קאַסע. דאס האט זיך לאַנג ניט געקענט האַלטען, און גלייך
נור, ווי די רעגירונג איז ביי זיך פעסטער געוואָרען און האט שוין ניט

געהאט מורא פאר די ארבייטער, האט זי דיעזע ווארשטאטען פערמאכט. דאס האט איבעריגענס געפיהרט צו די שרעקליכע יוני טעג, צו דעם פערצווייפעלטען אויפשטאנד פון די פאריזער ארבייטער, וועלכער איז געווארען אונטערגעדריקט מיט א שרעקליכער גרויזאמ־קייט.

עס איז געקומען די רעאקציע, און זי האט פערניכטעט צוזאמען מיט אלע אנדערע רעכטע, וואס דאס פאלק האט ערא͏ָבערט אין דער פעברואר רעוואלוציאן, אויך דאס רעכט אויף ארבייט.

---

אין דעם קורצען רעוואלוציאנעם פריהלינג, 1848, האבען פור־ריע'ס אידעען געשפיעלט די הויפט ראלע. לואי בלאן האט זאגאר פראיעקטירט עפּעס עהנליכעס צו פוריע'ס פאלאנסטער. ער האט פארגעשלאגען צו בויען אויפ'ן רעכנונג פון שטאאט אין פאריז, אין די ארבייטער קווארטאלען, פיער גרויסע געביידעס, אין יעדער פון וועל־כען עס זאלען קענען וואוינען ביז 400 ארבייטער פאמיליען. דיעזע הייזער זאלען זיין געבויט מיט אלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען, כדי די ארבייטער זאלען קענען בעקומען צו עסען, הייצונג, בעלייכטונג און אזוי ווייטער.

דיעזער פראיעקט איז ניט פערווירקליכט געווארען.

דעם פוריעריזמוס איז אויך צו פערדאנקען, וואס עס האט זיך אין יענער צייט אין פראנקרייך אנגעפאנגען א בעוועגונג צו גרינדען פערשיעדענע קאאפעראציאנען. אין 1848 זיינען צווישען די פראנ־צויזישע ארבייטער געגרינדעט געווארען אייניגע הונדערט אזעלכע קאאפעראציאנען. די מייסטע פון זיי זיינען אונטערגעגאנגען, אבער אייניגע האבען געמאכט א גרויסען ערפאלג און עקזיסטירען נאך עד היום. געוועהנליך האבען זיי פערלוירען א טהייל פון דעם פלאן, לויט וועלכען זיי זיינען געווארען געגרינדעט. דיעזע קאאפעראציאנען אונ־טערשיידען זיך איצט פון קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען נור מיט דעם, וואס די מיטגליעדער פון דער אונטערנעהמונג נעהמען אליין א אנטהייל אין דער ארבייט. אבער זיי זיינען ווייט ניט די יעניגע אססאציאציאנען, פון וועלכע פוריע האט געטרוימט.

נאָך דער פעברואר רעוואָלוציאָן געהט דער פוריעריזמוס אראָב פון סצענע.

---

די צייטען פון אוטאָפּיען זיינען מיט דער אויפבליהונג פון'ם קאפּיטאַליזמוס פערשוואונדען. די גרויע ווירקליכקייט האט זיך ארויס־געוויעזען מעכטיגער פון די עדעלע שטרעבונגען פון די גרויסע אוטאָ־פּיסטען. דער פאקט פון קלאסען־קאמפף איז פיעל שטארקער, ווי די אידעען פון הארמאָניע, וועלכע זיינען אזוי שעהן געפּרעדיגט געוואָרען פון ראָבערט אָווען, סען־סימאָן און טשארלס פוריע.

נאָך 1848 האט די מענשען־בעפרייענדע אידעע זיך געמוזט שטיצען ניט אויף דעם אונערהייכבארען שלום צווישען די הערשענדע קלאסען, נור, פערקעהרט, אויף דעם אונפערמיידליכען קאמפף צווישען זיי. ניט אויף די גוטסקייט פון די רייכע און מעכטיגע, נור אויף די פערביטערטקייט און קאמפף־לוסט פון די געקריוודעטע און בעליי־דיגטע.

די אוטאָפּיען האבען נאָך דעם, ווי זיי האבען אריינגעבראכט זייערע אונשעצבארע אוצרות אין דער געשיכטע פון'ם מענשליכען געדאנק, אָנגעפאנגען אָבצוטרעטען פאר דער אויפקומענדער וויסענ־שאפט.....

